STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04654

BOSTON

Upton Sinclair

Permanent preservation of this book was made possible
by Libbian & Jerry Cohen
in memory of
their parents and grandparents

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייפּטאָן סינקלער

באָסטאָן

(די טראַגעדיע פון סאַקאָ און וואַנצעטי)

ראָמאַן

איבערגעזעצט:
מארק פאָגעלמאַן

רעדאַגירט: ש. זאַראָמב

פאַרלאַג י. א. צוקער, וואַרשע
1930

LIBRARY
The Jewish Home for
The Elderly of Fairfield County

Printed in Poland

UPTON SINCLAIR
BOSTON
przeł: MAREK FOGELMAN
Wydawnictwo: I. A. CUKIER
Warszawa 1930

Drukarnia G. PIMENT
Warszawa, Sierakowska 4.

קאפיטל VIII

דער שפּיאָנעז־אַפּאַראַט

I

אָ גורל, וואָס דו האַלסט אונז אין דיין האַנט,
ווי פלינק דו פלעכסט די נעץ!

אָט דאָס זאָגט דער דיכטער, אָבער קיינמאָל האָט נאָך דער שיקזאַל נישט געפלאָכטן די נעץ אַזוי פלינק, ווי אַרום דעם לעבן פון ניקאָלאַ סאַקאָ און באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי. זייערע ביידע פריינט, קאָרנעליע און בעטי, האָבן זיך שפּעטער אין משך פון די גאַנצע זיבן יאָר באַמיט אויפצופּלאָנטערן די נעץ אַרום דידאָזיקע צוויי מענטשן. עס איז אַנטשטאַנען אַ שטיק געשיכטע, וואָס ווירקט פיל שטאַרקער ווי אַ מיסטעריע אָדער מעלאָדראַמע. די דערציילונג קערט זיך אום צוריק צו דעם פאַרגאַנגענעם ווייַנאַכט־יום־טוב, צוויי טעג פאַר קאָרנעליעס לעצטן וויזיט אין פּליימוט.

דעם 24־טן דעצעמבער 1919 זעקס אַ זייגער פאַרטאָג איז באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי געלעגן אין בעט און געשלאָפן, בעת איינער פון זיינע קונים, באַלבאָני, וואָס איז געגאַנגען אַהיים פון זיין נאַכט־אַרבעט האָט אויפן וועג אָנגעקלאַפּט צו וואַנ־צעטין, אַז ער זאָל אים געבן פיש אויף ווייַנאַכט. פרוי פאָר־טיני, וואַנצעטיס באַלבאָסטע, האָט אים אויפגעוועקט און ער האָט אים פאַרקויפט די פיש. דאַן האָט ער זיך אָנגעטון, האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל קאַווע מיט אַ שטיקל ברויט, האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער שאָפּע זיין האַנדוועגעלע, זיין קויש מיט די פּעקלעך לעבעדיקע אַל־פיש, וואָס ער האָט שוין מיט

א טאָג פריער גוט פּאַנאַנדערגעוויגן און איינגעפּאַקט. ער האָט געהאַט צו באַזאָרגן פּערציק באַשטעלונגען, וואָרום ער האָט פאַרקויפט אַאַל-פיש צו פינפאונדרייסיק סענט א פונט. בעת אין באָסטאָן האָבן די איטאַליענער געמוזט צאָלן אַ פערטל דאָלאַר. א סך פּעקלעך האָט ער אַוועקגעפירט נאָך פאַרטאָג; פרוי אויגוסטאַ ניקאָלי למשל איז נאָך געלעגן אין בעט און געבעטן אים, ער זאָל אַוועקלעגן דאָס פּעקל אויפן קיך-טישל. באַצאָלן וועט זי אים שפּעטער.

באַלד נאָך זיבן אַ זייגער איז געקומען בעלטראַנדאָ בריני, נאָכדעם וואָס ער האָט אין איילעניש אַריינגעכאַפּט זיין פרישטיק. ער איז געווען זייער אויפגערעגט, פאַרוואָס ער טרייבט נישט אָן מיטן בעקערס פערד. ער האָט געטראָפן וואַנצעטין אויפן גאַס און געוואָלט גיין מיט אים צום בעקער. אָבער אויפן גאַס איז געווען זייער נאַס, און ער האָט געמוזט לויפן צוריק אין שטוב אריין נאָך די קאַלאָשן. עס האָט געדויערט פון פופצן ביז צוואַנציק מינוט, איידער דאָס ייִנגל האָט אויפן בוידעם געפונען זיינע קאַלאָשן. דערווייל האָט וואַנצעטי אָנגעטראָפן דעם אַלטן בריני, וואָס איז אויך געגאַנגען פון זיין נאַכט-אַרבעט. דערנאָך איז ער אַוועק צו באַסטינען דעם בעקער און דערוווסט זיך, אַז באַסטיני קען נישט אַוועקלייען זיין פערד-און-וואָגן — אַזאַ אויסגאַנג, וואָס האָט דעם קליינעם טראַנדאָ פאַרשאַפט אַ סך עגמת-נפש. דאָס איז געווען אַ זייגער פופצן מינוט צו אַכט. דער בעקער האָט עס שפּעטער געגוי געדענקט, ווייל אין דעם זעלביקן אויגנבליק, וואָס וואַנצעטי איז אַריינגעקומען צו אים, האָט זיך געהערט דער פייף פון דער שטריק-פאַבריק. און עס קען נישט טרעפן, אַז אַ מענטש וואָס פדרט איין זיין גאַנץ לעבן נאָך דעמדאָזיקן פייף, זאָל אים פאַרהערן און נישט באַמערקן. „דער פייף איז אונזער ברויט מיט זאַלץ" האָט געזאָגט באַסטיני.

אין אָט דידאָזיקע זייער וויכטיקע מינוטן, צווישן האַלב אַכט און פופצן מינוט צו אַכט, איז פאָרגעקומען דאָס אַזוי גערופענע „ברידזשוועטער פאַרברעכן". אין דעם קליינעם

שטעטל ברידזשוועטער, עטלעכע און צוואַנציק מײַלן װײַט פֿון פּלײַמוט, איז אַדורכגעפֿאָרן דער משׂא־אויטאָמאָביל פֿון אַ שוך־פֿאַבריק אויף דער גאַס. אין דעם אויטאָמאָביל האָט זיך געפֿונען דאָס װאָכן געהאַלט, דער שאָפֿער און צװײ פֿאַבריק־אָנגעשטעלטע אַלס װעכטער. װען דער אויטאָמאָביל איז צוגעקומען צום סוף פֿון דער האַל־גאַס, איז דאָרט געשטאַנען גאָך אַן אויטאָמאָביל, צװײ מענער זענען פֿלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען פֿון אים און אויפֿגעעפֿנט אַ שיסערײַ. די װעכטער האָבן אָפּגעענטפֿערט מיט פֿײַער און עטלעכע מינוט האָט געדױערט דער קאַמף, ביז װאַנעט עס איז פֿלוצלונג אָנגעקומען דער טראַמװײ, און דער מאַשיניסט איז אַרײַנגעלאָפֿן אינעװײניק אין װאַגאָן, צוליב דער מורא פֿאַר אַ קול. דער טראַמװײ איז אַרײַנגעפֿאָרן צװישן די באַנדיטן און דעם משׂא־אויטאָמאָביל און האָט אַזױ איבערגעשראָקן די באַנדיטן, אַז זײ זענען אַרײַנגעשפּרונגען אין זײער אויטאָ און זיך אָפּגעטראָגן. קײנער איז דערבײ נישט פֿאַרװוּנדעט געװאָרן, אַזױ אַז דאָס „ברידזשװעטער פֿאַרברעכן" האָט געמוזט קװאַליפֿיצירט װערן צו דער קאַטעגאָריע פֿון אַ „פּרוּװ פֿון אַ גאַסן־רויב". די שיך־פֿאַבריק האָט זיך געװענדעט צו דער פּינקערטאָן־געזעלשאַפֿט, און אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען די פּינקערטאָנס געװען אויפֿן אָרט און אויסגעפֿאָרשט אַ סך מענטשן, װאָס זענען געװען בײַ דעם אָנפֿאַל. זײערע באַריכטן זענען אַפֿילו גיכציק באַטראַכט געװאָרן דורך די אַדװאָקאַטן, אָבער סאַקאָ און װאַנצעטיס פֿאַרטײדיקער האָבן זיך דערװוּסט דעם אינהאַלט פֿון דידאָזיקע אויספֿאָרשונגען ערשט אין זעקס זיבן יאָר אַרום, אָט די באַריכטן האָבן אויפֿגעװיזן, אַז די װאָס זענען בײַגעװען דעם פֿאַרברעכן האָבן נישט געשטימט צװישן זיך אין זײער װיכטיקע פּרטים — אַפֿילו נישט אין דעם פּרט, װאָס האָט געהאַט אַ שײַכות מיט דער פֿאַבריק־מאַרקע אויפֿן באַנדיטישן אויטאָ! װאָס שײַך צום אויסזען פֿון די באַנדיטן גופֿא, איז געװען אַ גרױסער אויסװאַל פֿון דעטײַלן און די דערקלערונגען פֿון פֿיר הױפּט־עדות האָבן שפּעטער שטאַרק נישט געשטימט מיט די דערקלערונגען, װאָס

זיי האָבן געגעבן פאַר דעם געריכט פון די געשווירענע.

און ווען די מאַכט האָט נישט געפונען קיין שפור, האָבן זיי זיך, צוליב דעם טומל פון דער פרעסע און די גרויסע סומעס געלט, וואָס די פאַבריק האָט צוגעזאָגט פאַרן אַנטדעקן דעם פאַרברעכן, גענומען צו יענער מעטאָדע, וואָס איז דאָס שטענדיקע געווער פון דער אַמעריקאַנישער פּאָליציי: די מעטאָדע פון שפּיאָנאַזש. מ'קויפט אָפּ טונקעלע נפשות פאַר אַ סך געלט, זיי זאָלן קומען אויסזאָגן די סודות פון זייערע קנייפּעס פאַר דער פּאָליציי. דער און דער האָט אַ נייען אויטאָמאָביל. דער און דער האָט געשאָנקען זיין מיידל אַ נייען בריליאַנטענעם רינג, דער און דער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אָפּגעטון די און די זאַך. עס איז קלאָר, אַז אַזעלכע מעשיות זענען זייער צווייפלהאַפט אין זייער אמת. נקמה און קנאה שפּילן דאָ אַ גרויסע ראָלע. אָבער געשטיצט דורך דעם דריטן גראַד באַנוצן זיי זיך מיט דער מעטאָדע, צוליב וועלכער אַ גרויסער טייל בירגער מוזן פאַרברענגען זייערע יאָרן אין די קאַפּיטאַליסטישע תפיסות.

ביי דער אויפקלערונג פון דעם „ברידזשוואָטער פאַרברעכן" האָבן די געהיים-אַגענטן אַנטוויקלט אַ געבעדיקע ענערגיע; וואָס זיי האָבן אַזוינס געצילט איז געווען אַ פּראָבלעם פאַר די אָנהענגער פון אָקולטיזם און די מיסטישע וויסנשאַפטן. די מעשה מיט סאַקאָ און וואַנצעטי, וואָס איר עכאָ האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע קייט פון עקספּלאָזיעס איבער דער גאַנצער וועלט; וואָס האָט גורם געווען, אַז אין בוענאָס איירעס און אין גענף זאָל מען ביי די אַמבאַסאַדאָרן אויסשלאָגן די שויבן און אין פּאַריז זאָלן די פראַנצויזישע שאָפערן פון די טאַקסאָמעטערס וואַרפן דאָס פאַר-געלט די אַמעריקאַנישע דאַמען אין פּנים אַריין, — אָט די דאָזיקע גאַנצע וועלטלעכע סענסאַציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קליינעם אַפּאַראַט, וואָס עס האָט אויסגעפונען אַ פאַרשוין פון דער אונטערוועלט און איז אויסגענוצט געוואָרן דורך עפּעס אַ צווייפלהאַפטע איטאַליענערין פון איסט-באָסטאָן!

איינער אַ שפּיאָן איז געקומען צו די פּינקערטאָן-אַגענטן מיט דער ידיעה, אַז אַ געוויסער אַ. צ. בער, ווייס עפּעס צו דערציילן וועגן דעם ברידזשוועטער פאַרברעכן. מ׳האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ. צ. בערן, די הויך איין מעטער אַכציק, די וואָג אַכציק קילאָ, פערציק יאָר אַלט, טונקעלע אויגן, שוואַרצע האָר א. אַ. וו. ווען מ׳האָט אים געפונען, האָט מען דערזען, אַז ער איז אַן איטאַליענער, — אַנדזשעלאָ כריסטאָ פּאָראָ באַראַניני. אין דער פּאָליציי האָט ער דערקלערט, אַז ער ווייס טאַקע עפּעס וועגן דעם פאַרברעך. פון וואַנעט ער ווייס עס? — ער האָט דערפונדן אַזאַ מין „העל-זע-אַפּאַראַט” מיט וועלכן מ׳קען אויפדעקן פאַרברעכנס. דאָס איז אַ קריסטאָלענע קויל, וואָס מ׳קוקט אַריין אין איר, און אין דערדאָזיקער קויל זעט מען, ווי ס׳שפּילט זיך אָפּ דאָס גאַנצע פאַרברעכן. אַ פרוי פון איסט-באָסטאָן האָט געזען דורך אים דעם גאַנצן איבערפאַל אין ברידזשוועטער. די אָנפאַלער זענען איטאַליענער, זיי וווינען אין אַ קליין הויז ביים עק פון דער שטאָט. זיי זענען געווען זאַלבעפירט אָדער זאַלבעפינפט, מענטשן מיט טונקעלע האָר, און זיי האָבן געהאַט אַן אויטאָמאָביל, וואָס זיי האָבן דערנאָך אַריינגעשטעלט אין אַ שאָפּע הינטערן הויז.

די דעטעקטיוון האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט דעם ענין ביסלעכווייז, און ביי זיי איז אויפגעקומען אַ געדאַנק זייערע פריערדיקע נאָכפאָרשונגען צוריקצוציען. זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן דעם שפּור, וואָס עס האָט געוויזן דער אַפּאַראַט, און אין דער געהיימניש האָבן זיי אַריינגענומען מיק סטואַרטן, דעם טרייען פּאָליציי-שעף, וואָס האָט באַוויזן אָפּצוהיטן די אָרדענונג אין דער הפסקה צווישן צוויי רויבאָנפאַלן. מיק, מיט רויטע באַקן, אַ שלעפעריקער, אַ גוטמוטיקער און נישט איבעריק קלוג, איז אַרומגעפאָרן מיט די דעטעקטיוון אין די אַרומיקע שטעטלעך און באַקוקט אַלע קליינע איטאַליענישע הייזלעך, וואָס זענען געווען זייער אַ סך. איינמאָל האָבן זיי עפּעס באַקומען אַ חשד און אָנגעוואָרפן אויף די איינוווינער אַ גרויסע שרעק. אָבער

זיי האָבן קיין שום זאַך נישט געפֿונען. די פֿינקערטאָן-באַריכטן זענען געוואָרן אָפּגעלייגט, — און דאָס פֿאַרברעכן פֿון ברידזשוועטער איז צוגערעכנט געוואָרן צו די נישט אַנטדעקטע פֿאַרברעכנס אין דער געשיכטע פֿון דער באָסטאָנער פּאָליציי. דער אַפּאַראַט איז אַראָפּגעזונקען אין מיקס אונטערבאַוווסטזיין, גרייט אויף אַ צווייטן מאָל, ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט ווידער אַרויפֿצושווימען — לויט די געזעצן פֿון אונטערבאַוווסטזיין, וואָס זענען פֿעסטגעשטעלט געוואָרן אין די פּסיכאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריעס.

II

אין דריי חדשים אַרום, דעם 1-טן אַפּריל, איז געשען אַ פּרישע סענסאַציע, וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פֿאַר דעם „פֿאַרברעכן פֿון זיד ברענטרי". אין זיד ברענטרי, אַ „שיך-שטאָט" פּונקט ווי ברידזשוועטער, האָט דער שליח פֿון דער פֿירמע סלעטער עט מאָריל אַריינגעלייגט דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג די לוין-געלטער, אומגעפֿער זעכצן טויזנט דאָלאַר, אין צוויי שטאָלענע קאַסטעס, און אין דער באַגלייטונג פֿון אַ וועכטער געגרייט זיך אין וועג אַריין, כּדי דידאָזיקע ביידע קאַסטעס אַוועקצוטראָגן פֿון דער ביוראָ אין דער פֿאַבריק, אַ שטח פֿון עטלעכע גאַסן. ווען זיי זענען אָנגעקומען פֿאַר אַן אַנדער פֿאַבריק פֿון רייס עט העטשינס, זענען פֿון אונטער דעם פּלויט פּלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען צוויי מאַנסלייט מיט אַן אויסלענדישן אויסזען, מיט רעוואָלווערן אין די הענט און אָנגעהויבן צו שיסן. פֿיר קוילן האָבן געטראָפֿן דעם געלט-שליח און אים אַנידערגעלייגט אויפֿן אָרט, און דער באַגלייטער איז אַזוי שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן, אַז ער איז געשטאָרבן באַלד אויף צומאָרגנס. די באַנדיטן האָבן צוגענומען ביידע קאַסטעס מיט געלט, און אין דעם זעלביקן אויגנבליק איז אָנגעקומען אַן אויטאָמאָביל, ביידע באַנדיטן זענען אַרויפֿגעשפּרונגען אויף אים און מיט דער גרעסטער

געשווינדקייט אָפּגעטראָגן זיך, שיסנדיק אין מיטן פאָרן אויף די פאַרבייגייער.

דערדאָזיקער ברוטאַלער רויב-אָנפאַל האָט אַריינגעבראַכט די פאַבריק-שטאָט פון דרום באָסטאָן אין גרויס אויפרעגונג. אין משך פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר זענען פאָרגעקומען אַזויפיל גזלות, אַז קיין שטאָט האָט נישט געוווסט. ווען עס קומט איר רייע. מ׳האָט ווידער באַשטימט גרויסע פּרעמיעס, און די פּינקערטאָן-אַגענטן האָבן ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן; זיי האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן אויספאָרשונגען און צוזושטעלן באַריכטן. אָבער פּונקט ווי ביי דעם ברידזשוואָטער פאַל האָבן זיך די עדות באַלד געגומען סותר זיין איינער מיטן צווייטן אין וויכטיקע פּרטים. זיי האָבן למשל נישט געקענט אָפּשיל-דערן דעם אויטאָ. איניקע האָבן אים באַצייכנט פאַר אַ האָדסאָן, אַנדערע פאַר אַ ביוק; איינער האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען גרין, אַן אַנדערער—טונקל-בלוי, אַנדערע ווידער — שוואַרץ. איינער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געגלאַנצט, דער צווייטער, אַז ער איז געווען באַדעקט מיט בלאָטע. אַ סך עדות האָבן געגעבן דערקלערונגען צום פּראָטאָקאָל, וואָס האָבן גאַנץ אַנדערש געקלונגען, ווען די עדות זענען געשטאַנען פאַרן געריכט. אַזוי אַרום הייסט עס האָט מען ווידער געהאַט אַ נישט אויפגעקלערטן פאַברעכן, — דער עולם האָט אויפ-געהויבן אַ גרויסן טומל, און דורכויס געוואָלט וויסן, צו וואָס אייגנטלעך עס איז פאַראַן די פּאָליציי. קיין שום ממשותדיקער פאַקט איז נישט געווען — אַ חוץ אַ טונקעלע ערינערונג וואָס האָט געלויערט אין מיק סטוּאַרטס אונטערבאַוווסטזיין און אָפּגעוואַרט די געלעגנהייט אַרויסצוקומען אויף דער ליכ-טיקער וועלט.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דעם אַנדערן טאָג נאָכן פאַרברעכן פון זיך ברענטרי, ווען די גאַנצע געגנט אַרום איז געווען אויסער זיך פון שרעק, זאָל צו מיק סטוּאַרטן קומען אַ פאַר-שטייער פון איינוואַנדערונגס אַמט און מעלדן, אַז ער זוכט אַרום איינעם אַן איטאַליענישען אַנאַרכיסט מיטן נאָמען קאָאַקי,

אַ שוך-אַרבעטער, וואָס איז פאַרמשפט געוואָרן אויף דעפּאָרטאַציע און איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן דערווייל קעגן קויציע אויף דער פריי. ערשט איז זיין צייט אַריבער, אָבער ער ווייזט זיך נישט, און דער באַאַמטער ווענדעט זיך דעריבער צו מיק סטואַרטן, ער זאָל אים העלפן אַרעסטירן, ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן. מיק האָט אים מיטגעגעבן אַ פּאָליציאַנט און זיי האָבן אויפגעזוכט קאָאַקין, וואָס האָט געוווינט אין אַ קליין הייזל ערגעץ אין אַ שכנותדיק שטעטל.

ווען דער באַאַמטער מיטן פּאָליציאַנט זענען אָנגעקומען איז קאָאַקי פונקט געווען פּאַרטיק אויף דער רייזע: דער לאַנגער בלעכענער קופערט איז געשטאַנען גרייט, דער אומפאַרמיידלעכער גרינער פּאַראַסאָל איז געלעגן אויפן דעקל. דערביי איז געווען נאָך אַן איטאַליענער, אַ סובלאָקאַטאָר, וואָס האָט געהייסן באָדאַ. קאָאַקי האָט געבעטן, מ'זאָל אים פאַרלענגערן דעם טערמין צוליב זיין פרויס קראַנקהייט, אָבער זיין פרוי איז גאָרנישט קראַנק געווען, און ער האָט מודה געווען, אַז דאָס האָט ער בכיוון אַזוי געזאָגט, כדי ער זאָל געווינען נאָך אַ פּאָר טעג, איינצואָרדנען זיינע עסקים. ערשט איז ער גרייט צו דער רייזע. עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, און דער אימיגראַנטן-באַאַמטער האָט אים געהייסן וואַרטן ביז אינדערפרי, אָבער קאָאַקי האָט געזאָגט ניין, ער וויל שוין גיין און איינמאָל פאַר אַלעמאָל איבערקומען דעם אומגליק. זיין פרוי וועט אַוועק צו קרובים. ער האָט שוין טאַקע אַלצדינג פאַרפּאַקט און וואָלט גערן נאָך מאָרגן געפאָרן קיין ניו-יאָרק צו דער שיף.

מיק סטואַרט אין זיין ביוראָ האָט אויסגעהערט די דאָזיקע געשיכטע און זיך פאַרטראַכט. עס איז געווען האַלבע נאַכט, די צייט פון גייסטער. מאָדנע, אַ מענטש זאָל זיין אַזוי פיקס און פאַרטיק אַוועקצופאָרן פון אַזאַ גרויס און שיין לאַנד ווי אַמעריקע! אָט דער קאָאַקי איז געווען אַ רויטער, דער ברידזשוועטער וואָכנבלאַט האָט נאָר וואָס אָפּגעדרוקט אַ גאַנצע רייע אַרטיקלען, וואָס האָבן געשטאַמט פון יוסטיץ-מיניסטעריום

און געשילדערט פאַר די קליינע אַמעריקאַנער שטעטלעך די פאַרברעכנס, וואָס עס טוט אָפּ אין דער גאַנצער וועלט דאָס „רויטע גערזינדל״. מיק האָט זיך פאַרטיפט אין רעיונות, און פלוצלונג האָט פאַסירט עפּעס אַזוינס וווּנדערלעכס, וואָס איז באַקאַנט יעדן פסיכאָלאָג: אין זיין זכרון איז פלוצלונג אויפגעשוווּמען די פּרוי פון איסט-באָסטאָן, וואָס האָט אין איר גלעזערנער קויל געזען דעם פאַרברעכן. דאָס איז דאָך טאַקע דאָס קליינע הייזל-אונטערן שטאָט! אין איין אויגנבליק איז פאַר אים קלאָר געוואָרן די גאַנצע מעשה: קאָאַקי האָט זיך באַטייליקט אין דעם פאַרברעכן פון זיד ברענטרי, און דערפאַר וויל ער עס אַזוי שנעל אַנטלויפן פון אַמעריקע, ווייל ער האָט ביי זיך די זעכצנטויזנט דאָלאַר.

מיק האָט מיטגענומען אַ באַאַמטן און אַוועק אין קאָאַקיס הויז. דאָרט איז געווען באָדאַ, אַ קליינער, אַ שוואַרצער, מיט קורצע שוואַרצע וואָנסעס, אַ פריינטלעכער, אַ העפלעכער און אַ באַרעדעוודיקער פּאַרשוין. ער איז אַ מאַקאַראָן-הענדלער, האָט ער געזאָגט צו מיקן. ער האָט אַן אויטאָ, אַן אָווערלענד, אַ קליינע מאַשין, געפינט זיך גראָד אויף רעפּעראַציע. יאָ, ער האָט אויך אַ רעוואָלווער און געגעבן מיקן צו באַטראַכטן — אַ קאָלט-רעוואָלווער. דער מינדסטער סימן נישט פון אַ פאַרברעכן! מיק איז ווידער אַוועק, נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער טעלעפאָנירט קיין נוי-יאָרק און זיך דערוווּסט, אַז קאָאַקי איז שוין אַוועקגעפאָרן. מ׳האָט אויפגעריסן, אָבער נישט געפונען דאָרטן די געגנבעטע געלטער, נאָר עטלעכע שטיקלעדער אויף זוילן: אַ סך שוסטער האַלטן זיך פאַר באַרעכטיקט צוצונעמען ביי זייערע פירמעס אַזאַ אָפּפאַל, ווען זיי האָבן אַמאָל די געלעגנהייט.

מיק האָט באַשלאָסן צו אַרעסטירן באָדאַ. אָבער מיטאַמאָל האָט ער דאָרטן קיינעם נישט געפונען, באָדאַ איז נעלם געוואָרן, און דאָס האָט דער פּאָליציי אויסגעזען זייער פאַרדעכטיק. זיין קליינער אָווערלענד-אויטאָ האָט זיך אָבער געפונען אין וועסט-ברידזשוועטער, אין דזשאָנסאָנס גאַראַזש.

דזשאָנסאָן איז אויפגעפאָדערט געוואָרן, אז ער זאָל פארהאַלטן יעדן אײנציקן, װאָס װעט קומען אָפּנעמען דעם אויטאָמאָביל און אַזוי אַרום פּאַקן זיין אייגנטימער.

די נעץ איז אויסגעשפּרייט געוואָרן. אין צוויי וואָכן אַרום איז געקומען אַן איטאַליענער מיטן נאָמען אָרקיאַני אויף אַ מאָטאָציקל. יעבן אים אויפן הינטער-געזעס איז געזעסן באָדאַ. גלייכצייטיק זענען אָנגעקומען פון גאַס נאָך צוויי איטאַליענער סאַקאָ און וואַנצעטי. אַלע פיר זענען געווען אַנאַרכיסטן, מיטגלידער פון דער זשאַלעאַני-גרופּע. דאָ אין דזשאָנסאָנס הויז האָבן זיי זיך צונויפגעטראָפן אין אַזאַ מינוט, אַז זיי זענען געוואָרן די טעמע פאַר די העפטיקסטע וויכּוחים אויף גאַנצע זיבן יאָר.

זיי זענען אַריין צו דזשאָנסאָנען אין שטוב אַריין. באָדאַס מאַשין איז שוין געווען פאַרריכט, האָט נאָך אָבער נישט געהאַט קיין נומער-שילד אויפן נייעם יאָר. און דזשאָנסאָן האָט זיי געעצהט, נישט צופאָרן איצטער מיט אים. ער האָט געפּלוידערט מיט זיי, כּדי אויפצוהאַלטן זיי, בעת זיין פרוי איז דערוויילע אַריינגעלאָפן אין אַ שכנותדיק געוועלבל און אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן צו דער פּאָליציי. די פיר מענער האָבן אָבער דערפילט עפּעס אַ חשד און אַוועקגעגאַנגען. סאַקאָ און וואַנצעטי האָבן גענומען אַ טראַמוויי קיין בראָקטאָן און ווען זיי זענען געקומען אונטערן שטאָט איז אָנגעקומען אַנטקעגן זיי אַ פּאָליציי-באַאַמטער אין דעם וואַגאָן, אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער און אַ געשריי געטון:

— די הענט אין דער הויך!

אָט איז, הייסט עס, געקומען פאַר זיי די צייט, צו באַנוצן זיך מיט געווער, וואָס זיי טראָגן אייביק אַרום מיט זיך — אַן אויגנבליק פאַר וואַנצעטין, צו פאַרווירקלעכן זיין דראָונג, אַז ער וועט זיך לעבעדיקערהייט נישט אונטערגעבן. אָבער צום באַדוירן איז געשען אַזוי, פּונקט ווי עס האָט פאָרויסגעזאָגט אַלפאָנסינאַ בריני: ער האָט נישט געוווסט, ווי זיך צו באַגיין מיטן רעוואָלווער. שנעל איז צוגעקומען נאָך אַ באַאַמטער, מ'האָט די געפאַנגענע אַוועקגעפירט אין פּאָליציי-

צירקל און איינגעזעצט זיי אין תפיסה. ערשט, ווען זיי האָבן שוין די פאַרבערעכער געהאַט זיכער אונטער די קראַטעס, איז איינער פון די פּאָליציאַנטן צוגעקומען צו דער טיר און אים גערופן. וואַנצעטי איז געהאָרכזאַם צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַרויס־געקוקט דורך די קראַטעס. דאַן האָט אים דער פּאָליציאַנט אַ שפּיי געטון אין פּנים אַריין.

די סיבה פון אַזאַ האַנדלונג איז געווען אַ בריוו, וואָס מ'האָט געפונען צווישן די פּאַפּירן אין וואַנצעטיס קעשענע. דערדאָזיקער בריוו, געשריבן פון זיינעם אַ פריינט, אַן אַנאַר־כיסט, האָט געהאַט אַ שייכות צו די געמיינע מעשים פון איינעם אַ גלח, וואָס דער שרייבער האָט אָנגערופן „חזיר". דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אַ שפּיי געטון וואַנצעטין אין פּנים אַריין, האָט בלויז פאַרטיידיקט זיין רעליגיע און באַלד אַוועקגעגאַנגען שטאַרק באַפרידיקט מיט זיין קאַטוילישער נשמה. וואַנצעטי האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים און אַוועקגעזעצט זיך אויף דער נאַרע. אַ קאַלטער שוידער איז אים דורכגעלאָפן דורך די ביינער.

III

פאַרברענגענדיק די ערשטע שרעקלעכע נאַכט אין די אָפּגעזונדערטע איינצלקאַמערן, האָבן סאַקאָ און וואַנצעטי גע־האַט די זעלביקע געדאַנקען. ס'זענען נאָך נישט אַריבער קיין דריי טאָג זינט דער חבר סאַלסעדאָ האָט זיך אַראָפּ־געוואָרפן פון פענסטער אָדער מ'האָט אים אַראָפּגעוואָרפן. וועלן זיי האָבן אַזאַ סוף ווי ער? איין חוב האָבן זיי געפילט קלאָר: נישט אויסצוזאָגן קיין שום זאַך, וואָס זאָל קענען אַריינציען זייערע חברים. דעריבער האָבן זיי געלייקנט, אַז זיי קענען זיך מיט באָדאַן, געלייקנט, אַז זיי האָבן געקענט אָרקיאַנין, און ווען מ'האָט זיי געפרעגט, ווו זיי זענען געווען און וואָס זיי האָבן געטון, האָבן זיי דערציילט לויטער ליגן. אָט די ליגנס זענען אָן שום מי אויפגעדעקט געוואָרן און

האָבן שפּעטער פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם אַזוי גערופענעם „שולד-באַוווסטזיין״, אויף וועלכן ס׳האָט זיך אָנגעשפּאַרט די די גאַנצע באַשולדיקונג אין משך פון גאַנצע זיבן יאָר.

נישט געקוקט אויף אַלע וואָרנונגען, האָט זיך וואַנצעטי אָפּגעזאָגט אויפצוהערן זיין אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער. „אַנאַרכיסטן מוזן מאַכן פּראָפּאַגאַנדאַ!״ האָט ער שטענדיק געטענהט. ער האָט געפּלאַנט אַ פאַרזאַמלונג אויף דעם ניינטן מאַי אין בראָקטאָן און פאַרשפּרייט אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס סאַקאָ האָט געהאַט ביי זיך אין קעשענע. אַזוי האָט, הייסט עס, געהאַט די פּאָליציי צו שטודירן נאָך אַנדערע זאַכן און צו פאַרענטפערן אַ גאַנצע ריי פראַגן, זייער נעבעכדיקע פראַגן, מיט פּרימיטיווע ביין מאָס רייד, וואָס האָבן געקענט ווירקן אויף די טעמפּסטע קעפּ:

„איר האָט אַלע מיטגעמאַכט די מלחמה. איר האָט אַלע געאַרבעט פאַר די קאַפּיטאַליסטן. איר האָט געוואַנדערט דורך אַלע לענדער. צי האָט איר גענאָסן די פרוכט פון אייער אַרבעט, דעם פּרייז פון אייערע נצחונות? באַפרידיקט אייך די פאַרגאַנגענהייט? צי שמייכלט צו אייך היינט די קעגנוואַרט? צי זאָגט אייך עפּעס צו די צוקונפט? צי האָט איר געפונען אַ שטיק לאַנד, וווּ איר זאָלט קענען לעבן ווי אַ מענטש און שטאַרבן ווי אַ מענטש? — וועגן די דאָזיקע פראַגן, וועגן די דאָזיקע אָנגעווייטיקטע ענינים, וועגן דעם קאַמף פאַר אייער עקזיסטענץ וועט רעדן באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי״.

צווישן די פראַגעס, וואָס מ׳האָט געשטעלט סאַקאָן און וואַנצעטין זענען געווען אויך אַזעלכע פראַגעס:

— איר זענט אַן אַנאַרכיסט? — איר זענט אַ קאָמוניסט? — צי זענט איר פאַר אַ געוואַלט-איבערקערעניש פון דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן?

דאָס זענען געווען די שאַבלאָנע דעפּאָרטאַציע-פראַגעס. זיי האָבן געווירקט אויפמונטערנדיק אויף די אַרעסטירטע, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז מ׳זאָל זיי נישט פייניקן. וואַנצעטי האָט געענטפערט אויף אַ פריינטלעכן און מוטיקן אופן.

— איך קוק אויף זאכן אַ ביסל אַנדערש — האָט ער געזאָגט.

און אויפן צווייטן טאָג, ווען ס׳איז געקומען צו אים אַ פריינט געוועזענער ווערן, האָט ער געלאַכט און געזאָגט:

— נו, כ׳מיין, אַז איך וועל קריגן אַן אומזיסטן בילעט קיין איטאַליע!

אויף דער צווייטער וואָך פון זייער אורלויב האָבן בעטי און קאָרנעליע באַקומען אַ בריוו פון פע, וואָס איז איצט אַלט געוועזן פופצן יאָר און שוין געווען אַן אמתע קולטיווירטע יונגע דאַמע.

ליבע נאַנאַ!

איך שרייב דיר, כדי דיר אָנצוזאָגן די טרויעריקע בשורה, אַז באַרטאָ און ניק סאַקאָ זיצן אין דער פּאָליציי-תּפיסה אין בראָקטאָן. באַרטאָ האָט מיך געבעטן, איך זאָל דיר צוּוויסן טון, אַז מ׳באַהאַנדלט אים נישט שלעכט, בלויז איינמאָל וואָס מ׳האָט אויף אים אַ שפּיי געטון. דער אַדוואָקאַט זאָגט, אַז זיי וועלן אים באַשטימט אָפּשיקן קיין איטאַליען, ווייל די פּאָליציי האָט געפונען אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס ער האָט געשריבן וועגן אַ פּראָטעסט-פאַרזאַמלונג קעגן דעם מאָרד פון סאַלסעדאָן. באַרטאָ זאָגט, איז איך זאָל דיר צוּוויסן טון, אַז ער איז זייער פריילעך, וואָס ער וועט דיר בקרוב זען אין איטאַליע, און ער בעט דיך, אַז דו זאָלסט בלייבן ביים איטאַליענישן ים און זיך נאָרנישט זאָרגן, וואָרום דו האָסט צופיל געאַרבעט און דו מוזט זיך אָפּרוען. און ניק האָט שוין לאַנג סיי ווי סיי געוואָלט אַוועקפאָרן קיין איטאַליען, ער וועט זיך בלויז איינשפּאָרן רייזע-הוצאות. ס׳איז אַלצדינג אין אָרדענונג. איך שרייב זייער איילנדיק, ווייל איך ווייס נישט, ווען עס גייט אָפּ די שיף, און באַרטאָ האָט מורא, אַז דו זאָלסט עס נישט פריער לייענען אין די צייטונגען און פאַרשאַפן זיך עגמת נפש״.

דאָס איז געווען אַלץ; און אַ וואָך אַרום איז אָנגעקומען אַ צווייטער בריוו:

„איך מוז דיר, צום באַדויערן, מודיע זיין, אַז דער

אַרעסט פון באַרטאָן און סאַקאָן איז אַ סך ערגער, ווי איך האָב דיר געשריבן אין דעם ערשטן בריוו. די פּאָליציי טענהט, אַז זי איז איבערצייגט, אַז זיי האָבן דעם פאַרגאַנגענעם חודש פאַרהאַלטן אַן אויטאָמאָביל, דערשאָסן צוויי מענטשן און צוגערויבט צוויי קאַסעטעס מיט לוין-געלט. עס איז אַזוי נאַריש, אַז מיר ווילן עס אַפילו נישט הערן. באַרטאָ אַליין גלויבט נישט, אַז מ׳זאָל עס מיינען ערנסט. ער זאָגט, אַז מ׳וויל אים נאָר עפּעס אָנטשעפּן, כדי אים אַרויסצושיקן. די היגע חברים האָבן געגעבן געלט און געדונגען אַן אַדוואָקאַט, ער זאָל אים אַרויסנעמען אויף דער פריי. באַרטאָ בעט מיר, איך זאָל דיר שרייבן, אַז דו זאָלסט זיך נישט נעמען צום האַרצן, ווייל ער איז דאַן אַ גאַנצן טאָג געווען אין פּליימוט און גערעדט מיט פאַרשידענע מענטשן, ווי למשל מיט מיסטער קאָרל, וואָס אַרבעט אויף אַ שיף. דו ווייסט לאַכן, הערנדיק ווי די פּאָליציי איז פעסט איבערצייגט, אַז באַרטאָ האָט אָנגעפירט מיטן באַנדיטישן אויטאָמאָביל. דו ווייסט דאָך, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט, ווי זיך צו באַגיין מיט אַ מאָטאָר, און דער טאַטע זאָגט, אַז ער איז אַזוי אומגעשיקט, אַז ער קען אַפילו נישט פירן אַ שטופּ-וועגעלע. די חברים האָבן אויסגעפונען אַ רייכן מענטשן, אַן אייגנטימער פון אַ געוועלב, וואָס וויל ערב זיין פאַר אים, און מיר האָפן, אַז באַרטאָ וועט אינגיכן ווידער זיין מיט אונז אויף דער פריי. איך בעט דיך, שרייב אים אַ פיינעם בריוו אויף אונזער אַדרעס, און פאַרזיכער אים, אַז דו זאָרגסט זיך גאָרנישט. ער רעדט דערפון יעדעס מאָל, ווען מיר קומען צו אים, ער האַלט זיך אין איין זאָרגן, טאָמער מאַכט זייער אַרעסט קאַליע דיין אורלויב. דו ווייסט דאָך זיין טבע, ווי ער זאָרגט זיך שטענדיק פאַר אַנדערע און נישט פאַר זיך אַליין.

טו

דאָס גאַנצע לאַנד ביים איטאַליענישן ים הויבט זיך אויף

אין דער הויך ווי טרעפּ, און יעדע פון דידאָזיקע טרעפּ איז פון דורות שטאַרקע אָרעמס און פלייציס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויבסט-גאָרטן אָדער אַ גאָרטן פון ירקות, דער קלענסטער פלעק פון דערדאָזיקער פרוכטבאַרער ערד איז אויסגעגלייכט, געשיצט דורך שטיינערנע ווענט, אַרומגעגראָבן און פאַרפלאַנצט מיט אָליוו-בוימער אָדער ציבעלעס — ביז גאָר אין דער הויך, ווו די גאָלע פעלזן פאַרשטעלן די זון און מישן זיך אויס מיט די וואָלקנס. דאָ און דאָרטן, אין באַשיצטע ערטער שטייען קליינע שטיינערנע הייזלעך, ווו די פרויען האָבן אַ סך קינדער, וואָס זיי שיקן אַוועק קיין מאַסאַטשוסעטס, כדי צו באַקומען דעם שיינעם נאָמען „וואָפּס".

דער ים איז בלוי און דער הימל איז בלוי און טיף. אין מיטן מאַי קומט אָן דער זומער און דאָס גאַנצע לאַנד גיסט זיך איבער מיט אַ שפע פון פרוכטן און טויזנט-פאַרביקן גרין און אָליוו-ברוין. די לופט איז צאַרט. אייראָפּעישע און אַמעריקאַנישע דאַמען טוען זיך אָן אין פאַרביקע קליידער און שפּאַצירן אַרום אין די גערטנער און ווילעס און האָטעלן, פאָרן אַרום אין קליינע שיפלעך אויף דעם וואַסער, מיט העלע זון-שירמעס איבער די קעפּ, כדי צו פאַרהיטן די פאַרב אויפן לייב. אַלצדינג איז אַזוי רויק, מ'לאָזט זיך שווימען אויפן שיפל און מען זינגט „צי קענסטו דאָס לאַנד?" — און מ'האָט גישט קיין שום אַנונג, אַז די פויערן אויף די בערג האָבן פיינט פּריצים, אַז זיי גרינדן אָרגאַניזאַציעס און רעוואָלוציאָנערע פאַריינען און גרייטן זיך ביסלעכווייז צו אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם אַלטן טויזנט יאָריקן עול פון די אומזיסטיקע פרעסער און בלוט-זויגער.

דאָ אין אַ קליינעם האָטעל ביים ברעג פון ים האָט קאָרנעליע, געפונען איר אייניקל בעטי אונטער דעם זאָרגעוודיקן בליק פון אַן אַכטאונצוואָנציק יאָריקן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, מיט סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען, וואָס האָט געהייסן דזשאָן רענדעל און פון אַ פּיראונפערציק יאָריקן פראַנצויז, אַ רעדאַקטאָר פון אַ קאָמוניסטישער צייטונג, פּיער

לעאָן. ווען אַ יונגע דאַמע פון דער בעקכיי זאָל פאַר דער מלחמה אַרומרייזן אין דער געזעלשאַפט פון צוויי מענער, וואָלט זי זיך אויפן גאַנצן לעבן פאַרשאַפט דעם ערגסטן שם, און בעטי האָט נישט געוווּסט, צי אין דעם פּרט האָט זיך עפּעס געענדערט. אָבער זי האָט געוווּסט איין זאַך: אַז זי לייגט נישט קיין שום אַכט אויף די באַציוּנגען מיט מענטשן, וואָס האָבן אַליין נישט דעם ווונטש צו זיין אין איר געזעלשאַפט. פון דידאַזיקעביידע מענטשן האָט זי געקענט גאָר אַ סך לערנען. און דעריבער האָט זי זיי איינפאַך געבעטן מיטצו־פאָרן מיט איר אַהער צום איטאַליענישן ים, אויף דער צייט וואָס זי האָט געוואַרט אויף קאָרנעליען.

פּיער לעאָן איז געווען אַ דיקער מיט ברייטע אַקסלען. ער האָט געהאַט אַ ראָזאַ פאַרב אויפן פּנים און אַ פּאָר שוואַרצע שטעכיקע וואָנסעס. ער איז א לאַנגע צייט געווען אַ לערער פון פראַנצויזיש אין לאָנדאָן און דערנאָך אַן ענגליש לערער אין בערלין. ער האָט געקענט גענוג איטאַליעניש, כּדי צו קאָנען זיך באַטייליקן אין אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג און איצט האָט ער געלערנט רוסיש, צוליב די געשעענישן אין רוסלאַנד. ער איז געווען אַמאָל אַן אַנאַרכיסט, שפּעטער אַנאַר־כיסט־סינדיקאַליסט, דערנאָך איז ער געווען אַ לאַנגע צייט אַ ראַדיקאַלער סאָציאַליסט און צום סוף איז ער געוואָרן אַ קאָ־מוניסט. דעם גרעסטן טייל ביכער, וואָס זענען ערשינען וועגן די ענינים האָט ער געלייענט, חוץ אַנדערע פאַרשידענע ביכער וועגן אַלערליי פּראָבלעמען. ער האָט גלענצנד געקענט רעדן איבער אַלערליי זאַכן, און נישט ליב געהאַט קיין שום זאַך אַזוי שטאַרק, ווי צו פירן אַ וויכּוח, וואָס זאָל זיך פאַרציען ביז דריי אַ זייגער פאַרטאָג. ער האָט זיך געדאַרפט אָפּרוען צוליב זיין געזונט. אָבער קאָרנעליע האָט נישט געקענט קוקן, ווי ער האָט אָפּגעהיט זיין געזונט. ער האָט פאַררויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן, פלעגט אַרבעטן דעם גאַנצן פאַרמיטאָג ביי זיינע אַרטיקלען און דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געלייענט די אַרבעטער פּרעסע און ראַדיקאַלע צייטונגען און שפּעטער

פלעגט ער אַ גאַנצע נאַכט רעדן מיט עמעצן איבער דעם וואָס ער האָט נעלייענט.

זיין אויפפירונג אַלס באַשיצער פון אַ יונגער אַמעריקאַנישער דאַמע איז געווען אַ מאָדנע: קעגן אַלע פרויען האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ מיטל-אייראָפּעישער מאַן, און דידאַזיקע האַלטונג האָט אַרויסגערופן ביי דער יונגער אַמעריקאַנישער דאַמע אַ שטאַרקע רעאַקציע, וואָס האָט פון איר זייט אַרויסגערופן ביי דעם עכט-אייראָפּעישן מאַן אַ קאָמישע ניי־גיריקייט.—ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז אַ פשוטע באַשטימונג פון דער פרוי, זיך אונטערצוּוואַרפן, און ער איז געווען איבערצייגט, אַז יעדע פרוי וועט זיך פאָלגן, אויב מ׳וועט זי נאָר נעמען אין די הענט אַריין — האָט בעטי געזאָגט: אָבער איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך בין נישט עפּעס קיין קוריאָזע, קליינע, אַלטע פריילן פון ניי ענגלאַנד, און פון דאַמאָלט אָן איז ער אַ גוטער חבר און קוקט אויף מיר ווי אויף אַן אָביעקט צו שטודירן. בעטי האָט צוגעגעבן אַ באַמערקונג, אַז דאָס איז נישט קיין שום סיבה, אַז פּיער לעאָן זאָל מאַכן ביי איר באָבען אַ שלעכטן איינדרוק. עס איז פשוט שולדיק די סביבה, ווו דער אייראָפּעער געפינט זיך, בפרט נאָך דער מלחמה, מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס די ראַדיקאַלע מענער לאָזן זי מער צו רו, דער פרוי, ווייל זיי האָבן צו טון וויכטיקערע זאַכן, בעת די מאַנסלייט פון די העכערע קלאַסן האָבן נישט קיין שום זאַך אין זינען, ווי נאָכצולויפן דער פרוי.

זשאָ רענדעל האָט געהאַט שוואַרצע געלאָקטע האָר. קאָרנעליע האָט זיך באַקאַנט מיט אים אין רוסלאַנד און גע־ווּסט זיין געשיכטע. ער איז געבוירן געוואָרן אין ווירזשיניאַ, נאָכן פאַרענדיקן זיין שטודיום איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אַטאַשע פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנסול אין פּעטערבורג און מיטגעמאַכט דאָרטן די מלחמה, די רעוואָלוציע און די גאַנצע שפּיל פון דיפּלאָמאַטישע אינטריגעס. זיינע איבערלעבענישן האָבן אים געמאַכט פאַר אַ ראַדיקאַל, ער האָט אַראָפּגעוואָרפן

פון זיך דעם עול פון זיין שטעלונג און געוואָרן אַ פרייער זשורנאַליסט. ער האָט על־פּי־רוב געשריבן אין צייטונגען, וואָס האָבן אים נישט געקאָנט באַצאָלן. אָבער ער האָט געהאַט אַ קליינע הכנסה און געהאָפט איבערצוראַשן דער וועלט מיט אַ בוך וועגן דעם „ווייסן טעראָר". יעדן פרימאָרגן האָט ער געאַרבעט זייער פלייסיק ביי דעמדאָזיקן בוך און דעם גאַנצן נאָכמיטאָג געריעדט וועגן דעם, אויב ס'איז נאָר געווען עמיצער, וואָס האָט אים אויסגעהערט.

זשאָס בליקן האָבן פאַרפאָלגט בעטין, ווו זי איז געגאַנגען און געשטאַנען. און קאָרנעליע, וואָס איז נאָך געווען אַ שטאַרק אַלטמאָדישע באָבע, האָט געוואָלט וויסן עפּעס נעענטערס.

— ער איז אַן אָרנטלעכער בחור — האָט געזאָגט בעטי — און איך מוז מודה זיין, אַז ער אינטערעסירט מיך. אָבער איך בין נאָך נישט איבערצייגט, צי מיר פּאַסן איינער פאַרן אַנדערן. איך פּרוּוו מיך איבערצייגן אין דעם.

— אין וואָס באַשטייט די מניעה?

— נו, עס איז פאַראַן פאַרשידענע. ערשטנס מוז איך אים מאַכן אַ פאָרשלאַג, ווייל זשאָ איז אָרעם און האַלט מיך פאַר אַ רייכע יורשטע. איך וויל אים בלויז ערקלערן, אַז מיט דער ירושה איז אויס, אויב איך וועל חתונה האָבן מיט אַ רויטן. אַ חוץ דעם האָט ער אַ פרוי.

— אַ פרוי? — האָט קאָרנעליע איבערגעחזרט. עס איז איר קוים געלונגען איינצוהאַלטן איר שטימע פון אויסערגעוויינלעכער דערשטוינונג.

— האָסט נישט געוווּסט, אַז ער האָט אַ פרוי? זי איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. זי האָט אים נישט ליב.

— צו ווייסטו עס אויף זיכער?

— זשאָ ווייס עס. זי איז משמעות אַ רעאַקציאָנערין און דו וועסט איינזען, אַז מאַן און פרוי קענען נישט זיין גליקלעך, ווען זיי האָבן סתירהדיקע מיינונגען וועגן דעם קלאַסן־קאַמף. פאַר דעם האָב איך אויך מורא—און איך מיין, אַז איך האַלט ביי

חערן אַ קאָמוניסטין, און זשאָ איז נאָך אַלץ אַן אָנהענגער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס איז געשטאָרבן אין דער מלחמה און ווייס אַליין נישט דערפון.

— איך פאַרשטיי — האָט קאָרנעליע געענטפערט. זי האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט אין איר האַרצן צו זשאָען, ווייל זי האָט נישט געוואָלט זען בעטין צווישן די קעמפנדיקע מאַסן. אָבער דאָס האָט זי נישט געדאַרפט אַרויסזאָגן.

— דו ווייסט — האָט געזאָגט דאָס מיידל — מסתמא איז שולדיק אין דעם אונזער באַזונדערער אַנגלאָ-זאַקסישער עגאָאיזם, וואָס מיר גלויבן, אַז מיר קענען ענדערן די געזעל-שאַפטלעכע אָרדנונג דורך אַזאַ מעטאָדע, וואָס זאָל זיך לחלוטין אונטערשיידן פון אַלע מעטאָדן פון דער איבעריקער מענטש-הייט. מיר האָבן כּלומרשט אַזאַ וווּנדערלעכע קאָנסטיטוציע און אַזאַ קלוגע ווירטשאַפט, אַז מיר קענען שטופנווייז גיין פאָרויס — און אין דער אמתן האָבן מיר נישט בדעה עפּעס צו ענדערן, פאַרקערט מיר זענען גרייט יעדן איינציקן דורס צו זיין, וואָס דערוועגט זיך עפּעס צו רירן פונ׳ם אָרט. קיין שום גראָבע מיטלען, — יאָ, אַ חוץ יענע וואָס די רייכע קלאַסן דאַרפן האָבן צוליב זייערע געשעפטן. פּיער ציטירט אָפט לענינס דעפיניציע פון אַ מלוכה: „מאָנאָפּאָליזירטער געוואַלט” רופט ער עס אָן. דו זעסט עס נישט, נאָנאַ?

— איך געהער נאָך אַלץ צו די סענטימענטאַלע מענטשן, בעטי.

— יאָ, איך ווייס, און ביי אַלע אַנדערע דיסקוסיעס וועסטו אונטערשטיצן זשאָען, בלי ספק. נו, ער דאַרף דיך האָבן, ווייל די גאַנצע היינטיקע געשיכטע איז קעגן אים — שוין נישט רעדנדיק וועגן די הערשנדיקע קלאַסן

V

דער דאָזיקער קוואַרטעט פון מענטשן מיט פאַרשידנאַר-טיקע געדאַנקען האָט באַקומען די ידיעה פון סאַקאָ און

וואַנצעטיס אַרעסט. איבערלייענענדיק דעם ערשטן בריוו, האָט קאָרנעליע געזאָגט, אַז ס'וועט זיין זייער פיין, ווען וואַנצעטי וועט קומען אַהערצוצו. אָבער זשאָ רענדעל האָט טרוקן אַ שמייכל געטון און באַמערקט, אַז זי דאַרף זיך נישט אַזוי שטאַרק ריכטן אויף אים. די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליציי איילט זיך נישט אַזוי שטאַרק אַוועקצושיקן אירע קרבנות אויף אור־לויב צו די איטאַליענישע ברעגעס. ווען דער צווייטער בריוו איז אָנגעקומען, האָט ער באַמערקט:

— איך האָב דאָך געזאָגט.

— אָבער ס'איז דאָך פּשוט אַ קאָמעדיע! — האָט אויס־געשריגן קאָרנעליע — זיי זענען דאָך אינגאַנצן אומשולדיק.

— זיי וועלן עס מוזן באַווייזן — האָט געענטפערט זשאָ.

און פּיער לעאָן האָט אַ קוק געטאָן אויף דער דאַמע מיט אַ שמייכל:

— פאַרגעסט נישט — האָט ער געזאָגט, עס טרעפט אַ סך מאָל, ווען אַנאַרכיסטן זענען טאַקע שולדיק — און ווען ער האָט דערזען דעם דערשראָקענעם אויסדרוק אויף קאָרנעל־יעס פּנים, האָט ער מוסיף געווען: — איך בין אַליין געווען יאָרנלאַנג אַן אַנאַרכיסט, און גלויבט מיר, איך בין יישט תמיד געווען אומשולדיק.

— איר דאַרפט נישט זאָגן אַזאַ זאַך מיין באָבען — האָט זיך בעטי אַריינגעמישט — עס איז אונז זייער שווער צו אָנטשיידן אַזעלכע זאַכן.

פּיער האָט ווייטער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז וואָס שייך אַנאַרכיסטן, קען מען נישט מאַכן וועגן זיי קיין אַלגע־מיינע השערות. יעדער איינצלנער אַנאַרכיסט איז פאַר זיך אַליין אַ געזעץ. מ'מוז אים קענען זייער גוט, איידער מ'גייט זאָגן, וואָס ער איז פעיק צו טון און וואָס נישט — און אפילו דאַן קען מען אויך נישט וויסן גאַנץ געווי.

— אָבער מיר קענען וואַנצעטין צו גוט, און מיר ווייסן, אַז ער איז נישט קיין באַנדיט

— און דער צווייטער?

— דעם צווייטן קען איך נישט אַזוי גוט. איך האָב אים געזען צוויי אָדער דריי מאָל. אָבער ער איז אַ שטילער, זייער פריינטלעכער מענטש.

— דאָס איז גאָרנישט. די סאַמע ווילדסטע העלדן זייערע מיט רעוואָלווערן, זענען שטילע, גוטע און פריינטלעכע מענטשן. ביי דעם סאַמע אומברחמנותדיקסטן פּאָליציי-שעף אין די מערב-דיקע סטעפּעס איז אַ טראַדיציע צו זיין פריינטלעך און רויק. נישט אמת? קודם כּל מוז מען וויסן וועגן אַן אַנאַרכיסט, ווער ס'איז זיין פירער.

— סאַקאָ און וואַנצעטי געהערן צו דער גרופּע פון זשאַלעאַני.

— אָבער זשעלעאַני איז אַן אַקטיוויסט; אויב איר ווילט עס נישט גלויבן, טאָ פאָרט אַריבער קיין מאַילאַנד, וווּ ער וווינט גראָד אַצינד, און הערט זיך צו, וואָס ער רעדט. ווער האָט אייך אַזעלכעס איינגערעדט, אַז ער איז אַ פּאַציפיסט?

— איך האָב עס קיינמאָל נישט געזאָגט. וואַנצעטי האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַן אַקטיוויסט.

— נו, אַלזאָ, אויב אַן אַנאַרכיסט זאָגט אייך, אַז ער איז אַן אַקטיוויסט, טאָ פאַרוואָס גלויבט איר אים נישט?

פיער האָט געמאַכט אַ מינע, אַז ער האָט איצט ווידער פאַר זיך אַ ביישפּיל פון דער וווּנדערלעכקייט פון די אַמעריקאַנער פרויען.

— הערט מיך נאָר גוט אויס — האָט ער געזאָגט — עס איז זייער פיין, ווען רייכע און געבילדעטע דאַמען אינטערעסירן זיך מיט דער באַרויבטער און אונטערדריקטער אַרבעטערשאַפט. אָבער זיי ליידן תּמיד צוליב דעם פאַקט, וואָס זיי קענען בשום-אופן נישט דערגיין, וואָס עס טוט זיך באמת אָפּ ביי אַן אַרבעטער אין האַרצן.

— איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, חבר לעאָן, אַז איך האָב אַנדערהאַלבן יאָר געאַרבעט אין אַ שטריק-פאַבריק און געלעבט בלויז פון מיינע פאַרדינסטן.

— איך ווייס, בעטי האָט עס מיר דערציילט. דאָס איז

אַ זעלטענע זאַך. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, זייט מ׳ר מוחל — איז עס פּראַקטיש געווען נישט עכט, ווייל איר האָט שטענדיק געהאַט אַ פרייען וועג, אין פאַל פון קראַנקהייט אָדער אַרבעטלאָזיקייט, זיך אומצוקערן צוריק צו אייער פאַמיליע און פּסיכאָלאָגיש איז עס געווען נישט עכט, ווייל איר האָט שטענדיק געוווּסט, אַז איר קענט צוריקגיין און איר האָט געהאַט אַ מאָראַלישע שטיצע אין אייער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג. אָבער אַן אַרבעטער האָט עס נישט. איר דאַרפט דעריבער נישט זיין שטאַרק איבערראַשט, ווען וועלכער עס איז אַרבעטער טוט אָפּ אין זיין קאַמף ד׳אָס, וואָס די בורזשואַזיע רופט אָן „פאַרברעכן".

עס איז שטיל געוואָרן, אין דער צייט וואָס קאַרנעליע האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דידאָזיקע האַרטע ווערטער. צום סוף האָט זי געפרעגט:

— אַפילו אַזאַ פאַרברעכן, ווי למשל אַ רויב-אָנפאַל?

— מילא, דאָס איז אַ פראַגע פון דעפיניציע. אויב אונטער דעם נאָמען באַנדיטן פאַרשטייט איר אַזאַ מענטשן, וואָס רויבט פאַר זיין אייגענער קעשענע, וועל איך אייך ענטפערן: — ניין. אָבער אויב איר וועט מיינען דערמיט אַ מענטש, וואָס רויבט צוליב אַן אידעע וועל איך אייך ענטפערן: — שוין געווען אַזעלכע אַנאַרכיסטן, נישט קיין סך, אָבער זיי זענען געווען, אָט, למשל, ראַוואַרעל. ער פלעגט באַרויבן די רייכע און אַוועקגעבן דאָס געלט צו די אָרעמעלייט און געווען דערמיט שטאָלץ.

— און וואָס זאָגן די איבריקע אַנאַרכיסטן דערצו?

— איך האָב געהערט פון זיי טויזנטער מיינונגען. עס איז אַ פראַגע פון דער פּראַקטיק, דאָס הייסט צו די באַדינגונגען פון דער לאַגע צווישן צו אַזעלכעס. טייל זאָגן יאָ, אַנדערע זאָגן נישט. אַ סך אַנאַרכיסטן, למשל, טרייסלען זיך אָפּ פון ראַוואַרעלן, אַנדערע ווידער לויבן זייער זיינע מעשים, אָט אַ שטייגער עליז רעקלוס, און רעקלוס אין דער באַוועגונג איז אַ גאָט, ער איז אַ גרויסער וויסנשאַפטסמאַן און אַ גרויסער מענטש. איר זעט שוין, עס איז זייער שווער פאַר

אַן אַנאַרכיסט צו משפּטן אַ צווייטן אַנאַרכיסט, אויב ער האַנדלט נאָר מיט גוטע כּוונות. עס זענען פאַראַן צוויי זאַכן, וואָס אַן עכטער אַנאַרכיסט וועט קיינמאָל נישט טון, ערשטנס: פאַרראַטן אַ חבר אין צווייטנס, צו פאַרדינען אויפן חשבון פון זיין אידעאַל. כּל זמן ער איז געטריי און שטעלט איין זיין לעבן פאַר דער זאַך, קען קיין שום זאַך, וואָס ער טוט, נישט פאַר־אורטיילט ווערן. דאָס ליגט אין דעם כאַראַקטער פון דערדאָזיקער לערע, וואָרום דער אַנאַרכיסט איז זיין אייגענער געזעץ און ער האָט רעכט אויף דעם, און אַלע אַנאַרכיסטן אָנער־קענען דידאָזיקע רעכט. טאָ ווי אַזוי זאָלן זיי אים מאַכן כּללים, וואָס ער מעג און וואָס נישט? ווי קענען זיי זיך גאָר וואַקלען איין מינוט, צו פאַרטיידיקן אים?

— דאָס קען אָנוואַרפן אַ שרעק — האָט קאָרנעליע געזאָגט — אָבער מיר ניי־ענגלענדער זענען אַליין אויפגעוואַקסן אין אַזאַ גלויבן. מיר רופן אים אָן טראַנסצענדענטאַליזם.

— איך ווייס — האָט געזאָגט פּיער — עס איז נישטאָ כמעט קיין איין בוכהאַנדלונג, וווּ מ׳זאָל נישט געפינען טאָרעטעס „די בירגער־פליכט פון דעם אומגעהאָרכזאַמען".

— אָבער מיר זעען נישט איין אין דערדאָזיקער לערע דאָס רעכט אומצוברענגען אַנדערע מענטשן.

— באמת? אַזוי מיינט איר? — האָט פּיער אויסגערופן — טוט נאָר אַ טראַכט! — קאָרנעליע האָט געזאָגט, אַז ער וויל מיט איר טרייבן אַביסל לצנות, אויך אין זשאָס און אין בעטיס אויגן איז געווען באַהאַלטן, ווי עפּעס אַ חוזק — טוט נאָר גוט אַ טראַכט! — האָט דער פראַנצויז נאָכאַמאָל געזאָגט. און ווען קאָרנעליע האָט רעזיגנירט, האָט ער צוגעגעבן:

— איר האָט שוין אַמאָל געהערט וועגן איינעם, וואָס האָט געהייסן דזשאָן בראַון, אַן אַקטיווער אַנאַרכיסט?

— נו,—האָט קאָרנעליע געענטפערט אומגערן--איך מיין, אַז ער האָט יאָ דערהרגעט עטלעכע מענטשן...

— יאָ, טוט נאָר אַ קוק. צופעליק האָבן מיר געלייענט זיין ביאָגראַפיע, — און ווען מיר רעדן פון באַנדיטן-אָנפאַלן, דאַרפן מיר בשום אופן נישט פאַרגעסן דזשאָן בראַונס אָנפאַל אויף דעם שטעטעלע הערפערס פערי. דאָס איז געווען אַן אמתער רויב-אָנפאַל — דערמאָנט זיך גוט, די שקלאַפן האָבן זיך געזאָלט פאַרייניקן און איינשאַפן זיך אַ קליינעם אַרסענאַל. און אָט צו דעמדאָזיקן גרויסן צוועק האָט מען אין אַ קליין דערפל דערהרגעט אויף טויט פיר ווייסע, אינגאַנצן אומשולדיקע, זייטיקע מענטשן. אַפילו קיין איין שקלאַפן-אייגנטימער, מ'האָט אים אויפגעהאָנגען, אויב איר דערמאָנט זיך, ווי אַ געוויינלעכן פאַרברעכער און מ'איז געווען איבער-צייגט, אַז די געשיכטע וועט דעמדאָזיקן אורטייל באַשטעטיקן. אָבער אָט זאָגט מען אין באָסטאָן אַפילו אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען: „ער האָט אָפּגעשאַפט די שקלאַפעריי אין ווירזשיניאַ".

VI

עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז ס'איז געווען אַ סך פראַגן, וואָס קאָרנעליע האָט געמוזט פאַרענטפערן לויט דער מיינונג פון פיער לעאָן. זי האָט געמוזט איינזען, אַז די צייט פון פּאַסיוויטעט איז פאַרביי. זי האָט געפילט, אַז זי מוז פאַרטיק ווערן מיט אירע אייגענע ספקות. דאָס וואָס איר איז אַפילו נישט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טון, האָט זי ערשט געמוזט מודה זיין פאַר אירע דריי פריינט: דעם צווייפל, אַז עס קען זיין אמת — דאָס וואָס די רעגירונג און די פרעסע האָבן געהאַלטן פאַר זעלבסטפאַרשטענדלעך — אַז די גרויסע צאָל באָמבע-אַטענטאַטן זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך איטאַליענישע אַנאַרכיסטן.

פיער האָט געזאָגט:

— קודם כל דאַרף אייך קלאָר ווערן איין זאַך: אַלע אַקטיוויסטישע אַנאַרכיסטן גלויבן אין דער גוטער ווירקונג

פון אַטענטאַט. נישט אַלע, וואָז אַן אמת, פאַבריצירן באָמבעס, פונקט אַזוי גוט, ווי נישט אַלע קריסטן פאַרקויפן זייער האָב און גוטס און צעטיילן עס צווישן די אָרעמעלייט. עס איז צו אומבאַקוועם און צו געפערלעך. אָבער דער אַנאַרכיסטישער אַני מאַמין פאָדערט עס. נישט אומזיסט זאָגט מען „אַנאַרכיסטישע טייוואָלים". און ווען עפּעס אַ יונגער ענטוזיאַסט קומט צו גיין און וויל פּראַקטיצירן זיין גלויבן, קענען די פּרעדיקער נישט זאָגן ניין. אָבער ווען עמעצער פון זיי פאַלט אַריין דורך דעם עפּעס אין אַ צרה, מוזן זיך די חברים נאַטירלעך צואיילן אים אַרויסצוהעלפן.

— און קודם כּל מוזן זיי האָבן די אויפגאַבע צו מעלדן, אַז ער איז אומשולדיק? — האָט זיך זשאָ אַריינגעמישט מיט אַ חוזק־שמייכל.

— געוויס. דאָס דאַרף מען אַליין פאַרשטיין, ווייל יעדער וואָס וויל קעמפן, מוז מאַכן אַ פּרווו אָפּצונאַרן דעם שונא. מ'דאַרף גוט פאַרשטיין דעם תּמצית פון דער אַנאַרכיסטישער לערע, לויט וועלכער דאָס אייגנטום, וואָס ווערט פאַרוועבדעט אויסצונוצן אַנדערע, איז אמתע גז״ה. דערפון איז געדרונגען, אַז די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז נישט מער, ווי אַ ריזיקער, גיגאַנטישער באַנדיטן־אָנפאַל, אַ „מאָרד ען גראָס". יעדער רציחה, וואָס מען מוז באַגיין, כּדי אָפּצושאַפן זי אָדער צו פאַרווונדן איז אין פאַרגלייך מיט איר אַ גאָרנישט. מיט צוואָנציק יאָר צוריק, ווען איך פלעג דיסקוטירן וועגן אַזעלכע זאַכן, זענען זיי נאָך געווען מער אָדער ווייניקער אַקאַדעמיש. אונזער דור האָט נישט איבערגעלעבט קיין מלחמה. אָבער טוט נאָר איצט אַ טראַכט, וואָס עס איז געשען דורך דער צייט, און איר וועט באַגרייפן, אַז פאַר יעדן, וואָס פאַרטראַכט זיך וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט דאָס לעבן פאַרלוירן יעדן ווערט קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. מיר ווייסן זייער גוט, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אַ וועלט־שחיטה פון איינעם אויפן אַנדערן. און אַפילו אַן אומפאַרמיידלעכע שחיטה לויט זיינע אייגענע באַגריפן,

יעדע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט מוז קאָנקורירן מיט אירע רוי-שטאָפן און וועלט-מערק, אויב נישט הערט זי אויף צו זיין אַ קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. דער קאַפּיטאַליזם וויל צונע-מען דאָס לעבן פון מיליאָנען מענטשן — און מיר זאָלן, הייסט עס, נישט האָבן קיין רעכט, זיך צו ראַטעווען, צוליב דעם, וואָס — גאָט מיינער — אַ פּאָר קאַפּיטאַליסטן, אַ פּאָר מלכים, ריכטער, פּאָליצייאישע מוסרים און נאָך אַזעלכע לייט וועלן דערביי געהרגעט ווערן? איר זעט שוין, אַז אַזאַ מין געדאַנק איז פּאַר אַן אַנאַרכיסט פּשוט און קינדיש?..

— פונקט אַזוי ווי פּאַר אַ קאָמוניסט — האָט צוגעגעבן זשאָ רענדעל דער סאָציאַליסט.

— די אַנאַרכיסטן און די קאָמוניסטן — האָט געזאָגט פּיער לעאָן — שיידן זיך נאָר אונטער צווישן זיך אין דער פראַגע וועגן דער טאַקטיק. איך האָב עס איינמאָל געהערט פון אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער-פירער, ער האָט עס גלענצנד פאָרמולירט: מ'טאָר קיינמאָל נישט איבערגיין צו געוואַלט, כּל זמן מ'האָט נישט גענוג גוואַלט-מיטלען זיך צו באַנוצן! דאָס אום-געפער איז דער קאָמוניסטישער שטאַנדפּונקט. און איך לאָז עס איבער פּאַר זשאָען, ער זאָל ערקלערן דעם העפלעכן סאָציאַליסטישן פּראָגראַם, ווי אַזוי מ'ברענגט אום אַ טיגער אויפן צענטימעטער.

זיי האָבן זיך געשפּאַרט, געזאָגט זיך איינער דעם אַנ-דערן שאַרפע ביטערע ווערטער, נישט פאַרלירנדיק דערביי דעם הומאָר. פּיער האָט דערקלערט, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען ער וועט זיין געצוווּנגען, אַריינצוזעצן זשאָען אין תּפיסה אַריין, און אפשר אויך קאָרנעליען, ווייל זי פאָדערט פרייהייט פון וואָרט אויך פּאַר די קאַפּיטאַליסטן און זי וועט זיך אפשר איינשפּאַרן אויסצונוצן איר טעאָריע אין דער פּראַקטיק. בעטי קען נאָך אַמאָל הייסן איינזעצן איר אייגענער באַבען. אין רעוואָלוציעס האָבן זיך שוין געטראָפן זעלטענע זאַכן. זשאָ האָט אָפּגעענטפערט, אַז גראָד מענטשן, וואָס רעדן ווי פּיער, מאַכן אוממעגלעך דעם פרידלעכן אויסגאַנג פון דער לאַגע

חייל זיי רופן אַרויס די רעאַקציע, שטויסן אָפּ די אַרבעטער-באַוועגונג אויף גאַנצע צענדליקער יאָרן צוריק. און אַזוי אַרום זענען סאַקאָ און וואַנצעטי אויף אַ לאַנגע צייט פאַרגעסן געוואָרן...

ביז בעטי האָט אַ זאָג געטון:

— איר רעדט מיט דער באָבען אַזויפיל וועגן טעאָריעס מיט אָפּשרעקנדיקע ביישפּילן, אַז זי פאַרלירט נעבעך דעם מוט און וועט פאַר הוילער שרעק אָוועקוואַרפן די גאַנצע באַוועגונג.

— זאָל גאָט אָפּהיטן! — האָט פּיער אויסגערופן — בשום אופן נישט! סוף כּל סוף ווייס איך קיין שום זאַך נישט וועגן אייער באַרטאָ און אייער ניק. ער קען זיין, אַז זיי זענען גאָט די נשמה שולדיק — אַ פּאָר אומשולדיקע טרוימער. לכּל הדעות, צי זיי זענען שולדיק אָדער אומשולדיק, האָט נאָך קיין שום פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער נישט אָפּגעטון קיין צענט-חלק פון די געמיינהייטן, וואָס די געזעלשאַפט איז באַגאַנגען קעגן אים. און קיינער פון זיי טראָגט אויף זיך נישט אַפילו קיין צענטל פון פאַרברעכן, וואָס עס טראָגן אויף זיך די ריכטער און די באַאַמטע, וועלכע פאַרפאָלגן אים. מ'דאַרף נאָר אַ טראַכט טון וועגן דער שולד פון יענע, וואָס האָבן אַרויסגערופן די מלחמה, כּדי אויסצושפּרייטן זייערע מערק, אָדער צו ראַטעווען זייער אַריינגעלייגטן קאַפּיטאַל.

דידאָזיקע ווערטער האָבן אויפגעוועקט אין בעטן און קאָרנעליען זכרונות וועגן דער היים. קאָרנעליע האָט אַ טראַכט געטון וועגן אירע דריי צופרידענע איידעמס.

— צו קען מען רעדן וועגן שולד, ווען עס פעלט דער באַוווסטזיין וועגן שולד?

פּיער האָט געענטפערט:

— דאָס איז איינע פון יענע פראַגעס, מיט וועלכע דאָס פּוריטאַנישע געוויסן האָט ליב אַזוי שטאַרק זיך צו פאַרנעמען. אָבער מיר וועלן לאָזן אַלע טעאָריעס אָן אַ זייט און זיך באַשעפטיקן בלויז מיט דעם פּראַקטישן פּראָבלעם פון פּראָלע-

טאַרישן זעלבסט־שוץ. מען קען קיינמאָל נישט זאָגן פאָרויס, צו אַן אָנגעקלאָגטער אַרבעטער איז באמת שולדיק אָדער אומשולדיק. אויב ער איז שולדיק, וועט ער עס קיינעם נישט זאָגן, און עס וואָלט געווען אַ העסלעך־שלעכטער שריט צו פרעגן אים וועגן דעם. פון דער אַנדערער זייט — אפשר האָט די פּאָליציי גענומען דעם פאַלשן. וואָרום אַ סך מאָל, ווייס די פּאָליציי גאַנץ גוט, אַז נישט דער פּערזאָן האָט אויסגעפירט דעם פאַרברעכן, און זאָרגט זיך נישט וועגן דעם, ווייל זי רעכנט, אַז דער אַרעסטירטער האָט אָפּגעטון אַנדערע, נאָך אַזעלכע, נישט קיין קלענערע פאַרברעכנס, און אַז ער געהערט לכל הדעות צו דידאָזיקע לייט, וואָס זענען צום זיכערסטן אונטער אייזערנע קראַטעס. און דאַן־אַמאָל קען עס גאָר זיין די אַרבעט פון אַ פּראָוואָקאַטאָר — אַזאַ מין אויסגערעכנטער מאַנעווער פון די אייגנטימער, כּדי זיי זאָלן האָבן די געלע־גנהייט צו באַפאַלן אַרבעטער־ביוראָס, צו צעשטערן דרוק־מאַ־שינען און איינצווזעצן אַרבעטער־פירער אין טורמע אַריין. איןביידע פאַלן קען מען קיינמאָל נישט קומען צו קיין טאָלק, איידער מען פּאַרטיפט זיך גוט אין דער זאַך. אַמאָל געפינט מען גאָר אויס אַ שאַנס, צו דערהויבן דעם פּרעסטיזש און צו געווינען חן ביים עולם. אָדער אויך — כּדי צו דיסקרעדיטירן די אידעע פון דער באַוועגונג און צו פּאַרמיאוסן איר אויף לאַנגע יאָרן אין דער אויגן פון דער עפנטלעכקייט.

— ווייזט אויס, אַז ס׳איז זייער אַ שווערע זאַך, צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער.

VII

צומאָרגנס נאָך סאַקאָ און וואַנצעטיס אַרעסט איז גע־קומען מיק סטוּאַרט מיט זיין „אידעע", וואָס איז, בעת דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דעם פּראָצעס, באַשטימט געוואָרן צו אַנטשיידן דעם גורל פון טויט און לעבן פון די ביידע אַנאַר־כיסטן. מיק אַליין האָט איר אָנגעטון דעם כּבוד און אַ נאָמען געגעבן „טעאָריע", וואָס ער האָט דערווייל דערציילט בלויז דעם פּראָ־

קוראָר, און אים איז די דאָזיקע טעאָריע אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אַרויסגענומען מיקן פון ברידזשוועטער און גאַנצע צוועלף חדשים האָט דער דאָזיקער פּאָליציאַנט נישט געטון קיין אַנדער זאַך, נאָר צונויפּצוזאַמלט אַזעלכע מינים פּאַקטן פאַר זיין „טעאָריע".

צו דעם איז אויך צוגעקומען די השערה, אַז די אייגענע באַנדיטן, וואָס האָבן אין אַפּריל אויסגעפירט דעם רויב־אָנפאַל אין זיד־בעטרי, האָבן זיך אויך באַטייליקט אין דעם פּרווו צו דערהרגענען און באַרויבן אין ברידזשוועטער אין חודש סעפּטעמבער פון פאַרגאַנגענעם יאָר — ביי יענעם אָנפאַל, בעת וועלכן דער העל־זע־אַפּאַראַט האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן. די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן אויפצוזוכן די עטלעכע־און פופציק עדות, וואָס האָבן געזען דאָס אָדער יענץ פון דעם פאַרברעכן. מ'האָט אַרעסטירט אָרקיאַנין אין פאַבריק, עס זענען שוין געווען הייסט עס דריי באַנדיטן צו דערקענען. געוויינלעך איז מען זיך נוהג צו שטעלן די פאַרדעכטיקע צווישן אַ סך אַנדערע מענטשן, און צו זען, צי די עדות קענען אויסגעפונען צווישן זיי די שולדיקע. אָבער אין בראָקטאָן האָט מען די דריי באַשולדיקטע אַריינגעפירט אין אַ שמוציקן צימער פון דער פּאָליציי־וואַך און דאַן האָט מען אַריינגעפירט אַהין די עדות און מ'האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס זענען די פאַרברעכער. און צי זיי דערקענען זיי? סאַקאָ און וואַנצעטי זענען געווען נישט אויסגעשלאָפן, נישט ראַזירט, אומגעוואַשן, נישט פאַרקעמט — אַזאַ צושטאַנד, אין וועלכן דער עלעגאַנטסטער מאָדע־מענטש וואָלט אויסגעזען, ווי אַ באַנדיט. נישט געקוקט אויף דעם, זענען די עדות געווען אומזיכער. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דאָס זענען זיי אפשר, אַנדערע — אַז דאָס זענען זיכער נישט די.

אַ טייל עדות האָבן געזען די באַנדיטן ביי גאַנץ באַשטימטע אומשטענדן, למשל, מיט אַ היטל אויפן קאָפּ. סאַקאָ האָט אַלזאָ געמוזט אָנטון זיין היטל. איינער האָט געזען דעם באַנדיט אין אַן איינגעבויגענער פּאָזע, מ'האָט סאַקאָן געהייסן

זיך איינבויגן און דער עדות האָט געזאָגט, אַז אַזוי איז ער ווייט נישט ענלעך אויף דעם באַנדיט. אַן אַנדערער ווידער האָט געבעטן, אַז סאַקאָ זאָל זיך פּרוּוון צילן מיטן רעוואָל־ווער, סאַקאָ האָט געצילט מיט אַ רעוואָלווער און דער עדות האָט דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז ער דערמאָנט לחלוטין נישט דעם באַנדיט. עס זענען געווען איינגעשפּאַרטע עדות, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין טענהן, אַז דאָס זענען נישט די אמתע פאַרברעכער און די אויפגאַבע פון דער פאַרטיידיקונג איז געווען, זיי צוצוציען צום פּראָצעס. אין אַ סך פאַלן איז עס זיי געלונגען — אָבער עס איז געווען צו שפּעט.

ערגעץ אין אַ וואַלד, צוויי מייל ווייט פון קאָאַקיס הויז, האָט די פּאָליציי געפונען אַן אַוועקגעוואָרפענעם „ביוק"־אויטאָ־מאָביל. מ'האָט באַלד אויסגענוצט דעם אויטאָמאָביל צו דער „טעאָריע", אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין פאַרברעכן. מ'האָט געבראַכט דעם „באַנדיטן־אויטאָמאָביל" צו דער פּאָליציי, מ'האָט אַריינגעזעצט אין אים סאַקאָן און אָרקיאַנין און אין דער באַ־גלייטונג פון אַ שווער־באַוואָפנטער אָפּטיילונג פון מלוכה־פּאָ־ליציי האָט מען געמאַכט אַ רייזע אַרום די שכנותדיקע שטעט־לעך. פאָרויס איז געלאָפן די נייעס: „די באַנדיטן פאָרן!" און טויזנטער מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן. ווען מ'איז באַפאַלן אין זיט־ברענטרי דעם געלט־פירער, זענען אַ סך אַר־בעטער פון דער שיך־פאַבריק צוגעלאָפן צום פענסטער און געזען אַנטלויפן דעם אויטאָמאָביל מיט די באַנדיטן. און איצט האָט מען נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דידאָזיקע סצענע. יענע עדות האָבן נאָכאַמאָל געמוזט אַרויסקוקן דורך די פענסטער, און דערקלערן, צי סאַקאָ און אָרקיאַני זענען ענלעך צו יענע מע־נער, וואָס זיי האָבן דאַן געזען. דער פאַרזאַמלטער המון אָבער האָט דערווייל נישט געוואַרט אויף זייער אַנטשיידונג. מ'איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס זענען די באַנדיטן; מ'האָט זיי געפּרוווט באַפאַלן און געשפּיגן זיי אין פּנים אַריין. און אָט אין דעמדאָזיקן עפנטלעכן טומל האָט עס די פּאָליציי אָפּגעגליקט אויף אַזוי ווייט, אַז דריי אַרבעטער האָבן סאַקאָן און אָרקיאַ־

נין אידענטיפיצירט מיט די באַנדיטן און אין משך פון צוויי וואָכן, ביז דער אויספאָרשונג ביים אויספאָרשונגס־ריכטער, געהאַלטן זיך ביי דער דאָזיקער דערקלערונג. דאַן האָבן זיי געענדערט זייער מיינונג, און דערקלערט, אַז זיי קענען עס נישט זאָגן אויף זיכער. ווען ס׳איז פּאָרגעקומען דער פּראָצעס, אין אַ יאָר אַרום, האָבן זיי ווידער געענדערט זייער מיינונג, זיי זענען געקומען אין געריכט, האָבן אידענטיפיצירט סאַקאָן און וואַנצעטין מיט די פאַרברעכער, און זיי זענען עס געווען די דריי עדות פון די פינף, אויף וועלכע דער בכבודיקער שטאַט מאַסאַטשוסעטס האָט זיך געשטיצט און אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל.

אין דעם טאָג נאָכן אַרעסט פון סאַקאָ און וואַנצעטי, זענען די דריי אַרעסטירטע אַריינגעפירט געוואָרן צום אויספאָרשונגס־ריכטער. אָרקיאַני איז באַשולדיקט געוואָרן אין דעם, אַז ער האָט געפירט אַ מאָטאָציקל אָן אַ הינטערשטע לאַמטערן — הגם ער האָט יאָ געהאַט אַ הינטערשטע לאַמטערן און הגם זי האָט פונקציאָנירט. סאַקאָ און וואַנצעטי זענען באַשולדיקט געוואָרן אין האַלטן געווער אָן אַ דערלויבעניש. לויטן געזעץ פון אויסנאַם־צושטאַנד פון מלחמה־צייט האָט מען זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצולאָזן זיי אויף קויציע. מ׳האָט צוריק אַריינגעוואָרפן די דריי קרבנות אין תפיסה אַריין, און די באַמיאונגען צוצופּאַסן דעם פאַקטישן מאַטעריאַל צו דער „טעאָריע” זענען געווען אין פולן גאַנג.

אין אַ וואָך אַרום איז פּאָרגעקומען אַ נייער פאַרהער וועגן דעם מאָרד-אָנפאַל. און אָט האָט פּאַסירט אַן אומגעריכטע זאַך: די צאָל פון די פאַרברעכער האָט זיך פּלוצלונג פאַרקלענערט אויף צוויי. דער פּראָקוראָר האָט דערקלערט אָרקיאַניס אידענטיפיצירונג פאַר צו ווייניק. אַ ווונדערלעכע זאַך, ווייל וואָס שייך אָרקיאַנין, איז געווען פיל מער עדות, וואָס האָבן באַשטעטיקט זיין ענלעכקייט מיט איינעם פון די באַנדיטן, איידער סאַקאָ און וואַנצעטי. אָרקיאַני איז אָבער געווען בכוח צו באַווייזן זיין אַליבי דורך אמתע אַמעריקאַנער. נישט

נאָר וואָס ער האָט אין יענעם פרימאָרגן געשטעמפּלט אין פאַבריק זיין קאָנטראָל-קאַרטע, נאָר ער האָט באַוויזן צו ברענגען פאַרן אויספאָרשונגס-ריכטער זיין באָס און עטלעכע אַנדערע „ווייסע מענער", וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען ביי דער מאַשין. די מעשה איז פאָרגעקומען ערשט מיט דריי וואָכן צוריק, און ער האָט נישט פאַרפעלט נאָך קיין איינציקן טאָג.

פונקט אויף אַזאַ אופן איז אין משך פון דער אויספאָרשונג אָפּגעפאַלן די באַשולדיקונג קעגן סאַקאָן, אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם אָנפאַל אין ברידזשוועטער — חייל סאַקאָ האָט אויך געהאַט זיין אַליבי פון אַן אַמעריקאַנער. אָבער בעת דעם זיד-ברענטרישן אָנפאַל, איז ער, לויט ווי ער אַליין האָט געזאָגט, געפאָרן קיין באָסטאָן, צו באַזאָרגן זיך זיינע דאָקומענטן. ער האָט געגעסן מיט זיינע פריינט מיטאָג אין אַ קאַפע און דערנאָך געגאַנגען אין קאָנסולאַט; דאָרט האָט מען אים געדענקט צוליב אַ קאָמישן עפּיזאָד: בעת מ'האָט פאַרלאַנגט פון אים אַ פאָטאָגראַפיע צו זיין פּאַס, האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויס בילד און דערלאַנגט דעם באַאַמטן. אָט דער באַאַמטער האָט זיך פאַקע שפּעטער דערמאָנט אָן דעם פאַל, אָבער ער איז געווען אַן איטאַליענער און איטאַליענישע אַליביס זענען ביי אַמעריקאַנישע געריכטן נישט „אין קורס".

אָבער וואַנצעטי האָט נעבעך נישט געהאַט קיין אַנדערע עדות, וואָס זאָלן פאַרשטעלן זיין אַליבי, ווי איטאַליענער. ערב ווייַנאַכט האָט ער פאַרקויפט פּופּציק באַלעבאָסטעס אַאַל-פיש, און בעת דעם זיד ברענטרישן פאַרברעכן האָט ער געקליבן מושלען און פיש-ווערעמלעך. אָבער אַזעלכע פאַקטן זענען קעגן דער „טעאָריע" פון אַ פּאָליציייִשן קאָפּ גלייך ווי גאָרנישט. און אַזוי אַרום איז ער באַשולדיקט געוואָרן אין די ביידע פאַרברעכנס. די באַשולדיקונג האָט געדאַרפט אויפווייזן, אַז ער איז געווען דער באַנדיט, אַז ער איז אָנגעפאַלן מיט אַ שרויט-ביקס אויפן געלד-אויטאָ אין ברידזשוועטער און, אַז

ער האָט שפּעטער אָנגעפירט מיטן מערדער־אויטאָמאָביל איז זיד ברענטרי; — ער, וואָס ער האָט אין זיין גאַנצן פּראָלעטאַרישן לעבן קיין איינמאָל נישט געהאַלטן קיין רעדל אין דער האַנט! פאַר אַזעלכע סאַרקאַסטישע יונגע מענטשן, ווי בעטי אַלווין, איז דער מוסר השׂכּל פון דערדאָזיקער געשיכטע געווען קלאָר ווי דער טאָג: גוטע קלוגע וואָפּס דאַרפן בעסער בלייבן ביי זייערע אַרבעטגעבער און פיר מאָל אין טאָג שטעמפּלען זייער קאָנטראָל־קאַרטע. און אָנשטאָט צו גיין ביינאַכט אַ היים, דאַרפן זיי זיך בעסער לאָזן פאַרשפּאַרן אין אַ שטאַל.

VIII

אַלס פאַרטיידיקער פון סאַקאָ און וואַנצעטין בעת דער אויספאָרשונג, האָט מען אַנגאַזשירט איינעם אַ אירלענדישן הער, מיטן נאָמען דזשאָן ווער. אַ טייל אַדוואָקאַטן מיט אַ רייכער פּראַקטיק באַשעפטיקן די אַזוי גערופענע „שלעפּער", כּדי זיי אַריינצוברענגען קליענטן, און צי דער הער ווער האָט געוווּסט אָדער נישט געוווּסט דערפון: — יענער איטאַליענער, וואָס האָט צוגערעדט וואַנצעטיס פריינד, אָנצוטרויען די פאַרטיידיקונג צו מיסטער ווערן, האָט געהערט צו יענע „שלעפּער".

דער אַדוואָקאַט אַליין איז דווקא נישט געווען קיין „שלעפּער" נאָר אַ דיקלעכער פּאַרשוין, וואָס האָט זיך נישט שטאַרק צערײַסן דעם ספּאָדעק, כּדי צונויפצושלעפּן עדות פאַר זיינע קליענטן. ער האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט די, וואָס עס האָבן אים געבראַכט די ברינים, די וואָפּס, אין זיין קאַנצעלאַריע. ער איז געווען אַקטיוו אין פּאָליטיק און דעריבער זייער נאָענט באַפריינדעט מיט די פּערזאָנען, וועלכע האָבן באַשטימט די פּאָליטיק אין פּליימוט און איז געווען אין נאָענטע באַציִונגען מיטן פּראָקוראָר פרעד קאַצמאַן. ווי איז אַמאָל געווען אַ געהילפס־ריכטער, און שפּעטער, ווען קאַצמאַן איז געוואָרן פּראָקוראָר, איז ער געשטאַנען מיט אים אין נאָענטע פאַרבינדונגען. מ'האָט געפּרוווּט פאַרענטפערן ווען דערמיט,

וואָס וואַנצעטי איז, משמעות, געווען דער ערשטער אומשולדי־קער קליענט זיינער, וואָס ער האָט געהאַט צו פאַרטיידיקן. ס'קען זיין, אַז וואַנצעטי איז נישט געווען אינגאַנצן גערעכט, מיט זיין פיקס־אידעע, אַז זיין פאַרטיידיקער האָט אים „אריינ־געלייגט"; עס איז געווען שווער אים צו פאַרטיידיקן, ווייל ער האָט געלייקנט אָן אויפהער, אַז ער איז אין דעם אָוונט פון אַרעסט געווען צוזאַמען מיט באָדאַן אין דזשאָנסאָנס גאַראַזש; ער האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט לאָזן איבעררעדן פון אַ קאַפּיטאַליסטישן אַדוואָקאַט, צו זאָגן אַפילו איין וואָרט, וואָס זאָל אַריינציען נאָך אַ חבר.

סאַקאָס פריינט אין באָסטאָן האָבן אויך אַנגאַזשירט אַן אַדוואָקאַט. נאָך איידער עס איז אַריבער אַ הודש, האָבן זיך די דריי אַדוואָקאַטן באַקענט מיט דער געשיכטע און איינער פון זיי, אַ יונגער, זייער פאַרטרויליכער מענטש, האָט דערציילט, ווי איינער פון זיינע קאָלעגן האָט געזאָגט צום צווייטן: — זע נאָר, אַרויסצוקריגן פון סאַקאָן, ווו ער האָט באַגראָבן דאָס געלט, וועלן מיר עס צעטיילן צווישן זיך. — די „טעאָריע" האָט נעמלעך געלערנט, אַז סאַקאָ האָט דאָס גערויבטע געלט באַגראָבן אין גאָרטן ביי דעם הייזל, וואָס האָט געהערט צו זיין אַרבעטסגעבער מיסטער קעלעי. און יעדעס מאָל, אין משך פון די גאַנצע זיבן יאָר, ווען מיסטער קעלעיס פאָטער האָט זיך אין פרילינג צוגעגרייט צו זייען קאַרטאָפל, איז איבער גאַנץ מאַסאַטשוסעטס אַדורך אַ שוידער דורכן לייב פון דערוואַר־טונג: „סאַקאָס באַלעבאָס גראָבט דעם אוצר!" דאָס איז פאַר ניקן נעבעך געווען זייער שלעכט, ווייל דאָס האָט געהייסן, אַז מיסטער קעלעי האַלט אים פאַר שולדיק, הגם מיסטער קעלעי פלעגט איס אַזוי ווייט געטרויען, אַז ער פלעגט אים איבערגעבן די פאַבריק צו היטן ביינאַכט.

קאָרנעליע און בעטי האָבן געשיקט געלט, מ'זאָל אונ־טערקויפן דעם אינטערעס פון דידאָזיקע הערן יוריסטן. צוליב דעם, וואָס קאָרנעליע און בעטי זענען געבליבן דעם גאַנצן זומער אויף איין אָרט, האָבן זיי נישט געדאַרפט פאַרווענדן

דאָס גאַנצע געלט, וואָס מ׳האָט בעטין געשיקט. זיי האָבן זיך אַרומגעשיפט אויפֿן ים און געקלעטערט אויף די בערג און גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט אויסגעהערט די דיסקוסיעס וועגן די טעאָריעס פֿון אַנאַרכיזם, סינדיקאַליזם, קאָמוניזם און סאָציאַליזם.

דער געדאַנק, אַז מ׳באַשולדיקט וואַנצעטין אין דעם ברידזשוועטער אָנפֿאַל, איז קאָרנעליען אויסגעקומען אַזוי משוגע, אַז זי האָט אים נישט געקענט אַפֿילו נעמען ערנסט. עס האַנדלט זיך אַפּנים אין אַ טעות, אַ מיספאַרשטענדעניש פֿון די פּערזאָנען, און ביי אַ גענויערע אויספאָרשונג וועט אַלצדינג קלאָר ווערן:

— מען קען דאָך נישט באַשולדיקן אין אַזעלכע זאַכן אַ מענטשן, וואָס לעבט שוין לאַנגע יאָרן אויף איין אָרט. בפֿרט ווען ער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען מיט זיינע פֿיש איבער די גאַסן פֿון נאָרד-פּלימוט. ווען דאָס זאָל זיין אַן אַנדער טאָג, נישט גראָד ערב ווייגאַכט, וואָלט מען נאָך געקענט זאָגן, אַז מען קען האָבן אַ טעות. אָבער דאָ ווייס דאָך יעדער איינציקער מענטש, אַז די איטאַליענער עסן ווייגאַכט אַאַל-פֿיש, און באַרטאָ קען דאָך אויפֿווייזן, אַז ער האָט געקויפֿט אַ גאַנצע פֿאַס מיט אַאַל-פֿיש. עס זעט אויס, ווי עמעץ וואָלט דאָ, סיידן, משוגע געוואָרן.

— די בורזשואַזיע ווערט תּמיד משוגע, ווען איר אייגנ-טום-רעכט שטייט אין אַ סכּנה — האָט געענטפֿערט פּיער לעאָן.

— אָבער איך בין דאָך געווען דאָרטן דעם ערשטן טאָג פֿון ווייגאַכט — האָט זיך קאָרנעליע איינגעשפּאַרט — און זיי האָבן מיר דערציילט יעדער זאַך, וואָס זיי האָבן געטון ערב-ווייגאַכט: וועגן באַרטאָן און טראַנדאָן און וועגן דער פֿאַס מיט די אַאַל-פֿיש, וועגן דעם בעקערס פֿערד, און אַז טראַנדאָ האָט שוין מער נישט געוואָלט גלייבן קיינמאָל באַרטאָס צוזאָגן.

— מ׳וועט עס האַלטן פֿאַר פּוסטע זאַכן, — האָט געזאָגט

זשאַ רענדעל—און אויף יעדן פאַל, וועלן די געשווירענע דער־קלערן, אַז דאָס אַלצדינג איז אַן אָפּגערעדטע זאַך — כּדי אַרויסצונאַרן זיי און צו קאָנסטאַטירן אַן אַליבי. די איטאַ־ליענער, זאָגן זיי, זענען זייער כּיטרע.

זיי האָבן זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז דער פּראָצעס וועט זיך נישט אַזוי גיך אָנהויבן. און מאַסאַטשוסעטס פּטרט מען נישט אַזוי שנעל אָפּ קיין קרימינעלע פאַרברעכנס. און מחמת דעם, וואָס מ'האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצולאָזן זיי אויף קויציע, האָבן קאָרנעליע און בעטי נישט געקענט דערוויל גאָרנישט טון, אָבער דאָס געזעץ איז, ווי אַ שלאָפנדיקער טיגער, שטענדיק גרייט צום פּלוצלונגען און טויטלעכן שפּרונג, ווען מ'וועט אים נאָר אויפוועקן! אין דער צווייטער וואָך פון חודש יוני איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז די לאַגע איז זייער שלעכט און דער פּראָצעס קעגן וואַנצעטין צוליב דעם פאַרברעכן אין ברידזשוואָטער וועט פאָרקומען אין צוויי וואָכן אַרום. קאָר־נעליע און בעטי האָבן נאָך קוים צייט געהאַט צו געפינען אַ שיף; אַזוי אַרום איז דידאָזיקע קליינע געזעלשאַפט אין איין שעה זיך פאַנאַנדערגעפאַלן. פּיער לעאָן האָט זיך אומגעקערט צוריק צו זיין שרייב־טיש און זשאַ רענדעל האָט זיך אַרומ־געזען, אַז ער האָט שוין גענוג דערציילט וועגן דעם ווייסן טעראָר אין אייראָפּע; זיין בוך מוז אַנטהאַלטן אויך אַ קאַפּיטל וועגן מאַסאַטשוסעטס!

IX

די שיף איז אָנגעקומען קיין נוי־יאָרק נאָכמיטאָג־צייט; אויפן ברעג זענען געשטאַנען דבורה מיט פּריסצילין און געפּלאַטערט מיט די טיכלעך. בעטיס שוועסטער איז אַ כּלה געוואָרן מיט אַ יונגען קופּער־אייגנטימער — אַן אומגעהויער וויכטיקע פאַרקנסונג, וואָס האָט געגעבן מאַטעריאַל פאַרן „טראַנס־קריפּט" אויף אַ גאַנצן שפּאַלט מיט גענעאַלאָגישע געדאַנקען.

די דאַמען האָבן געהאַט בדעה אָפּצוקויפן די גאַנצע מאַגאַזינען פון דער רייכער נוי־יאָרקער פירטער עוועניו. אויך דער פאָטער, רופערט אַלווין, איז געווען אין שטאָט. ער איז געווען פאַרנומען געשעפטלעך, און טאַקע מיט זשערי וואָלקערס פילך־פאַבריקן, וואָס האָבן זיך שוין איצט געפונען אונטער זיין קאָנטראָל. זיי האָבן געוואָלט צוזאַמען גיין דעם אָונט אויף אַ טעאַטער־רעווי און שוין צוזאַמענגעשטעלט דעם פּראָגראַם פון פאַרווייליגען אויף אַ סך טעג פאָרויס. בעטי איז אַ גאַנץ יאָר נישט געווען אין דער היים, און יעדעס רייך, נאָרמאַל מיידל וואָלט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גאַנצן באַגאַזש מיט מתּנות פאַר דער פאַמיליע און פאַר באַקאַנטע. אָבער דידאָזיקע צוויי משוגעים האָבן זיך אומגעקערט צוריק נישט טויט נישט לע־בעדיק, נישט האָבנדיק מיט זיך די מינדסטע קליי־ניקייט, — זעען עפּעס אויס שטאַרק פאַרדאגהט. ווילן נישט נעמען קיין אָנטייל אין די פאַרווייליגען און איינגעשפּאַרט זיך, אַז זיי מוזן תּיכּף, מיט דער נאַכטיקער באַן אַוועקפאָרן קיין באָסטאָן. דבורה האָט זיך שטאַרק גענומען גריבלען אין דער זאַך און זי האָט באַלד פאַרשטאַנען די סיבה דערפון: דאָס איילן זיי זיך אַזוי שטאַרק, כּדי צו זיין אויפן פּראָצעס פון די איטאַ־ליענישע באַנדיטן! זיי זענען טאַקע אַוועקגעפאָרן — בעטי, צו להכעיס איר מוטער, פאָטער, שוועסטער און קאָרנעליע צו להכעיס איר טאָכטער, איידעם און אייניקל.

וואַנצעטי איז געזעסן אין דער פּליימוטער תּפיסה און אין אָוונט פלעגט מען אים אַרויספירן פון זיין קאַמער אין דעם זעונגס־צימער. ער האָט געטראָגן אַ גראָבע, גרוי, זייער צעקנייטשט העמד און גראָבע לייוונטע הויזן, דער פרישער קאָליר פון פּנים איז פאַרשוווּנדן, ער איז געוואָרן אויסגע־מאָגערט און דאַר, און זיינע גרויסע וואָנסעס זענען קלאָגע־דיק אַראָפּגעהאָנגען. אָבער ער איז געווען אַזוי גליקלעך, וואָס ער האָט ווידער געזען זיינע ביידע פריינט! זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן, ער איז ממש צוגעלאָפן צו זיי און אויס־געשטרעקט זיי ביידע הענט. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין

זייערע אויגן. די ווערטער פון דעם אַרעסטאַנט זענען אים גע־בליבן שטיין אין האַלז ער האָט אָנגעהויבן:

— אָ, נאַנאַ. מיר טוט אַזוי שטאַרק וויי. וואָס איך האָב קאַליע געמאַכט אייער אורלויב! אָ בעטי, עס אַרט מיר זייער שטאַרק, וואָס איר האָט געדאַרפט קומען צו מיר אין אַזאַ אָרט!

— שאַדט נישט, שאַדט נישט, באַרטאָ. מיר האָבן זיך גוט דערהאַלטן. איצט זענען מיר געקומען און מיר וועלן ווי ווייט מעגלעך אייך שנעל אַרויסנעמען פון דאַנעט.

אַזוי האָט געענטפערט בעטי. דאָס העלדישע מיידל, זי איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון מוט, אַזוי לאַנג, ווי זי האַלט נאָך די זאַך אין די הענט.

— האַלט דעם קאָפּ אין דער הויך – האָט זי געזאָגט — דאָס איז חבר רענדעל, וואָס איז מיר נאָכגעלאָפן פון איטאַ־יען ביז אַהער, ווייל ער גלויבט, אַז איך וועל זיין אַזוי נאַ־ריש און חתונה האָבן מיט אים.

וואַנצעטי האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צום יונגנמאַן.

— עס פרייט מיך זייער זיך צו באַקאַנען מיט אייך, חבר רענדעל — האָט ער געזאָגט — איר וועט זיין זייער גליקלעך, אויב איר וועט חתונה האָבן מיט בעטין.

— אָ, איך בין נאָך נישט אַזוי זיכער אין דעם, — האָט געענטפערט בעטי — איך מוז אים צוערשט מאַכן פאַר אַ ריכטיקן רויטן. דערווייל געהערט ער נאָך צו די רעפאָר־מיסטאַס, וואָס מיר געטרויען נישט פון דאַנעט אַהין. אָבער ער וויל אונז צוהעלפן, אייך אַרויסצובעמען אויף דער פריי און דערפון וועט ער אַליין אויך אַ סך לערנען.

זייערע שוואַכע באַמיונגען צו זיין פריילעך האָבן זיך שנעל פאַרענדיקט, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם פּראָצעס, וואָס האָט שוין געדאַרפט פאָרקומען אין צוויי טאָג אַרום.

— מיינע שונאים האָבן מיך געפּאַקט — האָט געזאָגט וואַנצעטי. זיי האָבן זייער גוט געוווסט, ווער עס איז זייער

שונא. דאָס איז געווען די געלד־גייציקייט, אין דער געשטאַלט פון דער פּליימוטער גרויסער שטריק־פאַבריק, וואָס וואַנצעטי מיט זיינע חברים האָבן איר גורם געווען אַ שאָדן פון צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר יערלעך, אין דער פאָרם פון אַ לוין הוספה, וואָס די געזעלשאַפט האָט געמוזט נאָכגעבן. — איך גלויב נישט, אַז די רעגירונג זאָל מיך ווידער אַרויסלאָזן אויף דער פריי — האָט ער געזאָגט, און אַפילו בעטיס מוּנטערקייט האָט נישט געקענט צעשטערן דעמדאָזיקן חשד.

— איר וועט זען, וואָס זיי וועלן טון — האָט ער געזאָגט—זיי קענען נישט באַווייזן, אַז ניק און איך זענען שולדיק אין זיד־ברענטרי, זיי האָבן נישט קיין באַוויַז, צו שיקן צוויי מענטשן אויף דער עלעקטרישער שטול, דעריבער טראַכטן זיי, וועלן מיר נעמען קודם כּל וואַנצעטין און באַשולדיקן אים אין דעם ברידזשוועטער אָנפאַל, און וועלן אים מאַכן פאַר אַ באַשטראָפטן. אַזוי אַז ווען ס׳וועט קומען צום פּראָצעס פון זיד־ברענטרי, וועלן די געשוווירענע זאָגן, אַז איינער פון די־דאָזיקע פאַרשוינען איז זיכער אַ באַנדיט, ער איז דאָך באַשטראָפט, און עס איז לייכט צו גלויבן, אַז זיי דאַרפן ביידע באַקומען אַ טויט־אורטייל.

— אָבער באַרטאָ, עס איז דאָך אַ משוגעת צו וועלן קריגן באַווייזן, אַז איר זענט אין יענעם פרימאָרגן געווען אין ברידזשוועטער! — האָט געזאָגט קאָרנעליע.

— זיי האָבן עס שוין געמאַכט ווי עס דאַרף צו זיין, נאָנאַ. זיי וועלן באַווייזן, וואָס עס לוינט זיי. איך זאָג צו אַלע פריינד, אַז ס׳וועט זיך גאָרנישט איינגעבן. זיי האָבן אַלצדינג צו דער האַנט. זיי זענען באַפריינדעט מיט אונזערע אַדוואָקאַטן.

— אָך, ניין!

— איך ווייס עס זיכער. קומט צו גיין אַ גרויסער, דיקער פאַרשוין, אַ פולער, מיט אַ גרויסן ציגאַר אין מויל — פאַרן געלט, וואָס ער באַקומט פון די איטאַליענישע אַרבעטער קויפט ער זיך גרויסע ציגאַרן — אַ קאָמישער פאַרשוין, ער מאַכט

זיך אַ וויץ, ער פּייפט זיך אונטער... איך זאָג צו אים: — איך בין אומשולדיק. ער מאַכט אַ קאָמיש פּנים און טוט אַ זאָג: — זייער שלעכט, מ'האָט אייך צוזאַמענגעפּאָרט מיט סאַקאָן! ער הויבט אויף די פינגער אין דער הויך און דרייט זיי אָט אַזוי אָ — באַרטאָ מאַכט מיט אַן אויפגעהויבענע האַנט אין דער לופטן אַ קרייז, — ער האָט נאָך, זאָגט ער, אַזאַ שווערע אַרבעט נישט געהאַט ביי קיין וואָפּס.

— איך מיין, אַז ס'איז פאַראַן עמיצער. וואָס זוכט פאַר אייך עדות?

— איך האָב אַן איטאַליענישן פאַרשוין. ער איז אַ שפּיאָן פון דער רעגירונג. ער נעמט געלט ביי אַלע חברים און קויפט אַן אויטאָמאָביל, כדי ער זאָל קענען זוכן עדות. אָט איז שוין אַדורך אַזאַ צייט און ער האָט נאָך נישט קיין איין עדות. פאַראַן אין פּליימוט אַ מאַסע עדות, אָבער די בריניס דאַרפן זיי אויפזוכן. קען זיין, אַז אין ברידזשוואָטער זענען אויך פאַראַן עדות, וואָס קענען זאָגן, אַז איך זע נישט אויס ווי דער באַנדיט. אָבער ווו נעמט מען זיי?

— מיר זענען נישט קיין שפּיאָנען פון דער רעגירונג! — האָט בעטי אויסגעשריגן — מיר נעמען תּיכּף אַן אויטאָמאָביל, מיר וועלן נאָך דעם היינטיקן אָוונט ברענגען אַהער די בריניס און מירן אַ פּרוּוו טון, צי מ'וועט נישט געפינען אין ברידזשוואָטער קיין עדות. פאַלט נישט אַראָפּ פון מוט, באַרטאָ, מיר וועלן אייך ראַטעווען. זשאַ למשל איז אין די זאַכן זייער באַהאַוונט; ער שרייבט דאָך אַ בוך וועגן דער ווייסן טעראָר אין אייראָפּע.

— דער זעלבער טעראָר הערשט דאָ אויך, חבר זשאַ, פאַראַן אַ מאַסע מענטשן, וואָס וואָלטן געקענט זאָגן, אַז איך בין אומשולדיק, אָבער זיי האָבן מורא צו רעדן. פאַראַן אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט מיך געטראָפן אין יענעם פרימאָרגן, ער האָט מיך געפרעגט דעם פרייז פון די אַאַל-פיש, אָבער ערשט וויל ער גאָרנישט רעדן. ס'איז אויך פאַראַן אַ מענטש פון דער באַן-געזעלשאַפט, וואָס ווייס, אַז איך האָב אַראָפּגענומען

דאַן אַ פולע פאַס מיט פיש, אָבער ער וויל נישט נישטערן צווישן די פאַפירן—צווישן די קוויטונגען. פאַראַן אַ באַאַמטער, אַ מייסטער פון דער שטריק-פאַבריק — איר קענט אים, ער האָט מיר געזען דאַן אין פליימוט, איר וועט זען, צי ער וועט וועלן זיין אַן עדות! איר האָט אים געזען, נאָנאַ: שטענדיק בעתן שטרייק, פאַר פיר יאָרן, פלעגט ער גיין אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר. דערנאָך ווען איך בין געקומען אין פאַבריק האָט ער נישט געוואָלט מיט מיר רעדן. קען זיין, צוליב שנאה און ס׳קען זיין צוליב מורא — אָבער איר וועט זען, צי ער וועט מיר וועלן העלפן, אַרויסצוקומען פון תפיסה! ניין, דאָס איז דער פּרייז, וואָס איך באַצאָל פאַר אַכט לאַנגע יאָרן אַרבעט, פאַר דעם, וואָס איך האָב געוואָלט אויסבעסערן די אַרבעטער!

ווען די באַזוכער זענען אַרויס פון תפיסה, האָט זשאָ רענדעל געזאָגט:

— איין זאַך איז זיכער, דאָס וואָס טרעפט, אגב, שטענדיק: די פאָליציי האָט אונז צוגעשטעלט אַן אמתן מאַרטירער!

X

נאָך דעם אייגענעם אָוונט זענען זיי אַוועקגעפאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל קיין ברידזשוואָטער, און זענען אַרומגעגאַנגען אין דער אומגעגנט פונם אָנפאַל פון שטוב צו שטוב, זיי האָבן געפונען צוויי איטאַליענער, וואָס האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען דעם אָנפאַל און געמאָלדן דער פאָליציי, אַז דער באַנדיט, וואָס איז געשטאַנען אויפן גאַס און געשאָסן פון אַ שרויט-ביקס, איז געווען אַ נידעריקער מענטש מיט קורץ-אָפּגעשוירענע וואָנסעס. דידאָזיקע עדות האָט די פאָליציי באַזייטיקט, ווייל זייער עדות-זאָגן האָט זיך נישט אַריינגעפאַסט אין זייער „טעאָריע”, און דערפאַר וואָס זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט צו קומען פאַר עדות מצד דער פאַרטיידיקונג. ווען די זוכנדיקע וואָלטן געהאַט מער צייט, איינצוזען די דרינגלעכקייט פון דער זאַך, וואָלט זיי בלי-ספק געלונגען צו געפינען נאָך אַזעלכע עדות,

אָבער קאָרנעליע איז געווען טיף איבערצייגט, אַז די גאַנצע באַשולדיקונג וועט זיך מוזן צעפאַלן פאַרן געריכט. און וועלכער נביא האָט עס געקענט פאָרויסזען אָט דידאָזיקע מוראדיקע געשיכטע פון די מאַסאַטשוסעטסער געזעצן: אַז יעדער באַווייז, וואָס מ'וועט פאָרלייגן פאַר די געשוירענע בעת די קומענדיקע געריכט-פאַרהאַנדלונגען — וועט זיין פולקאָם גילטיק, און אַז דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס מ'וועט שפּעטער פאָרלייגן פאַר די ריכטער — וועט אַריינפאַלן אין תהום פון פאַרגעסנקייט? ס'איז כדאי צו ציטירן די ווערטער בעת דער אַנטשיידונג פון דעם אויבערשטן געריכט פון דעם דערהויבענעם שטאַט מאַסאַטשוסעטס. „עס איז נישטאָ קיין רעגולאַמין, וואָס ס'זאָל דערלויבן אַ רעוויזיע פון פּראָצעס, אפילו דאַן ווען מען ברענגט פרישע באַווייזן, וואָס וואָלטן געקענט אַרויסרופן ביי די געשווירענע אַן אַנדער אורטייל".

אָ גורל, וואָס דו האַלסט אונז אין דיין האַנט,
ווי פלינק דו פלעכסט די נעץ!

און וואָס פאַר אַ מאָדנע לאַגע דו שטעלסט אונז — אַז מיר גייען צוריק אין אונזער לעבן, מיט אויגן, וואָס זעען די פאַרגאַנגענהייט אָבער זענען בלינד, צו זעען די צוקונפט! מיט אויערן, וואָס הערן די פאַרגאַנגענהייט און זענען טויב פאַר דער צוקונפט!

בעטי האָט געדונגען אַן אויטאָ און זשאָ האָט זי געפירט צוזאַמען מיט קאָרנעליען, ווינצענצאָ און אַלפאָנסינען קיין ברידזשוואָטער.

זיי זענען געגאַנגען איינציקווייז איבער דער גאַס, אָנגעקלאַפּט אין די טירן, אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער און אויסגעפרעגט די פרעמדע מענטשן.

לויף, בעטי. לויף מיט דיינע פלינקע יונגע פיס, וואָס דאַס קלעטערן אין די בערג האָט זיי פאַרוואַנדלט אין שטאָל! לויף און רו נישט, כל זמן דו וועסט נישט געפונען יענע עדות, וואָס זאָלן שווערן, אַז דער באַנדיט האָט געהאַט אָפּגעשוירענע וואָנסעס! לויף קאָרנעליע — דאָס איז די לעצטע

אָנשטרענגונג פון דײַנע אַלטע פיס—געפין אויס יענע פינקערטאָן-לייט, וואָס האָבן אויסגעהערט די שלעכטע עדות און געהערט פון זייער אייגן מויל, אַז זיי קענען די באַנדיטן נישט דערקענען! זשאָ רענדעל, פאָר נאָך היינט אַוועק צוריק פון פלימוט! פאָר אַוועק בעסער קיין באָסטאָן און נוץ אויס דײַנע אַלע באַקאַנטשאַפטן אין דער פרעסע און געפין אויס יענעם רעפּאָרטער, וואָס איז דער ערשטער געווען אויף דעם אָרט פון אַטענטאַט און וואָס וועט קענען דערציילן, וואָס די ערשטע עדות האָבן געזאָגט! קאָרנעליע, נוץ ווידער אויס דעם איינפלוס פון דײַן פאַמיליע, זע, אַז די שוך-פירמע און די פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט זאָלן אַרויסגעבן יענע פינקערטאָן-באַריכטן. — איצט, תיכף, כּל זמן זיי האָבן נאָך אַ שטיקל ווערט און נישט אין אַ סך יאָרן אַרום, ווען דעם גובערנאַטאָרס גוט-באַצאָלטער סעקרעטאַר, וואָס דאַרף פאַר אַ טאָפּלטן געהאַלט באַהאַלטן אַ סך וויכטיקע זאַכן פון זיין גרויסן הער, וועט זיי אַוועקלייגן אין אַ שופלאָד און זיי וועלן דאָרט פאַרגעסן ווערן!

קאָרנעליע, בעטי און זשאָ! געדענקט אָן יענעם מענטשן, וואָס וועט אין דער צוקונפט האָבן צו שאַפן איבער טויט און לעבן. אָן דעם מענטשן, מיט אַ געפרוירענעם שמייכל, מיט אַ פּאָר אויגן, ווי צוויי אַגאַטן, קאַלטע אויסדרוקלאָזע אויגן, דעם אויטאָביל-הענדלער פון גאָטס גנאָד, וואָס וועט שפּילן די ראָלע פון דער לעצטער, העכסטער אינסטאַנץ, אויסהערן אייערע באַווייזן מיט אַ העפלעכן שמייכל אויפן פּנים און בלייבן בײַ זיין אייגענער מיינונג. זשאָ רענדעל, ערשט איז געקומען פאַר דיר די שעה! פאָר אַוועק אין דער אַטלאַנטיק-עוועניו, ווו די ענגראָס-פישהענדלער האָבן זייערע געשעפטן און זוך אויס דעם איטאַליענער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די פאַס מיט די אַאַל-פיש! טו אויס דײַן ראָק, קריך אַרויף אויפן בוידעם און זוך-אויס די אַלטע געשעפט-פּאַפּירן,— איצט וועט עס נאָך אפשר נישט זיין אַזוי שפּעט, ווי אין זיבן יאָר אַרום, ווייל די ביכער זענען נאָך נישט אַזוי פיל,

און דער שטויב אויף זיי ליגט נאָך נישט אַזוי דיק. ווען דו וועסט געפגנען דעם בוך מיט די עקספּרעס־קוויטעס — אַ פּאַס אַאַל פּיש פֿאַר ב. וואַנצעטי, פּליימוט, זעקס טאָג פֿאַר ווייגאַכט 1919 — ווער עס נאָך פֿאַר די געשווירענע האָבן אַ שטיקל ווערט, אַנשטאָט די קאַלטע אַגאַט־אויגן זאָלן אַפֿילו נישט וועלן קיין קוק טון אויף זיי!

XI

נאָך די אייגענע נאַכט זענען זיי אַוועקגעפֿאָרן אַ היים, שטאַרק צופֿרידן מיט דער אַרבעט, וואָס זיי האָבן אָפּגעטון. אויפֿן אַנדערן מאָרגן זענען זיי זיך צונויפֿגעקומען אויף אַ קאָנפֿערענץ מיט אַ באָסטאָנער יוריסט. קאָרנעליע האָט זיך פֿאָרגעלייגט פֿאַר אַן עדות, אָבער מ׳האָט איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט כּדאַי, אַז זי זאָל דערשיינען אין געריכט ווייל דער גרעסטער טייל פֿון איר עדות־זאָגן וועט זיך שטיצן אויף געהערטע זאַכן. און חוץ דעם, איז סתּם גלייכער, אַז זי זאָל זיך נישט שטעלן פֿאַר אַן עדות, ווייל מען וועט זי פֿרעגן וועגן וואַנצעטיס אָנשויאונגען, און עס איז נישט געוואונטשן, צו דערציילן פֿאַר די געשווירענע, אַז וואַנצעטי איז אַן אַנאַרכיסט. וואָס אַן אמת, ווייס עס סיי ווי סיי יעדערער אין פּליימוט, אָבער כּל־זמן דאָס וועט זיך נישט געפֿונען אין דעם געריכטס־מאַטעריאַל, וועלן די געשווירענע האָבן דעם חוב, נישט צו לייגן אויף דעמדאָזיקן פֿאַקט קיין שום אַכט, און זיי וועלן עס אויך טאָן, ווייל אַזוי פֿאַרלאַנגט די נאַרישע פֿיקציע פֿון אָט דער נאַרישער געזעצלעכער פּראָצעדור. צי וועט דען קאָרנעליע קענען באַווייזן, אַז וואַנצעטי איז אַ פּאַציפֿיסט און פֿאַראורטיילט געוואַלט־מעטאָדן? צי קען זי דען באַווייזן, אַז ער איז נישט פֿאַרן אומוואַרפֿן די רעגירונג דורך געוואַלט? ניין, דאָס קען זי נישט באַווייזן, און מחמת דעם, וועט דאָס אַלץ, וואָס זי וועט דערציילן וועגן וואַנצעטיס כאַראַקטער, נישט מאַכן קיין שום איינדרוק אויף די געשווירענע. פֿאַרקערט, צי וועלן זיי דען נישט ווערן ברוגז אויף

אַן אַמעריקאַנערין, וואָס גיט זיך אַליין אויס פאַר דער אינטימער פריינדין פון אַן איטאַליענישן אַנאַרכיסט?

ווייטער האָט זיך געשטעלט די פראַגע, צי וואַנצעטי גופא זאָל זיך אויסגעבן פאַר אַן אַנאַרכיסט. ס'איז געווען פאַר אים אוממעגלעך אָפּצולייקענען זיינע אָנשויאונגען, און דאָס וועט די געשווירענע אָנפילן מיט אַזאַ שנאה צו אים, אַז זיי וועלן אים, נישט געקוקט אויף קיין שום באַווייזן, באַשולדיקט פאַר דעם ערשטער בעסטער טאַט. דאָס איז זייער אַן איידע־לער ענין, ווייל וואַנצעטי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון מיליטער־דינסט, און די געשווירענע וועלן בלי שום ספק זיין מענטשן, וואָס זענען אָדער אַליין געווען אין דער מלחמה אָדער געשיקט זייערע זין קיין פראַנקרייך. דערצו האָט מען נאָך געפונען ביי אים דעם בריוו, ווו מען רופט אָן אַ גלח — חזיר. די גע־שווירענע ריכטער פון פליימוטער באַצירק, וועלן, וואָס אַן אמת, נישט זיין קיין קאַטאָליקן, זיי וועלן אָבער האַלטן, אַז פאַר אַן איטאַליענער, אַ קאַטאָליק, איז עס אַן אויסערגעוויינלעכער פאַרברעכן. צום בעסטן וואָלט געווען דעריבער, צו אַפּעלירן צו די ריטערלעכע געפילן פון פּראָקוראָר און בעטן אים, ער זאָל נישט אַריינבנעמען דעם בריוו אין דעם באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל.

וואַנצעטי האָט זיך איינגעשפאַרט דווקא פערזענלעך זיך צו פאַרטיידיקן. אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו לייקענען, אַז ער האָט געטראָפן באַדאַן ביי דזשאָנסאָנען אין שטוב! און ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט ריכטן, אַז דאָס זאָל אַזוי גלאַטיק דורכגיין, בעת דאָס געריכט האָט געהאַט אַ פעסטן באַווייז? ניין, מען דאַרף געבן וואַנצעטין צו פאַרשטיין, אַז לויטן געזעץ קען מען אים נישט צווינגען צו זאָגן, ווער ס'איז געווען מיט אים. און פון זיין אָפּזאָגן זיך צו ענטפערן אויף דער פראַגע וועלן נישט זיין קיין שום קאָנסעקווענצן.

קאַפּיטל IX

די נעץ פון שיקזאַל

1

דאָס געריכט-הויז פון פּלימוט שטייט ביים שפּיץ פון אַ סקווער, אַ גרויסע שיינע געביידע מיט בלושטש-באַוואַקסענע ווענט, אַ זיילן-טויער און אַ נישע, אין וועלכער עס שטייט די סטאַטוע פון יוסטיטאַ, די געטין פון גערעכטיקייט, מיט אויפגעבונדענע אויגן. דער געריכט-זאַל באַשטייט פון אַ גרויסן ליידיקן, וויס-געמאָלטן רוים; איבער אַ בימה פון פּאָלירטן האָלץ הענגען די פאָנען פון די פאַרייניקטע שטאַטן און פון שטאַט מאַסאַטשוסעטס. דאָס אַלץ ווירקט זייער פייערלעך און שטרענג. דער געריכט-דינער טראָגט אַ פאַרצייטישן אוניפאָרם און האַלט אין דער רעכטער האַנט אַ צערעמאָניע-שטעקן, ווי אַ צייכן פון דעם געריכטס חשיבות.

אין דעם פרימאָרגן, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען דער פּראָצעס פון באַרטאָלאָמיי וואַנצעטין, איז דער זאַל געווען געפּאַקט מיט אַ ברידזשוואָטער עולם נייגעריקע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט אַ קוק טון אויף דעם פאַרשאָלטענעם רויבער און פון איינזיקע אַרבעטער, אַמאָליקע אויסלענדער, איטאַליענער און פּאָרטוגעזן פון נאָרד-פּלימוט, וואָס האָבן זיך דערמאָנט, ווי וואַנצעטי האָט געאַרבעט פאַר זיי בעת דעם שטרייק. די מענער האָבן געטראָגן גומענע קעלנער און ווייל זיי האָבן נישט געטראָגן קיין קראַוואַטן, האָט מען אַרויסגעזען די באַגילדעטע ספּינקעס; די ווייבער האָבן געטראָגן שאַלן און

פֿאַרטוכטער זיי זענען געזעסן אַ גאַנצן פֿרימאָרגן און דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, און מיט דער גרעסטער שפּאַנונג זיך צוגעהערט די געהיימנישפֿולע פֿאַרהאַנדלונגען אין אַ פֿרעמדער שפּראַך. עס זענען געקומען עטלעכע צוהערער פֿון באָסטאָן, אָבער נישט קיין איינציקער רעפּאָרטער, וואָרום די געשעעניש האָט געהאַט בלויז אַן אָרטיקן אינטערעס, און מ׳האָט עס איבערגעלאָזט פֿאַר די היימישע נייעס.

דער אָנגעקלאָגטער איז אַריינגעפֿירט געוואָרן אין זאַל אַריין, צוגעשמידט די האַנט צו עפּעס אַ תּפֿיסה-וועכטער. דאַן האָט מען געבראַכט צו פֿירן אַ שטאָלענע שטייג, און מ׳האָט אַריינגעזעצט אַהין דעם באַשולדיקטן. דאָס אַליין איז שוין געווען גלייך, ווי מ׳וואָלט אים פֿאַראורטיילט — אַזאַ אימהדיקן איינדרוק האָט עס געמאַכט אויף די געשוווירענע, ווייל ער איז דאָ אויסגעקומען, ווי אַ ווילדע חיה, וואָס מ׳מוז האַלטן פֿאַרשפּאַרט אין אַ שטייג. ס׳איז אַריינגעקומען דער פּראָקוראָר—אַ נידעריקער דיקער מענטש, אַ דייטש, מיט רויטע באַקן, אַ בלאָנדער, שיין, עלעגאַנט אָנגעטון. ער האָט געהייסן פֿרעד קאַצמאַן, ער איז געווען אַ פּריימוירער און געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער פּאָליטישער גרופּע, וואָס האָט באַהערשט די געגנט. דער גרעסטער טייל פּאָליטישע גרופּעס אין אַמעריקע ווערן פֿינאַנסירט פֿון די לאָקאַלע פֿירמעס און זענען באַשאַפֿן געוואָרן אויסצופֿירן זייער ווילן: אַ מלוכה-באַאַמטער זיצט אויף זיין פּאָסטן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער קען דערפֿילן זייערע באַדערפֿענישן און זייערע ווונטשן, ווי לאַנג ער טוט זייער ווילן, נישט האָבנדיק קיין שום אייגענע מיינונג.

אין דעמדאָזיקן פֿאַל האָט פֿרעד קאַצמאַן געהאַט זייער אַ פּשוטע אויפֿגאַבע — ער האָט זיך באַדאַרפֿט בלויז רעכענען מיט די פֿאָראורטיילן. ער האָט געוווסט, אַז די רויטע האָבן זיך פֿאַרנומען צו צעשטערן די אַמעריקאַנישע ציוויליזאַציע — דעריבער איז אַ פּאַטריאָטישער חוב אויסצוראָטן די רויטע. אין אַ קורצע צייט אַרום, האָט ער זיך איינמאָל באַטייליקט אין אַ באַנקעט, וואָס עס האָבן איינגעאָרדנט זיינע אַמאָליקע חברים

פון אוניווערזיטעט. דער פּאָרזיצער האָט אים פּאָרגעשטעלט פאַר אַ העלד, וואָס ראַטעוועט דעם שטאַט פון זיינע פאַרבּאָרגענע שונאים; דער באַנקעט עולם האָט געשריגן „הורא" און ער, דער פּראָקוראָר, האָט געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך באַקענט צו זיין שטרענגער פליכט. אַלע פּראָקוראָרן פון די שכנותדיקע בעצירקן האָבן צו יענע צייט געהאַלטן אַזעלכע רעדעס, — עס איז געווען אַ בעקוועמער אופן, צו ווערן פּאָפּולער, און אַזוי אַרום צו פאַרמאַסקירן כאַבאַר און אויספּרעסונגען, וואָס זענען באַצייכנט געוואָרן אין דער באַשולדיקונג קעגן איינעם פון אַזעלכע באַגייסטערסטע באַנקעט-רעדנער מיט דער פּאָרמול „אַמט-פאַרברעכן" „אַמט-שווינדל", און „פאַרנאַכלעסיקונג פון די פליכטן".

פרעד קאַצמאַן איז אין פריוואַטן לעבן געווען אַ צוגעלאָזענער מענטש און פאַרמאָגט מעלות, וואָס האָבן אים זייער באַליבט געמאַכט ביי די געשווירענע. בעת די פאַרטיידיקער זענען אַריינגעקומען אין זאַל אַריין מיט די דיקע טעקעס אַקטן און מיט וויכטיקע מינעס, האָט ער זיך הארציק באַגריסט מיט זיי. זיי זענען געווען זיינע פריינט, און בעת דער פאַרהאַנדלונג פלעגט ער זיי טאָקע אָנרופן „מיינע ברידער". ער האָט זיי געוויילט מיט זיין הומאָר, און בעת די פאַרהאַנדלונגען פלעגן איבערגעריסן ווערן, איז ער צוזאַמען מיט זיי אַרויסגעגאַנגען פון זאַל. זיי האָבן זיך צוזאַמען אַוועקגעזעצט ביים טיש און אָפּגעחוזקט איינער פון אַנדערן מיט די „פונקטן", וואָס זיי האָבן פאַרשפּילט אָדער געוווּנען. עס איז געווען פונקט ווי ביי אַ טעניס-שפּיל, מיטן אונטערשייד, וואָס ביי טעניס האָט מען באַנוצט אַ באַל און דאָ איז שפּיל פון געזעץ האָט מען זיך באַנוצט מיט אַ „וואָפּ".

II

פּאָרנט אין זאַל האָט זיך אויפגעעפנט אַ טיר און ס'איז אַריינגעקומען אַ מאָגערער, איינגעקאָרטשעטער מאַן מיט ווייסע

האָנסעס און מיט אַ פּאַרמעט־פּנים. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער זיידענער טאָגע, און אין דער רגע ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט דער געריכט-דינער אַ קלאַפּ געטון מיט זיין שטאָק אָן דעם דיל און אַ געשריי געטון:

— דאָס געריכט!

און ס׳האָבן זיך אויפגעהויבן די אַדוואָקאַטן, ס׳האָט זיך אויפגעהויבן דאָס פּובליקום און אַלע זענען שטיין געבליבן. דער געריכט־דינער האָט טיף אָפּגעאָטעמט און אויסגערופן:

— הערט זיך צו, הערט זיך צו, יעדער, וואָס וויל זיך פאַרקלאָגן פאַר דעם בכבודיקן ריכטער, וואָס משפּט איצט אין באַצירק פּליימוט און פאַרן באַצירק פּליימוט, זאָל אַריינקומען דערציילן זיין עוולה און מ׳וועט אים אויסהערן! גאָט, באַשיץ דעם שטאַט מאַסאַטשוסעטס!

דער ריכטער האָט זיך אַוועקגעזעצט, און אַלע האָבן נאָכגעטון זיין ביישפּיל.

וועבסטער טייער, דער ריכטער פון אויבער־געריכט אין שטאַט מאַסאַטשוסעטס האָט געהאַט אַ מין „טיק", ווי עס רופן עס אָן די פּאַטאָלאָגן, דאָס הייסט, אַז בעת ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף זיין סביבה, האָבן זיינע אויגן, אַ דאַנק עפּעס אַ מין נערוועזיטעט, כסדר געפּינטלט. זיין פּאַרוועלקט, שטרענג פּנים איז געווען דער סימבאָל פון דעם אַלטן פּורי־טאַנישן גייסט; זיין שטימע, ווי אַ שטאָלענע זעג, וואָס שניידט האָלץ איז געווען אַ ירושה פון זיינע אבות, וואָס האָבן שוין געלעבט גאַנצע דריי הונדערט יאָר אין דעם קאַלטן און פייכטן קלימאַט פון מאַסאַטשוסעטס. אָבער זיין פּחד פאַר דער גרויסער צאָל אויסלענדער אין זיין געריכט-זאַל האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט זיך כסדר נערוועיש אַרומגעקוקט. ער איז פּשוט געווען קראַנק אויף אַ מאַניע פון שנאה צו די רויטע און אַזוי פיל גערעדט דערפון, אַז אַ סך מענטשן האָבן אים פּשוט אָפּגעטראָטן דעם וועג אָדער גאַנץ גראָב געהייסן האַלטן דאָס מויל.

קאָרנעליע האָט נאָך ביז דאַן קיינמאָל נישט געהערט

פון וועבסטער טייער, וואָס האָט פון איצט אָן געדאַרפט ווערן איר שטודיר-אָביעקט אויף גאַנצע זיבן יאָר און וועמען זי האָט גרינטלעך דערקענט. בעת דעם פּראָצעס אין פּליימוט האָט ער נאָך נישט געוווּסט, ווער זי איז. אָבער אין אַ יאָר אַרום, בעת דעם פּראָצעס פון דעם פאַרברעכן אין זיד-ברענטרי איז ער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט און זי געלאָזט רופן דריימאָל צו זיך אין קאַבינעט, כּדי צו מאַכן אויף איר אַ פּערזענלעכן איינדרוק און צו דערקלערן איר זיין האַנדלונג. אַזוי אַרום איז קאָרנעליע דערגאַנגען, אַז אויפן גרונט פון זיין האַרצן טראָגט ער אַרום אַ געפיל פון אייגענער מינדערווערטיקייט, אַ געפיל פון אַ תּהום, וואָס ליגט צווישן אים און די אמתע „גרויסע“ פון זיין באַצירק, אַ תּהום, וועלכן ער וועט קיינמאָל נישט אַריבערשפּרייזן, אפילו דאַן, ווען ער וועט זיך דערשלאָגן צו דעם ריכטער-פּאָסטן פון העכסטן געריכט. ער איז געווען, וואָס אַן אמת, אַ טייער, אָבער נישט קיין „אמתר“ טייער. און אין מאַסאַטשוסעטס האָט מען באַזונדערס עגמת נפש, ווען מען טראָגט עפּעס אַ געאַכטעטעטן נאָמען און מ׳איז נישט פון די „אמתע“. עס זענען פאַראַן די „אמתע“ „עכטע“ קאַבאָטס, און דאָס זענען באַשטימט נישט יענע לייט, וואָס האָבן אַמאָל געהייסן קאַבאָטאָ אָבער קאַבאָטינסקי, און אויסגעפּועלט בײַ איינעם עפּעס אַ באַאמטן די ערלויבעניש, צו אַמעריקאַניזירן דעם נאָמען. עס זענען פאַראַן „אמתע“ קולידזשס, קאַלווין קולידזש געהערט צו זיי, און קאַלווין וועט קיינמאָל נישט געהערן צו זיי, מעג ער צען מאָל זיין פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן!

וועב האָט געוווינט אין וואָרטשעסטער, אַ שטאָט אין ווילדן מערב, — דאָס הייסט דערווייטערט גאַנצע פערציק מייל אין מעריב פון דער קולטורעלער השפּעה פון בעקביי. ער האָט שטודירט אין דאָרטמונד, אַ קליינער אוניווערזיטעט אין ניי-העמפּשור, אַנטקעגן וועלכן די אַבסאָלווענטן פון די שטאָלצע קינדער פון האַרוואַרד זענען מיט פינף קעפּ העכער. וועב האָט זיך תּמיד געראַנגלט מיט זיין אייגענער אומזיכערקייט, און

זיך גערן אַריינגעשטעלט אין אַזאַ לאַגע, וואָס די „בלוי-
בלוטיקע" וואָלטן עס קיינמאָל נישט געטון, ווייל זיי נויטיקן
זיך נישט אָן דעם. בעת דעם פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנ-
צעטי, האָט וועב זיך געשטעלט אויף דער וואַך פון דעם
שטאַטס אינטערעסן, אָבער אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס זאָל זיך
דער בעקביי וואַרפן אין די אויגן אַריין. אין דעמדאָזיקן
פּענאָמען האָט זי געזען אַ צייכן, אַז די פּאָליטיק גייט אונ-
טער, און אַז מ'קען איבערגעבן דעם „פּעוול" צו פירן די פּאָ-
ליטישע געשעפטן.

ער איז געווען אַ שרעקלעכער בעל גאווה, און די
שפּיל פון געריכט האָט ער געשפּילט, ווי אין אַ טעאַטער-שטיק,
וווּ ער איז דער קעניג און דער העלד צוזאַמען. אָבער ער
האָט קיינמאָל נישט געוווסט, צי ער האָט ערפאָלג מיט זיין
ראָל און אין מיטן שפּיל האָט דער אַקטיאָר געדאַרפט איבער-
רייסן, כדי איבערצושמועסן זיך מיטן פּובליקום. ער פלעגט
זאָגן צו די אַדוואָקאַטן אָדער צו די מענטשן פון פּובליקום,
וואָס זענען געקומען נאָך דער זיצונג אין זיין קאַבינעט: —
צי מאַך איך עס גוט? צו די רעפּאָרטערן פון די צייטונגען פלעגט
ער זאָגן: —נו, חברה, זעט נאָר די זאַך אַריינצושרייבן אין די בלע-
טער אָרנטלעך! —אויב דער רעפּאָרטער איז צופעליק געווען אַ שיינע,
יונגע פרוי, וואָס טרעפט זייער זעלטן, האָט ער זיך אַ נעם גע-
טון צו איר מיט דער קונסט פון עלעגאַנץ, וואָס זעט אויס ביי אַן
אַלטן מאַן מיט אַ פּנים פון אַ מומיע, נישט שטענדיק אַזוי
פיין, ער פלעגט זיך אַוועקזעצן לעבן איר אין צוג, בעת זיי זענען
געפאָרן צוזאַמען אויפן פּראָצעס, געשמייכלט, קאָקעטירט, געשענקט
איר אַ בלום און געפּלוידערט וועגן דעם פּראָצעס. זיין קול
איז געווען זייער גריל־צנדיק און ווען דער צוג איז געשטאַנען,
האָבן אַלע פּאַסאַזשירן פון וואַגאָן געהערט זיינע רייד. ער
האָט שוין מסתמא באַמערקט, ווי אומבאַקוועם דאָס איז פאַר זיין
באַגלייטערין. אָבער ס'האָט אים עפּעס נישט געלאָזט אויפהערן.

ס'איז אַן אַלטער מנהג אין די יוריסטישע קרייזן, אַז אַ
ריכטער דאַרף נישט רעדן פאַר דער עפנטלעכקייט וועגן אַ

געוויסן פאַל, לכל הפּחות אַזוי לאַנג, ווי ער פאַרנעמט זיך דערמיט. וועב טייער האָט זיך נישט געקענט האַלטן אין דידאָזיקע טראַדיציאָנעלע גרענעצן. ער פלעגט פלוידערן אין עס-זאַל פון זיין קלוב אַזוי לאַנג וועגן דעם פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטי, ביז אַלע מענטשן זענען אַוועק פון זיין טיש; איינמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו אַ פּראָפעסאָר אויף אַ פוסבאָל-פּלאַץ אין דאַרטמונד און אים אַ פרעג געטון מיט אַ הויכער שטימע:

— איר האָט געזען, ווי איך האָב אָפּגעשפּילט אַ סעמעלע מיט די אַנאַרכיסטישע פאַרכעס, האַ?

III

איינער נאָכן אַנדערן זענען אַריינגעקומען די מענער, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פאַר געשווירענע, און זענען אויסגעפרעגט געוואָרן. לויט דער געריכטלעכער פּראָצעדור אין מאַסאַטשוסעטס זענען דידאָזיקע פראַגעס געשטעלט געוואָרן פון ריכטער, און די פאַרטיידיקער מצד דעם אָנגעקלאָגטן האָבן זיך געקענט באַנוצן מיטן רעכט אָפּצוואַרפן זיי. איינער נאָכן אַנדערן זענען באַשטימט געוואָרן די געשווירענע: אַרטור וו. בורדזשיס, שוסטער אין הענסאָן, הענרי ס. בורדזשעס, שטאָט-אינספּעקטאָר אין ווערעם, דזשאָזעף פּרענלײ, שוסטער אין בראָקטאָן, טשאַרלס אַ. דזשעל, אָנגעשטעלטער אין נאָר-יעל — און אַזוי ווייטער, לויטער אַנגלאָזאַקסישע נעמען. עדווין פּ. ליכטפעלד, שוך-אַרבעטער אין פעמבראָק, אָליווער פּ. פּול, אָנגעשטעלטער אין בראָקטאָן, אַלפרעד מ. סנאָו, אירלענדער, אַרבעטער אין סערוועל, טשאַרלס ס. ווילבור, שוסטער אין קינגסטאָן. דידאָזיקע קליינע מענטשעלעך פון אַלטן שטאַם, וואָס זיי איז עפּעס צוליב אומבאַקאַנטע טעמים נישט געלונגען רייך צו ווערן, האָבן געקוקט מיט אַ ביטערער פאַראַכטונג אויף די „פרעמדע", וואָס זענען אָנגעקומען דאָ אין לאַנד, דערנידעריקן די לױנען און פאַרביטערן דעם „ווייסן" פון

ניי-ענגלאַנד דאָס לעבן. נישט האָבנדיק דעם מינדסטן זין פאַר קלאַסן-סאָלידאַריטעט האַלטן זיי זיך מיט אַלע כּוחות בּיי דער אַמעריקאַנישער אידעע, אַז זייערע קינדער וועלן ווען עס איז אַריינקו- מען אין דעם קלאַס פון די רייכע. קעגן די איטאַליענער נעמען זיי אָן די זעלביקע שטעלונג, ווי דער פאַראָרעמטער ווייסער אין דרום פון די פאַרייניקטע שטאַטן אַנטקעגן די נעגער.

— אָט די אַלע וואָפּס האַלטן איינער פאַרן אַנדערן — האָט געזאָגט אַ געשווירענער צו זיין קאָלעגע, בעתן שמועס אין רעסטאָראַן. די באַמערקונג האָבן געהערט אַנדערע אויך, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין שום פאָלגן.

צווישן די געשווירענע איז געווען אַרטור ניקערסאָן, מייסטער פון אַן אָפּטיילונג אין דער פלימוטער שטריק-פאַבּ- ריק! אַן אַנדערער מייסטער פון דער זעלבער פירמע האָט דעם אַגיטאַ- טאָר וואַנצעטי אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס און גאַנצע פיר יאָר אָדער נאָך מער זיך אָפּגעזאָגט, צו געבן אים אַרבעט. אַנדערע האָבן אים אויך אָפּגעזאָגט, און איינער האָט אים נאָך דער ענדע פון שטרייק אַכצן חדשים נאָכאַנאַנד נאָכגע- שפּירט מיט שפּיאָנעס. און ערשט האָט דער מייסטער ניקער- סאָן געדאַרפט משפּטן, צי מ׳זאָל וואַנצעטין באַפרייען, כּדי ער זאָל אָנפירן אַ נייען שטרייק און אויסברענגען דער שטריק-פאַבּריק אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר, אַלס לוין- הוספה. וואַנצעטיס פריינד האָבן זיך צוגעקוקט מיט שרעק ווי זיינע אַדוואָקאַטן וואָרפן נישט אָפּ אַזאַ געשווירע- נעם. זיי האָבן זיך געפרעגט, צי די סיבה דערפון איז נישט דאָס, וואָס איינער פון די אַדוואָקאַטן איז אַן אַקציאָנער פון דער געזעלשאַפט, און ער האָט פון דער געזעלשאַפט נישט נאָר קיין הכנסות נאָר אויך פאַרשידענע יוריסטישע פאַרדינסטן?

דעם פּראָקוראָרס אַסיסטענט האָט זיך אויפגעשטעלט, און אין אַ רעדע האָט ער געשילדערט פאַר די געשווירענע דעם אינהאַלט פון דער באַשולדיקונג. ער האָט אַנטוויקלט דידאַקטיקע גאַונישע „טעאָריע" פון קאַקיס הויז און דעם באַנדיטישן אויטאָמאָביל, וואָס איז צוגעגנבעט געוואָרן אַ חודש פאַרן

פאַרבּרעכן און ברידזשוואָטער און נאָך דעם פאַרברעכן אין זיד-ברענטרי געפונען געוואָרן שטיין, אָן שום באַלעבאָס, אין וואַלד פון מענליי. ער האָט געלאָזט ברענגען דעמדאָזיקן אויטאָמאָביל, אַ ביוק, פאַרן געריכט, און דאַן האָט ער דערציילט פון באָדאַן: ער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז באָדאַ איז קורץ פאַרן פאַרברעכן געפאָרן אין אַ ביוק. ער האָט אויך גערעדט פון אָרקיאַנין, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מ'האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון באָדאַס באַשולדיקונגען צוליב זיינע אַמעריקאַנישע אַליבּיס; ער האָט גערעדט פון סאַקאָן, נישט געקוקט אויפן פאַקט, וואָס אויפן גרונד פון די אַמעריקאַנישע אַליבּיס האָט מען אין דעמדאָזיקן פּראָצעס געמוזט מבטל מאַכן די באַשולדיקונג קעגן סאַקאָן אויך. ער האָט אָנגעצייכנט פאַר די געשווירענע אַ קינסטלערישן בּילד פון רויבער-באַנדעס, רויבער-היילן, רויבער-אויטאָס, — און דאַן האָט ער אין משך פון דעם גאַנצן פּראָצעס פאַרגעסן צו ברענגען אַפילו דעם קלענסטן באַווייז פון אַ שייכות צווישן סאַקאָן, קאָאַקין, אָרקיאַנין אָדער באָדאַן מיטן פאַרברעכן, אָדער די שייכות צווישן קאָאַקיס הויז מיטן פאַרברעכן אָדער די שייכות פון דידאָזיקע פינף מענטשן מיטן אַזוי גערופענעם באַנדיטן-אויטאָמאָביל און דעם פאַרברעכן. מ'האָט זיך געשטיצט אויף די ערקלערונגען פון איין איינציקן עדות: איינער, אַ מילכיקער, האָט געזען פאָרן באָדאַן אין אַ ביוק אַ חודש אָדער צוויי פאַרן פאַרברעכן. לפּחות איז ער ביי דער מיינונג, אַז דאָס איז געווען באָדאַ און אַז דער אויטאָ איז געווען אַ ביוק. פונדעסטוועגן האָט מען אַריינגעשלעפּט אָט דעם גאַנצן אָפּשרעקנדיקן מאַטעריאַל נישט נאָר אין דעם פּלימוטער פּראָצעס, נייערט אויך אין דעם שפּעטערדיקן פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטין, אין דעם פאַרברעכן פון זיד-ברענטרי. אין ביידע פאַלן האָט מען געברענגט צו פירן דעם באַנדיטן-אויטאָ, מ'האָט געוויזן די געשווירענע דעם לאָך פון דער קויל, דאָס טירל, און אַזוי אַרום אַריינגעגעבן זיי אַ היפּשע מאָס סתם פאַרדעכטיקע געפילן.

טו

בנימין פ. בועלס אַלס עדות פאַרן געריכט: ספּעציע־לער וועכטער אין דינסט פון דער שיף־געזעלשאַפט און גלייכ־צייטיק מיטגליד פון מיק סטוּאַרטס פּאָליציי־גרופּע אין ברידזשוואָטער. ער איז געזעסן לעבן דעם שאָפער אויפן לאַסט־אויטאָ, בעת צוויי באַנדיטן, איינער מיט אַ קורצער ביקס, דער אַנדערער מיט אַ רעוואָלווער, זענען אָנגעלאָפן פון אַ זייטיקער גאַס און אָנגעהויבן שיסן. דער שאָפער פון דעם געלט־אויטאָמאָביל איז געפאַלן אין חלשות פון שרעק. בועלס האָט אָנגעכאַפּט דאָס רעדל און געקערעוועט דעם אויטאָ מיט דער לינקער האַנט, בעת מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געשאָסן אויף דעם באַנדיט מיט דער קורצער ביקס, ביז דער באַנדיט האָט זיך אויסגעדרייט און אַנטלאָפן געוואָרן. אין אַ שפּעטערדיקער תקופה פון פּראָצעס איז בועלס נאָכאַמאָל אַרויסגעטרעטן פאַר אַן עדות, און דאָסמאָל האָט ער געענדערט זיינע דערקלערונגען, כדי אויסצוגלייכן זיי מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט בעת דער אויספאָרשונג. ער האָט ער שוין דאַן געשווירן, אַז ער האָט געשאָסן נישט אויף דעם באַנדיט מיט דער שרויט־ביקס, נאָר אויף דעם אַנדערן מיטן רעוואָלווער. דער־דאָזיקער פּאָליציאַנט האָט אַלזאָ אויסגעמאָלט פאַר די געשוווי־רענע אַט אַזאַ בילד: מיט דער לינקער האַנט קערעוועט ער אַ שנעל־פאָרנדיקן אויטאָ, מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געשאָסן פון אַ רעוואָלווער און אין דער זעלביקער צייט האָט ער אָנגעשטרענגט זיינע אויגן, צו שטודירן די פּערזאָן פון אַ צווייטן באַנדיט און דערצו נאָך אַזוי גענוי, אַז ער האָט געקענט שילדערן די שטריכן, די האָר און די קליידונג פון באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי, וואָס איז שוין איצט געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק. בעת דער אונטערזוכונג איז בועלס גע־ווען „גאַנץ זיכער", אַז דער באַנדיט מיט דער שרויט־ביקס האָט געהאַט קורץ־אָפּגעשוירענע וואָנסעס. איצט אָבער, בעתן

משפט איז ער געווען „זיכער", אַז דער באַנדיט האָט געהאַט „געדיכטע" וואָנסעס.

און דאַן קומט אַ פאַבריק-אינספעקטאָר מיטן נאָמען פראַנק הארדינג, וואָס איז אַליין בייגעווען דעם פאַברעכן. אין אַ פאָר שעה אַרום נאָך דער געשעעניש האָט ער געשמועסט מיט אַ רעפּאָרטער פון באָסטאָנער „גלאָב" און געשילדערט דעם באַנדיט מיט „אַ גלאַט ראַזירטן פּנים". בעת דער אויספאָרשונג האָט ער שוין געדעדט פון „זייער גרויסע טשאַרלי טשאַפּלין-וואָנסעס". איצט בעת דער געריכטס-פאַרהאַנדלונג דערקענט ער אין וואַנצעטי דעם מענטשן מיט די וואָנסעס. פונקט אַזוי איז ביי אים קלאָר געווען, אַז אָרקיאַני איז דער צווייטער באַנדיט געווען; דער פאַקט אָבער איז ביי דעם פּראָצעס נישט דערמאָנט געוואָרן און צוזאַמען מיט דעם איז טאַקע נישט דערמאָנט געוואָרן די דערקלערונגען פון רעפּאָרטער פון „גלאָב". ערשט אין אַ סך יאָר אַרום האָט מען זיי אויסגעגראָבן פון פאַרגעסנהייט — און מען וואָלט זיך געקענט פאַרשפּאָרן די מי. פאַר די פינקערטאָן-אַגענטן האָט הארדינג געשילדערט דעם אויטאָמאָביל פאַר אַ האָדסאָן; ער איז געווען אַן אויטאָ-מעכאַניקער און האָט זיך אַביסל געקענט אויף אויטאָס. איצט אָבער האָט ער דערקלערט אונטער אַ שבועה, אַז דאָס איז געווען אַ ביוק, אַ הוילער צופאַל, וואָס די „טעאָריע" האָט געדאַרפט האָבן, אַז דער אויטאָ זאָל דווקא זיין אַ ביוק.

און דאַן קומט דער געלט-פירער סאָקס, וואָס האָט געשילדערט דעם באַנדיט מיט דער שרויט-ביקס פאַר אַ „קליינעם און דאַרן נפש", איצט איז ער שוין געווען הויך ווי בועלס, אַ מעטער זיבעציק די הויך". אָבער קיין שום באַמיונגען מצד דעם פּראָקוראָר האָבן נישט געקענט ווירקן אויף אים, ער זאָל באַשטעטיקן, אַז ער איז איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען וואַנצעטי.

דערנאָך איז געקומען די עלטערע פרוי דזשאָרדזשינאַ ברוקס, און מיט איר האָט זיך דער גאַנצער קאַלענדאַר מיט

אונזער צייט אַ דריי געטון אויף צוריק. פּרוי בּרוקס האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער פון וואָק־זאַל — זי האָט גענוי אָנגעגעבּן וואָסער פענסטער עס איז געווען — און פּלוצלונג דערזען „פייער און רויך פון אַ ביקס". צופעליק איז צווישן דעם פענסטער און דעם אָרט פון דער געשעעניש, אַ מעכטיקע מאַסע פון צוויי צוויי־שטאָקיקע הייזער. די פאַרטיידיקונג האָט פאַרגעלייגט צו נעמען אַ געאָמעטער, ער זאָל גענוי אויפצייכענען דאָס אָרט פון דער געשעעניש — אָבער דאָס איז געקומען פונקט ווי אַלצדינג — צו שפּעט.

ווייטער האָט פּרוי בּרוקס דערקלערט, אַז זי האָט גענוי געקענט זען די באַנדיטן אין זייער אויטאָמאָבּיל אויפן וועג צום וואָקזאַל. זי האָט דערקענט אין וואַנצעטין דעם מענטש, וואָס זי האָט צוויי מאָל אָנגעקוקט און ער האָט „צאָרנדיק" געענטפערט אויף איר בּליק. פאַרוואָס זי האָט זיך אויסגעדרייט, כּדי אַ צווייט מאָל נאָכצוקוקן דעם אויטאָ, און פאַרוואָס זי האָט אַזוי שטאַרק באַטראַכט די שטריכן פון אַ מענטשן, וואָס איז גלייכ־גילטיק געזעסן אין אויטאָמאָבּיל, האָט פּרוי בּרוקס נישט גע־קענט דערקלערן. אָבער זי האָט צוגעגעבּן, אַז מיט איין אויג האָט זי קוים געקענט זען די שטריכן פון די זאַכן, ווייל דעם אַנדערן אויג האָט זי גראָד קורירט ביי אַ דאָקטאָר.

דערנאָך דער יוגגער סנאָו, וואָס האָט געהערט די שי־סעריי און זיך באַהאַלטן אונטער אַ בּוים אויף אַ מרחק פון פערציק מעטער האָט ער געזען אַנטלויפן דעם באַנדיט מיט דער שרויט־ביקס און דערקלערט, אַז נאָכן ,ויפן נאָך האָט ער דערקענט, אַז דער באַנדיט איז אַן אויסלענדער.

— פון וועלכן לאַנד? — פרעגט מען אים. און דאָס ייִנגל ענטפערט:

— אָדער אַן איטאַליענער, אָדער אַ רוס.

— צי לויפט דען אַ רוס אָדער אַן איטאַליענער אַנדערש ווי אַ שוועד אָדער אַ נאָרוועגיער?

— יאָ.

— וואָס איז דער אונטערשייד?

— אומזיכערער.

און איצט איז געקומען מיק סטואַרט, אַ ברייט-בייגיקער, מיט שטאַרקע מוסקולן, מיט גראָבע אויגן-לעדערלעך. ער האָט מיטגעבראַכט זיין „טעאָריע” — אָבער מען דאַרף געדענקען, אַז פון די דעטעקטיוון, וואָס האָבן דידאָזיקע טעאָריע אויסגעטראַכט, האָט ער נישט דערמאָנט קיין וואָרט! ער האָט אויך גערעדט פון די פינקערטאָן-אַגענטן, און ווי זיי האָבן באַזאָרגט האַרדינגס דערקלערונגען. האַרדינג האָט זיך נאָטירט דעם נומער פון אויטאָ און מיקן איבערגעבן אַ באַריכט, וואָס ער האָט, צום אומגליק, פאַרלוירן. צום אומגליק האָט אויך געדאַרפט טרעפן, אַז דער אויטאָ, וואָס די פאָליציי האָט געפונען אין וואַלד זאָל אויך נישט האָבן קיין נומער-שילד.

מען ווייזט אים וואַנצעטיס היטל. און דער עדות דערקלערט אונטער אַ שבועה, אַז זי איז פונקט ענלעך צו דער היטל פון דעם באַנדיט מיט דער שרויט-ביקס — הגם סאַקאָ און פרוי ברוקס האָבן דערקלערט — אויך אונטער אַ שבועה — אַז דערדאָזיקער מאַן האָט גאָר געטראָגן אַ ווייכן הוט. און דאָס איז געווען אַזוי גוט ווי אַלץ, וואָס מ׳האָט זיך גאָר געקענט ווונטשן, נישט אַריינגערעכנט נאָך אַ ליידיקע גילזע פון צוועלף שרויט-פאַטראָנען, וואָס מ׳האָט געטענהט, אַז זי האָט זיך געפונען אויפן אָרט פון אָנפאַל. בעת מ׳האָט אַרעסטירט וואַנצעטין האָט ער געהאַט אין קעשענע פיר פאַטראָנעס, וועלכע זענען בייגעלייגט געוואָרן צום באַשולדיקונגס-מאַטעריאַל. אָבער די געשווירענע האָבן זיך נישט דערוווּסט, ווי אַזוי די פאַטראָנעס קומען צו אים אין קעשענע: אין טאָג פון אַרעסט איז ער געווען ביי סאַקאָן אין שטוב. די פאַמיליע האָט זיך גראָד געפאַקט אויף דער רייזע קיין איטאַליען, און די פיר פאַטראָנעס, וואָס זענען איבערגעבליבן פון אַ יאַגד, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אויף אַ פאָליצע. וואַנצעטי האָט זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע און געזאָגט, אַז ער וועט זיי געבן אַ חבר, און נעמען ביי אים דערפאַר פופציק סענט פאַר דער „זאַך”. דידאָזיקע געשיכטע דאַרפן אָבער די געשווירענע נישט

וויסן, ווייל מען וועט פרעגן וואַנצעטין, וואָס אַזוינס ער מיינט מיט דער „זאַך”, און ער וועט מוזן ענטפערן, אַז דאָס מיינט ער די „בייזע” זאַך פון אַנאַרכיזם. מ'האָט אויך נישט געקענט איינלאַדן סאַקאָן אָדער זיין פרוי, פאַר אַן עדות, ווייל אַזוי אַרום וואָלט מען דאָ אַריינגעצויגן דעם צווייטן פאַרברעכן, און די אַדוואָקאַטן האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער יוריסטישע פיקציע, אַז די געשווירענע ווייסן נאָך גאָרנישט וועגן דעם צווייטן פאַרברעכן — הגם יעדער פון די געשווירענע האָט געלייענט די פעטע מעלדונגען אויף דער ערשטער זייט פון אַלע טאָג־בלעטער, און הגם דער אַסיסטענט פון פּראָקוראָר האָט אַריינגענומען סאַקאָן אַלס אַ טייל פון זיין „טעאָריע”.

V

אַזוי האָט אויסגעזען די באַשולדיקונג פון שטאַט מאַסאַטשוסעטס קעגן באַרטאָלאָמיי וואַנצעטין. און איצט איז געקומען די צייט, אַז דער באַשולדיקטער זאָל באַווייזן זיין אומשולד, און איבערצייגן די געשווירענע ריכטער, די יענקיס. קאָרנעליע, בעטי און זשאָ, וואָס האָבן טאָג און טאָג נאָכגעקוקט די געשעענישן מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, האָבן זיך צו שפּעט אַרומגעזען, וואָס פאַר אַן ערנסטע זאַך דאָס איז. זיי זענען געזעסן, אָט די אַלטע איינגעבוירענע אַמעריקאַנער פון ניי־ענגלאַנד, די געשווירענע מיט מאָגערע און שטרענגע פּנימער, לרוב עלטערע מענער, ווייל די יונגע און באַוועגלעכע האָבן שטענדיק געפונען אַ מיטל זיך אַרויסצודרייען פון דעם פליכט צו זיין געשווירענע; מענער מיט אַזעלכע נעמען ווי בורדזשיס, דזשעל, לייכטפילד, ניקערסאָן און סנאָו זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו גלויבן די רייד און עדות־זאָגן פון וויקטאָריאָ פּאַפּאַ, קאַרלאָ באַלבאָניאַ, ווינצענצאָ ברייני, ענריקאָ באַסטאָני, טערעזאַ מאַלאַדזשוטי, אַדאַלאַדיאַ באָנדזשיאָוואַניאַ און מאַרגאַריט פּיאָקכי: מענער מיט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן־ברעמען, ברייטע פּנימער און אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן־ביינער, נישט אָפּגעהיט,

פינסטער, אין שלעכטער, ביליקער הלבשה; ווייבער קליינע און קיילעכדיקע מיט ברייטע מיילער און נידעריקע שטערנס, אָן קעלנער אויף זייערע בלוזקעס, מיט די פאַרטוכער פון פאָרנט, און מיט ברודיקע טיכער אויף די אַקסלען, — און ווען זיי רעדן, איז עס אַן אויסלענדישער גאָרלעריי, וואָס ווערט איבערגעזעצט פון אַ דאָלמעטשער, וועלכער זעט נישט ווייניקער אויס באַנדיט, ווי די אַלע אַרומיקע! דאָס זענען געווען די „דאַגאָס", וואָס רייסן אַרויס דעם אַלטן שטאַם דאָס ברויט פון מויל אַרויס, וואָס פאַרפלייצן די פאַבריק-שטעט, טראָגן אַרום רעוואָלווערן, לעבן ווי די חזירים און האָדעווען אַזאַ גרויסע צאָל פון קליינע חזירימלעך, וואָס מ'קען זען נאָר ביי אַ פערמער... „דידאָזיקע וואָפּס האַלטן זיך צוזאַמען" האָט געזאָגט איינער פון די געשוווירענע. און דאָס גאַנצע אַלט-געזעסענע ניי-ענגלאַנד האָט מספים געווען מיט אים.

פרוי מערי פּאָרטיני, וואַנצעטיס באַלעבאָסטע, האָט דערקלערט, אַז יענעם טאָג פאַר ווייַנאַכט האָט זי אים אויפגעוועקט זעקס אַזייגער פאַרטאָג: ער האָט שנעל אַראָפּגעשלונגען זיין קאַווע מיטן ברויט פון פרישטיק און באַלד אַרויס ברענגען דאָס וועגל מיט די אַאַל-פיש. קאַרלאָ באַלבאָני האָט דערציילט, אַז גייענדיק אַהיים פון זיין נאַכט-אַרבעט, האָט ער געבעטן פרוי פּאָרטיני, זי זאָל אויפוועקן וואַנצעטין, כדי ער, באַלבאָני, זאָל זיין דער ערשטער קונה. זשאָן די קאַרלאָ, אַן אייגנטימער פון אַ שיך-געשעפט, האָט עדות געזאָגט, אַז באַלד נאָך זיבן אַזייגער, בעת ער האָט גראָד אויסגעקערט זיין געוועלב, האָט אים וואַנצעטי אַריינגעבראַכט פיש. דער פּראָקוראָר האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צעטומלען דידאָזיקע עדות און אַריינצוברענגען זיי אין אַ סתירה.

די פראַגע פון די „ראַדיקאַלע אָנשויאונגען" האָבן אויף דעם פּראָצעס נישט געזאָלט דערמאָנט ווערן; די געשוווירענע ריכטער האָבן נישט געזאָלט דערפון וויסן, און אין יאָרן אַרום האָט מען געקענט הערן, ווי ס'האָבן העלדיש געטענהט ריכטער און רעדאַקטאָרן, גובערנאַטאָרן, רעקטאָרן פון אוניווערזיטעטן

און אנדערע הויך-געשטעלטע פערזענלעכקייטן, אז דידאָזיקע פראַגע האָט אזוי לאַנג נישט געשפּילט קיין ראָלע, ביז די פּאַרטייִדיקער האָבן בעתן פּראָצעס אַליין זי אויפגעהויבן. אָבער טוט נאָר אַ קוק, פּלוצלינג ווענדעט זיך דער פריינטלעכער פּראָקוראָר צום שיך-קרעמער מיט אזא פראַגע:

— צי האָט איר אַמאָל ביידע גערעדט וועגן פּאָליטישע זאַכן? צי האָט איר אַמאָל אַרומגערעדט די פראַגע פון אָרעם און רייך?

באַלד נאָכדעם איז אַריינגעקומען מיכאַעל זאַסי, אַ גערטנער, אַלס עדות, און דער באַשולדיקער פרעגט אים:

— צי ווייסט איר עפּעס וועגן זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען? צי האָט איר געהערט אַמאָל פון אייער פריינט אין דער שטריק-פאַבריק אַ רעדע? —

אזא פראַגע האָט גראָד געפירט צו דעם, אז מ'זאָל זיך דערוויסן וועגן רעפּוטאַציע — נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען אויסצומיידן זי.

— איר האָט אַ סך מאָל געגעסן מיט וואַנצעטין, נישט אמת? — האָט געפרעגט דער פּראָקוראָר.

— איך האָב אָפטמאָל געגעסן ביי די ברינים אַלס גאַסט: וואַנצעטי האָט געוווינט ביי די ברינים און איז טיילמאָל געזעסן ביים טיש.

— איר האָט אַמאָל געשפּילט מיטן באַשולדיקטן אויך?

— וואַנצעטי שפּילט נישט אין קיין קאָרטן.

— אָבער גערויכערט צוזאַמען?

— איך רויכער נישט.

— און וויפל מאָל אַ שטייגער האָט איר געטרונקען מיט אים?

— וואַנצעטי טרינקט נישט.

אין אַ צייט אַרום האָט וואַנצעטי באַמערקט וועגן די דאָזיקע פראַגעס:

— וואָס פאַר אַ קאָמישע מעטאָדע, אַרויסצוגעפונען, צי איך בין געווען אין ברידזשוואָטער דעם פּיראָונצוואַנציקסטן

דעצעמבער און אויסגעפירט דאָרט אַ רויב-אָנפאַל אָדער פאַר־קויפט מיינע פיש אין פליימוט!

אָרימער וואַנצעטי, וואָס איז געזעסן שטומערהייט אין זיין שטייג און געמוזט זיך צוקוקן צו דעם! טאָמער האָט ער זיך איינמאָל דערוועגט אַריינצומישן, האָט מען אים שטרענג פאַרזאָגט. ער האָט זיך שווייגנדיק געמוזט צוקוקן צו די שווינעריייען פון דער פּראָקוראַטור און צום גאַנצן פאַלשן אופן פון דער פאַרטיידיקונג. ער, וואָס האָט דורך דער גאַנצער צייט, פון דעם אָנהויב ביז צום סוף פון דער געשעעניש, פאַרשטאַנען דעם גאַנצן פּראָצעס בעסער ווי אַלע אַנדערע, בעסער ווי די באַרימטסטע און טייערסטע אַדוואָקאַטן! ער, וואָס האָט אויפגעדעקט יעדער סיבה, צעגלידערט יעדן כאַראַקטער, און געקענט פאָראויסזאָגן, וואָס עס וועט געשען, — ער האָט דאָ געמוזט זיצן און זיך צוקוקן, ווי אַלצדינג אין געוואָרן צוגעגרייט אַזוי, אַז דער גאַנצער אומגליק קייקלט זיך אַראָפּ אויף אים לאַנגזאַם, ווי אַן אַראָפּפאַלנדיקער גלעטשער, וואָס וועט אים צעשמעטערן אויף שטיקלעך.

VI

איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי ערשינען, די איטאַליענישע עדות, און דערציילט וועגן וואַנצעטיס אַרבעט אין יעדער שעה פון יענעם קריטישן טאָג. ווינצענצאָ איז געקומען אַהיים פון זיין נאַכט-אַרבעט, האָט געקויפט עטלעכע אַאַל-פיש און געשמועסט אַביסל מיט זיין פריינט און געוועזענעם לאָקאַטאָר. באַסטאָני דער בעקער האָט זיך אָפּגעזאָגט אים צו באָרגן דעם פערד און וואָגן; די צייט געדענקט ער גוט, פינף מינוט נאָך האַלב אַכט, ווייל אין דער זעלבער רגע, ווען וואַנצעטי איז אַריינגעקומען אין געוועלב, האָט געפייפט די פאַבריק און „דערדאָזיקער פייף איז אונזער טעגלעך ברויט". און דאַן בעלטראַנדאָ בריני, אַ צוועלף יאָריק ייִנגל מיט העלע אויגן, וואָס האָט זייער גוט גערעדט ענגליש און די גאַנצע פאַרהאַנד־

לונג גוט תּופֿס געווען. טראַנדאָ איז געווען מיט וואַנצעטין צוזאַמען האַלב אַכט אַזייגער, דערנאָך האָט אים וואַנצעטי אַהיימגעשיקט, ער זאָל אַראָפּנעמען זיינע קאַלאָשן פֿון בוידעם אַראָפּ. טראַנדאָ איז צוריק אַרויסגעקומען, פּונקט דאַן ווען וואַנצעטי איז אַרויס פֿון געוועלב. און דאָ האָט ער געשילדערט זיין אַנטשוישונג צוליב דעם, וואָס זיי האָבן נישט באַקומען ד׳עם פערד־און־וואָגן, און ווי ער האָט נאָכדעם גערעדט דערפֿון יעדן טאָג. ער האָט געשילדערט, ווי ער מיט וואַנצעטי זענען אַרומגעגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב, פֿון איין גאַס אויף דער אַנדערער און ביז צען מינוט נאָך האַלב דריי פֿאַרקויפֿט די פֿיש. ער האָט אויסגערעכנט די נעמען פֿון די גאַסן און פֿון די קונים, האָט געשילדערט די שטיבער און אַלע זאַכן איבערגעגעבן אויף אַזוי פֿיל, וויפֿיל ער האָט נאָר געדענקט.

הער קאַצמאַן האָט זיך אַ נעם געטון צום יינגל און צוויי שעה נאָכאַנאַנד אים געפּרוווט אַריינגנאַרן אין אַ נעץ. ער האָט אים געלאָזט עטלעכע מאָל איבערזאָגן איינצלנע פּרטים פֿון זיין עדות־זאָגן, מיט דער האָפֿענונג, אַז ער וועט ערגעץ געפֿינען אַ סתּירה. ער האָט זיך געמאַכט אַזוי, ווי טראַנדאָ וואָלט געזאָגט אַזעלכע זאַכן, וואָס ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט אים געפּרוווט עטלעכע מאָל צעמישן, בעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער צאָל פֿון די שעהן, וואָס טראַנדאָ מיט וואַנצעטין זענען געווען צוזאַמען: טראַנדאָ האָט נעמלעך, אָפּגערעכנט די צייט, וואָס ער האָט געדאַרפֿט, כּדי צו גיין אָפּעסן מיטאָג, און הער קאַצמאַן האָט זיך געמאַכט אַזוי, ווי ער וואָלט עס נישט געקענט פֿאַרשטיין. ער האָט אים געפֿרעגט, וויפֿיל עס האָט געוויגן דער קאָרב, צי טראַנדאָ איז געווען בכּוח צו טראָגן אַזאַ שווערן קאָרב, צו שלעפּן אים אויף אַזאַ לאַנגן וועג, ווי ער האָט געשילדערט? טראַנדאָ האָט געענטפֿערט, אַז מען קען לייכט פֿאַרשטיין, אַז פֿון שטוב צו שטוב איז דער קאָרב געוואָרן גרינגער. סוף כּל סוף האָט זיך קאַצמאַן געמוזט אָפּזאָגן פֿון דער שפּיל און

געזאָגט צו טראַנדאָן, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ צווייטער קאַצמאַן. ווענדענדיק זיך צו די געשווירענע, האָט ער צוגעגעבן:

— די עלטערן פון אַזאַ אינטעליגענטן ייִנגל האָבן רעכט צו זיין שטאָלץ מיט אים. אָבער דאָס וואָס ער האָט דאָ דערקלערט, שטייענדיק פאַר אייך אַלס עדות — איז אַן אויסגעלערנטע לעקציע.

דאַן האָבן זיך געשטעלט אַ רייע איטאַליענישע באַלעבאָסטעס, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז וואַנצעטי האָט זיי פאַרקויפט פיש. עס איז געווען פון אַכט ביז צען פרויען, און נאָכאַמאָל אַזוי פיל וואָלט מען געקענט באַקומען. אָבער די אַדוואָקאַטן האָבן געזאָגט, אַז ס'וועט נישט טויגן. „אַזוי פיל פּלוידעריי וועגן פיש וועט די געשווירענע זייער לאַנגווייליקן" האָבן זיי דערקלערט". אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן צו גלויבן איין טוץ איטאַליענער, צי וועלן זיי דען גלויבן צוויי אָדער דריי טוץ? די אַדוואָקאַטן האָבן געטענהט, אַז זיין אומשולד איז באַוויזן. אָבער וואַנצעטי איז נישט געווען באַפרידיקט, ער האָט זיך שטאַרק באַאומרואיקט דערפון, וואָס די באַשולדיקונג האָט אים דווקא געהאַלט צוטשעפּען אַ פּאָר קורצגעשוירענע אויפגעשטעלטע וואָנסעס. ער האָט געוויזן זיינע ווייכע, זיידענע האָר, וואָס שטייען קיינמאָל נישט אָפּ. זיי זענען געווען אַזוי פיל, אַז ער האָט תמיד געמוזט טראָגן לאַנגע וואָנסעס. ווען ער וואָלט זיי אָפּגעשוירן וואָלט גאָרנישט איבערגעבליבן. אַכט יאָר נאָכאַנאַנד איז ער אַרומגעגאַנגען מיט זיינע לאַנגע וואָנסעס, ווי ביי אַ ים-פערד, אין דעם קליינעם שטעטעלע פּליימוט, און אַלע האָבן אים געקענט. צווישן די געשווירענע אָבער איז געזעסן בלויז איין מענטש פון פּליימוט און זיי האָבן אים דעריבער נישט געקענט. וואַנצעטי האָט דערקלערט, אַז דער אמת וועגן זיינע וואָנסעס מוז אויפגעקלערט ווערן, און זייער אויפגערעגט האָט ער אויפגעפּאָדערט זיינע אַדוואָקאַטן, צו דערפילן זיין ווינטש. אַנישט וועט ער אויפשטיין

פּאַרן געריכט און פעסטשטעלן די אומטרייהייט פון די פּאַרטיידיקער צו זייער קליענט.

אַזוי אַרום האָט מען אין דער סאַמע לעצטער רגע אַוועקגעשיקט דעם איטאַליענישן „שלעפּער", צו ברענגען עטלעכע וואַנצעטיס באַקאַנטע, וואָס ווייסן, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשוירן זיינע וואָנסעס. אויך קאָרנעליע, בעטי, זשאָ און די בריניס האָבן זיך גענומען אויסצוזוכן אַזאַ מענטשן — און ס'איז געווען אַ מאָדנע איבערלעבעניש, אַ פיינלעכע אַנטפּלעקונג פון דער מענטשלעכער נאַטור אין דער אָרעמער נישט דרייסטער טעקסטיל-שטאָט פּליימוט. פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געקענט וואַנצעטין, וועלכן זיי האָבן אַכט יאָר נאָכאַנאַנד געזען עטלעכע מאָל אין דער וואָך אויפן גאַס, האָבן מורא געהאַט, נישט צו פאַרלירן דעם פּאָסטן, ווען זיי וועלן עדות זאָגן וועגן דער לענג פון זיינע וואָנסעס! בוי-אונטערנעמער, וואָס פלעגן אים באַשעפטיקן, האָבן זיך געזאָרגט פאַר זייערע קינפטיקע באַשטעלונגען! איטאַליענישע ראַזירער האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע אַנשטאַלטן און זייער קליינעם אַלקאָהאָל-שמוגל.

לסוף האָבן זיי געפונען צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן בערוועיש און וואַקלענדיק דערקלערט, אַז וואַנצעטי האָט שטענדיק געטראָגן לאַנגע וואָנסעס, ווי ביי אַ ים פערד. זיי האָבן אויסגעפונען איינעם אַן איטאַליענישן בעטאָן-בוי-אונטערנעמער, מיטן נאָמען כריסטאָפאָר, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַ וואַנצעטי האָט געאַרבעט ביי אים און אַז ער האָט אים געשעצט פאַר אַ טיכטיקן אַרבעטער און אים שטענדיק געזען מיט די לאַנגע וואָנסעס. דער באַשולדיקער האָט זיך באַמיט צו צעמישן דעם עדות, וואָס האָט, אַגב, נישט געקענט קיין ענגליש; ער האָט אים אויסגעפרעגט וועגן די וואָנסעס פון פאַרשידענע מענטשן — צווישן וועלכע ער האָט אויסגערעכנט אויך דעם צוועלף-יאָריקן בעלטראַנדאָן! ער האָט אים אויסגעפרעגט וועגן אַן אייגנטימער פון אַ גרויסן האָטעל אין פּליימוט, — וואָס פאַר אַ וואָנסעס ער טראָגט! כריסטאָפאָר

האָט אים געשילדערט: אַ פּאָר קליינע וואָנסעס, וואָס האַלטן נאָך אין וואַקסן. נאָך דער מיטאָג־פּויזע איז דערדאָזיקער הער ערשינען פאַרן געריכט און געוויזן פאַר די געשוווירענע זיין גלאַט אָפּגעגאָלט פּנים! וואָס קומט אַרויס פון די אַלע פּלוידערייען פון וואָנסעס, ווען מען קען אָנטשעפּען אַ פּאָר וואָנסעס אַ מאַן, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל קיין וואָנסעס נישט געטראָגן?

איין איינציק מאָל אין איר גאַנצן לעבן האָט קאָרנעליע געהערט אַ קללה פון וואַנצעטיס מויל: ווען ער האָט גערעדט וועגן דעמדאָזיקן געמיינעם שווינדל, וואָס מ׳האָט אים אָפּגעטון. ווייל עס איז געווען אַ שווינדל, אַלצאיינס, צי ער האָט זיך אָפּגעגאָלט די וואָנסעס, הארט איידער ער איז געקומען אין געריכט אַריין אַלס עדות, צי דאַן אַפילו, ווען ער האָט שוין צופעליק נישט געטראָגן קיין וואָנסעס פון יענעם מאָל, ווען דער איטאַליענער האָט אים דאָס לעצטע מאָל געזען. איין זאַך איז געווען קלאָר ווי דער טאָג: כריסטאָפאָר, פּונקט אַזוי ווי וואַנצעטי און זיינע פריינט, האָבן דעמדאָזיקן האָטעלאייגנטימער געזען מיט וואָנסעס. די געשוווירענע האָבן עס נישט געקענט וויסן, ווייל, אַחוץ איינער פון זיי, זענען זיי נישט געווען קיין פּליימוטער. קאַצמאַן אָבער און ריכטער טייער זענען נישט איינמאָל געווען אין דעמדאָזיקן האָטעל, זענען געזעסן מיט אים אין די אָוונטן פאַרן קאַמין און געשמועסט מיט אים וועגן די פּאַסירונגען פון טאָג.

VII

דאָס איז געווען דער עפּילאָג פון דערדאָזיקער געריכטשלאַכט. די געשוווירענע האָבן זיך צוגעהערט צו דעם פריינטלעכן הער קאַצמאַן, וואָס איז מיט איין מאָל געוואָרן שטרענג און פּאַטריאָטיש.

— די דאַגאָס האַלטן זיך צוזאַמען! — האָט ער אויסגעשריגן.

און ס'איז זיי געווען גרינג צו ציען דעם מוסר השכּל, אַז די אַמעריקאַנער דאַרפֿן זיך לערנען בײַ די דאַגאָס. דאַן איז געקומען ריכטער טייער מיט דעם שמאָלן געזיכט, מיט די דינע ליפּן און מיט דער שאַרפֿער שטימע, איינער פֿון יענע גרויסע מענער, וועלכן מ'האָט די קליינע מענער, די געשווירענע, געלערנט דאָס גאַנצע לעבן אָפּצוגעבן כּבֿוד; ערשט איז ער געווען דער גרויסער אַקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט די ראָל, וועלכע ער האָט שטודירט דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט געוווּסט גענוי, וועלכע געדאַנקען אַרויסצוזאָגן פֿאַר דידאָזיקע יענקיס, ווי צו אַפּעלירן צו זייערע פֿאָראורטיילן, אַז מען זאָל עס נישט באַמערקן; אויב ס'וועט זיך געפֿינען עמעצער, וואָס וועט שטודירן דעם פּראָצעס און וועט פּרוּוון פֿעסטשטעלן, וואָס ער האָט געזאָגט, וועט מען זיך אַרומזען, אַז די נאָטיצן פֿון די געריכט-סטענאָגראַפֿן זענען פֿאַרברענט געוואָרן, און די קאָפּיע, וואָס איז צוגעפּערטיקט געוואָרן מצד די פּאַרטייִדיקער און שייכות מיט די אויספֿירונגען פֿון די ריכטער, פֿאַרמאָגט מאָדנע בלויזן.

די געשווירענע זענען אַוועק אויף אַ באַראַטונג, און מיטגענומען די פֿיר פּאַטראָנעס, וואָס מ'האָט כּלומרשט געפֿונען בײַ וואַנצעטין. מ'האָט זיי דערקלערט פֿאַר געוויינלעכע יאַגד-פּאַטראָנעס, אָנגעפּילט מיט פֿויגל-שרויט, נישט פֿעיִק צו דערהרגענען אַ מענטשן, אָבער די געשווירענע האָבן באַשלאָסן נאָכצופֿאָרשן גענויער: זיי האָבן אויפֿגעמאַכט אַלזאָ די פּאַטראָנען... און טון אַ קוק, זיי זענען אָנגעפּילט מיט שרויט פֿאַר חיות. דאָס איז שוין גענוג צו הרגענען אַ מענטשן!

עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ פֿאַרפֿליכטנדיק געזעץ אין אַמעריקאַנישן רעכט, ווי דאָס, אַז בײַ אַ שווערן פּראָצעס מוז מען יעדן באַווייז פֿאָרלייגן נאָר אין די אויגן פֿון באַשולדיקטן. וואַנצעטי האָט אומבאַדינגט געהאַט דאָס רעכט צו וויסן וועגן דער אַנטדעקונג פֿון דעמדאָזיקן חיה-שרויט, און אויב ס'וואָלט פֿאַר אים געווען מעגלעך, צו געבן ערקלערונגען. אפשר וואָלט ער דאַן פֿאָרט געגומען אַ וואָרט וועגן

דעם, אָדער אפשר וואָלט מען אַרויסגערופן סאַקאָ אַלס עדות, אפשר וואָלטן זיי גאָר געוואָלט וויסן, ווער ס'האָט אָפּגעהיט דידאָזיקע פיר פּאַטראָנעס אין משך פון די פּאַרגאַנגענע זעקס חדשים. און צי ס'איז נישט מעגלעך געווען, אַז מ'זאָל זיי פּאַרטוישן אויף אַנדערע? סוף כּל סוף האָט מען דאָך נישט געמאַכט קיין סמנים אויף זיי, — אָבער וואַנצעטי האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו מאַכן וועגן דעם אַ באַמערקונג, די געשווירענע האָבן זיך נישט געזאָרגט דערפאַר, און אַרויסגעזאָגט זייער אורטייל; און אויפן אַנדערן טאָג האָט איינער פון די געשווירענע געטראָפן צופעליק דעם ריכטער טייער אין אַ רעסטאָראַן און געוויזן אים די שרויט-קייקעלעך. ריכטער טייער האָט זיך תּיכף געכאַפּט, אַז אויב די מעשה וועט אַרויסקומען אויף דער עפנטלעכקייט, וועט דער גאַנצער פּראָצעס זיין אַרויסגעוואָרפן. ער איז שנעל אַוועק צו קאַצמאַנען, קאַצמאַן איז געקומען, צוגענומען ביים געשווירענעם דעם שרויט. נאָך איידער ער איז אַוועק פון רעסטאָראַן. דאַן האָט קאַצמאַן טעלפאָניש גערופן די איבעריקע געשווירענע צו זיך אין קאַנצעלאַריע, האָט זיי געמאַכט אַ שטרענגע וואָרנונג, און די מעשה איז פּאַריבן געוואָרן.

ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום איז דער פּאַקט אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שיין, און אַ סך געשווירענע האָבן געגעבן פּאַרזיכערונגען אונטער אַ מלוכה-שבועה. אויף אַזאַ אופן האָט מען זיך באַמיט צו באַפעסטיקן דעם אורטייל. אָבער קיין פּאַרהאַנדלונג אויפסניי איז נישט פּאָרגעקומען. ווען עס זאָל קומען אַזוי ווייט, וואָלט שוין מיסטער טייער געמוזט אַנטשיידן וועגן זיין פּאָרשלאַג! וויפל מאָל די פּאַרטיידיקונג זאָל אין משך פון גאַנצע זיבן יאָר נישט האָבן אַנטדעקט נייע באַווייזן, האָט זי געשטעלט אַ פּאָדערונג, אַז מען זאָל רעווידירן דעם פּראָצעס. און לויט די געזעצן פון דעם הויכן שטאַט מאַסאַטשוסעטס געהער די אַנטשיידונג צום ריכטער! וועלנדיק באַווייזן, אַז דער אויספאָרשונגס-ריכטער אין דעם פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטי איז געווען באַאיינפלוסט,

האָבן די פּאַרטיידיקער געשטעלט אַ פֿאָרשלאַג צו רעווידירן דעם פּראָצעס. דערדאָזיקער פֿאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורכן ריכטער טייער, מיט אַ פֿייערלעכער מינע האָט ער אויסגעהערט די אָנגעגעבענע מאָטיוון, און פּונקט מיט אַזאַ פֿייערלעכער מינע, האָט ער אָנגעזאָגט דעם באַשלוס, אַז ער איז נישט די קאָמפּעטענטע אינסטאַנץ! בדרך אַגב האָט ער דערקלערט, אויך מיט אַ פֿייערלעכע מינע, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען באַאיינפֿלוסט. הגם, גאַנצע וואָכן איז אַרומגעגאַנגען און קלוב צווישן זיינע קאָלעגן זיין פֿראַגע:

— איר האָט געזען, ווי איך האָב אָפּגעטאַנצט אַ סעמעלע מיט אָט די אַנאַרכיסטישע פּאַרכעס?

— די באַשולדיקונג קעגן וואַנצעטין איז געווען, אַז ער האָט געפּרווט באַרויבן און אַז ער האָט געפּרווט דערהרגענען. דער ריכטער האָט אין זיין דערקלערונג אויפֿגעפּאָדערט די געשווירענע, אַז זיי זאָלן די צווייטע באַשולדיקונג נישט נעמען אין אַכט, ווייל פֿון די באַווייזן איז קלאָר געוואָרן, אַז די באַנדיטן האָבן די וועכטער געוואָלט נאָר אָפּשרעקן. אויף אַזאַ קורצע שטרעקע וואָלטן זיי דאָך לייכט געקענט טרעפֿן אין ציל, ווען זיי וואָלטן געוואָלט. אָבער נאָכדעם, וואָס די געשווירענע האָבן געעפֿנט די פּאַטראָנעס און געפֿונען דאָרטן דעם חיה־שרויט, האָבן זיי באַשלאָסן צו איגנאָרירן דעם ריכטערס ערקלערונגען און באַשטעטיקט די באַשולדיקונג אין ביידע פֿאַלן. דער ריכטער האָט זיך באַמיט צו קאָרעגירן דעמדאָזיקן פֿעלער, געוואָלט איינגאַנצן אויסמיידן איין העלפֿט פֿון זייער באַשטעטיקונג און פֿאַרמשפּט דעם באַשולדיקטן צו דער העכסטער שטראָף פֿון פֿופֿצן יאָר תּפֿיסה פֿאַר אַ פּרוּוו פֿון גזלה.

ווען דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן, האָט זיך אין געריכט־זאַל אָפּגעשפּילט אַ האַרץ־רייסנדע סצענע. גאַנצע צען טעג זענען וואַנצעטיס פֿריינט געזעסן דאָ אין אַ מוראדיקער שפּאַנונג און איצט האָבן זיי מער נישט געקענט איינהאַלטן זייער ווייטיק: קאָרנעליע האָט פֿאַרוואָרפֿן איר קאָפּ אויף די הענט און זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט, בעת בעטי, איינגאַנצן צי־

טרנדיק און בלייך ווי די וואַנט, האָט געדריקט קאָנוואולסיוו רענדעלס וואַנט. די איטאַליענישע פרויען האָבן באַקומען היסטערישע אָנפאַלן, זיי האָבן געשריגן און געקלאָגט, און איינע האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער אַנדערער. עס איז געווען אַ סצענע פון דער טיפסטער פאַרצווייפלונג. וואַנצעטי האָט געמוזט אויפשטיין און שרייען:

— דזשאָרדזשיאָ! דזשאָרדזשיאָ!

דאָס האָבן אים נאָך די אויפגעזעצטע ערלויבט, איידער זיי האָבן צוגעשמידט זיינע הענט צו זייערע און אים שנעל אַרויסגעפירט דורך אַ זייטיקער טיר פון דעם זאַל אַרויס, אַריינגעזעצט אים אין אַן אויטאָ און געבראַכט אין תפיסה אַריין.

ווען קאַרנעליע און בעטי האָבן אים צומאָרגנס באַזוכט אין תפיסה, האָבן זיי געטראָפן איינגאַנצן אַ צעבראָכענעם מענטשן. ער האָט אָן אויפהער איבערגעחזרט די ווערטער, מיט וועלכע ער זי באַלד פון אָנהויב אויפגענומען:

— מיינע שונאים האָבן מיך געפּאַקט!

און איצט האָט ער אויסגעמאָלט פאַר זיי אַ בילד פון דעם, וואָס ווייטער וועט געשען. ער, דער ווייט-זעענדיקער דענקער, וואָס האָט אַנאַליזירט די קלאַסן-כּוחות.

— איך וועל איצט זיין אַ באַשטראָפטער פאַרברעכער, ניק איז דער פריינט פון אַ באַשטראָפטן פאַרברעכער, איז ער שוין אַ באַנדיט, ער איז שוין אַ טויטער מענטש. די געשוואוירענע וועלן זאָגן: — איינער פון זיי איז זייער אַ געפערלעכער מענטש, פאַרוואָס זאָל דער אַנדערער זיין בעסער? —

און אַז קאַרנעליע האָט זיך אָפּגערופן, אַז מ'וועט שטורמען הימל און ערד, אומצוואַרפן דעמדאָזיקן אורטייל, האָט ער געזאָגט: — איר וועט טאַקע פּרוּוון, גאַנצע, אָבער דאָס וועט זיך אייך נישט איינגעבן. דאָס האָבן זיי מיך נישט פאַרמשפּט פאַר דעם וואָס איך בין אַ באַנדיט, נאָר דערפאַר וואָס איך בין אַן אַנאַרכיסטאַ. ווען מענטשן מאַכן אַזעלכע שפּיצלעך, ווי איר האָט געזען אין געריכט, טאָ וואָס איז נאָך פאַראַן צו האָפן?

דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם שווינדל מיט די וואָנסעס. וואָס דער האָטעל-אייגנטימער האָט אים אָפּגעשפּילט. ער האָט אָנגעהויבן שעלטן! ער האָט נאָך גאָרנישט געוווּסט וועגן די פּינקערטאָן-באַריכטן, וואָס די פּראָקוראַטור האָט געהאַלטן אין געהיים. ער האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן די עדות, וואָס די פּאָליציי האָט באַזייטיקט, ווייל זייערע שילדערונגען פון די באַנדיטן האָבן נישט געשטימט מיט דער „טעאָריע". אָבער ער האָט געוווּסט פון דער גרויסער שטריק-פאַבריק און די שאָדנס, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט. ווען קאָרנעליע האָט גענומען רעדן וועגן אָרנטלעכע מענטשן, וואָס וועלן דעמדאָזיקן „שווינדל מיט די וואָנסעס" נישט וועלן ליידן, האָט ער ביטער אַ לאַך געטון:

— איר וועט זען, נאַנאַ, זיי וועלן זאָגן: ס'זענען פאַראַן געשווירענע, וואָס מוזן פעסטשטעלן. זיי וועלן זאָגן, אַז מען מוז האָבן צוטרויען צו זיי. מען מוז אונטערשטיצן דעם געריכט.

VIII

— מ'האָט וואַנצעטין אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל פאָרויס איז געפאָרן אַ צווייטער אויטאָ, אָנגעפּאַקט מיט באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן, הינטער אים — אַ דריטער — אַזוי האָט מען אים געבראַכט קיין באָסטאָן און איינגעשפּאַרט אין די שטיינערנע מויערן פון דער שמוציקער אַלטער טשאַרלסטאָן-תּפיסה. די געביידע שטאַמט נאָך פון דעם יאָר 1805; היינט פאַרמאָגט מאַסאַטשוסעטס צען מאָל אַזויפיל איינוווינער, ווי דאַמאָלס.

מ'האָט אים געוווֹיגן און געמאָסטן, אונטערגעזוכט אים לויט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, מ'האָט אים אָנגעטון און עפּעס אַן אָפּגעריבענער גרויער הלבשה און איינגעשפּאַרט אים אין אַ קאַמער, מיט אַן אייזערנע נאַרע; דער פרייער שטח איז געווען דריטהאַלבן מעטער די לענג און אַ האַלבן מעטער די

בריִיט, דאָס ליכט איז אַריִיגעקומען דורך אַ שמאָלן שפּאַלט אין סופיט. אין דעמדאָזיקן קאַמער האָט ער פון איצט אָן געדאַרפט פאַרברענגען זיבן יאָר, פון פופצן און האַלבע שעה פיר און אַ צוואָנציק שעה אין מעת־לעת — אַ חוץ דעם קורצן אורלויב, וואָס וועט אים זיין באַשערט בעת דעם צווייטן פּראָצעס. פון די איבעריקע שעהן אין טאָג האָט ער געדאַרפט פאַרברענגען זיבן שעה אין אַ שניידער־וואַרשטאַט און פערציק מינוט אויף אַן אָנגעפּאַקטן, פאַררויכערטן שמוציקן הויף.

באַלד נאָכן אָנהויב פון דעמדאָזיקן סדר לעבן איז גע־קומען צו אים מיט אַ באַזוך דער קאַטוילישער תפיסה־גייסט־לעכער. „אַ קאַטויליק, בלייבט אַ קאַטויליק" איז אַ קאַטוילישע מאַקסימע און דעריבער אַ תפיסה־מאַקסימע. אַפילו אַ פלומרשט־אַטעיסט איז אַ מענטשלעך וועזן און קען אפשר רעאַגירן אויף גוטסקייט און מיטגעפיל. דער גוטער פּעטער מערפי האָט גערעדט מיט וואַנצעטין, נישט וועגן רע־ליגיע, נאָר וועגן אַנדערע פאַרשידענע ענינים. און דאַן, ווען זיי זענען שוין געווען אַ ביסל באַפריינדעט, האָט ער באַמערקט, אַזוי ווי בדרך אַגב:

— זאָגט מיר, וואַנצעטי, ווער האָט געקערעוועט מיטן אויטאָמאָביל אין זיד־ברענטרי?

דער פלומרשטער אַטעיסט האָט זיך שטאָלץ געטון אַ שטעל אויף און געבעטן דעם גלח ער זאָל זיין אַזוי פריינטלעך און אים לאָזן אַליין אין זיין קאַמער, און דעם רעשט פון זיין לעבן האָט שוין וואַנצעטי רעזיגנירט פון דעם טרייסט פון דער אָרגאַניזירטער אויסגעפּוצטער און אונטערגעקויפטער רע־ליגיע.

אָנשטאָט אין דער רעליגיע, האָט ער געזוכט טרייסט אין דער ליטעראַטור. ער האָט געשריבן אַ לאַנגן בריוו, און וועלכן ער האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ, — און אַגב עדות געזאָגט, אַז ער הויבט זיך אָן צו פילן היימיש אין דער פרעמ־דער שפּראַך. ער האָט שוין מער נישט געדאַרפט זוכן יעדעס וואָרט.

„איך האָב גראָד געטראַכט, וואָס איך זאָל טון, כּדי דורכצושטופּן די לאַנגע תּפיסה-טעג. איך האָב געזאָגט צו זיך אַליין: טו עפּעס. אָבער וואָס זאָל איך טון? שרייבן. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ פּריינטלעכע מוטערלעכע געשטאַלט און האָב געהערט איר שטימע: פאַרוואָס שרייבסטו נישט איצט עפּעס? עס וועט דיר צו נוץ קומען דאַן, ווען דו וועסט ווידער אַרויס אויף דער פריי. גראָד אין דער רגע האָב איך באַקומען אייער בריוו.

איך דאַנק אייך פון מיין טיפסטן האַרצן, וואָס איר גלויבט אַזוי אין מיין אומשולד; איך בין אומשולדיק. איך האָב נאָך אין משך פון מיין גאַנצן לעבן נישט פאַרגאָסן קיין טראָפּן בלוט און קיינעם נישט צוגענומען קיין פּרוטה. אַפּיסל וויסן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, אַ טרויעריקע דערפאַרונג פון לעבן גופא האָבן מיר געגעבן אַ טייל געדאַנקען, וואָס זענען שטאַרק פאַרשידן פון די געדאַנקען פון אַ סך אַנדערע מענטשן. אָבער איך וויל איבערצייגן מיינע מיטמענטשן, אַז נאָר דורך טוגנט און ערלעכקייט איז פאַר אונז מעגלעך צו געפינען אַביסל גליק אויף דער וועלט. איך האָב געפּריידיקט, איך האָב געאַרבעט. איך האָב געהאַט דעם טיפסטן ווונש, אַז דאָס געזעלשאַפטלעכע רייכטום זאָל געהערן צו אַלע מענטשלעכע ברואים, פּונקט ווי דאָס איז די פּרוכט פון זייער אַלעמענס אַרבעט. אָבער דאָס הייסט נישט קיין רויב צוליב אַן אויפשטאַנד.

דער אויפשטאַנד, די גרויסע באַוועגונגען פון דער נשמה דאַרפן נישט האָבן קיין דאָלאַרן. זיי דאַרפן האָבן ליבע, התלהבות, גרייטקייט אויף קרבנות, אידעען, געוויסן, אינסטינקטן. זיי דאַרפן האָבן מער געוויסן, מער האָפנונג און מער גוטס-קייט און אָט די אַלע באַגליקנדיקע זאַכן קען מען אויפוועקן, פּלאַנצן און ערציִען אין מענטשנס האַרצן אויף זייער אַ סך אופנים, אָבער נישט דורך רציחה און גזלה.

איך טראַכט וועגן איטאַליען. אויב איך קער מיך אום צוריק פון דער גאַנצער אוניווערסאַלער פאַמיליע צו דעמדאָזיקן באַליידיקטן זון, וויל איך זאָגן, אַז איצט, אויף ווי ווייט

עס זענען געווען מיינע ווונטשן, מיינע פאַרלאַנגען און מיינע באַדערפעענישן, האָב איך זיך נישט געוויטיקט צו ווערן אַ באַנדיט. איך האָב ליב די לערעס פון טאָלסטוי, פון דעם הייליקן פראַנציסקוס און דאַנטע. איך האָב ליב דעם ביישפּיל פון סינסינאַטי און גאַריבאַלדי. די עפּיקורעישע תענוגים גע־פעלן מיר נישט. אַ קליינער אָפּדאַך איבערן קאָפּ, אַ בעט, אַ פּאָר ביכער און ברויט צום עסן, איז אַלצדינג, וואָס איך דאַרף. מיך ציט גאָר נישט צו קיין געלט, צו קיין ליידיקגיי־עריי, צו קיין ראַפינירטע תענוגים. און בנאמנות, אַפילו אין דער וועלט פון לעמער און וועלף קען איך האָבן דאָס אַלץ. מיין פאָטער האָט אַ סך פעלדער, הייזער, גערטנער. ער האַנדלט מיט וויין, פרוכטן און תבואות. ער פלעגט מיר אָפט שרייבן, איך זאָל קומען אַהיים און ווערן אַ סוחר. נו, און איך דער בלומרשטער מערדער, האָב אים געענטפערט, אַז מיין געוויסן ערלויבט מיר נישט צו ווערן אַ סוחר און איך וויל מיר פאַרדינען מיין ברויט דורך אַרבעט אויפן פעלד.

און ווייטער: די גייסטיקע לויטערקייט, דער שלום מיטן געוויסן, די אַנטשלאָסנקייט און די קראַפט פון ווילן, דער פאַרשטאַנד, אַלץ, אַלץ מיט וואָס דער מענטש פילט זיך פאַר אַ טייל פון גאַנצן לעבן, די מאַכט און די אינטעליגענץ פון אוניווערסום וועט זיין ביי יעדן פאַרברעכן אַ פּענטע אויף די פיס. איך ווייס, איך זע עס, און איך זאָג צו אַלעמען: פאַר־גוואַלדיק נישט די רעכט פון דער נאַטור, אויב דו ווילסט נישט זיין אומגליקלעך! איך געדענק: עס איז געווען אַ נאַכט אָן לבנה, אָבער זייער אויסגעשטערנט. איך זיץ אַליין אין דער פינסטערניש, איך בין געווען טרויעריק, זייער טרוי־עריק. מיטן פּנים אויף די הענט האָב איך אָנגעהויבן צו קוקן אויף די שטערן. איך האָב געפילט, אַז מיין נשמה וויל אַרויס פון מיין גוף, און איך האָב מיך געמוזט אָנשטרענגען, איינצוהאַלטן זי אין מיין ברוסט. אַזוי אַרום בין איך דאָס קינד פון דער נאַטור, און איך בין אַזוי רייך, אַז איך דאַרף נישט האָבן קיין שום געלט. און דעריבער זאָגן זיי אויף מיר, אַז איך

בין א מערדער און זיין מיך פאַרמשפּטן צום טויט. טויט! דאָס איז גאָרנישט, אָבער דידאָזיקע דערנידערונג איז שרעקלעך!

איצט עצהט איר מיך צו לערנען. יאָ, דאָס וואָלט גע- ווען זייער גלייך. אָבער איך קען נישט גענוג דידאָזיקע שפּראַך, כּדי צו שטודירן אין איר. איך וואָלט גערן געלייענט לאָנגע- פעלאוס, פּעינס, פרענקלינס און דזשעפערסאָנס ווערק, אָבער איך קען נישט. איך וואָלט גערן שטודירט מאַטעמאַטיק, פיזיק, געשיכטע און אַנדערע וויסנשאַפטן, אָבער איך האָב נישט גע- נוג עלעמענטאַר-וויסן, אָנצוהויבן אַזעלכע סטודיעך, בפרט די ערשטע צוויי, און חוץ דעם קען איך נישט שטודירן אָן אַר- בעט, שווערע, קערפּערלעכע אַרבעט, זונשיין און ווינטן, פרייע, באַגליקנדיקע ווינטן. קיין שום פּלאַם ברענט נישט אָן אַט- מאָספערישע גאַזן, און עס איז נישטאָ קיין נשמה און ליכט פון זשעני אָן דער פאַרבינדונג מיט דער מוטער נאַטור.

איך האָף, אַז איך וועל אייך אין גיכן זען. איך וועל אייך מער דערציילן וועגן דער זאַך. איך האָב בדעה עפּעס צו שרייבן, אַ מין באַטראַכטונג אפשר און עס אָנרופן: „ביז דער תלין קומט". איך האָב פאַרלוירן דעם צוטרויען צו מענטשלע- כער גערעכטיקייט. איך מיין די, וואָס מען רופט אָן אַזוי. נאַטירלעך מיין איך נישט יענעם געפיל, וואָס לעבט אין מענטשלעכן האַרצן און ס׳איז גאָר נישטאָ אַזאַ העלישע מאַכט, וואָס זאָל אים קענען אָפּטויטן אין אים. אייער הילף און די הילף פון אַזוי פיל גוטע מענער און פרויען, האָבן מיר מיין קרייץ שטאַרק פאַרלייכטערט. איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

איך בעט אייך, איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן פאַר אַזאַ לאַנגען בריוו. אָבער איך דערמאַן מיך אַזוי פיל מאָל אָן אייך, אַז הונדערט זייטן וואָלטן נישט געווען גענוג אויסצו- דריקן מיינע עמפּינדונגען און מיינע געפילן. איך בין זיכער, אַז איר וועט מיר נישט נעמען פאַר אומגוט.

מיט די בעסטע גרוסן פאַר אַלעמען,

אייער

באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי.

IX

קאָרנעליע, בעטי און זשאָ זענען ווידער געווען אין באָסטאָן. די ביידע פרויען האָבן זיך געמוזט צואיילן, כדי בייצוזיין דער עלטער-מומע פּריסציליעס לוויה. עס איז זייער אומבאַקוועם אָנצוגעהערן צו אַזאַ גרויסער פאַמיליע, ווי זייערע. עס זענען תמיד פאַראַן לוויות, חתונות, טויף-צערעמאָניעס, און ס׳איז גאָרנישטאָ קיין רייד, אַז מען זאָל זיך נישט באַטייליקן אין זיי.

מיט דערדאָזיקער אַלטער דאַמע פון דער סאַמער העכסטער קאַסטע איז אין די לעצטע חדשים פון איר לעבן פּאָרגעקומען עפּעס אומגעוויינלעכס. דער באַציל פון עקסצענטרישקייט, וואָס דרימלט תמיד אין אַלע באָסטאָנער „בלוי-בלוטיקע", איז פּלוצלונג לעבעדיק געוואָרן. פּריסציליאַ קווינסי עדעמס טאָרנוועל, נישט חתונה געהאַט, זיבן און אַכציק יאָר אַלט, שטייף ווי אַ שטיק האָלץ, דער אמתער מוסטער פון אַלע באַקאַנטע אָדער אַפילו מעגלעכע כּללים פון אָרנטלעכקייט, איז פּלוצלינג אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון עפּעס איינעם אַ זנאַכער, וואָס איז אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און געטענט, אַז יעדער בישאָף, אַפילו יעדער דאָרפישער גלח, קען באַווייזן די לעבעדיקע קעגנוואַרט פון גאָט און אויפטאָן ניסים.

דער עלטער-מומען פּריסציליאַ האָט זיך כּמעט איינגעגעבן „אויפצושטיין, צו פאַרלאָזן איר בעט און אַרומצוגיין", נישט געקוקט אויף איר שטייפקייט פון רוקן-ביין. זי האָט אויך געטענהט, אַז זי וואָלט עס געטון, ווען נישט אירע קרובים, וואָס האַלטן איר כּסדר אין איין דערמאָנען אָן איר טיפן עלטער — אַ „נעגאַטיווע סוגעסטיע". זי האָט באַקומען די געוווינהייט „אַריינצופאַלן אין טראַנס", ווי זי האָט עס אָנגערופן. דאָס הייסט, אַז מען האָט געדאַרפט זיין גרייט יעדע רגע, אַז זי וועט פּלוצלונג אָנהויבן צו רעדן מיט גאָט. אַ פּיינלעכער עניז פאַר אירע קרובים און פריינט, ווייל מ׳וואָלט

נאטירלעך נישט געוואָלט שטערן אַ שמועס מיט גאָט און מ'איז אַביסל פאַר זיך אַליין נישט איידל, ווען מ'איז דערביי און מ'הערט זיך צו. די עלטער-מומע פריסצילי האָט געהייסן רופן איר ברודער אבנר, אויף וועלכן זי האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה, ווייל ער איז ערשט אַלט געווען פינפאונאַכציק יאָר און געפּרווט אים איבעררעדן, תּפילה צו טון צום הימל, ער זאָל אים אויסהיילן פון זיין טויבקייט. אבנר אָבער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווען גאָט וואָלט נישט געוואָלט, ער זאָל זיין טויב, וואָלט ער אים נישט טויב געמאַכט, און דאָס איז געווען פאַר דער פאַמיליע אַ טרייסט. וואָרום זיי האָבן פּשוט געציטערט ביים געדאַנק, אַז אבנר קען אויך „אַריינפאַלן אין טראַנס" מיט זיין שטימע, וואָס קען צעטרייסלען דאָס ראָטהויז פון באָסטאָן.

און אָט האָט מען פלוצלונג געפונען אַן איבערגעלאָזענעם בריוו פון דער נישט חתונה-געהאַטער עלטער-מומע פּריסציליאַ עדעמס טאָרנוועל, אין וועלכן זי האָט ערקלערט, אַז די לוויה-צערעמאָניעס פון איר קירכע זענען אַ לעסטערונג פון יעזוסעס גלויבן, און זי פאַרלאַנגט פון דער דריי-אייניקייט-קירכע, אַז מען זאָל זי באַגראָבן מיט די צערעמאָניעס פון פּאַסכאַ. אַ שווערלעך פּראָבלעם פאַר די אויטאָריטעטן פון די קירכלעכע מנהגים. אָבער נישט צו דערפילן דעם פאַרלאַנג פון אַ טאָרנוועל איז נאָך שווערער. בכן האָבן דער פּאַסטאָר און זיין געהילף באַשלאָסן, אַז ע ר, וואָס טויזנט יאָר זענען פאַר אים ווי איין טאָג, וועט אפשר אַמאָל אָננעמען אַ פּראָסטן מיטוואָך אויך פאַר אַ פּאַסכאַ-טאָג. אמת, ס'זענען נישט געווען קיין ליליען, אָבער עס זענען געווען רויזן אויפן מאַרק, און דאָסדאָזיקע געשעעניש איז געווען אַזוי סענסאַציאָנעל, ווי אַ וואַריעטע-פאָרשטעלונג, ביי וועלכער מ'האָט זיך יעדער מינוט געקענט ריכטן אויף אַ פּאָליציייאישע אָבלאַווע. יעדער איינציקער מענטש האָט משמעות שטילערהייט מורא געהאַט, אַז דער רבונו של עולם זאָל נישט אַרויסווייזן זיין צאָרן דורך עפּעס אַ צייכן, דערפאַר, וואָס מ'האָט פלוצלונג אַ רוק-געטון דעם

קירכע-קאַלענדאַר אויף דריי הדשים. אָבער דער רבונו של עולם, ווייזט אויס, פאַרשטייט זייער גוט באָסטאָן, די שטאָט, וואָס ווערט באַהערשט פון די אַלטע לייט, באַזונדערס פון אַלטע דאַמען.

זיי וואָלטן אַלע געקומען צו דערדאָזיקער גאָטעס-דינסט, אפילו, ווען זיי וואָלטן געמוזט פאָרן הונדערט מייל ווייט מיטן אויטאָמאָביל. זיי האָבן געטראָגן זייערע שוואַרצע קליידער און היט, וואָס אַנדערע זענען געווען ניי און גלאַנצנדיק און אַנדערע אַלט און אָפּגעקראָכן, — אָבער מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די אָפּגעקראָכנסטע האָבן אפשר געהערט צו די רייכסטע דאַמען. אַן אַלט מאָדיש קלייד און אַן אויסגעקראָכענער פוטער-קאָלנער, האָט געקענט באַווייזן, אַז דאָס איז אַ דאַמע וואָס קען זיך פאַרגינען צו פאַראַכטן יעדן פוץ. פונקט ווי די אומוויסנהייט ביי אַן ענגלישן הערצאָג באַדייט בלויז, אַז ער שטייט העכער פאַר די גראַמאַטישע כּללים. יעדע איינע פון די דאָזיקע אַלטע דאַמעס, איז געווען בכּוח צוליב אַ נישטיקן קאַפּריז אַרויסצוּוואַרפן גאַנצע מיליאָנען, און יעדער געווינלעכער וואָרט, וואָס איז געפאַלן פון איר מויל, איז געווען אַ געזעץ. זיי זענען געזעסן אין די קירכע שטולן, וואָס זענען געווען דאָס אייגנטום פון זייער פאַמיליע, זינט די גרויסע שטיינערנע קירכע שטייט; אָן דער זייט איז געזעסן דער יונגער דור — דאַמען מיט ליבלעכע פּנימער, בעסער אָנגעטון און, אָ, אַזוי ריין און איינפאַך! מיט טרויעריקער פּנימער האָבן זיי באַטראַכט די לעגענדאַרישע דעקאָראַציע פון ווייסע רויזן, ליכט און פאַרביקע פענסטער מיט די אַפּאָסטאָלן. און דאַן די פּראָצעסיע פון קינדער אין ווייסע קליידלעך, וואָס צוזאַמען מיט דער דונערנדיקער מוזיק פון פיר אָרגלען און פיר פאַרשידענע ווינקלען פון דער קירכע זינגען זיי הימנען מיט מלאכים-שטימעלעך. ווי שיין דאָס איז געווען, ווי טרוימעריש — און ווי מאָדנע עס זעט אויס, ווען מ׳קומט פון דער וועלט פון ליגן און אכזריות, וואָס קאָרנעליע מיט בעטין האָבן גאָר וואָס פאַרלאָזט!

קוק זיך אַרום, קוק אָן דידאָזיקע פולקומענע אַגגלאָזאַקסישע פּנימער, קיין שום אויסלענדיש געזיכט צווישן זיי, אַלע אַזוי עלעגאַנט און צופרידן! טו אַ קוק אויף די קליידער, וואָס ליגן אַזוי גוט ביז דער לעצטער נאָט און איז אויסגעקליבן מיטן איידלסטן געשמאַק, — שוואַרצער טוך, לאַקירטע לעדער און קאַמאַשן ביי די מענער, שלייער און שפּיצן, זיידענע זאָקן און צאַרטע פּערפומען, בלומען און באַשיידן צירונג — ביי די פרויען! הער זיך צו צו די שטילע, קולטיווירטע שטימען, קוק זיך ־ו צו די גראַציעזע מאַנירן, וואָס מ׳האָט איינגעאיבט זיבט הונדערטער יאָר! באַטראַכט די אוראַלטע פאָרמולן, וואָס זענען פון אייביקע צייטן אָן זייער געוווינהייט און שטייגער; די תפילות און מזמורים צו אַן אַנגלאָזאַקסישן גאָט, וואָס איז צוליב זיין צייטווייליקער עקזיסטענץ אין אַ יידישן בויך נישט באַפלעקט געוואָרן. קוק אָן די פריינטלעכע הייליקע מענטשן אין אַלע פענסטער מיט גאָלדענע גלאָריעס און העלע קליידער, אומבאַפלעקט נישט געקוקט אויף זייער אָפּשטאַם פון אַ פישערפאָלק. און דעם גלח: דער לעצטער אויסדרוק פון דער מאָדע אין בעק-ביי, אָנצושטאָפּן האַרוואַרדער מאַנירן אין אַ מיטלאַלטערלעכן גלח.

בעת די דאַמען מיט די זיסע פּנימער האָבן אַרויפגעקוקט צו אים מיט באַוווּנדערונג, האָט ער געהאַלטן אַ קליינע דרשה וועגן דער טייערער פאַרשטאָרבענער, וואָס איר גלויבן און איר געלט האָבן אויפגעהאַלטן די קירכע אין משך פון דריטהאַלבן דורות. עס איז נישט קיין מנהג צו האַלטן דרשות אויף קירכלעכע לוויות. אָבער היות דאָ האַנדלט זיך דאָך אין אַ פּאַסכאַ-יום-יום קען מען אַמאָל אָפּווייכן פון די שטענדיקע כללים. דער גייסטלעכער האָט גערעדט וועגן דער לעצטער בייער שטרעבונג פון דער נפטר-געוואָרענער, און דערצו האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן טאַקט, ווייל דערדאָזיקער גלח האָט גענאָסן זיין בילדונג אין דער צייט, ווען דער טעאָלאָגישער פאַקולטעט אין אוניווערזיטעט איז אָפּגעטיילט געוואָרן פון דעם מעדיצינישן. ער האָט געמאַכט אַ שפּאַציר אין דעם געביט פון

מאָדערנעם געדאַנק, און געגעבן צו פילן, אַז ער האָט גע־הערט פון דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט און ווייס, ווי קליינ־עס איז די ערד. נאָך מער: ער האָט געגלויבט דעם אומ־באַפלעקטן קבלת־פנים און געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט גע־ווּסט געבוי, וואָס אַזעלכעס איז דעמאָלט פאָרגעקומען, און מיר וועלן עס אפשר קיינמאָל נישט וויסן.

X

דידאָזיקע לוויה האָט ווידער גורם געווען, אַז קאָרנעליע און בעטי, זאָלן זיך צונויפקומען מיט דער פאַמיליע, און זיך דערוויסן אַלע נייעסן. אַליס ווינטערס האָט נאָך אַלץ אונ־טערגעשטיצט די פאָרשטעלונגען אין קאַמער־טעאַטער, זי איז אָבער געווען זייער אומגליקלעך, ווייל איר דיכטער, וואָס האָט געזאָלט איינגעמען דעם פאַרנאַס, האָט זיך יעדן אָוונט אָנגע־שיכורט און פאַרנאַכלעסיקט זיין מוזע צוליב עפעס אַ געל פאַרשייט מיידל. קלאַרע סקאָטערברידזש איז געוואָרן זייער דיק און די בעסטע פאַרמאָגערער־קינסטלער האָבן איר נישט געקענט העלפן. פאַר דידאָזיקע דאָקטוירים (אָבער נישט פאַר די גרויסע אויגן פון דער פאַמיליע) האָט זי באַהאַלטן דעם שרעקלעכן אמת, אַז זי פאַרמאָגט אין איר בודואַר אַ גאַנצן לאַגער פון נאַשערייען און אַז אַ גאַנצן טאָג קייט זי אָן אויפהער שאָקאָ־לאַד און געצוקערטע פרוכטן.

דער עלטער פעטער אבנר איז לעצטנס געוואָרן שטאַרק מרה־שחורהדיק. ער איז דער עלטסטער מענטש פון דעם אַלטן דור — האָט ער געזאָגט, און אָט קומט שוין פאַר אים אויך די צייט. ער האָט זיך שוין נישט געקענט דערמאָנען די שאַך־צוגן פון דער פאַרגאַנגענער וואָך, און זיין זון קווינטי פלעגט בכיוון פאַרשפילן ביי אים אַ טייל פּאַרטיעס, כדי צו דערהאַלטן אים ביים מוט. אבנר האָט זיך איבערגעצויגן צו די סקאָטער־ברידזשעס, ווייל ער האָט ליב געהאַט צו האָבן קינדער אַרום זיך: יע־דער פון די קליינע קינדער האָט געהאַט אַ רייט־בענקעלע, אבנר

אויך; ער האָט געריטן דער ערשטער פון דער פּראָצעסיע אַהין און אַהער — עס איז געווען אַ שרעקלעך לעכערלעך בילד. אָבער אַלע האָבן געמוזט מאַכן אַן ערנסטע מינע, ווייל קוים האָט מען נאָר געלאַכט צוליב עפּעס, האָט דער אַלטער תּיפּף געמיינט, אַז מען לאַכט פון אים, און זיך געפילט טויט־באַליידיקט.

דבורה איז געקומען צו קאָרנעליען אין דער קליינער דירה, פּזיי צו עסן מיטאָג צוזאַמען מיט איר מוטער און טאָכ־טער. און ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די שטרענגע אויגן פון דער פאַמיליע האָבן געזען בעטין מיט איינעם אַ יונגעמאַן דזשאָזעף דזשעפערסאָן רענדל שפּאַצירן אין גאַס. ווער איז ער? אַן אייניקל פון דעם אַקטיאָר? בעטי האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז איינער פון די רענדעלס פון פּענקענ־העם קורט הויער אין ווירזשיניע, אַן אייניקל פון סענאַטאָר רענדעל, וואָס איז איצט באַטשאַפטער אין איינעם פון די דרום־אַמעריקאַנישע שטאַטן.

— צי מיינסטו נישט, ליב קינד, אַז דו וואָלסט אים גע־דאַרפט פאָרשטעלן פאַר דיין מוטער? — האָט דבורה געפרעגט צערטלעך.

— ניין מאַמע, ניין — האָט געזאָגט דער יונגער דור — זשאָ איז אַ סך ווייניקער ראַדיקאַל ווי איך, אָבער ער זאָגט תּמיד, וואָס ער טראַכט, און דעריבער וועט ער דיך שטאַרק נישט געפעלן ווערן.

— צי זאָגסטו דען נישט וואָס דו טראַכטסט, מיין טאָכ־טער?

— אַזוי גוט ווי נישט, מאַמע, איך טו מיר יעדעס מאָל אַ ביס אין צונג.

דבורה האָט שוין גאָרנישט געזאָגט, אָבער בעטי האָט שוין געוווּסט, וואָס זי וועט טון, — און דאָס האָט געוווּסט דבורה אַליין אויך. דורך וואָס פּאַראַ געהיימע אונטערערדישע

געגג קריגן די בלוי-בלוטיקע זייערע אינפאָרמאַציעס? פאַרמאָגן זיי פאַרצייכנונגען און פּערזאָנען-קאַרטעס, ווי דער יוסטיץ-מיניסטער, און זיי קענען פּשוט פעסטשטעלן טעלעגראַפיש, ווער ס'איז דער אָדער יענער און וואָס פאַראַ סקאַנדאַלן עס זענען פאָרגעקומען אין זיין פאַמיליע? אויף יעדן פאַל האָט דבורה, בעת זי איז דעם צווייטן מאָל געקומען אין שטאָט אריין, גע-ווּוּסט, אַז זשאָס פעטער איז געווען אַ „טרינקער" און אַז זיין פרוי האָט גענומען פון אים גט. צום גליק האָט זיך דבורה נישט דערוווּסט, אַז דזשאָ אַליין איז אויך געווען פאַרהייראַט. אָבער זי האָט זיך געריכט אויפן ערגסטן, ווייל גטן — האָט זי געזאָגט, גייען גיכער איבער בירושה, ווי ראַק.

דבורה האָט געהאָפט, אַז זי וועט זי קענען איבערעדן בעטין און קאָרנעליען, זיי זאָלן באַגלייטן בעטיס עלטערע שוועסטער אויף דער איבעריקער צייט פון זומער קיין אייראָ-פּע — דערפאַר וואָס די חתונה אירע איז צוליבן טויט פון דער עלטער-מומע און איר באַמען-שוועסטער אָפּגעלייגט געוואָרן. דאָס איז איר אָבער נישט געלונגען, און זי האָט זיי אָנגעהויבן צוצורעדן, אַז זיי זאָלן די איבעריקע זומער-חדשים פאַרברענגען אין פאַלאַץ פון די אַלתינס ביים צפון-ברעג. זי איז אַזוי איינזאַם! — האָט זי געזאָגט מיט אַ רירנדער שטי-מע, איר מאַן איז איצט זייער פאַרנומען צוליב דעם קריזיס אין מסחר. דבורה איז געגאַנגען אַפילו אַזוי ווייט, און צוגע-זאָגט, אַז קאָרנעליע און בעטי וועלן מעגן טון און רעדן, וואָס זייער האַרץ גלוסט, און זי וועט זיך קיינמאָלע נישט שפּאַרן מיט זיי דאָס איז געווען זייער אַ מערקווירדיקע „קאָנצעסיע" מצד אַזאַ הויך-געשטעלטע און שטרענגע דאַמע.

אַלץ, אַלץ, אַבי בעטי, זאָל זיך דערווייטערן פון דעמדאָזיקן געפערלעכן יונגנמאַן! כדי צו צעשטריי-ען מיט אַרומשיפן זיך, טעניס-פּאַרטיעס און פּיקניקס אין דער געזעלשאַפט פון געזונטע און טיכטיקע האַרוואַרדער אַבי-טוריענטן, וואָס זייער בלוט איז פריי פון גט-ירושה-באַצילן. אָבער סיי בעטי און סיי קאָרנעליע זענען געווען שטאַרק

איינגעשפּאַרט. דעם גאַנצן יולי און אויגוסט וועלן זיי זיך שטיקן אין דער דאָזיקער קליינער הייסער דירה, און קאָנפערירן כּסדר מיט אַדוואָקאַטן, אָרגאַניזירן קאָמיטעטן, זאַמלען געלט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון צוויי אַנאַרכיסטישע באַנדיטן!

XI

די מענער פון דער פאַמיליע טאַרנוועל האָבן דעם זומער באמת געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט. דער דערוואַרטעטער נאָך־מלחמה־קריזיס איז אָנגעקומען, אָדער — ער איז גיכער אַרויסגערופן דורך יענע לייט, וואָס האָבן געגלויבט, אַז דער פּרייז - ניוואָ איז צו הויך געשטיגן, און אַז ס'איז נויטיק אַ „דעפלאַציאַ". נאַטירלעך האָבן דידאָזיקע מענטשן געוואָלט דע־פלירירן יענעם און נישט זיך. די פירער פון די בענק־גרופּעס, וואָס צווישן זיי איז רופּערט אַלוין געווען דער פאַרזיכטיקסטער און דער ערלעכסטער, האָבן דערפונדן דעם אַזוי גערופענעם „פעדעראַל־רעזערוו־סיסטעם", אַ רייע בענק, וואָס זענען פינאַנסירט געוואָרן פון דער רעגירונג און אָנגעפירט געוואָרן דורך די גרויסע באַנקירן. אָט דער סיסטעם האָט געדאַרפט די באַנקירן געבן די מעגלעכקייט, צו ראַטעווען זיך בעת אַ קריזיס דורך דעם, וואָס זיי האָבן געדאַרפט אויפסנייי שאַפן ריזיקע סומען געלט און באָרגן זיי צו די גרויס־אינדוסטריעס, וואָס זייערע אַקציעס און אָבליגאַציעס זענען די הויפּט־שטיצע פון דעם באַנק־קרעדיט. דאָס הייסט, אַז אין צייט פון אַ קריזיס ווערן דעפלאַירט נאָר די קליינע מענטשעלעך און די „פּרעמדע", בעת די גרויסע באַנקירן און זייערע קרובים שטייען פעסט ווי אַ פעלז, ביז דער שטורעם גייט אַריבער.

אָבער אויב רופּערט און זיינע לייט פון די פּילגרים־נאַציאָנאַל־באַנק האָבן געטראַכט, אַז עס וועט זיין אַ פאַרגעניגן איבערצולעבן דעמדאָזיקן שטורם, האָבן זיי געהאַט אַ ביטערן טעות. דאָס ווערטל, אַז דער קאָפּ, וואָס טראָגט אַ קרוין איז אייביק אומרויק, איז גילטיק פאַר די קעניגן פון דעם

מאָדערנעם קרעדיט, פונקט אַזוי ווי פאַר יענע העלדן פון שעקספּירס דראַמעס. עס האָט אויסגעזען, פונקט ווי רופּערט וואָלט געשטאַנען און אָפּגעהיט אַ ריזיקן טאָפּ מיט האָניג און מוז אים צעטיילן פאַר אַלע פליגן פון ניי-ענגלאַנד. זיי האָבן אַרומגערוישט מיט אַן אמת אָפּשרעקנדיקער זשומעריי, און ס'איז אַ פאַקט, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ גרעסערן אָדער אַ קלענערן גיפט, וועלכן זיי האָבן געדראָט זיך צו באַנוצן מיט אים און זיך טיילמאָל אַפילו באַנוצט. ס'איז אוממעגלעך פאַר אַ גרעסערן באַנקיר צו שלאָפן ביינאַכט אין אַזאַ ליאַרם. ס'איז אוממעגלעך פאַר יעדן מיטגליד פון דער פאַמיליע איינצושלאָפן, ווייל עס זענען געווען נישט נאָר מענלעכע נאָר אויך ווייבלעכע פליגן, און זיי האָבן געקענט קומען און פאַרסמען דאָס לעבן!

כדי נישט צו רעדן מיט משלים — עס איז געווען אַ פאַקט, אַז אין יענער פאַניק האָט אַ קליינע גרופּע פון באַנקירן געדאַרפט באַשליסן, וועלכע אינדוסטריעס אין זייער געגנט מען דאַרף ראַטעווען און וועלכע מען דאַרף נאָך צוטרעטן מיטן פוס, און דאָס איז אין אַזאַ שטאָט ווי באָסטאָן געווען אַ פראַגע, בנ[illegible]זירלעך נישט פון וואָלגאַרער מאַטעריעלער טעטיקייט, נאָר אַ פראַגע פון געזעלשאַפטלעכער שטעלונג: ווער ס'איז דער און יענער, ווער ס'האָט וועמען פאַר אַ ווייב אָדער פאַר אַ מאַן, און ווי אינטעסיוו איז דער בלוי, און דעם אָדער אין יענעמס בלוט? דער אונטערשיד אין דעם פּרט צווישן נוי-יאָרק און באָסטאָן איז אויסגעדריקט געוואָרן אין אַן אַנעקדאָט, וואָס אַלע פינאַנס-לייט האָבן דערציילט מיט גרויס הנאה: און דעם אַנעקדאָט האַנדלט זיך פון אַ נוי-יאָרקער באַנקיר, וואָס האָט געשריבן צו זיינעם אַ פריינט אין באָסטאָן, אַז ער האָט אַ פּאָסטן פאַר אַ פעיקן יונגנמאַן. דער באָסטאָנער באַנקיר שיקט אים אַ יונגנמאַן מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט אים, אַז ער איז אַ פּלימעניק פון דעם פאַרשטאָרבענעם יהושע טאָרנוועל און אַ קוזין פון דזשאָן קווינסי טאָרנוועל און רופּערט אַלווין, קאַבאָטס אַ פעטער א. אַ. וו. דער וואָלגאַרער נוי-

יאָרקער באַנקיר שיקט אָפּ דעם יונגערמאַן צוריק מיט אַן ענטפער: „איך דאַרף נישט קיין יונגנמאַן אויף האָדאָוואַניע, נאָר צו ארבעטן אין אַ באַנק".

שוין לאַנגע יאָרן, זינט די באַסטאַנער בלוי-בלוטיקע האָבן זיך נישט געפונען אין אַזאַ פאַרצווייפלטער לאַגע, ווי היינט. די פראַגע איז שוין מער נישט געווען קיין שפּילכל, ווי למשל די פראַגע, צי מ'איז אַ מיטגליד פון „ניי-קרייז" אָדער צי מ'זאָל שיקן די טעכטער אין קעמף פוטנעם אָדער אויף די פּרייטיק-בעלער אָדער — די זין — אין די אָדער יענע סטודענטן-קלובן. ניין, עס איז פשוט געגאַנגען אין דעם אייגענעם לעבנס-בלוט, אין יענע פּריוויליעגיעס, אויף וועלכער עס באַזירט זיך די גאַנצע עקזיסטענץ פון דער פאַמיליע! מען האָט בכן פאַרגעסן די שיינע מאַנירן און מ'האָט געקעמפט אַזוי, ווי ס'האָבן אַמאָל געקעמפט די אבות, ווען זיי האָבן נאָך בכלל נישט געהאַט קיין מאַנירן. מ'האָט זיך געפּעסט און געדראָט, מ'האָט אויס-געגראָבן פון אונטער דער ערד אַלטע פאַריגעסענע פאַמיליען-סקאַנדאַלן און מ'האָט געמאַטערט דעם גרויסן באַנקיר, וואָס האָט שוין לאַנגע יאָרן געליטן פון צו הויכן בלוט-דרוק און וואָס איז אָנגעזאָגט געוואָרן פון דר. מאָרו, דעם באַרימטן דאָקטאָר פון די קראַנקהייטן ביי די רייכע, ער זאָל זיך אָפּהיטן און נישט אויפרעגן זיך.

רופּערט איז געוואָרן אונטער דעמדאָזיקן שטענדיקן צו-הויכן בלוט-דרוק אַ כמורנער מענטש. די רויטלעכע און פּור-פּורנע פּעטס-בערגלעך אויף זיין פּנים, וואָס האָבן פריער אויסגעדריקט פריילעכקייט און מוט, האָבן איצט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים פּלאַצן. ער האָט זיך אָנגעהויבן אויפצורעגן צוליב דעם מענטשנס נאַטור. קיינעם אַרט נישט קיין שום זאַך, אַ חוץ געלט. פּריינטשאַפט, פאַמיליע-שטאָלץ, ערע אַלצדינג איז ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. גאַנצע טעג האָט ער' געטראָגן געדולדיק זיין עול, זיינע זאָרגן, און פּלוצלונג איז ער אים געוואָרן צו שווער, און ער האָט אים אַראָפּגע-וואָרפן אויף אַן אומפּאַסיק אָרט. אַן עלטערע אַלמנה, קאָרנעליעס אַ

פריינדין האָט אים געגעבן אַן עצה ביים איינקויף פון אָבליגאַציעס און דער גרויסער און שטאַרק-באַשעפטיקער לייטער פון דער פּילגרים-נאַציאָנאַל-באַנק, האָט דערדאָזיקער פאַרחידושטער דאַמע פאַר-האַלטן אַ גאַנצע שעה צייט, נישט אויפהערנדיק איר צו לערנען די פליכט, צו באַשיצן איר אייגנטום.

— האַלט עס נאָר פעסט אין די הענט, אַ נישט וועט איר גאָרנישט האָבן, אַבסאָלוט גאָרנישט. ווען עס וועט אַוועק, וועט איר זיך פּלוצלונג אַרומזען, אַז קיינער אַכטעט אייך נישט, אַז אייערע פריינט חילן פון אייך נישט וויסן. היינט איז נישטאָ קיין שוו זאַך, אויסער געלט!

די דאַמע, די אַלמנה, האָט זיך אפשר געקענט פילן אַביסל געטראָפן, אָבער זי האָט באַגריפן, אַז דאָס האָט ער נישט זי פערזענלעך געמיינט, אַז דאָס איז געווען אַן אַנטפּלעקונג פון אַ באַנקירס נשמה.

לרוב אָבער פלעגט זיך רופערט אַרומטראָגן מיט זיינע פּעסימיסטישע געדאַנקען אַ גאַנצן טאָג, כדי אויסצודריקן זיי פאַר זיין ווייב אין שלאָפצימער. ביינאַכט, ווען מ'האָט אויס-געלאָשן די ליכט, און זיי זענען ביידע געלעגן אין אַ מין צנועותדיקער צוריקגעהאַלטנקייט אונטער זייערע בלוי-זיידענע קאָלדערעס אין זייער טאָפּל-בעט, פלעגט ער ברייט אַרומרעדן די אומגע-ווינלעכע געלט-גיריקייט פון דעם אָדער פון יענעם, און נאָכדעם ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שנאָרכן, פלעגט דבורה בעטן דעם רבונו של עולם, ווייך צו מאַכן די הערצער פון די גיריקע מענטשן און צו שוינען איר גוטן און איידעלן מאַן, וואָס איז מקריב זיין לעבן, כדי אויפצוהאַלטן אין ניי-ענגלאַנד אַ געזונט קאָנסערוואַטיוו באַנק-וועזן — וואָס האָט אייגנטלעך געהייסן אַ באַנק-וועזן אונטער דער קאָנטראָל פון דער פּילגרים-נאַציאָ-נאַל באַנק.

XII

ס'זענען געווען עטלעכע, וואָס זייערע טענות זענען בשום אופן נישט געווען קיין אומגערעכטע. ס'איז אויסגעשלאָסן,

אַז אַ טשאַרנחעל, אָדער עפּעס אַ קרוב, מעג ער זיין בלויז אַ צוגעקומענער קרוב פון די טשאַרנוועלס — זאָל צוגעדריקט ווערן צו דער וואַנט. די ריזיקע שפּינעוויעס פון טשאַרנוועל האָבן זיך געניטיקט אין מיליאָנען־קרעדיט, כדי צו קענען אַ וועקלייגן זייערע אויסגעאַרבעטע סחורות אויפן לאַגער און די אַרבעטער באַלוינען דערפאַר מיט הונגער און דחקות. און דעם קרעדיט האָבן זיי נאַטירלעך באַקומען. מ׳האָט זיך נאָר געדאַרפט פאַרשטעלן קלאַרע טשאָרנוועל סקאָטערברידזשס היסטערישע ספּאַזמעס און דבורה אַלווינס בודואַר, אַז רופּערט זאָל באַלד אויפהערן צו צווייפלען, צי ער זאָל געבן דעם קרעדיט אָדער נישט. דזשאָן קווינסי טשאָרנוועל האָט זיך געניטיקט בלויז אין אַ קליינעם פאַרמעגן אויף אַן עקספּעדיציע, וואָס ער האָט געגרינדעט בדרך אַגב, און ער האָט באַקומען דאָס געלט פון רופּערטס באַנק. רופּערט אַלווין האָט אויך געדאַרפט האָבן אַ היפּשע סומע פאַר עטלעכע פון יענע פאַבריקן, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט הענרי קאַבאָט ווינטערס צוגענומען פאַר זיך פון זשערי וואָלקערן. רופּערט האָט דאָס געלט פאַר זיך אַרויסגענומען פון דער פינפטער נאַציאָנאַל־באַנק, וואָס דער פּרעזידענט אירער איז געווען דזשאָן קווינסי טשאָרנוועל. אַזוי האָבן די דאָזיקע גרויסע הערן איבערגעלייגט די מיליאָנען פון איין קעשענע אין דער אַנדערער, און אַזעלכע כיטרע אַדוואָקאַטן, ווי הענרי ווינטערס, האָבן זיי געגעבן געניטע עצות, ווי אַזוי מ׳זאָל טון, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן מורא האָבן פאַר קיינעם, אויב עפּעס אַ שפּיאָן וועט זיי פאַרראַטן און אומגעריכט אַריינשיקן אַ באַנק־רעוויזיאָר.

זיי האָבן געחוסט, אַז זייערע קאָנקורענטן שפּיאָנעווען זיי נאָך, ווייל זיי האָבן זיי נאָכשפּיאָנירט זייערע קאָנקורענטן. און יעדעס מאָל, ווען די אַגענטן האָבן זיי געבראַכט די באַריכטן, פלעגן באַלד קומען צולויפן הענרי קאַבאָט ווינטערס מיט די איבעריקע יוריסטישע שפּינען, כדי זיך מישב צו זיין, ווי אַזוי ווייטער צופירן די מאַנעוורעס פון דער קאָנקורענץ. קוים האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עמעצער, עפּעס אַ קליינער

מאן, וואָס באַנוצט זיך מיט אַביסל בילליקערע אַדוואָקאַטן, איז באַגאַנגען אַ פעלער און געטון עפּעס אַן אומגעזעצלעכע זאַך, האָט מען תּיכף געזען אויסצונוצן דעם איינפלוס אויף דעם באַנק־קאָמיסאַר, וועלכן מ'האָט דורכגעפירט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אויפן פּאָסטן. און מען וועט אים אויסוויילן אויף די ווייטערדיקע צוויי יאָר אַלס באַנק־פּרעזידענט — אויב ער וועט טון דאָס, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים און דערשטיקן דעם קאָנקורענט.

אויף אַזאַ אופן האָבן די בוי־בלוטיקע געזאָרגט ד'ערפאַר, אַז דער באַנק־וועזן זאָל זיין אַ שטרענג בלוי־בלוטיקער ענין. די אויסלענדער, בפרט די יידן, זענען טאַקע אַריינגעדרונגען אין אַלע אַנדערע בראַנזשעס. גאַנצע צענטליקער יאָר פלעגט מען בויקאָטירן אַלע יידישע אייגנטימער פון סחורה־מאַגאַזינען. איצט אָבער זענען אַ סך פון די גרעסטע און זיכערסטע געשעפטן אין יידישע הענט. זיי האָבן אַריינגעקריגן אין זייערע הענט די קאָנפעקציע, וואָל און לעדער; זיי האָבן איבערגענומען דעם טעאַטער און זענען אַריינגעדרינגען אין דער יורי און מעדיצין — אָבער זיי וואָלטן קיינמאָל נישט אַריינגעקריגן די בענק, כל זמן רופּערט אַלווין און די איבעריקע האָבן עס געקענט שטערן. און דאָס האָבן זיי געקענט!

דעמאָלסט איז געקומען אַ יידישער באַנקיר, וואָס האָט דורכגעבראָכן די וואַנט. ער האָט געהייסן שמעון צווייג — און דערדאָזיקער נאָמען אַליין איז שוין גענוג, איינצוזען, ווי נישט פּאַסיק עס איז צוצולאָזן אַ יידן צו דער לייטונג פון אַ באַנק! ער איז געקומען קיין אַמעריקע, ווי אַ געוויינלעכער אימיגראַנט, האָט זיך ערוואָרבן די טרעמאָנט טרעסט קאָמפּאַני, אַ בכּבודיקע באַנק־אינסטיטוציע, און איצט געפירט געשעפטן לויט אויספאַרקויף־פּרינציפּן: ער האָט באַצאָלט פינף און אַ האַלב פּראָצענט פאַר שפּאָר־געלטער און ער האָט זיך אַנאָנסירט אין דער פּרעסע, אַ זאַך, וואָס איז ממש געווען אומאָראַליש, אָבער זייער נויטיק פאַרן געשעפט. ער איז אַ מנוול — האָבן געזאָגט די בלויבלוטיקע, און דאָס איז בלי ספק געווען אמת.

אָבער מ'האָט נישט געדאַרפט פאַרגעסן, אַז אין הויכע פינאַנסן איז שווינדל אַ פראַגע פון אמתער אָרנטלעכקייט. די חשובֿסטע באַנקירן פאַרוואַרפן יעדעס געזעץ, אָבער אַזוי ווי אין זייער קלוב זענען געזעסן די הערן פון די באַנק-אויפזיכט-אַמטן, זענען זיי קיינמאָל נישט באַשטראָפט געוואָרן. מ'האָט זיי אויך נישט געקענט דעמאַסקירן, ווייל זיי האָבן געהאַט זייערע צייטונגען און זייערע „קאָרעספּאָנדענץ-ביוראָס", אונטער דער אָנפירונג פון ענערגישע און סובווענציאָנירטע „פּאַבליסיט" — וואָס זייער פאַך-קענטעניש איז באַשטאַנען אין דעם, איינצורעדן דעם עולם דאָס אַלץ, וואָס רופּערט אַלוין מיט זיינע לייט האָבן געוואָלט.

טשאַרלס פּאָנזי האָט אַנאָנסירט, אַז ער קען פאַרקויפן אָבליגאַציעס אויף אַ טערמין פון פינפאונפערציק טאָג, און ווער עס וועט זיי אויסהאַלטן ביזן פינפאונפערציקסטן טאָג וועט באַקומען פופציק פּראָצענט צינזן. די ידיעה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן דעם מיליאָן איינוווינער פון באָסטאָן, און יעדער, וואָס האָט געחלומט רייך צו ווערן אָן אַרבעט, האָט געקויפט אַן אָבליגאַציע — דאָס האָט געהייסן, אַז פּאָנזי האָט ממש באַקומען אַ מיליאָן קונדן. אַ ריזיקער עולם האָט זיך געשטופּט אין זיין שמוציקער ביוראָ, און מ'האָט געמוזט אַרויסרופן פּאָליציי, אַז די מענטשן זאָלן זיך נישט צעדריקן צום טויט. און אָט דידאָזיקע פאַרשטיקטע צימערן האָט מען געקענט זען רייכע דאַמען אין זיידנס און צירונג, צייטונגס-פאַרקויפער, גאַסן-הענדלער, אַרבעטער-פרויען מיט זויג-קינדער אויף די הענט, שטוב-רוימערינס, וואָס האָבן געהאַלטן פעסט אין די הענט דעם פאַרדינסט פון אַ האַלב לעבן פאַרבראַכט אויף די קני. זיי האָבן אַלע געוואָלט אָפּגעבן זייער געלט פּאָנזין און ער האָט גענומען און פאַרווירקלעכט דעם חלום פון יעדן אימיגראַנט, דערמיט וואָס ער האָט זיך געקויפט אַ קעניגלעך הויז אויפן לאַנד און די טייערסטע, ספּעציעל פאַר אים צונויפגעשטעלטע לימוזינע.

פּאָנזי האָט פאַרזיכערט די שפּאָר-קאַסעס, וו ער האָט

צוגערעדט דעם עולם, אַריינצולייגן אַהין די געלטער. ער האָט אָנגעהויבן אויפצוקויפן גאַנצע פּעק אַקציעס פון די גרויסע טרעסט־געזעלשאַפטן, און ס'איז געווען אַ סכנה, אַז ער זאָל ווערן אַן אמתער באַנקיר. נאָך ערגער, ער האָט אויפגערעגט דעם עולם, ווייל ער האָט געהאַלטן אין איין פּלוידערן מיט די רעפּאָרטערן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו טענהן, אַז ביי אַן הונדערט פּראָצענטיקן רווח אין דריי חדשים האָט ער נישט מער פאַרדינט, ווי אַנדערע גרויסע באַנקירן, — מיטן אונטערשייד, וואָס ער האָט געגעבן דעם עולם פופציק פּראָצענט, בעת די איבעריקע בענק גיבן נאָר פינף פּראָצענט. אויב עמעץ זאָל היינט זאָגן, ווי ווייט דאָס איז געווען פון אמת, וואָלט מען אים פשוט נישט געגלויבט, דעריבער דאַרף מען עס נישט זאָגן.

די באַנק־רעוויזאָרן און די אַדוואָקאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו רירן און פאַרעפנטלעכט אין דער פרעסע ידיעות, אַז פאַנזין דראָט תפיסה. ס'איז געווען שווער צו קעמפן מיט אים, ווייל אָט דער אַמאָליקער געשיר־וואַשער האָט שוין פאַרמאָגט אַן ערך צוועלף מיליאָן דאָלאַר אין דער זעלבער צייט געהאַט ליגן פינף מיליאָן דאָלאַר מזומן אין די באָסטאָנער בענק. אין ניי־ענגלאַנד איז נאָך קיינמאָל נישט אַרעסטירט געוואָרן אַזאַ רייכער מאַן. דעריבער האָט ער אַנגאַזשירט זייער אַן ענערגישן אַדוואָקאַט, וואָס איז שפּעטער געפּסלט געוואָרן צוליב אונטערקויף־געלט. אַרום און אַרום האָט ער באַצאָלט דעם דאָזיקן אַדוואָקאַט אַ מיליאָן דאָלאַר און וואָלט זיך זיכער אַרויסגעדרייט, ווען רופּערט מיט זיין חברה וואָלט נישט געווען אַזוי פעסט אַנטשלאָסן פּטור צו ווערן פון אים.

פונקט ווי אַלעמאָל ביי פינאַנסיעלע שטורמס, איז דער דאָזיקער בעל־מלאכה איבערגעוואַקסן זיך אַליין און חרוב געמאַכט אַ סך בענק: דעם קאָסמאָפּאָליטן־טרעסט, דעם פּעדענטייל־טרעסט, דעם פידעלייטי־טרעסט — אַלע אָנגעזעענע נעמען! דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דער שטאַט מאַסאַטשוסעטס זאָל האָבן ליגן אין דידאָזיקע בענק עטלעכע הונדערט טויזנט

ראָלאַר, און פונקט אַזוי זענען געווען עטלעכע באַצירק-פאַר-
וואַלטונגען. קעמברידזש, די שטאָט פון דעם האַרוואַרד-אוני-
ווערזיטעט, אויך דער ברעג קעגנאיבער דעם טייך, איז גע-
בליבן הענגען מיט אַ האַלבן מיליאָן. דאָס אַלץ האָט גורם
געווען אַ שרעקלעכן סקאַנדאַל און אַרויסגערופן אַלערליי
מערקווירדיקע פאָלגן, וועלכע זענען פאַר רופערט אַלוין און
זיינע פריינט געווען זייער נישט גינציק, ווייל די אויספאָרשונגען
פון די בענק האָבן אַרויסגעוויזן, אַז אַ סך מיטגלידער פלעגן
זיך באָרגן געלט אָן שום פאַרזיכערונג און פאַר דעם געלט
געקויפט אַקציעס פון דער אויבערבאַן-אונטערנעמונג, און אין
דער זעלבער צייט פלעגן זיי אָננעמען אַ געזעץ, וואָס האָט
געהאַט דעם ציל צו פאַרדרייפאַכן דעם פרייז פון אָט די אַקציעס.
מיט אַ קורצע צייט צוריק האָבן די לייט פון דער
פילגרים-נאַציאָנאַל-באַנק אַריינגעפירט די באָסטאָנער אויבער-
באַן אין אַ פינאַנסיעלן קלעם און זי איבערגענומען. דאַן האָבן
זיי דורכגעפירט אין פאַרלאַמענט דעם אַזוי-גערופענעם קאָנ-
טראָל-געזעץ. אין דעמדאָזיקן געזעץ האָט דער שטאַט דער-
לויבט אַן הוספה אויף די רייזע-בילעטן אויף צען סענט און
גאַראַנטירט אַזוי אַרום די אַקציאָנערן אַן אָרנטלעכן פאַרדינסט.
דערביי האָט דער בלוי-בלוטיקער, גרויסמוטיקער, און אין יעדן
פרט אויסערגעוויינלעך חשובער רופערט אַלוין פאַר די פאָלי-
טיקער און פאַרלאַמענטאַריער געשפּילט די ראָל פון אַן אמתן
געלייטערטן קריסט, ממש אַ מלאָך! דער אמת האָט געדאַרפט
אַרויסשווימען ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום, אָבער דאָס האָט
פאַר רופערטן באַדייט בלויז אַ פאַרלענגערונג פון זיינע יסורים.
ער האָט נאַטירלעך געוואוסט, וואָס אַזוינס מ׳האָט פאַרצייכנט
אין די באַנק-אַרכיוון, און ער האָט אויך געוווסט, אַז דאַן,
ווען דער עולם האָט פאַרלוירן דאָס גאַנצע געלט זיינס און
איז שרעקלעך צאָרנדיק, איז אַ סך שווערער צו באַהאַלטן גע-
וויסע ידיעות פון דער פרעסע.

XIV

טאָמער איז עס נאָך געווען ווייניק, האָט זיך אָנגעהויבן אָנצורוקן אַ פרישע צרה: זשערי וואָלקער האָט זיך אויסגעהיילט פון זיין נערוון-קראַנקהייט און האָט אויסגעפונען עטלעכע פרטים פון יענער אינטריגע, מיט וועלכער רופערט אַלווין און הענרי קאַבאָט ווינטערס האָבן געצווונגען זייערע באַנק-קאָלעגן, זיי זאָלן צוהעלפן צורויבן זיין צען מיליאָניק אייגנטום. זשערי האָט זיך בעראַטן מיט פאַרשידענע אַדוואָקאַטן און איינעם פון זיי אַנגאַזשירט, אַ בייזן קליינעם בולדאָג, אַ מענטש, וואָס האָט שוין ביי פריערדיקע געלעגנהייטן צוגענומען ביי דעם גרויסן באַנקיר אַ מיליאָן דאָלאַר. איצט האָט זשערי וואָלקער געהאַט דאָס רעכט לויטן געזעץ, זיך צו ווענדן צו רופערטן מיט פראַגעס און צו פאָדערן אַ דין-וחשבון פון זיינע מיטלען, און רופערט איז געווען געצווונגען אָפּצוגעבן לאַנגע חשבונות, אַז ס׳האָט שוין באַלד געקענט אויסזען, ווי ער איז זיך מודה אין זיין שולד. אַזוי אַרום האָבן די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַל-פּילגרים-באַנק מיט זייערע אַדוואָקאַטן דערהאַלטן לאַנגע בריוו מיט פראַגן, וואָס זענען געווען פול מיט אַ מאָדנער צודרינגלעכקייט און ביטערקייט. עס זענען פאָרגעקומען קאָנפערענצן פון גרויסע פינאַנסיסטן און פריוואַטע קאָנפערענצן ביינאַכט אין רופערטס קאַבינעט, דאָרטן זענען געזעסן רופערט אַלווין מיט זיין שוואָגער און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט אַלע מיטלען, וואָס מ׳האָט דאַן אָנגענומען קעגן זשערי וואָלקערן, מ׳האָט זיך מישב געווען און נישט איינמאָל האָבן זיי זיך דאַן געווונטשן, הלוואַי וואָלטן זיי אַ טייל זאַכן געטון אַביסל אנדערש!

בעטי אַלווין האָט זיך דערוווּסט פון דערדאָזיקער מעשה, דורכדעם וואָס זי האָט צופעליק געטראָפן לוציליע וואָלקער אין אַ זאַל פון אַ האָטעל. זיי האָבן זיך שוין נישט געהאַט געזען אַ יאָר-צייט, זינט בעטי איז אַוועקגעפאָרן אויף איר רייזע קיין איראָפּע. זיי זענען זיך אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס אויפן מיידלשן

שטייגער און זענען אריין אין טיי-זאל שמועסן אביסל. לוציליע האט פארענטפערט איר פאנאנסיעלן און אנדערע פראבלעמען אויפן אלטן ארנטלעכן שטייגער. זי איז איצט שוין געווען פרוי פערסי ג. טאוזענד. איר מאן האט פאבריצירט עלעקטרישע מכשירים. ער איז געווען יונג און פול מיט בטחון, ווי זיין פרוי. זיי וועלן פלייסיק ארבעטן פאר דער אנטוויקלונג פון זייער געשעפט, און דאן וועט אייבע פון די גרויסע באנק-גרופעס זייער געשעפט איבערנעמען.

בעטי האט דערציילט אביסל פון אירע איבערלעבענישן אין רוסלאנד, אונגארן, פליימוט און מאסאטשוסעט. נאך א קלייגער הפסקה פון פארלעגנהייט האט זיך לוציליע אפגע-רופן:

— דו ווייסט דאך מסתמא, וואס דיין פאטער טוט היינט?

און ווען בעטי האט איר פארזיכערט, אז זי ווייס גאר-נישט, האט זי איר דערציילט פון דעם קינפטיקן פראצעס; און ווען בעטי האט איר דערקלערט, אז זי איז נישט אויף איר פאטערס צד אין זיינע געשעפטלעכע קאמפן, האט איר לוציליע דערציילט די גאנצע מעשה. עס וועט זיין פאר זיי אלע א שרעקלעכע סענסאציע. ווארום מ׳וועט ארויסרופן די גרויסע באנקירן פון דער סטעט-סטריט אלס עדות און מ׳וועט זיי פרעגן, וואס פאר שריט זיי האבן דאן אנגענומען, און חי אזוי זיי האבן צעטיילט צווישן זיך זשערי וואלקערס פארמעגן. בעטי האט ער איר געענטפערט, אז זי האט טאקע געזאגט איר מוטער, אז זי וועט פון דעמדאזיקן געלט נישט אנרירן קיין איין סענט. זי האט גראד איצט געקעמפט מיטן פראבלעם, צי זי זאל נאך בכלל אננעמען געלט פון אירע עלטערן. זי איז פעיק אליין צו פארדינען זיך איר ברויט, און זי וויל עס אויך טון, — אבער זי וויל דערווייל ארגאניזירן א גוטע ווירקזאמע פארטיידיקונג פאר טאקא און וואנצעטין. אין דער צייט קען זי נישט ארבעטן אויף חיונה.

בעטי איז געגאנגען אהיים און דערציילט איר באבען

די נייעס. און ווען קאָרנעליע האָט צופעליק געטראָפן הענרי־קאַבאָט ווינטערס האָט זי איצט אויך געקענט שפּילן די ראָל פון אַ כּרוי, וואָס קען זיך באַנוצן מיט געהיימע אינפאָרמאַציעס. באַטירלעך איז הענרין נישט געווען שווער צו טרעפן, פון וואַנעט זי ווייס עס. און אָט זענען זיי ביידע געווען אין אַ מאָדנע לאַגע. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער זיך אויפגערעגט בלויז פון דעם געדאַנק, אַז זשערי וואָלקער קען זיך באַנוצן מיט איר, כּדי אַרויסצוציען פון איר אינפאָרמאַציעס וועגן די טאָרנוועלס; און איצט וואָלט ער זייער גערן באַנוצט קאָרנעליען, זיך צו דערוויסן עטוואָס וועגן זשערי וואָלקערס פּלענער! ער איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרגעלייגט אַ „געשעפט". אויב קאָרנעליע וועט אַרויסקריגן פון די וואָלקערס, וואָס זי וועט נאָר קענען, וועט הענרי באַנוצן זיינע געהיימע באַציונגען, צו העלפן קאָרנעליעס געליבטן באַנדיט. ער וועט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער מאַכט, ער וועט צעשטערן זייערע פּלענער און אפשר קענען דידאָזיקע הולטאַיעס באַפרייען אים אויף אַ געוויסן אופן.

דאָס האָט אויף קאָרנעליען געמאַכט זייער אַ קאָמישן איינדרוק, און זי האָט אָנגעהויבן צו לאַכן.

— איר מוזט שרעקלעך מורא האָבן — האָט זי געזאָגט.

און נאָכדעם ווען ער האָט זיך איבערגעצייגט, אַז זי וועט עס נישט אויסזאָגן פאַר די וואָלקערס, האָט ער מודה געווען, אַז די לאַגע איז באמת נישט פויגלדיק. נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָפּגעטון עפּעס אַן עוולה, — נאָר עס וועט אַרויסקומען אַ ריכטיקע שווינערײַ, האָט ער געזאָגט, ווען מ'וועט פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע אַלע בריוו, טעלעגראַמעס און געהיימע פּראָטאָקאָלן פון אַ גרויסן באַנק־פּראָיעקט.

— קענט איר נישט אָפּרוימען אייערע אַרכיוון? — האָט קאָרנעליע געפרעגט מיט אַ ווונק. ער האָט געענטפערט, אַז דאָס איז נישט אַזוי פּשוט, ווי מען מיינט, ווייל איין דאָקומענט האָט אַ שייכות מיטן אַנדערן און עס זענען פאַראַן קאָפּיעס אין אַ טוץ פאַרשידענע בענק. אויב מ'וועט זיך נעמען שטאַרק

פאָרן וועלן זיך דערוויסן די אָנגעשטעלטע און דערמיט וועט מען פאַר די געהיים-אַגענטן און כאַבאַרניקעס אויפעפענען אַלע טירן. נישט רויק איז דער קאָפּ, וואָס טראָגט אַ קרוין.

XV

קאָפּ-דרייעניש! צרות! אַפילו אין דעם ווייטן איטאַליען האָבן די מענטשן אין אָט דעם זומער און הערבסט נישט געהאַט קיין אַנדער אַרבעט, ווי צו פאַרשאַפן אומגליק רופּערטן מיט זיינע שותּפים. די גרויסע אַמעריקאַנישע באַנקירן האָבן אָנגעפילט זייערע געוועלבן מיט די גאָלד-באַזוימטע און רויט-געשטעמפּלטע צאָל-פאַרפליכטונגען פון אייראָפּעישע רעגירונגען. און אומזיסט איז געווען די האָפענונג זיך צו ראַטעווען, דערמיט וואָס מען האָט דידאָזיקע פּאַפּירן איבערגעגעבן דעם פּובליקום. געווײנלעך פלעגט זיך דער קונה נאָך זיין פאָרגעקומענער קניה אומקערן צוריק מי-ן פּאַפּיר אין דער באַנק און פאַרלאַנגען, אַז מ'זאָל אים דעפּאָנירן, צוליב זיכערקייט, קעגן אַכציק פּראָצענט פון זיין ווערט. ווי זאָל זיך רופּערט אָפּזאָגן, צו לייהען געלט אויף אַ חוב, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט אַלס די בעסטע ווערט-פּאַפּירן פאַר אַלמנות און יתומים? און מחמת דעם האָט זיך רופּערט אַליין אויפגעכאַפּט פון שלאָף יעדעס מאָל, ווען אַן אייראָפּעישער פּרעמיער-מיניסטער האָט אַ נאָס געטון. און ווען די אַנאַרכיסטן אין טורין אָדער מאַילאַנד האָבן דעמאָנסטרירט און געפאָכעט מיט זייערע שוואַרצע פענער האָט ער שוין בכלל נישט געקענט שלאָפן.

דעמדאָזיקן זומער האָבן די ראַדיקאַלע פאַרייגען אָפּגעטון אַן אויסערגעווײנלעכע זאַך. זיי האָבן באַזעצט די וויכטיקסטע שטאָל-און מאַשינען-פאַבריקן פון לאַנד. אָבער נאָכדעם, וואָס זיי זענען שוין געווען אין די פאַבריקן, האָבן זיי נישט געוווסט וואָס צו טון, ווייל זיי האָבן נישט געקענט רירן קיין איין איינציקן ראָד אָן קוילן, און קוילן האָט מען געמוזט ברענגען פון ענגלאַנד און אַמעריקע אין ענגלישע און אַמע-

ריקאַנישע שיפן פאַר ענגלישן אָדער אַמעריקאַנישן קרעדיט. וועלן דען די ענגלישע אָדער אַמעריקאַנישע קוילן-מאַגנאַטן געבן קרעדיט די איטאַליענישע אַנאַרכיסטן, אַנאַרכא-סינדיקאַליסטן, קאָמוניסטן און לינקע סאָציאַליסטן? די קוילן-מאַגנאַטן אין ענגלאַנד און אַמעריקע, וועלן אויפן שטייגער פון אַלע גרויסע דזשענטעלמענער פון דידאָזיקע לענדער, טון דאָס, וואָס זייערע רופּערט אַלווינס וועלן זיי זאָגן. און די רופּערט אַלווינס האָבן געזאָגט: „נידער מיט די רויטע!" און מחמת דעם, האָבן די איטאַליענישע אַרבעטער געמוזט מאַכן שלום מיט זייערע אונטערנעמער און אַוועקגעבן צוריק די פאַבריקן. און דאַן האָבן די אונטערנעמער געמוזט אונטערשטיצן אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע רעגירונג, כדי צו פאַרניכטן די פאַריינען און צו דערמאָרדן זייערע פירער. דערצו האָט מען געמוזט אָרגאַניזירן אַ רעאַקציע און טעראָר — און ווו זאָלן זיי דען נעמען מיטלען אויף דעם אַלעמען, אויב נישט אין אַמעריקע?

נישט געקוקט אויף אַלע צרות מיט פאַנזין, שמעון שוויג, דעם האַלבן טוץ צוגעמאַכטע בענק, דעם דראָענדיקן גרויסן סקאַנדאַל; נישט געקוקט אויף דער שווערער אָנשטרענגונגען צו פאַררייבן דעם זשערי וואָלקער-פּראָצעס און דער עגמת נפש צוליב בעטין און קאָרנעליען,—בעת אָט די אַלע שווערע צרות זענען געלעגן אויף זיין האַרצן, — האָט ער געמוזט אויפנעמען די אַגענטן פון די איטאַליענישע פינאַנסן און אינדוסטרי און געמוזט אויסהערן די פּלענער פון דער מלוכה-פירונג, וואָס וועט אין דעמדאָזיקן לאַנד אויפריכטן דעם גרויס-קאַפּיטאַל. עס איז לחלוטין נישט געווען קיין מעגלעכקייט אָפּצוזאָגן זיי, אויב מען האָט נישט געוואָלט פאַרלירן דאָס גאַנצע געלט, וואָס מ'האָט געליען איטאַליען פאַר און בעת דער מלחמה. די באָסטאָנער, נוי-יאָרקער פילאַדעלפיער און טשיקאַגער באַנקירן האָבן זיך געמוזט פאַרייניקן און טון אויך פאַר איטאַליען דאָס, וואָס זיי האָבן געטון פאַר אונגאַרן, רומעניען, טשעכאָסלאָוואַקיי, פינלאַנד, עסטלאַנד, לעטלאַנד און ליטע, — אַזוי פיל פאַריתומטע קליינע פאַרשולדיקטע מלוכהלעך, אַז אַ הונדערט פּראָ-

צענטיקן אַמעריקאַנער האָט ממש געגומען דער קאָפּ ווי טון, ווען ער האָט זיך געוואָלט אויסלערנען זייערע נעמען.

דערווייל איז באַרטאָלאָמיי אַרומגעגאַנגען אין זיין תּפיסה-קאַמער אַהין און צוריק, אין דעם ענגן חלל. דריטהאַלבן מעטער אויף אַ האַלבן, וואָס מ׳האָט אים געגעבן פאַר זיין אַרומגיין הין און צוריק. ער האָט געוווּסט, וואָס איז געשען אין דרויסן, ווייל זיינע פריינד האָבן אים אַביסל דערציילט. דאָס איבעריקע האָט ער זיך שוין געקענט צונויפֿשטעלן אַדאַנק יענעם קלאָרן פאַרשטאַנד, מיט וועלכן ער האָט אַזוי גוט באַנומען די סאָציאַלע אַנטוויקלונג. ער האָט געוווּסט אַז דאָס באַדייט אַ סוף צו אַלע האָפנונגען, צו אַלע פרייהייט-גלויבנס פון די איטאַליענישע פויערן און לוין-שקלאַפן אויף יאָרן, אפשר אויף גאַנצע צענטליקער יאָר. ער האָט געוווּסט, וואָס די אַמעריקאַנישע באַנקירן וועלן טון. ער האָט פאָרויסגעזאָגט, ווי זיי וועלן אין דער רגע, ווען מ׳וועט דאַרפן מאַכן די הלוואה, אונטערקויפן די פרעסע, פאַרברייטערן די פּראָפּאַגאַנדע און די גרויסע מאַסע איטאַליענער אין אַמעריקע איינשפּאַנען אין דעם וואָגן פון דער רעאַקציע. דערווייל האָבן זיי וואַנצעטין אריינג עפּאַקט אין תּפיסה, וווּ ער איז צום ווייניקסטן געפערלעך. און זיי וועלן שוין זאָרגן דערפאַר, אַז ער זאָל דאָרטן בלייבן.

קאַפּיטל X

דער לעגאַלער סיסטעם

1

דעם 11-טן סעפּטעמבער 1920 איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין געריכט פון באַצירק נאָרפאָלק אַן אָנקלאַגע קעגן ניקאָלאַ סאַקאָ און באַרטאָלאָמיי װאַנצעטי, צוליב דעם מאָרד פון דעם געלט-פירער און זיין באַגלייטער אין זיד-ברענטרי אין אַפּריל פון פאַרגאַנגענעם יאָר. דער נאָרפאָלקער באַצירק האָט געהאַט דעם זעלבן פּראָקוראָר, װי פּלימוט, און סאַקאָ און װאַנצעטי זענען געשטעלט געוואָרן פאַרן זעלבן ריכטער, װעבסטייער. זיי האָבן זיך דערקלערט פאַר אומשולדיק. דער פּראָצעס איז באַשטימט געוואָרן אויף פעברואַר. דערווייל האָט זיך װאַנצעטי צוריקגעקערט אין שניידער װאַרשטאַט פון טשאַרלעסטאָנער תּפיסה, אָפּצוקומען זיין שטראָף פאַרן ברידשװעטער פאַרברעכן, בעת סאַקאָן האָט מען צוריקגעבראַכט אין דער באַצירק-תּפיסה אין דעדהאַם, און אַזוי װי מ'האָט אים נישט געגעבן דאָרטן קיין שום אַרבעט, איז ער געװען זייער אומגליקלעך און איז כמעט משוגע געוואָרן.

דערווייל האָט אַ קליינע גרופּע אין באָסטאָן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דעם אַזוי גערופענעם קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן סאַקאָ און װאַנצעטין. צום אָנהויב איז ער באַשטאַנען פון בלויז איטאַליענער אונטער דער אָנפירונג פון אַלדינאָ פעליצאַני, אַן אַנאַרכיסטישער זעצער, אַ הויך-געוויקסיקער יונגערמאַן מיט אַן אַסקעטישן אויסזען, מיט אַ צערטלעכער שטימע

און באַשיידענער האַלטונג. ער איז געווען דער דרוקער און דער איבערזעצער פון די פּראָקלאַמאַציעס. זיינע קאָלעגן האָבן געשריבן די אַדרעסן, האָבן באַזוכט די ראַדיקאַלע פאַרזאַמלונגען אין שכנותדיקע ערטער און אַרויסגעשיקט זאַמל-ליסטעס. אַזוי אַרום איז אַריינגעקומען פון דאַנעט אַ פּאָר דאָלאַר, פון דאָרט אַ פּאָר דאָלאַר. פון אָנהויב איז נישט געווען קיין שום ביוראָ, קיין סעקרעטאַר, אַ חוץ די פרייוויליקע אַרבעט פון חברים.

זשאָ רענדעל האָט פאַרענדיקט זיין בוך וועגן „ווייסן טעראָר". ער האָט שוין לאַנג פאַרלוירן די האָפנונג צוצופירן עס ביז דער סאַמער נייעסטער צייט, וואָרום די געשעענישן זענען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז די פעדער האָט זיי נישט געקענט דעריאָגן. און איצט איז ער געוואָרן דער פרייוויליקער פּרעסע-אַגענט פון קאָמיטעט. ער האָט געשריבן אַרטיקלען פאַר דער פּרעסע, צוגעגרייט קאָמוניקאַטן, געגאַנגען פון איין רעדאַקציע אין דער אַנדערער און געפּרוווט פועלן ביי דעם אָדער יענעם רעדאַקטאָר צו געבן אַ שטיקל פּלאַץ אין די שפּאַלטן פון זיין צייטונג. ס'איז צוגעקומען צו אים נאָך אַ זשורנאַליסט אין קאָמיטעט, אַרט שילד, אַן אומדערמידלעכער אַרבעטער. ביז צוויי דריי אַ זייגער פאַרטאָג פלעגט מען זען זיך לייכטן אין דער ביוראָ און מ'האָט געהערט קלאַפּן די שרייב מאַשינען. בעטי האָט זיך געלערנט האַלטן רעדעס און מקריב געווען איר יוגנט, איר שיינקייט און איר געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש פאַר דער אַרבעט. זי איז געקומען אין די פאַריין-קאַנצעלאַריעס, האָט זיך געהנדלט, און זיך באַמיט, צו באַקעמפן דעם טיף איינגעוואָרצלטן פאָראורטייל פון די קאַטוילייש-אירלענדישע און פּראָטעסטאַנטיש-אַמעריקאַנישע אַרבעטער-פירער קעגן צוויי וואָפּס, וואָס זענען דערצו נאָך אַפּיקורסים, אַנאַרכיסטן און דעזערטירן. קאָרנעליע און בעטי זענען צוזאַמען געגאַנגען צו יענע דאַמען פון דער געזעלשאַפט, וואָס זייער בלוט איז עטוואָס צוגעפאַרבט געווען מיט רויט. די פאַרדינסטן, וואָס

דיביידע האָבן געהאַט פאַר דער באַוועגונג פון פרויען-וואַל-רעכט, האָבן זיי געשאַפן אַ שטיקל אָנזען, און זיי האָבן באַ-קומען קליינע טשעקן.

דער קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן סאַקאָן און וואַנצעטין איז צום אָנהויב געווען אַ מאָדנע אָרגאַניזאַציע. ער איז אייגנ-טלעך באַשטאַנען פון איין נאָמען און קיינער האָט נישט גע-וווּסט געגנוי, ווער עס זענען די איבעריקע מיטגלידער, אָדער אין וועמענס נאָמען דער קאָמיטעט עקזיסטירט. די אַמעריקאַ-נער, וואָס האָבן זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן און מיטגעהאָלפן אויפבויען אים, האָבן עס געטון צוליב סימפּאַטיע צו אַן אונ-טערדריקטער גרופּע און האָבן געדינט פאַר אַ פּראָנט. זייערע בילדער זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די צייטונגען, זיי האָבן געהאַלטן רעדעס און צוגעגעבן די זאַך אַ בכבודיקן אָנ-זען. אָבער זיי זענען נאָך נישט געווען אַזוי באַהאַוונט אין דעם ענין, און אין קריטישע רגעס האָבן זיי זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף די איטאַליענער, וואָס האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי גרופּעס. אין איין גרופּע האָבן געהערט אַזעלכע מענער, ווי למשל פעליצאַני, דער זעצער און פיליצי זאַדאַני, דער זשורנאַליסט, וואָס קאַרנעליע האָט זיך באַקענט מיט אים, ווען ער איז אַמאָל געקומען קיין פּליימוט, כדי מיטצוהעלפן דעם שטרייק אין דער שטריק-פאַבריק, ווייטער רעזינאַ סאַקאָ, די פרוי פון אָנגעקלאָגטן, אַ לעבעדיקע און קלוגע פרוי, וואָס איז געווען זייער איבערגעבן איר מאַן... די דאָזיקע מענטשן האָט מען געקענט. אָבער עס זענען געווען נאָך אַנדערע, וואָס זענען געשטאַנען אין הינטער-גרונט און אין אַ קריטישע צייט האָבן זיי פּונקט ווי פון אונטער אַ פאָרהאַנג אויסגעשטרעקט די האַנט און באַיינפלוסט די אַנטשיידונג. דאָס זענען אויך געווען אַנאַרכיסטן, נאָענטע פריינט פון סאַקאָ און וואַנצעטין, און ס'איז נישט געווען שווער זיך אָנצושטויסן, פאַרוואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן אין דער טונקלקייט. זיי האָבן געוואָלט אויסמיידן די געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן, אָדער, פּונקט ווי זייערע חברים, אַפילו אַריינגעזעצט צו ווערן אין תפיסה,

אונטער דער פאַלשער באַשולדיקונג פון עפּעס אַ פאַרברעכן.
אָבער דאָס וואָס מ׳האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, צוליב וועלכע סיבות עס איז פאָרגעקומען די אָדער יענע אַנטשיידונג, האָט שטאַרק באַשווערט די אַרבעט פון קאָמיטעט. מ׳האָט אַרויסגע-לאָזט עפנטלעכע דערקלערונגען, געגעבן דעם ענגלישן טעקסט און איבערגעזעצט אים דאַן אין איטאַליעניש; און דאָ פלעגט זיך מיטאַמאָל אַרויסווייזן, אַז דער איטאַליענישער טעקסט איז אינגאַנצן אַנדערש ווי דער ענגלישער, אפילו ווי די ערשטע פאַרפאַסונג. אָבער קיינער האָט זיך נישט דערוווּסט, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

מורא און חשד האָבן דאַ געשפּילט אַ גרויסע ראָל. עס איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז דער שונא זאָל נישט אַריינ-שיקן אין דעם קאָמיטעט קיין שפּיאָנעס, יענע לייט וואָס זענען גענוג כיטרע צו זיין כלומרשט „גוטע רעוואָלוציאָנערן“. פון סאַמע אָנהייב ביז צום סוף איז די פּראָקוראַטור געווען איינ-פאָרמירט וועגן אַלצדינג, וואָס קומט פאָר אין קאָמיטעט, וועגן די באַשלוסן, וועגן די וויכּוחים און קאָנפערענצן. דידאָזיקע שפּיאָנעס זענען אַריין און אַרויס, און צום סוף, ווען זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיט זייער אַרבעט, האָבן זיי לאַכנדיק דערציילט, ווי זיי האָבן אַליין געזאַמלט געלט פאַר דער זאַך און דערנאָך אַמוזירט זיך מיטן געלט אויף זייער אייגענעם אופן. דאַן האָט מען געהערט, ווי די מענער, וואָס האָבן געדונגען דידאָזיקע שפּיאָנעס האָבן אַרויסגערוקט אַ באַשולדיקונג, אַז אין דער קאַסע פון קאָמיטעט זענען פאָרגעקומען גנבות! פאַר אַלע אַנאַרכיסטן אין קאָמיטעט איז געווען כאַראַקטעריסטיש איין זאַך: זיי זענען געווען שטאַרק אין דער טעאָריע און שוואַך אין דער ווירקלעכקייט. און צוליב דעם איז די אַרבעט פון דער פאַרטיידיקונג צוגעגאַנגען זייער שווער. טאָמער האָט מען גע-דאַרפט אָננעמען עפּעס אַ נייעם שריט, האָבן די פאַרטיידיקער צוערשט געמוזט לאַנג רעדן, וואָס האָט טיילמאָל געדויערט ביז פאַרטאָג, און דאַן האָט זיך עס אָפטמאָל אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. די זיצונגען האָבן קיינמאָל קיין סוף נישט גענומען, ווייל ס׳האָט

זיך תּמיד געפּונען עמעצער, וואָס האָט אויך רעכט געהאַט צו זאָגן זיין וואָרט; מ׳האָט נישט געקענט אָננעמען קיין שום באַשלוס, און ווען מ׳האָט שוין יאָ אָנגענומען אַ באַשלוס, איז ער נישט געווען פאַרפליכטנדיק. טאָמער איז ער דיר געפעלן געוואָרן, האָסטו נישט געזאָגט קיין וואָרט נאָר אַוועקגעגאַנגען און געאַרבעט קעגן אים. טאָמער זאָגט דיר עמעצער, אַז דאָ איז נישט אָנשטענדיק, הויבסטו מיט די אַקסלען און ענטפערסט:

— פאַרוואָס נישט? צי האָב איך נישט קיין רעכט, צו זאָגן, וואָס איך וויל? ניין, איך מוז עס נישט זאָגן פאַר דעם קאָמיטעט, איך וועל עס זאָגן, ווען איך וועל ווילן. אויב עס וועט אייך נישט געפעלן ווערן, וועט איר עס קענען זאָגן, ווען און ווו איר וועט ווילן.

מיט אַנדערע ווערטער: אַ קאָמיטעט פון אַנאַרכיסטן איז געווען אַ קאָנטראַדיקטאָ און אַ דירעקטע סתּירה אין זיך אַליין, נישט קיין קאָמיטעט, נאָר אַ מאַסע פון אומדורכדרינגלעכע און נישט אַסימילירבאַרע יחידים, און יעדער, וואָס האָט זיך עטוואָס אונטערגענומען, האָט געקענט זיין זיכער, אַז מ׳וועט אים באַטראַכטן פאַר אַ דיקטאַטאָר אָדער טיראַן. ווען עמעץ האָט געבערענגט אַ פּרישן פּלאַן פאַר אַ געלט-זאַמלונג — אויסצוגעבן אַביסל געלט, כדי צו באַקומען אַ סך געלט, די אַמעריקאַנישע מעטאָדע — האָט מען אים געגעבן דייטלעך צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ סתּירה צו דער „פילאָזאָפיאַ אַנאַרכיקאַ". צו וואָס דאַרפן די לייט אַזויפיל געלט? וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי געהאַט דערצו? איינמאָל האָט קאָרנעליע אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע אַוועקגעשיקט אַן אָרגאַניזאַטאָר קיין נוי-יאָרק, כדי ער זאָל רעדן אויף פאַרזאַמלונגען און אַפּעלירן צו די ראַדיקאַלע פאַריינען, באַזונדערס פון די יידישע באַקלייד-אַרבעטער. דערדאָזיקער מענטש האָט געשיקט עטלעכע טויזנט דאָלאַר; אָבער ער האָט געמוזט צוריק אַוועקפאָרן קיין באָסטאָן, כדי אָפּצונעמען זיין וועכנטלעך געהאַלט. ווען נישט וואָלט ער נישט געקענט פירן ווייטער די אַרבעט.

די אַדוואָקאַטן זענען נישט איינמאָל אַריינגעפאַלן אין

פאַרצווייפלונג. איינמאָל האָט זיך דער פּאַרטיידיקער דערוווּסט, אַז אין דער אַטלאַנטישער טורמע זיצט איינער אַ פאַרברעכער, וואָס קען אפשר עפּעס דערציילן וועגן די אמתע באַנדיטן. ער האָט געוואָלט פאָרן קיין אַטלאַנטאַ. ער האָט אָבער נישט געוואָלט זיך אָפּפאָרן אַ גאַנצע נאַכט מיטן קאָמיטעט און דערנאָך פאַרשפּעטיקן דעם צוג. טאָמער האָט ער געוואָלט שיקן עמעצן קיין איטאַליען, אַז מען זאָל אויפזוכן קאָאָקין אָדער גאַדאַן, אָדער ער האָט בדעה געהאַט נאָכצופאָרן איינעם אַ פאַרדעכטיקן באַנדיט קיין טעקסאַס אָדער קיין אַרגענטינע, האָט ער געמוזט דראָען, אַז ער וועט זיך אָפּזאָגן פון דער פאַרטיידיקונג. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מיטל צו קריגן דעם אונטערשריפט אויף אַ טשעק.

אַזעלכע צרות האָבן געהאַט אויסצושטיין די אַדוואָקאַטן און פּונקט אַזוי שווער און פיינלעך איז דידאָזיקע לאַגע געווען פאַר די אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן געמוזט האָבן צו טון מיט די אַדוואָקאַטן. פאַר די רעוואָלוציאָנערן און „פרייהייטס־קעמפער" איז דער אַדוואָקאַט געווען די פאַרקערפּערונג פון אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג. ער איז געווען ביי זיי די שפין, וואָס שפינט אַרום די נעץ פון טראַדיציע אַרום די גלידער פון דער מענטשהייט. אַלץ, וואָס ער האָט געטון האָט נישט געטויגט, בלויז זיין שפּראַך איז געווען אַ באַליידיקונג, און די הוצאות, וואָס ער האָט גורם געווען, האָט געהייסן ביי זיי אַ געפּערלעכע בלוט־זויגעריי פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. לאָזט די מאַרטירער אומקומען און גיט אויס דאָס געלט אויף „ליטעראַטור", האָבן געזאָגט די פאַנאַטיקער. אָבער דער אַדוואָקאַט האָט זיי אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דאָס געלט האָט מען נישט צונויפגעזאַמלט אויף „ליטעראַטור", נאָר אויף דעם, מ'זאָל ראַטעווען די מאַרטירער דאָס לעבן, און נאָר ער אַליין באַזיצט די וויסנשאַפט צו דערגרייכן דעמדאָזיקן ציל.

אַ סך פון דידאָזיקע איטאַליענישע אַנאַרכיסטן זענען געווען, אַלס יחידים, פשוטע און ליבלעכע מענטשן, אַ סך פון זיי זענען ממש געווען רייצנד. אין זייער באַוויסטע זענען זיי

לעוועז אַ שײנער קאָנטראַסט צו דער שטײפקײט און פײער־לעכקײט פון נײ־ענגלאַנד. מ׳האָט געדאַרפט האָבן געדולד צו זײער פאַנאַטיזם און פאַרשטײן, אַז ער איז בלויז אַן איבער־טרײבונג פון זײערע עטישע נאַטורן; זײ האָבן ממש פרעזענטירט דעם פרינציפּ פון פאַרענדערונג, אָן דעם, אַז די מענטשן זאָל לעבן צוזאַמען, ווי די מוראַשקעס אָדער ווי בינען. טאָמער האָבן זײ דאָך אַרײנגעבראַכט דיר אין פאַרביטערטקײט — און דיר גלוסט זיך צו נעמען די גאַנצע „פילאָזאָפיאַ אַנאַרכיקאַ" און דערטרינקען אין דער בעק־בײ — דאַן מוזסטו זיך דערמאָנען, אַז זײער גרויסע מענטשן פון דער װיסנשאַפט האָבן געלעבט מיט דעם גלויבן און פאַרשפּרײט אים. קראַפּאָטקין און די ברידער רעקלוס, אַזעלכע גרויסע דיכטער, ווי שעלי און עמער־סאָן, אַזעלכע מאָראַל־פּרײדיקער, ווי טאָלסטוי און טאָראָו, דזשאָרדזש פאָקס און וויליאַם פען, יעזוס און בודאַ. נישט אַלע האָבן זיך אָנגערופן אַנאַרכיסטן, אָבער אַלע האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך דעם פרינציפּ, אַז מ׳דאַרף געבן דעם ערשטן אָרט אין לעבן דעם אינדיווידועלן געוויסן און נישט דעם סאָציאַלן צוואַנג. אויב די דאָזיקע באַוועגונג האָט אַרויסגעבראַכט מער געפערלעכע פאַנטאַזיאָרן, אײדער נביאים און הײליקע, איז דאָס דער פרײז, וואָס די מענטשהײט מוז צאָלן אויף דער זוכעניש נאָך העכערע פאָרמען פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

II

סײ צווישן די ענגלישע און סײ צווישן די איטאַליענישע גרופּעס פון דעם פאַרטײדיקונגס־קאָמיטעט זענען געווען שאַרפע דיפערענצן, אַפילו אין די פּאָליטישע איבערצײגונגען. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז דאָס איז אַ קרימינעלער ענין און מ׳מוז צוגײן צו אים ווי צו אַזעלכן. אַנדערע אָבער זענען געווען בײ דער מײנונג, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן אַלגעמײנעם אָנגריף קעגן דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט און דער פּראָצעס איז נישט מער, ווי אַן עפּיזאָד אין קלאַסן־קאַמף. ווי מאָדנע

עס זאָל נישט אויסקומען — די אַנאַרכיסטן האָבן לרוב אָנ־גענומען דעם ערשטן שטאַנדפּונקט. זיי האָבן בעשיינפּערלעך איינגעזען, אַז יעדע באַמיונג צו פּראָפּאַגירן דעם אַנאַרכיזם, באַדייט נישט נאָר די פּאַראַורטיילטונג פון די ביידע באַשול־דיקטע, נאָר וועט אויך זייערע פריינט ברענגען צרות אויפן קאָפּ. אָבער איין סאָציאַליסט, זשאָ רענדעל, האָט נישט געהאַט פאַרוואָס מורא צו האָבן, און פאַר אים איז דער פּראָצעס געווען אַ פּרוּוו פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל, אָפּצורוימען צוויי פון אירע געפערלעכסטע שונאים. אַלצדינג, וואָס ער האָט געשריבן וועגן דעמדאָזיקן ענין, איז געווען אַ פאַרשלייערטע סאָציאַ־ליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, און ער האָט זיך, נאַטירלעך, געער־גערט בעת די נישט־סאָציאַליסטן פון קאָמיטעט האָבן קריטיקירט זיין פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט. עטלעכע יונגלייט, למשל, בעטי אַלווין, וואָס האָט אין דעמדאָזיקן פּעריאָד פון איר לעבן געטענהט, אַז זי איז אַ קאָמוניסטין, האָט געוואָלט אָרגאַניזירן אַן אַנדער אופן פון פּראָפּאַגאַנדע, און איר עקשנות איז גע־וואַקסן, וואָס מער געשטאַלטן עס האָט אָנגענומען די געשעעניש פון סאַקאָ און וואַנצעטי.

דידאָזיקע מחלוקה האָט געדויערט ביז דער סאָמער לעצטער מינוט, און אפילו שפּעטער, — ווען דידאָזיקע מענער און פרויען האָבן זיך געקריגט צווישן זיך, וואָס מען זאָל טון מיטן אַש פון דידאָזיקע קרבנות. דעם קערן דערפון האָט מען געזען באַלד אויף דער ערשטער זיצונג, ווען אַכט אָדער צען ענטוזיאַסטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּאַרן, וועלכן אַדוואָקאַט, מען זאָל אַרויסרופן צו דעם פּראָצעס. צי זאָל מען נעמען אַ מענטשן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס זאָל אַפּעלירן צו דער גאַנצער באַוועגונג אין לאַנד? אָבער צי זאָל מען נעמען סתם אַן אָנגעזעענעם אַדוואָקאַט, וואָס זאָל באַהאַנדלען די געשעעניש אויף אַ בכבודיקן אופן, און ער זאָל אויפן גוטן אַלטן באָסטאָנער שטייגער מאַכן אַן איינדרוק אויף דעם עולם און די געשוווירענע? אַ דריטע מעגלעכקייט: צי זאָל מען געפינען אַ ספּעציאַליסט פון שטראָף־רעכט, וואָס קען

זיך אויף אַלע שפּיצלעך פון דער וויכטיקער טעכנישער שפּיל? זשאָ און בעטי האָבן מסכּים געווען אויפן ערשטן פּלאַן. קאָר־נעליע איז געווען פאַרן צווייטן, און די איטאַליענער האָבן זיך געוואַקלט צווישן דעם ערשטן און דעם דריטן.

אַן איבערוועגנדיקער פאַקטאָר בײַ די אַלע פראַגן זענען געווען, פאַרשטייט זיך, די צוויי באַשולדיקטע, וואָס האָבן זיך קיין איין מינוט נישט געשוינט. פאַר זיי איז דער פאַל געווען אַן אויסדרוק פון קלאַסן־קאַמף, זיי זענען פאַרפאָלגט געוואָרן, ווײַל זיי זענען געווען אַ סכּנה פאַר די רײַכע לײַט פון מאַ־סאַטשוסעטס. פאַר וואַנצעטין איז דער בלויזער געדאַנק וועגן דעם אָנגעזעענעם אַדוואָקאַט און זײַן בכּבודיקער צוטריט צו דעם פּראָצעס געווען אַ באַליידיקונג, און דער געדאַנק וועגן דעם יוריסטישן פוקס איז אויך געווען בײַ אים אַן אומזין. דידאָזיקע אַלע האָפענונגען, האָט ער געזאָגט, וועלן אַלע אָפּנאַרן. און ראַטעווען קען זיי בלויז די אַרבעטער־באַוועגונג.

— טאָמער קען מען נישט מאָביליזירן אַ מיליאָן מענטשן צו אונזער פאַרטיידיקונג, זענען מיר פאַרלוירן — אָט די ווער־טער האָט ער געזאָגט פון דער ערשטער ביז דער לעצטער רגע.

סאַקאָ איז געווען נאָך אַנטשלאָסענער. פאַרשפּאַרט אין זײַן טונקעלן קאַמער אין דער דעדהאַמער תּפיסה, איז ער געווען פּונקט ווי אַ געפאַנגענער שטשור, אַ חיה פול מיט גרימצאָרן, תּמיד גרייט צום שפּרונג. ער האָט זיך אָן אויפהער געוואָרפן, ער האָט זיך ממש אויפגעפרעסן פון אויפרעגונג און זיך קיין איינמאָל נישט געלאָזט אָפּנאַרן פון אַ האָפענונג.

— זיי האָבן אונז, זיי וועלן אונז דערהרגענען. — האָט ער נישט אויפגעהערט צו ברומען. און וויפל מאָל זײַנע שונאים זענען אים געקומען אין די אויגן אַרײַן האָט ער זיי געשלײַ־דערט זײַן רעוואָלוציאָנערע איבערצייגונג אין פּרצוף אַרײַן. — „וויוואַ ל׳ אַנאַרכיאַ!” זענען געווען זײַנע לעצטע ווערטער און זיי האָבן זיך זײַן האַלטונג אַרײַנגענומען אין זינען אַרײַן אין אַלע סטאַדיעס פון דעם זיבן־יעריקן קאַמף.

קאָרנעליע איז אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין, כדי צו זיין אויף מיטאָג ביי הענרי קאַבאָט ווינטערס, וואָס האָט געקענט אַלע אַדוואָקאַטן. צום אָנהויב וועט ער אַביסל פּראָטעסטירן, ווען באַשיצן דעם כבוד פון דער משפחה, און דאַן וועט ער פאַרראַטן זיין אינערלעכע צופרידנקייט, ווייל אין דער אמתן וועט ער זיין זייער שטאָלץ מיט זיין איבערגעבערענטער שוויגער, וואָס האָט זיך מישב געווען און אויפן אַלטן באָסטאָנער שטייגער שיקט זי די גאַנצע וועלט צום טייוול.

דאָסמאָל אָבער האָט קאָרנעליע נישט אַרויסגערופן דעם שטענדיקן גלאַנץ אין הענריס טונקעלע אויגן. ערשטנס האָט דער גרויסער אַדוואָקאַט געהאַט גרויס עגמת נפש צוליב עטלעכע זאַכן, וואָס זשערי וואָלקער — ווי רופערט האָט זיך דערוווסט — איז געוואָר געוואָרן. און צווייטנס איז ער געווען שטאַרק אויפגעבראַכט צוליב די „באָמבע-אויפרייסן” אין וואָל-סטריט. פינף טאָג נאָך דער באַשולדיקונג פון סאַקאָ און וואַנצעטין איז פאַר דער באַנק פון י. פּ. מאָרגאַן עט קאָמפּ. אין נוי-יאָרק צעשפּרונגען געוואָרן אַ וואָגן מיט אויפרייס-מאַטעריאַל אין דער לופטן און צעריסן דרייאונדרייסיק מענטשן אויף שטיקער. די צייטונגען זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון אַנאַרכיסטן: דער באָסטאָנער „טרעוועלער” האָט געווידמעט דער געשעעניש אַן אַרטיקל אויף דער גאַנצער זייט און אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז די שפּורן פון דעם פאַרברעכן פירן צו דער זשאַלעאַני-גרופּע. עס איז אַ נקמה-אַקט צוליב דעם אַרעסט פון די באַנדיטן סאַקאָ און וואַנצעטי.

— דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך, מוטער, — האָט הענרי געזאָגט. — און קאָרנעליע האָט צוגעשטימט:

— אַוודאי איז עס שרעקלעך, אויב אַ צייטונג באַשולדיקט צוויי אָנגעקלאָגטע פאַרויס אין נקמה און מאַכט אַזוי אַרום אוממעגלעך צו באַקומען פאַר זיי אומפּאַרטייאישע געשווירענע. אַלס אַדוואָקאַט מוזטו וויסן, הענרי, אַז אַזאַ אַרטיקל

פארפעלט נישט זיין ציל און לויט די שטרענגע געזעצן פון מאסאטשוסעטס איז ער פשוט א לעסטערונג פון געריכט.

אָבער העגרי האָט זיך נישט געשפּאָרט וועגן דעמדאָזיקן פרט פון דער געשעעניש.

— מ׳זאָגט, אַז די באָסטאָנער אַנאַרכיסטן האָבן נישט געפּרוווט אַפילו צו באַהאַלטן זייער פרייד, ווען זיי האָבן געהערט פון דעמדאָזיקן אויפרייס.

— פאַרוואָס נישט? — האָט געזאָגט קאָרנעליע — ווען זיי ווערן געוואָר, אַז אַן ערד־ציטערניש האָט איינגעלייגט אַלע מויערן פון דער וואָל־סטריט, וואָלטן זיי זיך נאָך מער געפרייט. אָבער דאָס באַווייזט נאָך נישט, אַז זיי האָבן די ערד־ציטערניש געמאַכט. זייער פרייד שטאַמט אָפּ פון דער איבערצייגונג, אַז די מעשים פון דער וואָל־סטריט פאַרשאַפן די אַמעריקאַנער אַר־בעטער אומגעהויערע יסורים. און זיי זענען גערעכט אויך.

— נו מוטער, מיר וועלן בעסער א קוק טון אויף דעם שפּייז־צעטל און לאָזן דערווייל די פּאָליטיק אָן א זייט — האָט העגרי געזאָגט.

קאָרנעליע האָט געלאַכט:

— עס גלוסט מיר תּמיד צו לאַכן, ווען איך זע, אַז מיינע אַנאַרכיסטישע פריינט און מיינע פריינט פון דער בעק־בײַ האַלטן זיך ביי די זעלבע געדאַנקען. די אַנאַרכיסטן זאָגן אויך, אַז מען דאַרף לאָזן די פּאָליטיק אָן א זייט און זיך נעמען צו מעשים.

העגרי האָט באַשטעלט דאָס עסן. און קאָרנעליע האָט איבערגעחזרט דאָס, וואָס זי האָט געלייענט פון די ראַדיקאַלע צייטונגען, אַז די סיבה פון אויפרייס איז געווען א וואָגן מיט אויפרייס־זשעלאַטין, וואָס איז לויט עפּעס א פאַרשריפט אַרויס־געפאָדערט געוואָרן אין מיטן העלן טאָג. העגרי ווידער האָט געטענהט, וואָס ער האָט געלייענט אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, אַז דאָס איז געווען אַן אַנאַרכיסטישע באָמבע. ער האָט א פרעג געטון עטוואָס גערייצט:

— די גלויבסט טאַקע, אַז אַנאַרכיסטן באַנוצן זיך קיינ־מאָל נישט מיט קיין באָמבעס?

— מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס טרעפט יאָ אַמאָל.

— און דו ביסט איבערצייגט, אַז דיינעביידע פריינט האָבן קיינמאָל נישט געטון אַזוינס?

— קיינער האָט זיי אַפילו נישט באַשולדיקט אין דעם, הענרי.

— איך ווייס, אָבער מענטשן זאָגן.

— וועלכע מענטשן, הענרי?

— נו, פריינט, מיינע פריינט, וואָס אינטערעסירן זיך מיט די פאַרשידענע פּרטים פון דער געשיכטע.

— צי וואָלסטו מיר נישט געקענט אָנרופן זייערע נעמען?

— ניין, איך קען עס נישט.

— צי האָסטו זיי געפרעגט, פון וואַנעט זיי האָבן זייערע אינפאָרמאַציעס?

— ניין, אָבער...

— מיר אינטערעסירט, פון וואַנעט עס נעמען זיך אַזעלכע מעשיות. מענטשן זאָגן דאָס און מענטשן זאָגן יענץ, און טאָמער ווילסטו וויסן עפּעס גענויערס ווערט עס צערינען דורך די פינגער. צי קענסטו מיר אָנרופן אַן איין איינציקן פאַקט, הענרי, אַזאַ פאַקט, וואָס דו אַלס ערשטקלאַסיקער אַדוואָקאַט זאָל אים קענען נעמען ערנסט? איך בין גרייט אויסצושטיין אַן ערלעכן פּרווו פון זייער אומשולד. און עס לוינט דאָך זיכער דער פאַמיליע מיך צו פאַרהיטן פון אַ נעץ.

קאָרנעליע האָט ערנסט און אַנטשלאָסן אַריינגעקוקט און אין איר איידעמס שיינע און טונקעלע אויגן. און ער האָט געזאָגט, גוט, ער וועט פּרווון איר העלפן.

IV

דער קעלנער האָט געבראַכט די אויסטריצעס, ווייל דער חודש איז גראָד אויסגעפאַלן מיט אַ „ר" און ווען ער האָט געענדיקט סערווירן דעם טיש מיט די קוכנס, לימאָנאַד און געריכטן. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט אַלע מינעס פון העפלעכקייט איז ער אַוועק.

העגרי האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק צו דער גע־פערלעכע טעמע פון די באָמבעס, וואָס האָט אין יענע פאַר־צווייפלטע טעג פאַרפאָלגט דעם גאַנצן באָסטאָנער העכערן קלאַס. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געשפּילט די ראָל פון אַלוויסנדיקן, איז קאָרנעליע געווען פאַר אים דער איינ־ציקער אוממיטלבאַרער קאָנטאַקט מיט דער אַנאַרכיסטישע באַוועגונג.

— דו ווייסט אַליין, מוטער, אַז מ׳פאַבריצירט פאַקטיש באָמבעס, — די באָמבעס למשל, וואָס מ׳האָט דאַמאָלס געשיקט דורך דער פּאָסט. דו קענסט עס נישט אָפּלייקענען.

— ניין, אַוודאי נישט.

— וואָס זאָגן דערצו דיינע פריינט?

— וואַנצעטי איז איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען אַ באַשטעלטע אַרבעט.

— פון וועלכן צד?

— פון איינער פון די גרויסע דעטעקטיוו־ביוראָס, וואָס פאַרדינען ביי דעם קאַמף מיט „רויטע" מיליאָנען.

העגרי האָט געשמייכלט מיט רחמנות:

— און דאָס גלויבסטו?

— איך נעם עס נישט ווי אַ פאַקט, ווייל איך ווייס עס נישט. אָבער ס׳איז זייער מעגלעך.

— גלויב מיר, מאַמע, דו דאַרפסט אַ זוך טון עפּעס אַ בעסערע דערקלערונג. אַזעלכע זאַכן זענען נישט פאַראַן.

העגרי האָט געזען איר ברויגעם בליק אָנגעשטעלט אויף זיין פּנים. אירע אויגן זענען געווען שטיל און פריינטלעך

אָבער אויך זייער פעסט און ביסלעכווייז האָט ער באַמערקט־
אַז זייער גלאַנץ איז אַ טיפער.

— גיב אַכטונג, און טאַנץ נישט אויפן אייז. וועסט זיך אפשר באַלד אַליין דארפן אַרומקוקן נאָך אַ גוטער גלויבלעכער דערקלערונג, מיין זון — האָט קאָרנעליע געזאָגט און דאָס איז נישט געווען זייער פיין ביים אָנהויב פון אַ מאָלצייט, אַ שלעכטע פאַרשפּייז פאַר אַ גרויסן אַדוואָקאַט, וואָס וועט דער־שיינען אַלס אַן אָנגעקלאָגטער פאַרן געריכט און מוזן יעדן טאָג אַראָפּשלינגען אַ פאַרציע פון דעם מעדיצין, וואָס ער האָט אַליין פאַבריצירט. זיין פּנים האָט זיך פאַרכמאַרעט און אַ היפּשע צייט האָט אים אויסגעפעלט אַ נויטיקער צווישן־רוף, בעת קאָרנעליע האָט גערעדט.

— מיט פינף אָדער זעקס יאָר צוריק וואָלט איך דיר אפשר געגעבן גערעכט, העגרי, איך וואָלט געזאָגט, אַז דידאָזיקע אַזוי־גערופענע באַשטעלטע אַרבעט איז אַ שפּיצל פון די הפקרדיקסטע פאַרברעכער, און אַ סימן, אַז זיי ווייסן נישט ווי זיך אַן עצה צו געבן אויף אַן אַנדער אופן. איצט ווייס איך אָבער, אַז דער יוסטיץ־שווינדל איז אַ רעגולערער מיטל אין דעם קלאַסנקאַמף, דאָס איז פּונקט אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך ווי דאָס איבערזיפן די געשווירענע. צי האָסטו געהאַט אַמאָל וויליאַם מ. וווּד פאַר אַ קליענט?

— ניין, מוטער, אַזוי גליקלעך בין איך נאָך נישט געווען.

— ווי רייך איז ער?

— איך ווייס נישט, זייער רייך — אפשר צען אָדער פופצן מיליאָן.

— גענוג ער זאָל זיין פון אונזערע פירנדיקע אינדוס־טריעלער, דער פּרעזידענט פון אונזערע גרויסע וואָל־קאָנצערנס, מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער איז גענוג מעכטיק ער זאָל זיך נישט באַנוצן מיט קליינע שווינדלערייען קעגן זיינע אַר־בעטער, נישט אמת? צי דערמאָנסטו זיך אפשר, וואָס ער האָט געטון מיט אַ זיבן אַכט יאָר צוריק ביי דעם שטרייק אין

לאורענץ? ער האָט נישט געזען קיין אַנדערן אויסוועג צו צע־שטערן די פּאַריינען, ווי צו לאָזן אונטערלייגן דינאַמיט און אַרויפוואַרפן די שולד אויף די אַרבעטער־פירער, ער איז דאַן געשטאַנען פאַרן געריכט...

— און איז באַפרייט געוואָרן, אויב איך דערמאָן זיך גוט.

— יאָ, דו ווייסט מסתמא, וואָס עס הייסט, ווען אַ גרוי־סער פאַבריקאַנט ווערט באַפרייט אין זיין אייגענעם באַצירק. אַ פאַקט איז, אַז די מענטשן, וואָס ער האָט געדונגען צו דערדאָזיקער אַרבעט זענען פאַרמשפּט געוואָרן. און דאָס לאָז איך דיר שוין איבער, צו טענהן, אַז ער האָט נישט געוווּסט וואָס זיי האָבן געטון! איין זאַך איז זיכער: מען האָט אַרויס־געגעבן אין דער פּרעסע אַ מעלדונג, אַז די פּאָליציי האָט געפונען אין די שיך־קאַסטנס אין זיין אַרבעטס־ביוראָ דינאַמיט. אַ דעטעקטיוו האָט דעם קאַסטן אַריינגעבראַכט. עמעץ האָט זיך טועה געווען אין דער צייט און די מעלדונג איז געשטאַנען אין דעם באָסטאָנער „אַמעריקאַן", איידער עס איז נאָך פאַר־געקומען די אָבלאַווע און איידער מ'האָט געפונען דעם דינאַמיט. דאָס איז געווען אַ שלעכטע רעזשי.

דער גרויסער אַדוואָקאַט האָט געמוזט לאַכן.

— איך וויל נאָר זאָגן, אַז ווען איך זאָל אָנפירן די זאַך, וואָלט עס נישט פאָרגעקומען.

— נו, פאַרגעס נישט, אַז דידאָזיקע געשעעניש געהערט צו דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג און זיך גוט איינגעקריצט אין זכרון ביי די אַלע מענטשן, וואָס איר רופט אָן „רויטע". און דאַן ווען עס הויבן אַרומ־צוגיין אַלערליי מעשיות און מיר הערן ווי „מענטשן זאָגן", אַז אונזערע פריינט זענען שולדיק, אַז „יעדערער ווייס עס" און „ס'קומען נישט פאָר קיין געריכט־שווינדלען" — דאַן, הענרי, מוזן מיר זיך אומקערן צוריק צו דער אַלטער גוטער טראַדיציע פון דעם אַמעריקאַנישן רעכט, אַז יעדער אָנגעקלאָג־טער איז אַזוי לאַנג אומשולדיק, כל זמן מ'האָט נאָך נישט

באווייזן זיין שולד. און אין אונזער שטרעבונג צו פאַרזיכערן אים אַ געזעצטן משפּט, קאָרגן מיר נישט קיין שום מי. מיר פאַרבעטן זיך צום ביישפּיל צו אַ רייכן און באַרימטן איידעם אויף מיטאָג און מיר פרעגן אים וועגן אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט נאָך אפשר אַמאָל אַ שטיקל אינטערעס פאַר גע-רעכטיקייט.

V

העגרי האָט איר אָנגערופן די נעמען פון אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן און קאָרנעליע איז אַוועק צו זיי, אָבער אומזיסט. שפּעטער, ווען דער יאָרן-לאַנגער קאַמף האָט דעם פּראָצעס באַרימט געמאַכט אין דער גאַנצער וועלט, איז מעגלעך געוואָרן צו פאַראינטערעסירן מיט אים די גרויסע אַדוואָקאַטן. לעת עתה אָבער איז נישט געווען קיין איינציקער, וואָס זאָל זיך וועלן אָפּגעבן מיט דער פאַרטיידיקונג פון צוויי אַנאַרכיסטישע און גאַטלאָזע אויסוואורפן, וואָס זענען אָנגעקלאָגט פאַר אַ מאָרד.

העגרי האָט איר אויך אָנגערופן אַ פּאָר געריבענע רעכט-שווינדלער-אַדוואָקאַטן און קאָרנעליע איז געוואָר געוואָרן אַ מאָדנע זאַך: אָט די אַלע טונקעלע נפשות האָבן געפאָדערט כמעט אַ גלייכע סומע געלט, כדי צו לאָזן זייער אַפּאַראַט אין גאַנג. איינער האָט געפאָדערט פופציק טויזנט, איינער האָט זיך געהייסן געבן פינפאונזיבעציק טויזנט. און דער פאַרטיידיקונג-קאָמיטעט האָט זיך געפונען דעמאָלט אין אַזאַ לאַגע, ווו מ'האָט לאַנג געמוזט דיסקוסירן, מען זאָל זיך עפּנען אַ פּאָסט-קעסטל, און צו מען דאַרף קויפן אַ שרייב-מאַשין וואָס ס'איז נייטיק געווען.

אין אַ צייט אַרום האָבן זיך רייכע און חשובע דאַמען אָנגע-הויבן צו אינטערעסירן מיטן פּראָצעס. און פון אַלע ווינקלען פון דער ערד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַרבעטער-געלטער. לעת-עתה האָט מען אויף גרעסערע אויסגאַבן געהאַט נאָר דאָס געלט, וואָס קאָרנעליע האָט געליען אויף איר רענטע און

געגעבן דעם קאָמיטעט. פֿון די געשפּרעכן מיט פֿאַרשידענע באַנקירן האָט זי זיך דערוווּסט, אַז מ׳קען איר קיין סך נישט געבן, ווייל אַלס פֿופֿאונזעכציק יאָריקע פֿרוי קען זי שוין נישט רעכענען אויף אַזוי פֿיל יאָרן צום לעבן. וואָלט זי געדאַרפֿט האָבן אַ פּופֿציקטויזנט דאָלאַר אויף אַ יתומים־הויז אָדער אויף אַ ווילע, אָדער אפֿילו אויף אַ פּערל־קייט אַרום איר פֿאַרוועלקטן האַלז, דאַן וואָלטן מיטגעקומען אירע דריי טעכטער און אירע דריי איידעמס און יעדע איינציקע וואָלט איר אויסגעשריבן אַ טשעק און געווען צופֿרידן, וואָס זיי קענען אויף אַזאַ אופֿן אַרויסרופֿן ביי איר אַ געפֿיל פֿון פֿליכט־באַוווּסטזיין צו אירע קינדער. אָבער ווען עס האַנדלט זיך גאָר אונטערצושטיצן די אַנאַרכיסטן און צו שטעלן אין אַ סכּנה די מלוכה, דאַרף קאָרנעליע איר געלט־מאַנגל גאָר נישט דערמאָנען. זי קען נאָך אפֿילו אין פֿאָרהויז הערן דעם העפֿלעכן אָבער זייער קאַטעגאָרישן „ניין".

די פֿראַגע פֿון אַדוואָקאַטן איז פֿאַרענטפֿערט געוואָרן דורך די איטאַליענער. צופֿעליק האָט זיך לי סוועגסאָן געפֿונען אין ניו־יאָרק; ער האָט אַרויסגעראַטעוועט עטלעכע י. וו. וו.—ס פֿון דער תּפֿיסה, ער האָט געוואָלט קומען צו זיך אַביסל פֿון דער אָנשטרענגונג און געשווירן ביי אַלע געטער, אין וועלכע ער האָט נישט געגלויבט, אַז ער וועט מער קיינמאָל נישט... נו איז אָבער געקומען צו אים קאַרלאָ טרעסצאָ. סווענסאָן האָט אים געקענט פֿון דעם גרויסן פּראָצעס קעגן עטאָר און דזשיאָוואַניטי [1]. קאַרלאָ האָט אים דערציילט די טרויעריקע געשיכטע פֿון די צוויי אַנאַרכיסטן אין דער תּפֿיסה פֿון מאַסאַטשוסעט, וואָס געפֿינען זיך אויף אַ גלייכן וועג צום עלעקטרישן שטול. ער האָט אים דערציילט, וואָס פֿאַר אַ פֿיינער

---

1) עטאָר און דזשיאָוואַניטי, די אָרגאַניזאַטאָרן פֿונם טעקסטיל־אַרבעטער שטרייק אין לאָורענץ 1912-13, מיטגלידער פֿון י. וו. וו., זיי זענען באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי האָבן בעת דעם שטרייק דערשאָסן אַן איטאַליעניש מיידל, הגם 19 איטאַליענישע עדות האָבן דערקלערט אונטער אַ שבועה, אַז דער אמתער מערדער איז געווען איינער פֿון די פּאָליציאַנטן. נאָך אַ פּראָצעס פֿון פֿינף וואָכן האָט מען זיי באַפֿריי׳ט. דזשיאָוואַניטי איז היינט אַ באַקאַנטער אַרבעטער־דיכטער.

מענטש וואַנצעטי איז, האָט גערעדט פון סאַקאָס פרוי, זייער קליינעם זון און פון זייער צווייט קינד, וואָס דאַרף שוין געבוירן ווערן אין אַ צוויי — דריי חדשים אַרום. ער האָט אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן און אַפּעלירט צו לי סוועגסאָנס פריינדשאַפט אַזוי לאַנג, ביז סוועגסאָן האָט לסוף דערקלערט, אַז ער פאָרט קיין באָסטאָן און וועט אַ קוק טון אויפן ענין.

לי סוועגסאָן איז געווען פון שוועדישער אָפּשטאַמונג און איז אַרויסגעקומען פון מינעסאָטאַ. ער האָט זיך פאַר די לעצטע פופצן אָדער צוואַנציק יאָר באַטייליקט כמעט אין אַלע פּראָצעסן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער אַרבעטערבאַוועגונג. אין דער יוגנט האָט ער מיטגעהאָלפן זאַמלען מאַטעריאַל פאַר מאיר און העדוואוד[1]; ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע קאָלעגן פאַרטיידיקט אין לאָס אַנדזשעלאָס די מעקנעמאַריס[2], אין סאַן פראַנציסקאָ טאָם מוני[3], און אין טשיקאַגאָ און אין די מערב-שטאַטן אַ סך י. וו. וו.. סוואַנסאָן, וואָס איז געווען אַ מעטער אַכציק און נאָך אַ פּאָר איבעריקע סענטימעטער די הויך, האָט קיינמאָל נישט געוווסט. וואָס צו טון מיט זיינע גרויסע הענט און פיס און בכלל מיט זיין גאַנצן גרויסן גוף. טאָמער האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער דעם קאָפּ פאַרוואָרפן ווייט אויף הינטן און אויסגעצויגן די פיס אונטערן טיש. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע טשופּרינע בלאָנדע האָר; ווען זיינע האָר זענען נישט געווען פריזירט, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ שטורעם וואָלט זיי צעשויבערט און ווען זיי זענען גע-

1) צוויי באַקאַנטע אַמעריקאַנישע אַרבעטער-פירער, וואָס זענען אין יאָר 1906 באַשולדיקט געוואָרן אין אַ באָמבן-אַטענטאַט, וואָס איז אין דער אמתן אָרגאַניזירט געוואָרן פון קאַפּיטאַליסטישע גרופּעס, כדי צו מאַכי זיי אומשעדלעך.

2) צוויי סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן, וואָס זענען באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי האָבן אויפגעריסן די טיימס-געביידע אין לאָס-אַנדזשעלאָס.

3) פאַריין-אָרגאַניזאַטאָר, וואָס איז אין יאָר 1916 פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט פאַר דעם, וואָס ער זאָל כלומרשט האָבן געוואָרפן אַ באָמבע. זיין אורטייל איז פאַרטוישט געוואָרן אויף אייביקע קאַטאָרגע, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער ריכטער האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז זיין אורטייל איז געווען אַ טעות. טאָם מוני זיצט נאָך אויף היינטיקן טאָג אין תפיסה.

חען פריזירט, האָבן זיי אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען אָנ געשמירט מיט פּאָמאַדע.

ליִ סוועגסאָן איז געווען צו קלוג, נישט צו וויסן וואָס פּאַר אַן אומרואיקייט זיין דערשיינונג וואַרפט אָן אויף די רעספּעקטאַבלע בירגער פון ניי־ענגלאַנד. צי האָבן זיי — ווי ער האָט געזאָגט — באמת מורא געהאַט פאַר אים, אָדער צי האָט אים די ווירקונג, וואָס ער האָט אַרויסגערופן הנאה געטון — אַ שטילע פרייד אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, אין וועל־כער ער האָט איינגעהאַלטן זיין געלעכטער, ביז עס פלעגט הילכיק אויסברעכן, ווי אַ דונער אין די בערג? נאָכדעם ווי ער האָט אַרומגעשמעקט דאָס געשעעניש, האָט ער געבעטן אַ שמועס מיט קאָרנעליען. זי האָט אים איינגעלאַדן צום אָונטברויט אין איר קליינער וווינונג, אין אַן אָוונט, בעת זשאָ און בעטי האָבן געהאַט אַ קאָנפערענץ אין דעם טישלער־פאַריין. איידער זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער האָט זיך ליִ סוועגסאָן צעלייגט אין קאָרנעליעס איינציקן לען־שטול, דאַן האָט ער זיך ווידער אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג און אַ זאָג געטון:

— איר וועט נישט זיין בייז, אויב איך וועל פאַרוואַרפן די פיס איינעם איבערן אַנדערן?

— דורכאויס נישט — האָט קאָרנעליע געזאָגט האַסטיק.

— אַפילו דעמאָלט, ווען איר וועט זען, אַז איך טראָג וואָלענע זאָקן?

— איך ווייס, אַז איר חוזקט אָפּ פון באָסטאָן, הער סוועגסאָן.

— מיין גאָט — האָט ער אויסגערופן — איך בעט אייך פאַרצייונג, פרוי טאָרנוועל; פאַר אַ מענטשן, וואָס איז אויפ־געוואַקסן אין אַ שטרויען הייזל, מאַכט די שטאָט אַ שווידער־לעכן איינדרוק, נאָך דאַן בעת מיר האָבן פאַרטיידיקט עטאָר און זשאָ־וואַניטין אין סעלם, האָב איך שוין באַמערקט, אַז איך וועל נישט אַריינפּאַסן אין דער ניי־ענגלישער סביבה, אָבער איך האָב קיינ־מאָל נישט געהאַט קיין צייט, זיך צו זאָרגן דערפאַר, און כ'האָב נאָך אויך קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן דעם ריכטיקן מענטשן. דאָך

גלויב איך, אַז איר קענט מיר געבן אין דעם פּרט אַן עצה.
— און וועגן דעם האָט איר געוואָלט מיט מיר רעדן?
— ניין, אָבער מיר קענען דאָס באַזאָרגן בדרך אגב. זאָגט מיר, ווי קען איך אויסמיידן, נישט צו שאָקירן די פּאָנפּנדיקע ריכטער און געשווירענע?
— זאָל איך אייך זאָגן אינדערהאמתן?
— געוויס.
— נו, איז פאַרוואָס טראָגט איר אַ שוואַרצן פּילצענעם הוט מיט אַ ברייטן ראַנד, וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוינעם אין באָסטאָן?
— אָבער איך בין געקומען אין דעמדאָזיקן הוט, און איך קען מיר קיין אַנדערן נישט פאַרגינען.
— גייט אייך באמת אַזוי שלעכט?
— מסתמא ווייסט איר נישט, ווי עס גייט אַ ראַדיקלן אַדוואָקאַט. שטעלט זיך נאָר פאָר אַ פּאָר טוץ פּראָצעסן, יעדן איינעם פּונקט ווי דערדאָזיקער. אין אָזנט איז אין דער קאַסע פון קאָמיטעט געווען דריי דאָלאַר מיט פופצן סענט. מ׳לייגט מיר פאָר הונדערטאונפופציק דאָלאַר אַ וואָך, ווי לאַנג דער פּראָצעס וועט דויערן, אָבער איר ווייסט מסתמא, ווי ס׳וועט זיין. נאָך אַכצן וואָכן וועט מען מיר זיין שולדיק דעם האָנאָראַר פאַר זיבעצן וואָכן, און ווען איך וועל שוין יאָ באַקומען אַ טשעק, וועט אויף מאָרגן זיין עפּעס אַ דרינגלעכע צאָלונג, וואָס איך וועל מוזן אויסלייזן פון מיין אייגענער קעשענע. איר זעט, איך בין אייגנטלעך נישט קיין אַדוואָקאַט, דאָס איז נאָר אַ ביי-זאַך — איך ווער דער אָרגאַניזאַטאָר, דער פּראָפּאַגאַנדיסט, דער פּרעסע-אַגענט און דער געלט-געבער. דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך דאַרף קריגן, מוז איך צוערשט אַליין צונויפקראַצן, ווייסנדיק פאָרויס, אַז דער קאָמיטעט וועט מיר נישט פאַרגינען קיין איינציקן סענט.
— אַזוי שלעכט וועט עס נישט זיין, מיסטער סווענסאָן!
— איר זענט נאָך נישט באַהאַוונט, פרוי טאָרנוועל. אָבער איך האָב שוין דורכגעמאַכט צוואַנציק אַזעלכע קאָמיטעטן.

גלויבט מיר, איך קען זיי גוט. עס וועט נישט זיין זייער שולד, לרוב זענען זיי לויטער אויפריכטיקע און איבערגעגע־בענע מענטשן. אָבער זיי זענען אָרעם און קליינלעך. זענען נישט געוווינט אויסצוגעבן קיין געלט אויף אַזאַ עלעגאַנטן אופן, ווי די פּריווילעגירטע מענטשן פון אונזער שטייגער, זיי וועלן נישט באַגרייפן, צו וואָס איך דאַרף האָבן אַזויפיל, און ווען די צייטונגען און דער אַרומיקער, אויסנוועניקסטער עולם וועלן אָנהויבן צו דערציילן, אַז איך האָב זיך הינטנאַרום געשאַפן אַ פּאָר הונטער טויזנט פון דער זייט, וועלן זיי אפשר אָנהויבן צו גלויבן. איך זאָג אייך פּאָרויס, אַז ווען דער פּראָ־צעס וועט אַריבער, וועל איך האָבן בלויז איין מעגלעכקייט, צו באַ־קומען מיין פאַרלעגענעם האָנאָראַר: איך וועל מאַכן צו אַ פּאָר רייכע דאַמען שיינע אויגן, צו אייערע פריינדינס, וואָס וועלן זיך אינטערעסירן מיטן פּראָצעס; און דאַן וועל איך מיר קויפן אַ נייעם הוט.

— דערווייל — האָט קאָרנעליע שנעל אַ זאָג געטון, — קענט איר זיך דאָך אָפּשערן אַביסל די האָר.

— וועט דער הוט נאָך גרעסער זיין, ווי ביז איצט און אַריבערפאַלן מיר איבער די אויערן.

VI

נאָכן עסן, זיצנדיק ווידער אין קליינעם צימער בײַם קאַמין, האָט דער אַדוואָקאַט אַ פרעג געטון, צי ער דאַרף נישט צושליסן די טיר. ער האָט צוגערוקט נעענטער זיין שטול, האָט זיך אויסגעבויגן אויף פאָרנט און געזאָגט:

— פרוי טאָרנוועל, איך האָב אונטערגעזוכט דעם עניין געניי, און איך טאַפּ אינגאַנצן אין דער פינסטערניש. איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טון. ווען איך האָב גערעדט דאָס לעצטע מאָל מיט וואַנצעטין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איר זענט דער איינציקער מענטש צווישן אַלע אַמעריקאַנער, וואָס ער האָט צו אייך צוטרויען. ער באַוווּנדערט אייער אייניקל,

אָבער ער האָט מורא, אַז זי וועט צעטומלט ווערן, ווען איך וועל רעדן מיט איר אָפן.

— ער האָט אַ טעות — האָט קאָרנעליע געזאָגט מיט אַ ווייטיקלעכן שמייכל — איך קרעמפּיר זיך אַ סך מער, ווי בעטי. דער יונגער דור נעמט זיין לעבן אין די אייגענע הענט אַריין.

— מילא, אויב איר האָט נישט קעגן דעם, איך האַלט מער פון דעם אַלפּ' דיר. איר און איך האָבן מיר דורכגעמאַכט קאַלט און וואַרעם און מיר קענען דאָס לעבן, צי דאַרף איך אייך בעטן, איר זאָלט צו האָבן צוטרויען צו מיר?

— געוויס, הער סווענסאָן, איך וועל אייך גאָרנישט אָפּזאָגן. אָבער איך האָב מורא, אַז איך האָב נישט קיין סך צו דערציילן.

— קודם כל אַלצדינג, וואָס איר ווייסט וועגן זיי ביידע,— אַלצדינג וואָס קען מיר העלפן, זיך פּאַנאַנדערצוקלויבן.

— סאַקאָן קען איך כמעט גאָרנישט. פאַר זיין אַרעסט בין איך געווען ביי אים אַ צוויי דריי מאָל אינגאַנצן. שפּעטער בין איך דריי מאָל געווען ביי אים אין תּפיסה. טיילווייז טאַקע צוליב דעם, וואָס איך האָב געוואָלט האָבן וועגן אים אַ מיינונג.

— נו, און דער רעזולטאַט?

— עס איז אים שווער צו דערקענען אין דער לאַגע, ווי ער איז היינט. ער איז, לויט מיין מיינונג, אַביסל פּרימיטיוו. פאַר אים איז געווען בלויז איין פּאָרמול, אַז די רייכע באַרויבן די אָרעמע און זענען די שונאים פון די אָרעמע און פאַרפאָלגן די אָרעמע נאָר צוליב עגאָיסטישע מאָטיוון. איך, פאַרשטייט זיך, פּאַס זיך נישט אַריין אין דערדאָזיקער פּאָרמול, וואָרום, פאַרוואָס זאָל אַ רייכע פרוי, וואָס קען האָבן אַלץ וואָס זי וויל, אויסברענען בענזין, אָפּנוצן אָפּאָגעס, און קומען אויף אַן אויטאָמאָביל קיין דעדהאַם, כדי צו באַזוכן אַ געפאַנגענעם אַנאַרכיסט? ווי מען האָט מיר דערציילט, איז ער בנוגע זיינע פריינט זייער העפלעך און וואַרעם. ער האָט

דורכויס נישט אַרויסגעוויזן, אַז ער איז חושד, אָבער ער האָט מסתמא מורא, אַז איך קען נאָך זײַן אַ נײַע פּגע רע, וואָס זײַנע שונאים שיקן אָן אויף אים. איר ווייסט דאָך שוין מסתמא, אַז באַלד נאָך זײַן אַרעסט האָט מען אַרײַנגעזעצט אין שכנות מיט אים אַ שפּיאָן.

— יאָ, ער האָט עס מיר דערצײלט.

— זיי האָבן אים אויך געוואָלט צושיקן אַ שפּיאָן אין זײַן וווינונג. דערדאָזיקער פּאַרשוין האָט געפּרוווט, זאָגט מען, אָנקומען פֿאַר אַ לאָקאַטאָר צו סאַקאָס פֿרוי. מ׳האָט מיר דערצײלט, אַז דערדאָזיקער הערלעכער געדאַנק שטאַמט אָפּ נישט פֿון קיין אַנדערן, ווי פֿון פּראָקוראָר אַליין. עס וואָלט געווען מסתמא צו פֿיל, צו פֿאַרלאַנגען פֿון דידאָזיקע דזשענטלמענער אַביסל פֿײַנגעפֿיל. אָבער זיי האָבן דאָך ווײַניקסטנס געקענט אַ טראַכט טון, אַז אַ פֿרוי, וואָס מ׳האָט אַוועקגענומען פֿון איר דעם מאַן, און וואָס ריכט זיך אין צוויי-דרײַ חדשים אַרום אין קינפּעט, וועט גיכער צונעמען אַ פֿרוי פֿאַר אַ לאָקאַטאָר איידער אַ מאַנספּערשוין. אויף יעדן פֿאַל האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דידאָזיקע פּלענער, און איצט זענען די סאַקאָס פֿול מיט חשד. דעריבער האָב איך גאָרנישט געפּרוווט רעדן מיט זיי איצט וועגן דעם ענין. ווען איך בין געווען בײַ ניקן האָבן מיר געפּלוידערט צוזאַמען וועגן זײַן גאָרטן און וווּנדערלעכע פּאָמידאָרן, וואָס ער האָט תמיד געהאַט. דידאָזיקע פּאָמידאָרן האָט ער געפּלעגט ווי קליינע קינדער. איך האָב אים געבראַכט אַ בוקעט כריזאַנטעמען, — ער דאַרף האָבן בלומען, וואַנצעטי אָבער נישט. אַזוי איז אויך דער רעגולאַמין אין טשאַרלעסטאָן. מ׳האָט מורא מן הסתם, טאָמער ליגט אין בוקעט באַהאַלטן אַ זעגל, אַ מעסער אָדער עפּעס אַ נאַרקאָטישער סם. איך האָב אויסגעמיטן די אונטערזוכונג, דערמיט וואָס איך האָב אים פֿריער צוגעשיקט אַן אײַנציקע בלום, און ווען איך האָב געפֿרעגט דעם אויפֿזעער, צי איך זאָל באַרטאָ איבערלאָזן די בלומען, האָט ער זיך געשעמט צו זאָגן, אַז נישט. איך האָב געפּרוווט געווינען זייערע אַלעמענס הערצער, וואָרום איך גלויב,

אַז דער טורמע־שעף איז פּונקט אַזאַ געפאַנגענער, ווי דער באַשטראָפטער.

— מיר זענען אַלע געפאַנגענע, פרוי טאָרנוועל. געדענקט, דאָס זאָגט אייך אַ מענטש, וואָס שפּילט שוין צוואָנציק יאָר דידאָזיקע שפּיל. מיר זענען געפּייניקט ביים סיסטעם, איך גיי אַרום אַהין און אַהער, און אין דער אמתן האָב איך אַ קייט אויף מיינע הענט. און אויף דער אַנדערער זייט אירער הענגען אַזוי פיל ליגנס, אַז זיי וואָלטן געקענט אָנפילן אַלע זיבן אָפּטיילונגען פון דאַנטעס גיהנם. אָבער דאָס האָט שוין צו טון דירעקט מיט דעם, וועגן וואָס איך וויל מיט אייך רעדן.

VII

עס האָט געדאַרפט געדוירן אַ גוטע שעה, כּדי צו שילדערן, ווי קאָרנעליע איז געקומען אין בריגיס הויז, און וואָס זי האָט געזען. זי האָט דערציילט פון וואַנצעטיס געדאַנקען און טרוימען, פון זיין אַרבעט, פון זיין צייט־פאַרטרייב און זיינע פערזענלעכע געוווינהייטן, פון די קראָליקעס, וואָס ער האָט געבראַכט צו טראָגן אַהיים אין אַ זאַק און אַ לאַנגע צייט געהאַלטן אין אַ שטאַל, ביז ער האָט צו זיין גרויס עגמת נפש געמוזט איינזען, אַז ס'איז גאָרנישטאָ אַזאַ מיטל אויף דער ערד צו שטערן, אַז דידאָזיקע חיהלעך זאָלן זיך נישט אַרויסגליטשן און נישט אויפפרעסן דאָס ביסל גרינס פון דער שכנטע פרוי אָ'דאָוד. זי האָט אים דערציילט פון דעם פאַרלוירענעם בייטעלע געלט, וואָס ער האָט נישט געוואָלט צוריקנעמען פון פּאָליציאַנט, פון די שטיוול, וואָס ער האָט געשאָנקען אַן אָרעמען אַרבעטער און פון זיין לעקציע וועגן היגעניע, וואָס ער האָט געגעבן דעם „רעפאָרמיסטאַ קאַמפּאַנאַ קוליאַ" — די אַלע עפּיזאָדן, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַנטשטאַנען די וואַנצעטי־לעגענדע, וואָס זיינע איטאַליענישע פריינט דערציילן יעדעס מאָל, ווען זיי דערמאָנען זיין נאָמען.

היות דער אַדוואָקאַט האָט דאָס רעכט צו וויסן דעם גאַנצן אמת, האָט אים קאָרנעליע דערציילט אויך פון די קאַמפן, דערציילט, ווי די אַנאַרכיסטישע יוגנט איז געווען באַוואָפנט צו דער זשאָלעאַני-פאַרזאַמלונג און זיך פאָרגענומען צו פאַר־טיידיקן זייער העלד ביזן לעצטן טראָפן; דערציילט, ווי וואַנ־צעטי האָט זיך געקויפט אַ רעוואָלווער און געטענהט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט לאָזן נעמען און די פּאָליציי זאָל קענען טון מיט אים וואָס זי וויל.

— ערשט האַלטן מיר דער דערבײַ, וואָס איך דאַרף — האָט סוועסאָן געזאָגט — צי ווייסט איר נישט, אויב דאָס איז טאַקע דער אייגענער רעוואָלווער, וואָס מ׳האָט גע־פונען ביי אים בעתן אַרעסט?

— איך גלויב, אַז ער האָט אים דורך דער צייט עמעצן אָוועקגעשאָנקען — האָט קאָרנעליע געזאָגט—אויף ווי ווייט איך קען אים, איז ער בטבע נישט קיין מענטש, וואָס זאָל קענען האַלטן לאַנג אַ זאַך.

— נו, איך קען נישט אַרויסקריגן פון זיי, פון וואַנעט זיי האָבן דעם רעוואָלווער. איך קען אַפילו נישט ווירקן אויף אויף זיי, זיי זאָלן מיר זאָגן דעם אמת. דערפאַר בין איך אַזוי פאַרצווייפלט. זיי האָבן פּשוט מורא פאַר מיר. זיי האָבן פאַר יעדן מורא.

— און זיי האָבן אַלע סיבות צו זיין פאָרזיכטיק. אָבער צי איז נישט גענוג פאַר זיי טרעסקאַס ערב זיין, אַז זיי זאָלן זיך קענען אָנטרויען אָן אייך?

— ווען איך זאָל זיי ביידע קענען צוזאַמענברענגען מיט טרעסקאַן, וואָלטן מיר אפשר געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, אַזוי אָבער חזרן זיי איבער תמיד די אייגענע מעשיות, וואָס זיי האָבן דערציילט די פּאָליציי, און זייערע פריינט אויף דער פריי טוען אויך דאָס אייגענע. אָרקיאַני איז אַרומגעפאָרן פאַר מיר ברענגען מאַטעריאַל, און איך האָב געפּרוווט ווערן היימיש מיט אים, איר קענט אים?

— נאָר פון זען.

— ער האָט דעם מוט פֿון אַ מאַן און דעם שכל פֿון אַ קינד: אַ פּשוטער איטאַליענישער פּויער, וואָס מ'האָט אַרויסגע־ריסן פֿון זיין אייגענער הויט און אַריינגעשליידערט אין אַמעריקאַנישן קעסל־גרוב. עס איז מיר געלונגען צו געפֿינען חן ביי אים. און ער האָט גערעדט מיט מיר גאַנץ אָפֿן וועגן אַלץ אין דער וועלט — נאָר נישט וועגן דעם ענין. איך האָב אים אָנגעוויזן אויף זיינע סתירות, אָבער ער איז נישט אָפּגעטרעטן אויף אַ האָר. ער האָט די זעלביקע מאָדנע טבע פֿון די איטאַליענישע אַנאַר־כיסטן, וואָס האָבן זיך מער ווי אַלע מענטשן וואָס איך האָב געזען אויף דער וועלט, איינגעוווינט צו זאָגן אויף שוואַרץ ווייס. אָבער מען מוז זיי, ווי־עס־איז, געבן צו פֿאַרשטיין, אַז מיט אַט דידאָזיקע מעשהלעך קען מען זיך נישט אַוועקשטעלן פֿאַר אַמעריקאַנער גע־שווירענע. דאָס וועט הייסן פּשוט, נעמען אַ לעבן און אומברענגען מיט די אייגענע הענט.

— וואָס פֿאַר אַ מעשהלעך, הער סוועגסאָן?

— נו למשל, דעם אופֿן, ווי אַזוי זיי שילדערן דעם אָוונט פֿון זייער אַרעסט. בשום אופֿן קען איך פֿון זיי נישט אַרויסקריגן, זיי זאָלן זיך מודה זיין, אַז זיי זענען אין יענעם אָוונט געווען ביי דזשאָנסאָנען אין שטוב. ער איז אָבער אַ קלאָרער פֿאַקט, וואָס יעדער געשווירענער וועט אַליין זען: אויף ביידע זייטן גאַס זענען פֿאַראַן זומפּיקע לאָנקעס, און ס'איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, כּדי פֿון דעם אָרט, ווו זיי זענען — לויט זייערע רייד — אַראָפּ פֿון טראַמוויי, צוצוקומען צו דעם אָרט, ווו זיי זענען ווידער אַרויף אויף אים. און אויב מיר ווילן זיי ראַטעווען, דאַרפֿן מיר פּשוט אויסזוכן עפּעס אַן אַנדער מעשה, וואָס די געשווירענע זאָלן קענען גיכער גלויבן אין איר.

אַ פּויזע. די סוואַנסאָן איז אויפֿגעשטאַנען, איז צוגע־גאַנגען און אויפֿגעעפֿנט די טיר פֿון עס־צימער, כּדי צו זיין זיכער, אַז דאָס נעגער־מיידל הערט זיך נישט אונטער זייערע רייד. דאַן איז ער ווידער צוריקגעקומען און אָנגעהויבן מיט אַ שטילער שטימע:

— פרוי טאַרנוועל, איך קען באַסטאַן צו גוט, כדי צו באַגרייפן, אַז איר וועט אַרויס פון די כּלים, אויב איך וועל רעדן וועגן פאַרדרייען דעם קאָפּ ביי די געשוואוי־רענע מיט אַ שיינע מעשה.

— איר גייט נישט אויף קיין גוטן וועג, הער סווענסאָן.

— דאָס טוט יעדער פּאַכמאַן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די טונקעלע זייטן פון זיין פּראָפעסיע, איר ווייסט מסתמא, אַז דער כירורג, צו וועלכן די רייכע דאַמע קומט, ער זאָל איר אָפּטרייבן אַ קינד, רעדט נאָר וועגן אַ בלוטונג.

— איך האָב דריי טעכטער — האָט קאָרנעליע רויק געזאָגט — אָבער איך מיין, אַז אין דעמדאָזיקן פאַל, אַזוי ווי מיר האָבן צו טון מיט אומשולדיקע מענטשן — —

— איר מיינט, אַז מיר קענען זיך פאַרלאָזן אויפן אמת!

— איך בין מודה, אַז איך בין אַזוי נאַיוו.

— מילא, איך קען אייך זאָגן, פרוי טאַרנוועל, נאָר איין זאַך: אומעטום, ווו איך האָב מיר אָנגעשטויסן אויף יוסיק־שווינדלען קעגן די אַרבעטער־פירער אין אַ גאַנצע רייע שטאַטן, האָב איך תמיד געפונען פּאַר נויטיק, צו שלאָגן דעם שונא מיט זיין אייגן געווער.

VIII

אַן אויסדרוק פון שרעק האָט זיך באַוויזן אויף קאָרנע־ליעס פּנים. אירע ווייכע, ברוינע אויגן האָבן זיך ברייט אויפ־געעפנט, און זי האָט אָנגעקוקט דעם מענטש, וואָס איז געזעסן פאַר איר. זי האָט דערזען פאַר זיך אַ גראָב. פאַרמאַכט פּנים, פול מיט פּאָקן, ברייטע אַרויסשטאַרצנדע באַקנביינער, מיט אַ טיפן קנייטש פון ביידע זייטן מויל. די אויגן האָבן געקוקט פון אונטער געדיכטע בלאָנדע ברעמען — קורץ, עס איז געווען דאָס פּנים פון אַ קעמפער, און נישט דער פּראָדוקט פון אַ סאַלאָן אין בעק־ביי.

אָבער לי סווענסאָן איז ווי-עס-איז געוואָר געוואָרן, וואָס די מענטשן אין סאַלאָן טראַכטן, אפשר האָט ער זיך עס דערוווּסט פֿון ראָמאַנען, וואָס ער האָט תּמיד געלייענט.

— איר טראַכט מסתּמא שטילערהייט, אַז איך בין אויפגעוואַקסן אין ווילדן מערב, פּרוי טאָרנוועל, און אַז אין מאַסאַשוסעטס פֿירט מען זיך אַביסעלע אַנדערש. אָבער גלויבט מיר, דער סיסטעם איז אומעטום דער זעלביקער, פֿון מאַין ביז קאַליפֿאָרניען, ווען אַ ראַדיקאַל ווערט באַשולדיקט, אַז ער האָט אין קלאַסן-קאַמף אָפּגעטון עפּעס אַ געוואַלד-אַקט. די מאַכט איז איבערצייגט, אַז דערדאָזיקער מענטש איז שולדיק, אויב נישט און דעם פֿאַרברעכן איז אין אַן אַנדערן, פּונקט אַזאַ האַרבן פֿאַרברעכן, און דעריבער איז פּשוט אַ מצווה צו מאַכן מיט אים אַן „ענין". און אַזוי ווי עס ווערט באַלד פֿאַרוואַנדלט קלאַסן-פּראָצעס וועלן זיי שוין זען, אַז אויף זייער צד זאָלן זיין עדות פֿון פּאָליציייִשן לאַגער, וואָס ווייסן אַז עס געהערט צו זייער פּראָפֿעסיע, צו שווערן אויף אַלצדינג, וואָס זייער שעף הייסט זיי, אָדער עפּעס אַ באַשטראָפֿטער פֿאַרברעכער, וואָס וויל זיך רעהאַביליטירן פֿון זיין חטא, און וועלכער וועט זאָגן אַלצדינג, וואָס מען וועט אים הייסן, אַבי אַרויסצוקומען אויף דער פֿריי, אָבער אפשר גאָר אַ פּראָסטיטוטקע, וואָס ווייס, אַז די פּאָליציי קוקט צווישן די פֿינגער אויף איר אַלטער, טייערער פּראָפֿעסיע. אין אונזער פֿאַל וועלן עס זיין אַ פּאָר אַרבעטער פֿון דער שיך-פֿאַבריק, האַלבע אידיאָטן, וואָס קענען נישט אונטערשיידן צווישן רעכט און אומרעכט, אָבער זיי ווייסן, אָפּצושאַצן אַ באַלוינונג און האָבן אויסגעלערנט זייערע לעקציע אויף אויסנווייניק, אַזוי אַז זיי וועלן זי קענען זאָגן שלאָפֿנדיקערהייט. אַ גאַנץ פּשוטע און לייכטע לעקציע: יאָ איך האָב געזען די באַנדיטן, איך האָב געזען, ווי זיי האָבן געשאָסן. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס זענען זיי. אָט אַזעלכע עדות וועלן האָבן קעגן זיך סאַקאָ און וואַנצעטי, און ווען מען וועט זיי אויפֿפֿאָדערן אָפּצושילדערן די באַנדיטן, וועלן זיי אָפּשילדערן די צוויי מענער, וואָס וועלן

זיצן פאַר זיי אין געריכט אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק, וואָס קען זיין נאָך איבערצייגנדיקער?

— איך בין געווען אויפן פּראָצעס אין פּליימוט — האָט קאָרנעליע געזאָגט. — איך בין געווען דערשטוינט פון די שווינדלערישע מעטאָדן, אָבער איך וואָלט קיינמאָל נישט גע-גלויבט, אַז דאָס איז אַ מנהג אַזאַ, אַז דאָס איז אַ מיטל אַזאַ.

— איך האָב זיך מיט די מאַסאַטשוסעטער מעטאָדן באַ-קענט מיט זיבן יאָר צוריק אויף דעם פּראָצעס פון עטאָר און דזשיאָוויאַניטי — האָט געזאָגט לי סוואַנסאָן — קיין גרעסערן געריכט-שווינדל האָב איך נאָך אויף דער וועלט נישט געזען. די באַשולדיקטע זענען געווען פּונקט אַזוי אומשולדיק אין דעם פאַרברעכן, ווי איר און איך. יעדעס וואָרט פון די עדות-ערקלע-רונגען איז געווען „קאָנסטרוירט", דער גאַנצער פּראָצעס איז געווען פּלאַן-מעסיק צוגעגרייט און די ראַטגעבער פון דעם גרעסטן טרעסט האָבן פאַרפּאַסט די באַשולדיקונג. די קרבנות זענען געווען איטאַליענער, אַנפירער פון י. וו. וו., ענערגישע און געפערלעכע חברה-לייט — נאָר אויף אַזאַן אופן געפערלעך, אַז איינער פון זיי איז אַ טאַלענטפולער דיכטער. און וויאַזוי האָבן מיר זיי, מיינט איר, געראַטעוועט דאָס לעבן? מיר האָבן געהאַט זיבעצן עדות, וואָס זענען געווען דערביי, ווי מ'האָט געהרגעט אַננאַ פּיזאָס. דידאָזיקע עדות האָבן קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דער אמתער מערדער איז געווען אַ פּאָליציי-באַאַמטער און זיי האָבן אויך אינדענטיפיציט דעמדאָזיקן פּאָ-ליציאַנט. אָבער אַזוי ווי די עדות זענען געווען בלויז איטאַ-ליענער, און דערצו נאָך אַזוי פיל, האָבן מיר זיך נישט דערוועגט צו באַנוצן מיט זיי, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, טאָמער, האַלטן דאָס די געשוווירענע פאַר אַ געמאַכטע זאַך — אַזוי זעט אויס דער אמת אין מאַסאַטשוסעט!

לי סוועגסאָן האָט געוואַרט, וואָס קאָרנעליע וועט ענט-פערן, אָבער וואָס האָט זי געקענט זאָגן?

ס'וועט קומען אַ צייט—האָט דער אַדוואָקאַט ווייטער געזאָגט ווען איך דערציילן די גאַנצע מעשה; ס'איז געווען אַזאַ שווידערלעך שפּיל

און שפעקולאַציעס און הינטערפּיסלעך, וואָס מ׳וועט נישט געפינען אין דעם סענסאַציאָנעלסטן קרימינעלן ראָמאַן. דער מלוכה־פּראָקוראָר האָט געפירט אַ קאַמף מיט וויליאַם מ. ווּד, דעם פאָרזיצער פון וואָל־טרעסט. און מיר האָבן ממש געזען די טשעקן, וואָס מ. ווּד האָט באַצאָלט זיינע אַגענטן פאַר אַ פּראָוואָקאַציע קעגן די פאַריין־פירער, אַריינצושמוגלען דינאַמיט אין דער פאַריין־ביוראָ. מיט אַזאַ מאַטעריאַל האָבן מיר געמאַכט אַ ריכטיקן איינדרוק אויף די דירעקטאָרן פון די וואָל־פאַבריקן. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי זיך געמוזט שטעלן פאַרן געריכט און עדות־זאָגן, אַז די שטרייק־פירער האָבן אין זייערע רעדעס בעתן שטרייק פאַראורטיילט אַלע געוואַלט־מיטלען. איך וואָלט אייך געקענט אויסרעכענען אַ גאַנצע ריי מלוכה־געזעצן, וואָס מיר האָבן עובר געווען דערביי, און ווען מיר וואָלטן עס נישט געטון, וואָלט די וועלט קיינמאָל נישט געלייענט: „עראָו אין דע גייל" פון אַרטור דזשאָוויאַניטי.

קאָרנעליע איז געזעסן אומבאַוועגלעך, האָט געקוקט אין איין ריכטונג און געטראַכט וועגן דערדאָזיקער זעלטענער מאָראַלישער דילעמא. צום סוף האָט זי געזאָגט:

— איך האָב תמיד געלערנט, הער סווענסאָן, אַז מ׳האָט אַ געוויסע מאָראַלישע שטיצע, ווען מען זאָגט דעם אמת.

— איך ווייס, איך האָב אויך געלייענט עמערסאָנען. אָבער וואָט פאַר אַ פּנים האָט עס פאַר אונזערע געריכטן? טוט נאָר אַ טראַכט וועגן דעם פליימוטער פּראָצעס קעגן וואַנצעטין. ער האָט געהאַט דעם בעסטן אַליבי, וואָס מ׳האָט זיך נאָר געקענט ווונטשן. דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן אין דעם טאָג פאַר ווייַנאַכט, און ס׳איז געווען אַ פּרט, וואָס יעדער האָט זיך געמוזט דערמאָנען: די אַאַל־פיש... צי האָט איר דעמדאָזיקן אַליבי אָנגענומען פאַר אַ גוטן באַווייז?

— דורכאויס. איך בין אויסגעגאַנגען גאַנץ פליימוט מיט טראַנדאָן, און ער האָט מיר געוויזן די איינצלנע ערטער. יעדער ווינקל איז געווען פאַר אים אַ דערינערונג אָן באַרטאָן, וועלכן ער פאַרגעטערט ממש. דאָס קינד האָט מיר אַלצדינג

דערציילט אזוי נאטירלעך; ער וואָלט מיר בשום אופן נישט געקענט אזוי דערציילן, ווען ער וואָלט זאָלט זיך עס געמוזט אויסלערנען אויף אויסנווייניק. ער איז למשל אריינגעפאלן איינעם אין די רייד: „דאָרט אין שטוב, ווו איך בין אריינגעגאנגען מיט די אַלפיש, און בארטא איז געווען אויף דער אנדערער זייט גאַס, און איך האָב נישט געהאַט קיין קליין-געלט". ער זאָגט למשל: „אונטער אָט דעם בוים האָט ער מיך אָפּגעשיקט אַהיים און מיר געגעבן פופציק סענט פאַר דער אַרבעט". ווען איר וואָלט געקענט דידאָזיקע פשוטע, פריינטלעכע מענטשן, הער סוּוענסאָן, וואָלט איר קיין איין רגע נישט געצווייפלט אין זייער אויפריכטיקייט.

— גוט. אָבער וואָס פאַר א שייכות האָט דאָס מיט אייער אַרגומענט? איר האָט זיך לגבי דידאָזיקע פליימוטער געשווירענע פאַרלאָזט אויפן אמת — און דערגרייכט האָט איר דערמיט גאָרנישט! ניין, פרוי טאַרנוועל, מיר מוזן קעמפן קעגן דעם פּראָקוראָר מיט זיין אייגן געווער. מיר ווען טאַקע האַנדלען פונקט ווי זיי — זיין איבערצייגט, אַז די ביידע אַנגעקלאָגטע זענען אומשולדיק, און מחמת דעם טון פאַר זיי אַלצדינג, וואָס פאַר זיי איז גוט, און דאַן זיך פרייען מיט דעם סך הכל.—מ׳דאַרף זיך לערנען, אַ באַפרייונג-באַווייז אויפצובויען פונקט מיט אַזא באַפּרידיקונג, ווי עס האָט דער שריפטשטעלער ביי דער קאָנסטרוקציע פון אַ דעטעקטיוו-געשיכטע, ווו יעדער פּרט קומט געוויי אויף זיין ריכטיקן אָרט און שטרעבט צום סאַמע סוף, צום רעזולטאַט — נעמלעך צו אַ פרייהייט-אורטייל און צו נאָך אַ חלק רום פאַר דעם אדוואָקאַט, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרשפּילט קיין פּראָצעס.

— ווילט איר באמת, אַז איך זאָל אזוי טראַכטן וועגן אייער פּראָפעסיע, הער סווענסאָן?

— עס דאַרף אומבאַדינגט בלייבן צווישן אונז, פרוי טאַרנוועל, איר פאַרשטייט!

— אָ, געוויס.

— איך וועל אייך קלאָר מאַכן, אַז אין אמעריקע איז

נישטאָ קיין אַנדער מעגלעכקייט צו ווערן אַ גוטער פּאַרט־דיקער און האָבן דערפֿאָלג. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט פֿון עמעצן, וואָס אים איז געלונגען צו גיין אויף אַן אַנדער וועג, און איך גלייב נישט, אַז דאָס איז מעגלעך. אַזוי זעט אויס די זאַך. אויב עמעצן געפֿעלט נישט, מוז ער זיך זוכן עפּעס אַנדערש.

— הפּנים, אַז מען דאַרף האָבן דערצו געזונטע נערוון.

— מיר זענען אין אַמעריקע און איר קענט מסתּמא דאָס ווערטל „מ׳וואָלט געקענט לעבן, נאָר מען לאָזט נישט". מ׳שטעלט איין אין קאָן זייער אַ סך. געווינסטו דעם גרויסן פּראָצעס, ביסטו פֿון אויבן. פֿאַרלירסטו אים — ביזטו אַ טויטער! דע־ריבער איז טאַקע אַזאַ גרויסע נאַרישקייט פֿון מיין זייט, איבער־צונעמען אַזאַ ענין, ווי דערדאָזיקער. כּדי צו געווינען, מוז איך צוערשט אָנמאַכן אַ גרויסן טומל אין דער עפֿנטלעכקייט, און דאַן, טאָמער האָב איך נישט קיין ערפֿאָלג, איז מיין קאַר־יערע צום טייוול. דאָס איז די אמתע געווינסן-פֿראַגע פֿון אַ ראַדיקאַלן אַדוואָקאַט, פּרוי טאַרנוועל; צי קען ער זיך פֿאַרגינען צו האָבן אַ האַרץ? צי דאַרף ער האָבן מיטלייד מיט עפּעס אַ העלדישער נשמה, ווי אַ שטייגער וואַנצעטי, וואָס איז אַריינ־געפֿאַלן אין אַ צרה? איך מוז אָננעמען אַ באַשלוס, און דער־דאָזיקער באַשלוס איז נאַמירלעך אַ סך אָפּהענגיק פֿון וואַנצעטיס פּריינט.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען.

— וואָס זאָל איך עדות זאָגן, הער סווענסאָן?

— איצט נאָך נישט. דאָס וועט זיין ערשט שפּעטער. איך וויל נאָר, אַז איר זאָלט תּופֿס זיין די לאַגע — אַז איר זאָלט תּופֿס זיין, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ פּראָצעס וועגן אַ מאָרד, און וואָס מען דאַרף טון, כּדי אים צו געווינען — און שפּעטער, ווען איר וועט געוואָר ווערן וועגן דער אָדער יענער איינצל־הייט, זאָלט איר נישט אויפֿגערעגט זיין אויף מיר און פֿאַר־וווּנדערט ווערן, איר זאָלט זיך נישט אָפּרוקן אַן אַ זייט און מיך איבערלאָזן אַליין מיט די איטאַליענער.

IX

לי סווענסאָן האָט געענדיקט, ערשט האָט אָנגעהויבן רעדן קאָרנעליע. זי איז געזעסן מיט פאַרבראָכענע הענט און צוגעמאַכטע אויגן, בלויז דאָס לייכטע ציטערן פון אירע אויגנלעדערלעך האָט פאַרראַטן וואָס אין איר קומט פאָר. ווען זי האָט לסוף אָנגעהויבן צו רעדן, איז איר שטימע געווען אַזוי שוואַך ווי אירע ווערטער.

— איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געשטאַנען פאַר אַזאַ פראַגע, הער סווענסאָן.

— איך גלויב אייך. איר האָט פאַרבראַכט אייער לעבן צווישן אַזעלכע מענטשן, וואָס שטייען נישט ווי קיין פאַרברעכער פאַרן געריכט, און חוץ דעם, האָט איר אייער שטרענגן זיסן-קאָדעקס, וואָס היט אייך אָפּ, איר זאָלט נישט באַגיין עפּעס אַ חטא — ער האָט אין קאָרנעליעס אויגן דערזען טרערן און צוגעגעבן: — כ'האָב מורא, אַז איך האָב מיך אין וועלכן ס'איז פּרט טועה געווען, פרוי טאַרנוועל, איך האָב געמיינט, אַז איר ווייסט אַביסל מער וועגן אייער גרויסער מאָראַלישער שטאָט, ווי איר ווייסט הפּנים אין דער אמתן. איר זענט דאָך געווען מיט דעמדאָזיקן ענין ביי לערי שעי, נישט אמת?

— פון וואַנעט ווייסט איר?

— נו, איך האָב מיר מיינע אינפאָרמאַציעס. ווי אַזוי זענט איר געקומען צו אים?

— מיין איידעם, הענרי קאַבאָט ווינטערס, האָט מיר געזאָגט וועגן אים.

— און פאַרוואָס האָט ער אייך געזאָגט וועגן אים?

— ער האָט געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין דער בעסטער מענטש, וואָס וועט זיי אַרויסנעמען אויף דער פריי.

— און וואָס איז געשען, ווען איר זענט געקומען צו אים?

— ער האָט געוואָלט פופציק טויזנט דאָלאַר, און איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט אַזוי פיל געלט.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— נו, ער האָט געזאָגט, אַז ס'האַנדלט זיך דאָך וועגן טויט לעבן און און מ'דאַרף אַריינלעגן אַ מאַסע אַרבעט.

— וואָס האָט איר פֿאַרשטאַנען דערפֿון?

— עס איז דאָך אַ קלאָרע זאַך! עס וועט קאָסטן זייער אַ סך צייט צוצוגרייטן דעם פּראָצעס, און די אויספֿאָרשונג וועט געדוירן זייער לאַנג.

לי סוונסאָן האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט מיט זיין העפֿלעך געלעכטער, וואָס ער האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן — צוליב באָסטאָן.

— איר זענט אַ צו גוטער מענטש, ליבע באָנאַ! איך מיין, אַז איך וועל אייך רופֿן אַזוי ווי וואַנצעטי, אויב אייך איז ניחא. עס קלינגט זייער פֿריינדלעך און גלייכצייטיק בכבודיק.

— מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן — האָט קאָרנעליע געענטפֿערט.

— דאָרטן אין מערב, רופֿט מען מיך פּשוט לי און מען מאַכט נישט אַזעלכע לאַנגע צערעמאָניעס, ווי מ'מאַכט דאָ אין באָסטאָן! אָבער לאָזט זשע מיך אויפֿקלערן אייך די זאַך מיט לערי שעי: ווען ער נעמט איבער דעם ענין, וואָלט דער פּראָצעס אינגאַנצן נישט פֿאָרגעקומען.

— פֿאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

— איך מיין עס דערפֿאַר, וואָס לערי שעי איז דער אָפֿיציעלער „פֿאַרמיטלער” פֿון דער פּאָליטישער באַנדע, וואָס הערשט איבער באָסטאָן און דער סביבה. ווען איר באַגייט אַ פֿאַרברעכן און מ'כאַפּט אייך, גייען אייערע פֿריינט אַוועק צו אים, כּדי צו דערוויסן זיך, וואָס עס דאַרף קאָסטן, אַז מ'זאָל מבטל זיין דעם פּראָצעס.

— הער — לי!

— די צאַרטע אין נאַיווע בלוי-בלוטיקע דאַמען מאַכן דעמדאָזיקן יוריסטישן קאָרפּן-קאָפּ אַ פֿאַרשלאַג, אונטערצוקויפֿן

עטלעכע באַאַמבטע פֿון פּראָקוראָר. ער מאַכט אייך אַן אָפּערטע און איר ווייסט צו מאָל נישט, אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— צי ווייסט איר דאָס אַלץ אויף זיכער?

— דאָס ווייס יעדער איינציקער, וואָס קען דאָס אינע־ווייניקסטע לעבן פֿון דערדאָזיקער שטאָט, — עס זענען נאָך פֿאַראַן ערגערע מיטלען, אַרויסצופּרעסן געלט. איך וואָלט אייך געקענט דערציילן אַ גאַנצע ריי מעשיות, נאָר זיי זענען אַביסל נישט פּאַסיק צו הערן פֿאַר אַ דאַמע, ווייל עס האַנדלט זיך וועגן ווייבער און פֿאַרבאָטענעם אַלקאָהאָל.

אַ פּויזע. קאָרנעליע האָט זיך שטאַרק פֿאַרטראַכט:

— איר מיינט, לי סווענסאָן, אַז ווען איך לאָז מיך קאָסטן פֿופֿציק טויזנט דאָלאַר און באַצאָל דעמדאָזיקן פּאָ־ליטיקער, וואָלט דער פּראָצעס קעגן אונזערעביידע פֿריינט בטל געוואָרן?

— יאָ, איך מיין טאַקע אַזוי. און דאָס איז סיי ווי סיי אַ מאָראַלישע פֿראַגע פֿאַר אַ בלוי־בלוטיקע דאַמע, וואָס האָט געפֿירט אַן אָפּגעהיט לעבן, און אויסגעהערט פֿון איר מאַן, דעם גובערנאַטאָר, די שענסטע רעדעס וועגן זיין איידעלען שטאַט!

X

דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. בעטי האָט גערעדט. זי און זשאָ האָבן געהאַט ערפֿאָלג אין טישלער־פֿאַריין און גע־מאַכט פֿינף און צוואָנציק דאָלאַר. איצט האָט בעטי געוואָלט גיין נאָך אין אַן אַנדער אָרט. זי קען נישט זאָגן דורכן טע־לעפֿאָן וווהין. אָבער עס וועט ווערן שפּעט, און קאָרנעליע זאָל נישט וואַרטן אויף איר, נאָר גיין שלאָפֿן. זי האָט אויפֿ־געלייגט דאָס טרייבל. לי סווענסאָן האָט זיך געזעגנט מיט די ווערטער, אַז ער האָט איר דעם היינטיקן אָוונט אָנגעטון געגוג עגמת נפֿש. ער האָט איר נישט געוואָלט שטעלן קיין באַ־

שטימטע פּאָדערונג, זי װעט דאַרפן האָבן אַ סך צײַט, כּדי זיך מישב צו זײַן. קאָרנעליע האָט אים געדאַנקט.

זי איז נישט געגאַנגען שלאָפן. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער לען־שטול, אויף װעלכער ס'איז געזעסן דער אַדװאָקאַט. אַ שטורעם פון געדאַנקען האָט זי נישט געלאָזט אײַנזיצן אויף אַן אָרט. זי, קאָרנעליע טאָרנװעל, די אַלמנה פון דעם שטרענגסטן גובערנאַטאָר, װאָס מאַסאַטשוסעטס האָט געהאַט זינט אַ האַלבן יאָרהונדערט, דער אומבארחמנותדיקסטער פאַרפאָלגער פון אַלע פאַרברעכער און קאָרופּטירטע — זי איז געזעסן אין דעם צימער און זיך געלאָזט מאַכן אַ פאָרשלאַג אָפּצוטון אַ פאַרברעכן במזיד! יאָ, אַזױ איז עס געװען, ס'איז צװעקלאָז צו װעלן פאַרשלײַערן! זי האָט זיך צוגעהערט צו אַלצדינג, און פון איצט אָן, װעט זי זײַן אַ מיטשולדיקע צו יעדער זאַך, װאָס װעט געשען! זי איז נישט אויפגעשפּרונגען, כּדי צו װײַזן די טיר דעם, װאָס האָט זיך דערװעגט איר צו מאַכן אַזאַ פאָרשלאַג! ניין, זי האָט זיך געװאַקלט, — אין דעם אַליין ליגט שוין איר שולד, און װען ער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס זאָל בלײַבן בסוד, האָט זי מסכּים געװען און איר שולד איז נאָך אַ סך גרעסער.

אַ שטראָף אויף קאָרנעליע טאָרנװעל, די פעמעניסטין און סופראַזשיסטין! אָט װײס זי שוין איצט, װאָס די חכמים האָבן געמײנט, װען זײ האָבן געזאָגט, אַז די פרוי דאַרף זיך װידמענען איר הײם! די פרוי דאַרף זיך װידמענען דעם „ניי־קרײַז”, װו מען נייט לאַנגע פלאַנעלענע לײַבלעך, װאָס די אָרעמע װילן נישט אָנטון! די פרוי דאַרף גײן אין דער דרײַ־אײניקײט־קירכע פון דער שטאָט באָסטאָן, װו עס פאַרזאַמלען זיך די פולקומענע דאַמען, כּדי צו גרינדן אַ ביקור־חולים פאַר אַלמנות און יתומים. אָבער װען אײנע אַ דאַמע איז אַזױ האַרטנעקיק און װיל דװקא אַרױס אין דער בײזער און רשעותדער װעלט, דאַן שטױסט זי זיך באַלד אָן אויף אַזעלכע זאַכן, װי פאַרברעכן, שותּפות צום פאַרברעכן, אָפּרעדונג צום פאַרברעכן! קאָרנעליע האָט

שוין געזען פאַר אירע אויגן דידאַזיקע שרעקלעכע ווערטער אויף די ערשטע זייטן פון אַלע באָסטאָנער צייטונגען.

די נשמה פון באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי איז געקומען כדי אויף־צו־זיין צוזאַמען מיט איר און זיך צו טיילן מיט איר צער. באַרטאָ אין זיין תפיסה־קאַמער איז נישט געשלאָפן; ער איז געלעגן וואַך, האָט זיך געגריבלט אין פּראָצעס, געטראַכט וועגן די בריוו, וואָס ער וועט שרייבן, וועגן די פאָרשלאַגן, וואָס ער וועט מאַכן זיינע פריינט און אַדוואָקאַטן. אַזוי אַרום איז ער געקומען אין גייסט צו קאָרנעליען, און זי האָט זיך געווענדעט צו אים מיט אַלע אירע פראַגעס, וואָס זי וואָלט קיינמאָל נישט געפרעגט דעם ליבלעכן וואַנצעטין. וואָס וועט ער פאַרלאַנגען פון איר? ווי אַזוי וועט זי צום בעסטן דינען זיין אידעע פון גערעכטיקייט, פאַר וועלכער ער לעבט?

זי האָט געשטעלט אַ פראַגע איר אייגענער נשמה: וואָס איז אמת? וואָס איז פאַלש? צי דאַרף מען זיך האַלטן אָן דעם שטרענגן, מאָראַלישן געזעץ פון דעם פוריטאַנישן באָסטאָן, וואָס זיי אַלע פריידיקן און אייניקע פון זיי האַלטן? זאָגן, אַז דאָס געזעץ איז הייליק, און אַ שבועה איז אַ שבועה פאַר גאָט, און אַז אַ מענטש דאַרף בעסער שטאַרבן איידער עובר זיין אויף גאָטס געבאָט? ס'איז זייער לייכט צו זאָגן אַזוי, ווען עס גייט נאָר וועגן זיך אַליין. עס קען אַמאָל אַפילו פאַר עמעצן זיין אַ פרייד, צו שטאַרבן פאַר אַ מאָראַלישן געזעץ. אָבער ווען עס גייט וועגן אַן אַנדער מענטשנס לעבן, צי האָט מען אים דאָס רעכט, אונטערצוואַרפן אונטער די אייגענע געזעצן?

וואַנצעטי האָט באַוויזן, אַז ער אָנערקענט נישט דידאָזיקע געזעצן, ווייל ער האָט אָפּגעוואָרט די פאָליציי. אָבער סוף כל סוף איז פאַר אים געשטאַנען דער אייגענער פּראָבלעם, ווי פאַר קאָרנעליען; ער האָט נישט אָפּגעוואָרט צוליב זיך אַליין, נאָר לטובת זיינע חברים. מיט אַ צייט צוריק האָט אים קאָר־נעליע געשטעלט זייער אַן ערנסטע פראַגע: קעגן סאַקאָן זענען דאָ אַ סך מער באַווייזן, ווי קעגן אים, און עס וואָלט

אפשר געווען קלוג, אָפּצוטיילן זייער פּראָצעס, כדי אין אַ שלעכטן פאַל, צו ראַטעווען איינעם פון זיי. וואַנצעטי אָבער האָט זיך נישט מישב געווען קיין הגה און אָפּגעוואָרפן דעמדאָזיקן געדאַנק:

— טאָ ראַטעוועט ניקן, ער האָט אַ פרוי מיט קינדער.

דערביי האָט ער זיך געהאַלטן פון אָנהויב ביז צום סוף.

אַ זאַך, וואָס איז לייכט צו פאַרשטיין, לייקענען צוליב אַ פרוי און אירע קינדער! אין פאַרגלייך דערמיט איז קאַרנעליעס אידעאַל געווען אַ ווייטע, קאַלטע, פרעמדע זאַך. אין דערדאָזיקער וועלט איז דער אמת אַ לוקסוס, וואָס עס קענען זיך פאַרגינען נאָר פּריוועליגירטע מענטשן, וואָס זיצן אין אַ קריסטאַלענעם פּאַלאַץ און ווייסן נישט פון קיין רחמנות און מיטגעפיל, די וואָס פאַרשטייען גוט צו פאַרמאַכן די אויגן און אוועקצוטרייבן פון זיך די ווירקלעכקייט!

קאַרנעליע האָט זיך פאַרטראַכט וועגן סווענסאָנס רייד, אַז זי האָט געלעבט צווישן די מענטשן, וואָס באַגייען קיינמאָל נישט קיין פאַרברעכן. זייער אַ פאַרזיכטיקע פאָרמולירונג פון אַן אַדוואָקאַט! נישט קיין מענטשן, וואָס באַגייען נישט קיין פאַרברעכן, נאָר אַזעלכע, וואָס מען באַשטראָפט נישט פאַר קיין פאַרברעכן! קאַרנעליע האָט אָנגעהויבן אויפצוּוועקן אירע זכרונות און געצוואונגען זיך צו קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין. צי האָבן אירע לייט ווירקלעך אויסגעמיטן דעם שקר? זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט די מעשה מיט זשערי וואָלקער, וועגן וועלכער זי האָט נישט לאַנג גערעדט מיט איר איידעם. צי האָבן רופּערט און הענרי נישט אָפּגענאַרט זשערי וואָלקער, כדי אים צוצורויבן זיין אייגנטום? געוויס! הענרי האָט אפילו אָפּגענאַרט קאַרנעליען און געהאַלטן דאָס פאַר אַ גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. זיי האָבן אָפּגענאַרט זייערע שותפים, און זייערע שותפים האָבן זיי עס דערנאָך פאַרגע-וואָרפן, — דאָס האָט קאַרנעליע געוווּסט פון איר פאַמיליע.

פריער אָדער שפּעטער וועלן הענרי און רופּערט מוזן קומען אַלס עדות אין געריכט. כדי אָפּצוגעבן אַ גענויען דין

וחשבן פון זייערע געשעפטן. צי וועלן זיי מודה זיין, אז זיי האָבן זיך ביידע אָפּגעערדט. צוצונעמען ביי זשערי וואַלקערן צען מיליאָן? צי וועלן זיי דערקלערן, אז אַ שבועה איז הייליק און איז אַ שבועה פאַר גאָט? געהיס נישט! זיי וועלן אַ סך גיכער פאָלגן דעם סוועגסאָן-געצאָט — זיי וועלן זיך מישב זיין מיט זייערע אַדוואָקאַטן און צענויפשטעלן קונציקע ערקלערונגען און וועלן לייקענען, ווי סאָלדאַטן. אָדער מאָרדערנער אויסגעדריקט זיך, ווי אַ פּאָליציאַנט, וואָס ווייס, אַז דאָס געהערט צו זיין פּראָפעסיע און ער מוז שווערן אויף אַלצדינג, וואָס דער פּאָליציי-שעף הייסט אים. אַזוי וועט טון רופּערט און העגרי, און די גאַנצע סטעט-סטריט וועט וויסן, אַז זיי טוען אַזוי, און וועלן נישט זען אין דעם קיין שום בייז, ווי אין אַ גוטן וויץ.

XI

אַ וועלט פון ליגן, אַ וועלט וואָס ווערט רעגירט דורך ליגן. און יעדערער, וואָס רעדט פון ליבע צום אמת, איז אַן אויטאָפּיסט, אַ טרוימער, אָדער נאָך ערגער: אַ פאַררעטער פון זיינע פריינט, פון זיינע שותפים אין מסחר, פון זיין פאַמיליע, פון זיין קלאַס!

ליגן! ליגן! עס איז געווען יעשען-צייט 1920, אַ גרויסע פּאָליטישע קאָמפּאַני האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט, און יענער קליינער מאַן, קאַלווין קולידזש, דער "שווייגנדיקער קאַל", וואָס קאָרנעליע האָט אַזוי גוט געקענט פון דער צייט, ווען ער איז געווען גובערנאַטאָר, איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר וויצע-פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן! ער, וואָס איז אין דער אמתן אַנטלאָפן בעתן פּאָליציאַנטן-שטרייק, איז באַלוינט געוואָרן מיט דער קאַנדידאַטור פון אַ וויצע פּרעזידענט, דערפאַר וואָס ער האָט דעם שטרייק פאַרמשט ליקווידירט. זיינע אָנהענגער האָבן געדריקט דעם באַריכט פון בירגער-קאָ-

מיטעט, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק באַמיט אויסצומיידן אַ שטרייק און אָט האָבן זיי איבערגעגעבן דעם פולן אמת.

און, ערגער נאָך, טוט איצט אַ קוק אויף דעם מענטשן, וועלכן זיי האָבן געמאַכט פאַרן פּרעזידענט! קאָרנעליעס קאָפּ איז געווען פול, ווי אַ כּישוף קעסל, מיט אַלע מעשיות, וואָס זשאָ רענדעל האָט דערציילט. זשאָ האָט געקענט די צייטונג־שרייבער, האָט געזאַמלט אינפאָרמאַציעס, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרעפנטלעכט ווערן און צוגעפּעפּערט מיט זיי די מאָל־צייטן, וואָס ער האָט געגעסן ביי קאָרנעליען אין שטוב. נאָך אַ באַרירונג פון פיר מאָנאַטן מיט דער אַמעריקאַנישער מאָראַל און יוסטיץ, איז זשאָ געוואָרן ציניש. ער האָט הנאה געהאַט, צו גלויבן די לעגענדאַרישסטע און מיאוסטע זאַכן אויף די טאַמע אָנגעזעענסטע און בכבודיקסטע פּערזענלעכקייטן פון לאַנד. דערדאָזיקער סענאַטאָר האַרדינג, וואָס וועט זיין דער קונפטיקער פּרעזידענט, איז געווען דער אויסגעוויילטער קאַנ־דידאַט פון די נאַפט־מאַגנאַטן, וואָס האָבן זיך מכין געווען צו באַרויבן די נאַפט־רעזערוון פון פאָלק. ווען מ'האָט געלייענט די שילדערונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, איז ער געווען שיין און בכבודיק, אַ פּרעכטיקער מלוכה־מאַן, — זשאָ אָבער האָט אים אָנגערופן „אַלטער שיכּור און מנוול", „קליינ־שטעטלדיקער פּגע רע", וואָס זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז צו זיצן מיט זיינע געשעפטס פריינט אָן די רעקלעך, צו רויכערן טאַבאַק און שפּילן אין פּאָקער. זיינע אונטערשטיצער האָבן געמוזט בעטן זשורנאַליסטן, זיי זאָלן אָנשרייבן זיינע רעפּע־ראַטן; טאָמער האָט מען אים געלאָזט אַליין, האָט ער זיך באַנוצט מיט אָן אַ שיר לאַנגע, דריי־גאָרנדיקע ווערטער און אַליין נישט געוווּסט, וואָס ער רעדט.

און דאַן האָט ער אַרומגערייזט איבערן גאַנצן לאַנד מיט אַ יונג מיידל, וואָס איז געווען זיין געליבטע! ער האָט איבערגעשיקט מיט איר אין פאַרשידענע ביליקע האָטעלן, און ווען די זיטן־אַגענטן האָבן אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן, האָט ער זיי דערלאַנגט זיין וויזיט־קאַרטע! דאָס איז אינגאַנצן

עפּעס נייעס אין דער געשיכטע פון אַמעריקע, און ישאָ רעג־דעל האָט געלאָזן זיין פאַנטאַזיע איבער אַלע צוימען און זיך פאַנאַנדערגערעדט.

XII

אַ שרעקלעכע, שרעקלעכע וועלט! אוממעגלעך צו לעבן אין אַזאַ וועלט, ווו עס געשעט אַזוי פיל רשעות. מיטאַמאָל האָט קאָרנעליען אַרומגענומען אַ מידקייט, אַ טיפער יאוש. עס איז שוין צייט פאַר איר, אָפּצוזאָגן זיך פון אָט דער שפּיל און איבערצולאָזן די וועלט פאַרן נייען דור, וואָס האָט שטאַר־קערע נערוון און קען זיך גיכער אַן עצה געבן מיט אַזעלכע פראַגן.

דאָס פייער אין קאַמין איז כמעט אויסגעגאַנגען. אין צימער איז קאַלט געוואָרן, אַ פראָסטל האָט זיך אַריינגעגנבעט אין די אַלטע ביינער פון דער פרוי, וואָס איז געזעסן אין איר לען־שטול. זי האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער, עס איז שוין געווען נאָך צוויי, און מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן, אַז בעטי איז נאָך נישטאָ אינדערהיים. וואָס קען דאָס קינד טון אַזוי שפּעט?

די סוועגסאָן האָט זי געבעטן, זי זאָל נישט דערציילן בעטין דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך. אָבער דאָס איז נישט גוט. פּלוצלונג איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז בעטי איז פאַר די לעצטע צייט געוואָרן איר גאַנצע שטיצע. בעטי איז יונג, בעטי האָט קיין מורא נישט, בעטי קען זיך אַנטקעגן שטעלן יעדן פאַקט. באַהאַלטן פון איר עפּעס, וועט זיין נאָר אַ נייער טעות אין אַ וועלט, וואָס באַשטייט נאָר פון טעותים.

אַ גערויש אויף די טרעפּ. קאָרנעליע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אַ שליסל אין שלאָס. די טיר האָט זיך אויפגע־מאַכט. פאַרויטיקט, שטראַלנדיק איז בעטי אַריינגעקומען פון אַ לאַנגן שפּאַציר אין דער קילער, נאַכטיקער לופט.

— נו, נאַנאַ — דו האָסט געוואָרט אויף מ י ר! האָסט נישט געדאַרפט וואַרטן!

זי האָט צוגעשלאָסן די טיר און צוגעגאַנגען צו קאַרנעליען פול מיט ליבע און זאָרג.

— טייערע, האָסט געלאָזט נעבעך אויסגיין דאָס פייער, און איצט איז דיר קאַלט.

בעטין איז געווען וואַרעם. דאָס בלוט האָט איר אַרויס-געשפּריצט פון די באַקן און פון האַלדז, עס האָט זיך געמי-ניעט, ווי אַ צפון-ליכט אויפן ווינטערדיקן הימל. אירע אויגן האָבן געפינקלט, — ס'האָט געמוזט עפּעס פאָרקומען מיט איר דידאָזיקע נאַכט — זיי זענען געווען אַזוי לעבעדיק. אַזאַ אייפעריק געזיכט, אַ שמייכעלע איבער די צוויי רייען ווייסע, גלאַטע פּמעט דורכזיכטיקע ציין. זי האָט געטראָגן אַ ווייסן, ברוינעם מאַנטל מיט אַ פוטער-קראַגן, וואָס האָט געפּאַסט צו דער פאַרב פון אירע האָר און אירע אויגן — די מענטשן אויפן גאַס האָבן איר נאָכגעקוקט. אַזוי צאַרט, אַזוי קלוג, אַזוי איידל, און קען דידאָזיקע אַלע העסלעכקייטן. זי קען זיך קעגנשטעלן און נישט אָפּטרעטן אויף צוריק, און נישט פילן זיך אַלט און מוטלאָז, און נישט ווערן שטאַרבן.

— טייערע, וואָס איז געשען? דו האָסט עפּעס אַ זאָרג! — זי האָט געלייענט קאַרנעליעס געדאַנקען, ווי אין אַן אָפן בוך. — וואָס איז געשען? צי האָט דיר לי סווענסאָן דער-ציילט עפּעס אַ טרויעריקע זאַך? — און דאַן פלוצלונג: — דו דאַרפסט זיך נישט לאָזן אָפּשרעקן פון אים! מיר וועלן זיי שוין אַרויסנעמען אויף דער פריי! דו האָסט מורא פאַר זיי?

— ניין...

— טאָ וואָס האָט ער דיר אַזוינס דערציילט? זאָג מיר, וואָס!

— מיר האָבן גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן, וועגן דעם פּראָצעס און אַנדערע זאַכן. עס איז אַ שרעקלעכע וועלט, טייערע בעטי.

— יאָ, מ'ברענגט אום מענטשן דורך פאַלשע באַשולדי-

קונגען. און דאַן פּאַסירט ווידער טיילמאָל, אַז דידאָזיקע מענטשן האָבן פּאָרט עפּעס אָפּגעטון! עס איז שווער צו זאָגן, וואָס אַזוינס, און דער קאָפּ נעבעך איז דיר צעמישט אַלצדינג צו וויסן. נישט אמת?

— מיסטער סווענסאָן וויל נישט, אַז איך זאָל רעדן וועגן דעם.

בעטי האָט זיך פריילעך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— דער אַלטער אויסוואורף! ער מיינט, אַז ער וועט קע־נען באַהאַלטן עפּעס פון מיר מיט זשאָען! איך ווייס, עס איז זייער געפערלעך, מיר דאַרפן גאָרנישט אויספּלוידערן. אָבער זאָג אים, אַז איך ווייס תמיד, וואָס דו האָסט אין קאָפּ, נאָך איידער דו אַליין ווייסט עס. און אַז ער וועט זיך אין דעם פאַל נישט קענען קיין עצה געבן אָן מיר און זשאָן. דאָס איז אַן ענין פאַר יונגע מענטשן. גלויב מיר.

בעטי האָט אויסגעטון איר מאַנטל, אַראָפּגענומען דאָס קליינע פוטער־היטעלע, זיך געשטעלט אויף די קני און צוגעלייגט איר וואַרעם פּנים צו דעם קאַלטן פּנים פון איר באָבען.

— וואָס פאַר אַן איינפאַל, צו פאַרדרייען אַ קאָפּ אַן אַלטע דאַמע מיט סודות און רעטענישן. ער האָט דיר דער־ציילט מסתמא, אַז די עדות פון דער באַשולדיקונג זאָגן נישט תמיד דעם אמת, און אַז אַ פאַרטיידיקער מוז אויך אַמאָל אַרויסטרייבן דעם טייוול מיטן אַשמדאי. דערפאַר ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט?

— ווו ביסטו געווען אַזאַ לאַנגע צייט? — האָט זי קאָרנעליע געפרעגט — דער איינציקער אויסרייד, וואָס איר איז איינגעפאַלן אין דער רגע.

— ס'וועט שוין זיין גוט — נאָך מער רעטע־נישן און סודות! איך וועל דיר מאָרגן איבערפרי דערציילן אַלצדינג. און איצט גיי, גיי שלאָפן, איידער דיינע אַלטע ביי־נער וועלן איינגעאַנצן פאַרפרוירן.

זי האָט אַריינגעפירט קאָרנעליען אין שלאָפצימער, האָט

זי אָנגעהאַרעמט אַ גלאָז מילך און אָנגערופן זי „קראַנק קעצעלע" — אַ דערמאָנונג אָן די צייטן, ווען קאָרנעליע איז געקומען אַהיים צו די בריגיס, אָן אויסגעמאַטערטע פון דער אַרבעט אין דער שטריק־פאַבריק, און וואַנצעטי האָט זי געצערטלט. נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעטרונקען די מילך, האָט איר בעטי איינגעוויקלט, האָט איר אַ קוש געטון און געזאָגט אַ גוטע נאַכט; זי האָט אויסגעלאָשן די ליכט, האָט אויפגעמאַכט דעם פענסטער און געזאָגט:

— נו, זיי אַ גוט קינד, מאָרגן אינדערפרי וועל איך דיר דערציילן אַ ביסל בייעס.

XIII

אַ העלער זוניקער פרימאָרגן, דאָס שוואַרצע דינסט־מיידל האָט געמאַכט פייער, קאָרנעליע איז געזעסן אין איר שלאָפראָק ביים אויוון, האָט געזופט איר קאַווע און געקייט איר איינגעווייקטן ברויט. בעטי איז געזעסן נעבן איר אין אַ בלוי־זיידענער קימאָנאָ, און ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט זי גענומען די טאַץ און אַוועקגעשטעלט זי אָן אַ זייט מיט די ווערטער:

— דו זאָלסט זי נישט אַראָפּוואַרפן בעת דיין אויפרעגונג.

דערנאָך האָט זי פאַרשלאָסן די טיר, האָט זיך אַוועקגעזעצט נאָענט פון איר באָבען, אַוועקגעשאַרט אירע קורצע האָר פון שטערן און געזאָגט:

— האַלט זיך פעסט און פאַל נישט אין חלשות. זשאָ און איך האָבן חתונה געהאַט.

קאָרנעליעס הענט זענען געלעגן מאַכטלאָז אויף איר שויס.

— חתונה געהאַט!

— יאָ, טייערע.

— אָבער זשאָ האָט דאָך אַ פרוי!

— דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע.

— נו, אָבער דו קענסט דאָך נישט חתונה האָבן מיט אַ מאַן, וואָס האָט שוין חתונה געהאַט!

— נו, נאָנאַ, פונדעסטוועגן, מיר האָבן עס שוין איינגע־אָרדנט. זעסט דו, מיר האָבן זיך געטרויעט איינער דעם אַנ־דערן.

און קאָרנעליען האָט זיך אויף עטלעכע סעקונדעס עפּעס אויפגעהערט צו בעוועגן, און ס׳איז אָפּגעשטאָרבן אין איר די שטימע. בעטיס שטימע איז געווען פעסט, אָבער אַ רויטע כוואַליע האָט פאַרגאָסן איר האַלז און אירע באַקן, ביז אונטער די קורץ־אָפּגעשוירענע האָר.

— זעסטו, אויב די געזעצן זענען אַזוי נישט גערעכט, האָבן מיר אַליין גענומען די זאַך אין אונזערע הענט אַריין, וואָס פּרוי איז אין רענאָ[1], אָבער עס דויערט מוראדיק לאַנג. מען קען גאָרנישט וויסן, ווי לאַנג. און ס׳איז דאָך פּשוט נאַריש, אַז מיר, וואָס מיר האָבן זיך דאָך ליב, מיר זאָלן זיצן און וואַרטן, ביז עפּעס אַ באַאַמטער וועט אונדז געבן די ערלויבעניש צו לעבן אונדזער לעבן.

שטיל־שווייגן. קאָרנעליע האָט נאָך נישט געקענט אַרויס־ברענגען קיין וואָרט.

— איך מוז דיר זאָגן, אַז דאָס איז נישט אַזאַ מין פרייע־ליבע־נאַרישקייט. דו וועסט טראַכטן פון סופראַזשיסטינס און וועגן די אַלע זאַכן, אָבער דעמאָלט בין איך נאָך געווען אַ קינד און געוואָרפן מיט ראָמאַנטישע ווערטער. אָבער איצט בין איך שוין אַלט צוויי־און־צוואַנציק יאָר, און איך וויל האָבן דעם מאַן, וואָס איך האָב ליב — אויף מיין גאַנץ לעבן, און דאָס ווייס ער; איך האָב אים געזאָגט, אַז אויב ס׳וועט קומען עפּעס אַן אַנדער פּרוי און אים וועלן צונעמען ביי מיר,

---

[1] א שטאָט אין די מערב־שטאַטן, וווּ די שיידונגס־געזעצן פאַרלייכטערן א גט.

וועל איך זי אויכדראַפּען די אויגן. דו זעסט אַלזאָ, אַז דאָס איז אַן אמת אָרנטלעכער און קאָנסערוואַטיווער ענין.

— יאָ — האָט קאָרנעליע געזאָגט שטילערהייט.

— איך האָב געוואַרט. איך האָב מיך מישב געווען גאַנצע זעקס חדשים, צי איך טו נישט קיין פעלער. און איצט, ווען איך בין שוין גאַנץ זיכער, וועל איך גערן גיין צו עפּעס אַ ריכטער אָדער אַ גייסטלעכן, ער זאָל מיר זאָגן די פּאָר צוויבערווערטער, וואָס זאָלן פאַרוואַנדלען אונדזערע אוממאָראַלישע באַציאונגען אין אַ הייליקן מאַן- און ווייב-באַנד. אָבער דו זעסט דאָך ווי עס איז. דער ריכטער וועט נאָך אַ לענגערע צייט נישט, אין דער גייסטלעכער וועט קיינמאָל נישט מסכים זיין דערצו, כּל זמן זשאָס פּרוי האָט נישט פאַרראַטן דעם מאַן, דאָס הייסט, פאַרראַטן דעם מאַן האָט זי יאָ, אָבער מען קען עס נישט באַווייזן געריכטלעך, אַז מען זאָל קענען באַפרידיקן דעם גייסטלעכנס נייגעריקייט לויט די קירכלעכע געזעצן. איך האָב דאָס אַלץ געלייענט אין דער פאָלקס-ביבליאָטעק, און איך וועל עס דיר געבן צו פאַרשטיין, אויב דו ווייסט נישט וואָס איך מיין.

— ניין, איך פאַרשטיי שוין — האָט געזאָגט קאָרנעליע נאָך אַלץ זייער אויפגערעגט.

— נו, גאָנאַ, דאַמאַלס, ווען דער זיידע האָט חתונה געהאַט מיט דער באָבען, האָט די יוגנט נישט געטראַכט פאַר זיך אַליין. איצט אָבער האָט זיך די וועלט איבערגעביטן, און דעריבער מוז מיין אַלטע ליבע באַשיצערין זיך פאַרטיפן אין דער לאַגע און שטעלן זיך אַן איינפאַכע פראַגע: צי גלויבסטו, אַז מיין ליבע צו זשאָען אָדער זיין ליבע צו מיר וועט צוליב עפּעס אַ פאָרמול, וואָס עס וועט מיר זאָגן עפּעס אַ גייסטלעכער אָדער אַ ריכטער, ווערן הייליקער אָדער ריינער? צי גלויבסטו דאָס טאַקע?

קאָרנעליע האָט זיך פאַרטראַכט.

— פאַרטראַכט זיך נאָר גוט, — האָט בעטי געזאָגט.

— ניין, איך מיין עס נישט.

— איז גוט. און דו גלויבסט, אַז מיר וועלן זיין איבער־צעגעבענער איינער דעם אַנדערן, אויב מיר וועלן זיך אָנטון אין באַל־קליידער און באַצאָלן אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר, אויסצו־פּוצן די דריי־אייניקייט־קירכע און דער אָרגל וועט אונדז אויפשפּילן דעם חתונה־מאַרש פון לאָהענגרין ביים אַריינגאַנג, און דעם חתונה־מאַרש פון מענדעלסאָנען ביים אַרויסגאַנג און דער גלח וועט אָפּהאַלטן עפּעס אַ דרשה, וואָס וועט אונז ביי־דען קריכן פון האַלז? גלויבסטו דאָס?

— ניין, מיין טייערע, איך גלויב עס באמת נישט. נאָר — מיר האָבן תמיד אַזוי געטון אין אונדזער פאַמיליע.

— אַ סך מאָל — האָט געזאָגט בעטי — אָבער דאָ איז אַן אויסנאַם־פאַל. מיר האָבן עס פריער גוט אַרומגערעדט, און מיר זענען געקומען צום באַשלוס, אַז ס'איז פּשוט צו נאַריש, מיר זאָלן זיך אויף ווער וויים, ווי לאַנג לאָזן שטערן אין אונדזער ליבע. מיר זאָגן, אַז דאָס געזעץ איז אַ שווינדל און מיר האָבן זיך דערוועגט צו זיין אונדזער אייגענע גייסטלעכ־קייט. מער גאָרנישט.

— יאָ, טייערע, אָבער טאָמער פּאַסירט עפּעס?

— נו, מיר וועלן שוין זאָרגן דערפאַר, אַז ס'זאָל גאָר־נישט פּאַסירן. מיר האָבן זיך גוט אינפאָרמירט. איך זאָג דיר צו, אַז איך וויל נישט האָבן קיין אַזוי געראָפענע „בלוטונג", ווי די מומע אַליס האָט געהאַט ערשט דאָ נישט לאַנג! דו דערמאָנסט זיך מסתמא. דו האָסט געוויס נישט געוווסט, אַז איך וויים. און איך וועל אויך נישט האָבן קיין אָפּעראַציע אויף בלינד־דאַרם, ווי די קוזינע יוליאַ. איך האָב גאָר־נישט קעגן דעם, אַז איך זאָל האָבן אַ קינד פון אַ מאַן, וואָס איך האָב ליב, און צו זאָגן אָפן דער וועלט, וואָס איך האָב געטון און פאַרוואָס איך האָב עס געטון. די משפחה וועט עס נאַ־טירלעך נישט אויסהאַלטן. טאָמער וועט האַלטן זייער שלעכט, איז מילא, ווילן מיר ווידער מאַכן אַ רייזע קיין איי־ראָפּע מיט דיר צוזאַמען, און בלייבן דאָרטן אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן קענען חתונה האָבן. דערווייל אָבער מוזטו זיין אַ

בראַווע און פאַרשטענדיקע באָבע און פאַרשטיין, אַז זשאָ און איך זענען מיר פאַרהייראַטעט פאַר גאָט און פאַר דיר... ווען ער וועט קומען אַהער, מוזטו אים אַ קוש טון אין ביידע באַקן און אים באַגריסן פאַר אַן אייניקל. וואָרום דו קענסט דיך פאָרשטעלן, אַז ער איז נעבעך אין גרויס פאַרלעגנהייט, ער קען גוט מיין חשובע באָבע. ער אַליין איז אויך אַזעלכער. ער שטאַמט פון ווירגיניאַ, — ער איז כמעט אַזוי שלעכט, ווי ראָגען לאָוועל. איך האָב געמוזט אַלצדינג דערליידיקן, באַזאָרגן כמעט, אַזוי צו זאָגן, די גאַנצע חתונה. אָבער איצט איז שוין נאָך אַלעמען. און איך וויל, אַז דו זאָלסט זיין פריילעך און זיך פילן גליקלעך, כדי מיר זאָלן זיך אויך קענען פילן צופרידן און גליקלעך. די סאַמע קלוגסטע זאַך וועט זיין, ווען דו וועסט בלייבן אונדזער באַשיצערן און וועסט זיך אונדז לאָזן דאָ צוזאַמענקומען. עס איז זייער אומאָנגענעם, ווען מען מוז גיין אין אַ דריט־קלאַסיקן האָטעל, און אַחוץ דעם, געפערלעך אויך, ווייל די פּאָליטיקער אין אָט דער פּוריטאַנישער שטאָדט פאַרפאָלגן די יונגעלייט פון פרייע ליבע, אויב זיי זענען רייך און אָנגעזען. זשאָ זאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַן אמתע ליגע פון געלט־אויספּרעסער. זיי פּאַקן אַ פרוי מיט אַ מאַן אין אַ האָטעל־צימער און דאָס קען אים קאָסטן פון צוואַנציק ביז צוויי־הונדערטטויזנט דאָלאַר — דאָס הייסט, באַטירלעך, ווען ער קען נישט ווייזן קיין וויזיט־קאַרטע פון אַ סענאַטאָר און קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט.

שטיל שווייגן.

— דאָס איז אַלץ, באָנאַ — ווידער אַ שטילשווייגן.

— דו גרייטסט זיך צו צו אַ שווערן ענטפער באָבעשי.

— נאָך אַ סוד אָפּצוהיטן! — האָט קאָרנעליע געזאָגט.

בעטי איז אויפגעשטאַנען. זי האָט אויסגעזען, ווי די אויפגייענדיקע זון, פאַר געלעכטער, פרייד און גליק.

— גאָט, שיק אַראָפּ אַ ברכה אויפן קאָפּ פון דער אַלטער דערשראָקענער נשמה — זי האָט זיך איינגעבויגן, געקושט קאָרנעליען אין פּנים אַריין, אויף די באַקן און אויפן שטערן און זיך ווידער צעלאַכט: — דו דאַרפסט נישט טראָגן

די משא אויף זיך, אויב עס איז דיר צו שווער; איך נעם זי דיר אַראָפּ פון דיינע שוואַכע אַקסלען.

— ווי אַזוי, טייערע?

— דו דאַרפסט נאָר אויסרעדן איין וואָרט, צי איך מיר אַרויס מיט זשאָן אין אַן אייגענער וווינונג. איך שרייב אָן אַ בריוו צו דער מאַמען און דערציי̈ל איר אַלצדינג. ווי מיינסטו?

איצט איז נישט געווען קיין שום שטילשווייגן. קאָרנעלי־יע האָט תּיכּף געזאָגט:

— ניין!

XIV

„ברענגט מיר גוטע אויסגעקליבענע ביכער" האָט געשריבן וואַנצעטי „איך וויל מיר שאַפן דעם פונדאַמענט, וואָס איך נויטיק זיך שוין אַזוי לאַנג אָן אים." און יעדעס מאָל, וואָס קאָרנעליע איז געגאַנגען צו אים, האָט זי מיטגענומען אַ צוויי דריי ביכער פון איר קליינער ביבליאָטעק. איר מיינונג איז געווען, אַז ער מוז גוט קענען דאָס דאָזיקע ניי־ענגלאַנד, אין וועלכן ער דאַרף קעמפן פאַר זיין לעבן, און ער האָט מסכּים געווען מיט איר. ער האָט געהאַט זייער אַ לעבעדיקן אינטע־רעס פאַר געשיכטע און פאַר דער ביאָגראַפיע פון יענע מענער, וואָס האָבן געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע, באַזונדערס אַלס פאָרקעמפער פון דער פרייהייט און גערעכטיקייט. ער האָט זיך פאַרגלייכט מיט דידאָזיקע כאַראַקטערן, ער האָט געלעבט זייער לעבן, אין זייערע ווערטער האָט ער געפונען דעם קאָ־מענטאַר צו זיין פּראָצעס, און אין דעם אורטייל פון דער גע־שיכטע איבער זייערע מעשׂים, האָט ער געפונען אַ באַרעכטי־קונג פון זיינע אייגענע טאַטן. יעדע פרייע מינוט, וואָס ער האָט נאָר געקענט האָבן אין אָט דער שטרענגער תּפיסה האָט ער אויסגענוצט אויף לייענען, און אויף קאָרנעליעס בקשה האָט ער צוגעשריבן זיינע באַמערקונגען אויף די ראַנדן, און אָנגעפילט אַ סך בלעטלעך מיט בלייפעדער־נאָטיצן. עס איז כּמעט געווען אַ גאַנצער אוניווערזיטעט־קורס אין ניי־ענגלישער

קולטור-געשיכטע, און יעדעס מאָל, ווען קאָרנעליע איז געקומען צו אים, האָט זי געקענט באַמערקן אַ גרויסן פּאָרטשריט.

די אַלטע טשאַרלסטאָן-תּפיסה איז אויפגעבויט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ קרייץ. אין מיטן געפינט זיך אַ גרויסער לופטיקער זאַל, אין וועלכן די באַשטראָפטע קומען אַרויס אויף זעונגען מיט זייערע קרובים. קאָרנעליע פלעגט קומען מיט אירע ביכער און איינצלנע בלומען. זי האָט געמוזט אונטערהאַרטן, איידער ער האָט זיך אָפּגעוואַשן דעם פּנים און די הענט,— ווייל ער האָט איצט געהאַט אַן אַרבעט צו לאַדעווען קוילן און זיי צו טראָגן צו די תּפיסה-אויוונס. ער האָט געבעטן אַנטשולדיקונג, צוליב דעם צושטאַנד פון זיינע קליידער, ער קען גאָרנישט טון דערפאַר. קאָרנעליע האָט זיך געווענדעט צום תּפיסה-אויפזעער און אים פאַרשאַפט דידאָזיקע אַרבעט. בעת די צען יאָר, וואָס ער איז געווען אין אַמעריקע האָט ער זיך שטאַרק צוגעוווינט צו אַרבעטן אויף דער פרייער לופט; דאָס האָט אים אויפגעהאַלטן דאָס געזונט.

ער איז געווען אַ מוסטערהאַפטער אַרעסטאַנט, ווען ער וואָלט זיך נאָר נישט געפילט אָפּטמאָל באַליידיקט פון די אויפזעערס. איינמאָל, ווען קאָרנעליע איז געקומען צו אים, האָט מען אים געזאָגט, אַז מ׳קען זיך מיט אים היינט נישט זעען, ווייל ער איז אין קאַרצער אויף ברויט און וואַסער, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַרבעט. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעשמועסט מיטן תּפיסה-פאָרשטייער און ביסלעכווייז האָט זי זיך דערוווסט, אַז וואַנצעטי האָט פּראָטעסטירט, פאַרוואָס דער אויפזעער האָט גערעדט צו אים אויף אַ גראָבן אופן און באַליידיקט זיין כּבוד. קאָרנעליע האָט געדאַרפט אַרויסווייזן אַ סך טאַקט צו ברענגען אין אָרדנונג דידאָזיקע סיטואַציע. די אַמעריקאַנישע תּפיסה ווייסט נישט פון קיין שום „כּבוד", און ס׳איז נישט אַזוי גרינג איבערצוצייגן אַ באַאַמטן, אַז אַן אַנאַרכיסט האָט עפּעס אַזוינס, ווי אַ נשמה. אָבער זיי האָבן געקענט באַגרייפן, אַז עס וועט נישט זיין קלוג, צו האָבן צו טון מיט אַ מענטשן, צו וועלכן עס קומען הויכגעשטעלטע דאַמען

אויף אַ זעונג און קען נאָך אַמאָל האָבן די מעגלעכקייט, אויפצוהויבן אַ ליאַרם אין דער פּרעסע.

קאָרנעליע איז אויך געווען ביי פּרוי סאַקאָ אין דעם דערפל זיד-סטויטאָן. אַ ביי קינד איז שוין געווען אויף דער וועלט, אַ רייצנד, קליין מיידעלע. קאָרנעליע איז געפאָרן מיט דערדאָזיקער בשורה צום אַרעסטאַנט אין דער באַצירק-תפיסה פון דעדהאַם און איז האַרציק אויפגענומען געוואָרן. ניק האָט נעבעך געדאַרפט, מען זאָל אים שטאַרק אויפמונטערן. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט שטענדיק געאַרבעט פיזיש און נישט געקענט לייענען, שטודירן און פילאָזאָפירן, ווי וואַנ-צעטי. ער האָט זיך געמוזט לערנען פאַרברענגען צוויי און צוואָנציק שעה פון מעת לעת אין זיין קאַמער, נישט טוענדיק די מינדסטע זאַך; און ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן אויף זיין פּראָצעס; ער האָט נישט געוואָלט, אַז אַדוואָקאַטן זאָלן נאָך אויך אַריינשטעקן זייער נאָז אין זיין אומגליק און צונעמען דאָס געלט פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג — ער האָט געוואָלט, מ׳זאָל אים פאַרמשפּטן צום טויט און פּטור ווערן פון גאַנצן עסק. קאָרנעליע און בעטי האָבן אים איינגערעדט, איינגענומען אים מיט אַ סך געדולד, האַלב ענגליש האַלב איטאַליעניש. זיי האָבן געזוכט מיטלען און וועגן, צו אַפּעלירן צו זיין שטאָלץ, צו דערמאָנען אים אָן רעוואָלוציאָנערע העלדן, וואָס האָבן זיך געשטאַרקט און אויסגעהאַלטן זייער לעבן אין דער תפיסה. פאַרוואָס אַרבעט ער זיך נישט אויס קיין סיסטעם פון קערפּערלעכע און גייסטיקע איבונגען? פאַרוואָס שטודירט ער נישט די ענגלישע שפּראַך, כדי אין פאַל, ווען ער וועט אַרויסקומען אויף דער פריי, זאָל ער קענען בעסער אַרבעטן פאַר דער אידעע, און אין פאַל פון אַן אומגליק, זאָל ער קענען איבערלאָזן די וועלט זיין געשריבענעם אַני מאַמין?

ווען זיי זענען געקומען צו אים דעם צווייטן מאָל, האָבן זיי געזען, אַז ער האָט זיך אַרומראַזירט און געטראָגן אַ בלום, וואָס זיי האָבן אים געבראַכט. ער האָט געמאַכט איבונ-גען צו גיין איבערן קאַמער אויף די הענט. ער האָט געציילט,

חיפל מאָל ער וועט קענען אַזוי גיין ביז דער טיר פון קאַמער און ער האָט אָפּגעציילט עטלעכע און פערציק מאָל. ער איז געווען שטאָלץ אויף דעם, און ווען זיי האָבן אים דערציילט, וואָס פאַרע רייצנדיקע אויגן זיין קינד האָט, איז זיין מוט אַזוי שטאַרק געוואַקסן, פונקט ווי ער איז פריער געווען געפאַלן.

VIII

לי סווענסאָן האָט באַשלאָסן איבערצונעמען דעם פּראָצעס. ער האָט שוין מיט קאָרנעליען גאָרנישט גערעדט, אָבער מיט בעטין און זשאָן האָט ער זיך, ווייזט אויס, אַ דורכגעשמועסט, ווייל דאָס יונגע פּאָרל האָט זיך אָנגעהויבן צו באַטייליקן אין לאַנגע קאָנפערענצן און אין בעטיס קליינעם אָפּענעם אויטאָמאָביל זענען זיי אויסגעפאָרן אַ האַלבע שטאָט, כדי צו שמועסן מיט עדות און נאָכצוגיין שפורן. קאָרנעליע האָט זיך אונטערגענומען צונויפצוזאַמלען פינף טויזנט דאָלאַר. אויף דעם האָט זי געמוזט אויסגעבן אַ העלפט פון איר הכנסה. און דאָס האָט געהייסן, אַז אַ פּראָצענטניק זאָל זיך רעכענען מיט דער מעגלעכקייט, אַז זי וועט נאָך, בישט געקוקט אויף אירע אַלע צרות און זאָרגן, לעבן לענגער, ווי צוויי יאָר. איצט האָט שוין דער פאַרטיידיקונג-קאָמיטעט פאַר סאַקאָ און וואַנצעטין געהאַט אַ ביוראָ, אַ פּאָסט-קעסטל און נישט ווייניקער, ווי צוויי אַלטע שרייב-מאַשינען, וואָס האָבן לעבעדיק געקלאַפּט אַדרעסן. מ'האָט אַוועקגעשיקט אַ בראָשור דורך דער פּאָסט אויף די אַדרעסן פון אַלע ראַדיקאַל-געשטימטע מענטשן און זיי באַקאַנט געמאַכט מיט דעמדאָזיקן פּראָצעס. אין די סאָציאַליסטישע און אומפּאַרטייאישע אַרבעטער-צייטונגען אין אַמעריקע און אייראָפּע זענען ערשינען אַרטיקלען, ווייל זשאָ און בעטי האָבן געשריבן לאַנגע בריוו צו פיער לעאָן, וואָס ער האָט זיי איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש און פאַרעפנטלעכט אין זיין צייטונג. אַזוי אַרום זענען די לעזער פון די אַנאַרכיסטי-

טישע, קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע צייטונגען פון גאַנץ אייראָפּע געוואָר געוואָרן פון צווי איטאַליענער, וואָס זענען געפאַלן אַ קרבן פון דעם ווייסן טעראָר, אין יענעם לאַנד, וואָס איז אַמאָל אַזוי באַרימט געווען מיט איר פרייהייט, און איז איצט דער פינאַנציעלער קוואַל פון דער איטאַליענישע רעאַקציע.

קאָרנעליעס אַרבעט צווישן די בלוי-בלוטיקע איז נישט געווען אינגאַנצן אָן ערפאָלג. אַ סך פון דידאָזיקע מענטשן האָבן געקענט די קאָרופּציע פון זייערע פּאָליטישע פּאַרטייען און די ענגע באַציאונגען צווישן די פּאָליטיקער און די קאַפּיטאַליסטישע רויבער. זיי האָבן נאָך געדענקט די יוס-טיץ-פּראָוואָקאַציע קעגן עטאר און דזשאָוויאַניטי, און אין אַ יאָר אַרום אַליין איבערגעלעבט דעם שטרייק אין לאָוורענץ, בעת אַ סך מענטשן זענען אומגעקומען דורך די פאַבריקאַנטישע ראַט-געבער. זיי האָבן געזען, ווי מ׳האָט געטריבן די „רויטע״ געשמידט אין קייטן, און דערנאָך דערלעבט צו זען, ווי די רעגירונג איז געווען געצוווּנגען דעם גרעסטן טייל פון דידאָזיקע „רויטע״ צו באַפרייען, ווייל זי האָט אַפילו נישט געהאַט קיין סימן פון אַ באַווייז. אַזוי אַרום האָבן זיך עטלעכע, זייער פאַרמעגלעכע מענטשן אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיטן ענין סאַקאָ און וואַנצעטי; דאָס האָט צוגעגעבן דער זאַך אַ סאָלידערן אויסזען, און זי האָט אָנגענומען אַ נייע ווענדונג, וואָס איז פאַר דער גרויסער פּוריטאַנישער שטאָט זייער כאַראַקטעריסטיש געווען. אין איינעם אַ נאָמיטאַג האָט לי סווענסאָן טעלעפאָנירט צו קאָרנעליען:

—וואָס מאַכט איר עפּעס? וואָס הערט זיך מיט אייער׳ע זערוון?

— וואָס איז דען געשען? — קאָרנעליע האָט גוט גע-נעקענט זיין טבע אויפצורעגן זי.

— צי דערמאָנט איר זיך אָן אונזער שמועס ביי אייך אין שטוב, ווען איך האָב אייך געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַן אויסוועג זיי ביידע צו באַפרייען?

— איך געדענק.

— נו, צי קען איך קומען צו אייך אויף טיי און אייך

דערציילן וועגן דעם? אויב ס'איז מעגלעך, שיקט אַוועק דאָס שטוב-מיידל, צום בעסטן איז איצט, ווען מ'איז אַליין!

דער אַדוואָקאַט איז געקומען צו קאָרנעליען און איר דערציילט אָט וואָס: דער זשורנאַליסט פעליק זשאַודאַני, איינער פון די הויפּט-זיילן פון קאָמיטעט, האָט עטלעכע מאָל אויפגע-נומען איינע אַן איטאַליענערין דע פאַלקאַ, די דאַלמעטשערין אין קרייז-געריכט פון דעדהאַם, און זי האָט געזאָגט, אַז זי קומט פון פּראָקוראָרס קאַנצעלאַריע און זי האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג: פאַר זעכציק טויזנט דאָלאַר וועט מען די ביידע מענער באַפרייען. ס'זענען שוין פאָרגעקומען אַ ריי קאָנפערענצן, דער זעצער פעליציאַני האָט גערעדט מיט דער פרוי, און ווען ער האָט דערמאָנט וועגן געלט-דוחק, האָט זי פאָרגעלייגט אָפּצולאָזן די סומע אויף פופציק טויזנט. די סומע זאָל מען איבערגעבן צו אַ ברודער פון איינעם אַ הויכן באַאַמטן, כלומרשט אַלס האָנאָראַר פאַר דער פאַרטיידיקונג. דאַן וועט די פּראָקו-ראַטור דערקלערן, אַז קעגן די ביידע אָנגעקלאָגטע איז נישטאָ גענוג באַווייזן און מען וועט זיי באַפרייען.

— אָט האָט איר אייער ערלעך און גערעכטיק באָסטאָן.

לי סוועסאָן האָט אָנגעקוקט און צוגעוווּנקען מיט זיינע ווילדע מערבדיקע אויגן.

— איר גלויבט, אַז דאָס איז אמת, לי?

— קאָלעגן זאָגן מיר, אַז אין אַנדערע באַצירקן קומען אַזעלכע מעשיות פאָר יעדן טאָג. די פרוי וויל אונז געבן געהעריקע גאַראַנטיעס.

— למשל?

— זי האָט דערציילט פעליציאַנין פון נאָך פאַלן, וואָס זי זאָגט, אַז זיי זענען ערלעדיקט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, און מיר קענען דאָס געוואָר ווערן. צוערשט אָבער מוזן מיר קומען צו אַ באַשלוס, צי מיר ווילן דידאָזיקע אויסוווּרפן די פּאָ-ליטיקער אונטערשטעלן אַ פּיסל און דערנאָך אַרויסטרעטן קעגן זיי?

— איך מיין, אַז דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק אָן דעם, צי מיר זענען איבערצייגט אין דער אומשולדיקייט פון סאַקאָ און

װאַנצעטין. איך בין איבערצייגט: און איר, ליז — האָט גע־פּרעגט קאָרנעליע.

ער האָט געענטפערט:

— יאָ איך אויך, אָבער דאָס איז נישט דער איינציקער שטאַנדפּונקט. זיי קענען פאַרמשפּט ווערן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זענען אומשולדיק. און אָט איז די פראַגע, וואָס איז גלייכער: צו זייער לעבן אָדער אַביסל פּראָפּאַגאַנדע.

דער אַדוואָקאַט האָט געזאָגט, אַז ער האָט די ערלוי־בעניש אויף היינט אָוונט, צו באַזוכן זיינע קליענטן אין תּפיסה: ער וועט אַלזאָ פאָרן קיין טשאַרלסטאָן און פרעגן װאַנצעטין.

— איך שטעל מיר פאָר, אַז וואַנצעטי וועט זיך אויפ־באַפן, ווי אַן אָפּגעבריטער: וואָס, אויסקויפן אונז? איר זענט מסתּמא משוגע געוואָרן.

קאפיטל XI

די כאַבאַר-ליגע

I

איינמאָל איז קווינסי טאָרנוועל געקומען צו זיין מומע קאָרנעליען אויף אָוונט-ברויט. ער האָט איר תמיד גערופן מומע — הגם ער איז געווען יונגער פון איר בלויז מיט צוויי יאָר — זיבט פינף און פערציק יאָר, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער סטודענט אויפן האַרוואַרדער-אוניווערזיטעט און זי האָט חתונה געהאַט מיט איינעם פון דעם עלטערן דור. ער איז זייער אָפט געקומען צום טיש, כדי אַרויס-צווייזן זיין אַכטונג און צוליב דעם, וואָס מ׳האָט געמוזט אָפהיטן פאַמיליען-סאָלידאַריטעט, ווי אַ לעצטן זכר פון אָרדנונג אין אַ וועלט, וואָס פאַלט זיך פאַנאַנדער: צוליב דעם זעלביקן טעם האָט ער אָנגעטון זיין סמאָקינג — אַ ריטועלע האַנדלונג, אַ סימבאָל פון דער צוגעהעריקייט צו אַ שיכט, וואָס טוט תמיד דאָס ריכטיקע, זעלבסטפאַרשטענדלעך און אָן ווערטער.

קאָרנעליע האָט אויך געשפּילט איר ראָל. איר אָוונט-קלייד איז שוין פון כמה יאָרן אַרויס פון דער מאָדע, אָבער דורך דעם האָט זי נאָר געוויזן, אַז זי שטייט איבער דער מאָדע. איר קליינע וווינונג איז געווען אַ געדונגענע, אָבער דאָס האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָל, ווייל יעדערער האָט געוווסט, אַז דאָס איז נישט מחמת נויט, נאָר קאַפּריז. די משפחה-מיטגלידער, בעת זיי זענען געקומען צו גאַסט, האָבן

פון צײַט צו צײַט מיטגעבראַכט עטלעכע קעסטלעך, און איצט האָט זי געהאַט זילבער, פֿינקלדיקן קריסטאָל, אַלט פֿאַמיליען-פּאָרצעלײַ, טישטוכער מיט אַ פֿאַנטאַזיע־מוסטער. דער טיש איז באַלויכטן געווען פֿון פֿיר ליכט אין דינע שלאַנקע איידל־געפֿאָרעמטע לײַכטער. אינמיטן אויפֿן טיש זענען געשטאַנען בלומען, וואָס קווינסקי האָט זיי אַרײַנגעשיקט מיט זײַן קאַרטע. דאָס שוואַרצע דינסטמיידל האָט געטראָגן אַ ווײַס הײַבל אויפֿן קאָפּ און אַ ווײַסן פֿאַרטוך און געקענט סערווירן ווי עס דאַרף צו זײַן, ווײַל דבורה האָט געשיקט ספּעציעל אַ מענטש, ער זאָל איר צווײַזן. הגם די אַלטע מאַמע נעבעך איז געווען אַ „רויטע”, האָט מען זיך פֿאַרט געמוזט זאָרגן דערפֿאַר, אַז זי זאָל נישט אָנווערן דעם קאָנטאַקט מיט די באַקוועמלעכקייטן פֿון לעבן!

קווינסקי האָט געהאַלטן אַ שטרענגע דיעטע, וואָס די דאָקטוירים האָבן אים געגעבן, און ער איז וואָס אַמאָל דאַרער געוואָרן. פֿון טאָג צו טאָג זענען די קנייטשן אויף זײַן פּנים געוואָרן מער. ער איז כּמעט אינגאַנצן גאָל געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ ראָזן גלאַנציקן פֿליך איבערן גאַנצן קאָפּ. זײַן נאָז און זײַנע באַקן זענען געווען רויט, מיט אַ נעץ פֿון דינע, קליינע, בלוילעכע אָדערלעך. דאָס איז דאָס בלויע בלוט — האָט ער שפּעטער געזאָגט. און דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען, אַז ווען ער פֿלעגט אויפֿמאַכן דאָס מויל, כּדי צו לאַכן — ער האָט געלאַכט זייער אָפֿט — האָט מען דערזען אין אַ הייל פֿון פֿונקט אַזאַ ענלעכן קאָליר זײַן קינסטלעכער גומען. עס האָט אויסגעזען אוממענטשלעך, און ווען מ'האָט אים גוט גע־קענט, איז מען געוואָר געוואָרן, אַז ער איז טאַקע געווען אוממענטשלעך.

קיין שום קאַטשקע־בראָטן, פֿון אויבן שיין צוגעברוינט און אינעווייניק מיט אַ פּורפּורנע פֿאַרב! קיין שום גוטן הערלעכן ראָסטביף, יאָ, נישט צומאָל די באָסטאָנער באָנען, ווײַל זיי האָבן אין זיך צופֿיל איי־ווײַס. פֿאַר קווינסקי טאָרנוועל האָט מען געמוזט קאָכן בלויז פֿיש און דאַן הון — בלויז ווײַסע

פלייש, אויב איר וועט זיין אַזוי גוט — און קיין מאַיאָנעז אויף ז'עם פּאַטאַלז! — עס איז געווען אומאָנגענעם צו רעדן תמיד וועגן עסן; בפרט דאַן, ווען די איבעריקע מענטשן האָבן אויך גערעדט וועגן זייער דיעטע, און בפרט די ווייבער מיט זייער פאַרמאָגערונגס-דיעטעס! דאַן פלעגט מען אָנהויבן צו רעדן וועגן טרינקען און צום סוף איז מער נישט געווען קיין אַנדער טעמע, ווי די קוואַליטעט פון דעם לעצטן טראַנספּאָרט אריינגעשמוגלטן בראָנפן. די קונסט פון אַ גוטער קאָנווערסאַציע איז הפנים אין באָסטאָן געווען טויט.

פאַר אַ גוטער קאָנווערסאַציע האָט קווינסקי אָנגענומען דעם שמועס וועגן די פּאָר הונדערט מענטשן, וואָס ער האָט געקענט, און וועגן די פּאָר טויזנט מענטשן, וואָס ער האָט עפּעס געוווסט פון זיי. זיי פלעגן תמיד אָפּטון מערקווירדיקע זאַכן אָדער זענען אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ צרה. זיינע אַנעקדאָטן האָט ער דערציילט מיט קאָמישע באַמערקונגען, האָט פאַרוואָרפן בעת מעשה זיין קאָפּ אויף הינטן און געלאַכט אין זיך. ער איז דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן געווען אַן אַלמן, און דעריבערט האָט זיך נישט געפונען קיין פרוי, וואָס זאָל אים אויפוערקזאַם מאַכן, ווי מאָדנע עס זעט אויס, ווען ער ווייזט אַרויס דעם קויטשיק-גומען פון זיינע קינסטלעכע ציין. אָבער אין זיינע יונגע יאָרן האָט אים זיין מוטער אָדער עמעץ אַנדערש געזאָגט, אַז הויך לאַכן איז נישט שיין. דעריבער פלעגט ער שטענדיק כיקען קאָנוווּלסיוו אין זיך. זיין פּנים פלעגט נאָך רויטער ווערן און מ'האָט נישט געהערט קיין איינציקן קלאַנג.

ער האָט געפּלוידערט וועגן דער פאַמיליע. דער אַלטער טאַטע נעבעך איז שוין גאָר קיין מענטש נישט. ער מוז שטענדיק האָבן עמעצן, וואָס זאָל אים פירן, און ער איז נאָך אַלץ איינגעשפּאַרט אַרומצורייטן מיט סקאָטערברידזשס קינדער אויף די רייט-פערדלעך, און זיין פירער מוז אויך זיין לעבן אים און זיצן אויף אַ רייט-פערדל. מען קען זיך גאָרנישט פאָר־שטעלן קיין מער קאָמישע זאַך, ווי דידאָזיקע פאַמיליען-פראָ־

צעסיע, האָט קאָמאַנדעוועט אַרום איבערן פּלאַץ, נישט אָפּטרעטנדיק אַפילו פאַר אַן אויטאָמאָביל. מען קען שוין מער מיט אים נישט שפּילן אין קיין שאָך, אָבער מען מוז זיך מאַכן, ווי מען וואָלט געשפּילט מיט אים, כּדי נישט אָנצוטון אים קיין צער; די גרויסע קללה פון אונזער לעבן, וואָס אונזער גאווה שטייגט איבער אונזער כּוחות. אָבער מיט קווינסין איז נאָך אַלץ אין אָרדנונג! ער האָט אַוועקגעשטעלט פעסטע גרענעצן פאַר זיינע כּוחות, און ער שטעלט זיך צופרידן נאָר דערמיט, וואָס איז מעגלעך. אַזוי אַרום וועט ער, וואָס אַן אמת, קיינמאָל קיין העלד נישט זיין, אָבער ער וועט זיין אַ סך גליקלעכער.

דזשעמס סקאָטערברידזש איז געווען אַן אומגליקלעכער מענטש. ער האָט זיך איבערגענומען מיט דער ריזיקער אַרבעט. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער מאַרק פון באַוולשטאָפן איז אינגאַנצן חרוב. רופּערט און זשאָן קווינסי — דאָס איז געווען קווינסיס עלטערער ברודער — האָבן זיך אויסערגעווינלעך אָנגעשטרענגט צו דערהאַלטן דזשעמסן איבערן אָפּגרונט. אויף זיי ביידע האָט מען געקענט דערקענען, וואָס פאַר אַן אָנשטרענגונג עס איז, אָנצופירן מיט אַלע פינאַנסן פון בייענגלאַנד. זאָל עס גיין צו אַלדי שוואַרץ יאָר, האָט געזאָגט קווינסי; פאַר אים איז גענוג זיך צוצוקוקן צום גאַנצן שפּיל, אָפּוואַרטן רעם ריכטיקן אויגנבליק, און דאַן פּלוצלונג זיך אַ לאָז טון אָפּשניידן דעם אמתן חלק. רופּערט און דזשאָן האָבן אים געמאַכט פאָרווורפן, פאַרוואָס ער פּראָדוצירט גאָרנישט. ער האָט געכיקעט: — שיינע זאַכן האָבן זיי פּראָדוצירט!

דאָס מיידל האָט אַריינגעבראַכט אַ קריג קאָכעדיק וואַסער און צוויי גלעזער. קווינסי האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזעם אַ קליין פלעשעלע, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו טראָגן מיט זיך. ער האָט געוווּסט, אַז „ער דאַרף זיך אַליין מיטברענגען זיין געצייג", בעת ער קומט צו דער מומע קאָרנעליע, וואָס האָט נישט געוואָלט עובר זיין אויף די געזעצן פון פּראָהי־

ביִשאָן, צוליב אַזאַ קליינער דעליקטע, בעת זי איז געווען באַשעפטיקט מיט ערנסטערע דעליקטעס. קווינסי האָט צוזאַמענגעמישט אַ קליינע דאָזע ראָם, צוקער מיט וואַסער און קאָרנעליע האָט גענומען עטוואָס צו די ליפּן צוליב געזעלשאַפט.

און אָט, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער פּראָהיביִשאָן! דער שפּירט ווערט אַריינגעשמוגלט אויפן גאַנצן ברעג. יעדער נאַכט, וואָס איז גראָד נישט שטורמיש אָדער אַ לבנה-נאַכט. אָבער קאָסטן קאָסטעס וואָס אַמאָל טייערער און די קוואַליטעט ווערט וואָס אַמאָל ערגער.

מ׳וואָלט נאָך געקענט האָבן עפּעס אַ גוטן שמוגלער. מען קען אויספאָרשן זיין יחוס, זיין פּאָליציי‌אישע רעפּוטאַציע, זיינע באַציונגען צו דער קירכע און אַזוי ווייטער, אָבער זיכער קען מען נאָך אַלץ נישט זיין, ווייל די פּאַרקויפער, די גנבים וועלן אים באַשווינדלען. זיי האָבן געהיימע בראָנפן-ברייזלעך אין די קעלערן פון די באָסטאָנער הינטער-געסלעך; לאַדעווען-אויף זייער סחורה אויף שיפן, פּאַקן אים ווידער אויס פון די קעסטלעך און זאָגן, אַז דאָס איז ריינער קאַנאַדישער וויסקי. אומעטום ביי אַלע גרענעצן שטיצט מען אונטער די שמוגלער. זיי קויפן איבער די דאָרטיקע פּאָליציי און דאַן שיקט די פּאָליציי אַ באַאמטן אויף אַ מאָטאָציקל, ער זאָל זיי פּסדר באַשיצן און אַריבערפירן די גרענעצן.

די פּראָהיביִשאָן איז פאַר די אַרבעטער אַ גאַנץ נוצלעכע זאַך, האָט קווינסי ווייטער געטענהט. אַזוי אַרום איז כאָטש מעגלעך מאָנטיק צו אַרבעטן. און צוליב דעמדאָזיקן טעם וועט דאָס געזעץ מן הסתם אָנהאַלטן. אָבער די דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג איז אַן אומגעהויערע. דער כאַבאַר איז שטאַרק אַריין אין דער מאָדע, אַז מען קען שוין באַלד ניי-ענגלאַנד נישט דערקענען. קווינסי איז יענעם טאָג געווען אין אַ מעקלער-פירמע און גערעדט מיט איינעם אַ פּאָליטיקער, בעת זיי האָבן גראָד נאָכגעקוקט די קורסן פון די אַקציעס, און ער האָט דערציילט,

וואָס מ׳דאַרף אָפּצאָלן דער פּאָליציי פון אַ צירקל, ווען מ׳וויל אים בגנבענען אָדער באַראַבעווען.

— וואָס זאָגסטו דערצו? — האָט געפרעגט קווינסי און אריינגעפּאַלן אין זיין קאַוואָלסיוון כיקען.

— איך דערמאָן זיך טאַקע אין אַ זאַך, וואָס איך דאַרף אָנקומען צו דיר — האָט קאַרנעליע געענטפערט — איך האָב אויך לעצטנס באַציונגען מיט דער אונטערוועלט.

— איך ווייס, דיינע בײדע וואָפּס.

— ניין, — האָט געזאָגט קאַרנעליע, נישט וואָפּס, נאָר די באַאַמטע, וואָס האָבן אַ שייכות מיט זיי היינט. איך דאַרף האָבן אַ גוטע עצה, אָבער מיטן תנאי, אַז דאָס וועט בלייבן בסוד.

— דער אַלטער הער איז תּיכף ערנסט געוואָרן.

— ליבע מומע קאַרנעליע, איך האָב ליב צו דערציילן רכילות וועגן אַלע פאַמיליעס אין דער וועלט, בלויז וועגן איינע נישט.

II

קאַרנעליע האָט פאַר אים אַנטוויקלט איר פּראָבלעם. פאַר די איטאַליענער, וואָס ווילן אויספּרווון אַלע מיטלען, כּדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון סאַקאָ און וואַנצעטין, איז נישט שווער צו גלויבן אין דער קאָרופּציע פון דעם שטאַט מאַסאַטשוסעטס. זיי קענען זיך מיט אַלע שמוגלער, אַנדערע פון זיי זענען אַליין שמוגלער, און זיי זענען צוגעוווינט אונטערצוקויפן די פּאָליציי. קאַרנעליע אָבער האָט נישט געקענט גלויבן, אַז יענע פרוי דע פּאַלקאָ, וואָס האָט זיך אַרויסגערופן, אַז זי קען אויסקויפן די פרייהייט פון סאַקאָ און וואַנצעטי פאַר פופציק טויזנט דאָלאַר, ווייס באמת, וואָס זי זאָגט, און אַז זי האָט טאַקע די מאַכט, וואָס זי זאָגט.

קווינסי טאַרנוועל האָט זיך אַ ווײלע מישב געווען:

— פּופּציק טויזנט דאָלאַר איז אַ מאַסע געלט, מומע טאָרנוועל, אַפילו פאַר אונזערע פּאָליטיקער. איך וועל דיר ראַטן, פאַרצווייגן פערציק און ווען עס וועט קומען צום באַצאָלן, וועט גענוג זיין דרייסיק אויך.

אין אַ גוטער שטימונג וואָלט דערדאָזיקער ענטפער אַרויסגערופן אַ געלעכטער, אָבער קאָרנעליע איז נישט געווען אויפגעלייגט צו לאַכן.

— צו גלויבסטו, הייסט עס, אַז ס׳איז עפּעס אַן ענין?

קווינסי האָט געענטפערט, אַז אויב דער פאָרשלאַג שטאַמט פון פּליימוט און פון נאָרפאַלק, איז ער אַביסל איבערראַשט. ווייל סופאָלק ווייס שוין יעדער אייגציקער. סופאָלק איז קאַליע געוואָרן, די אָרנטלעכע מענטשן זענען אַוועק און די אירלענדער באַלעבאַטעווען, ווי זייער האַרץ גלוסט. צו דעם באַצירק סופאָלק קען מען אויך צורעכענען די אייגנטלעכע שטאָט באָסטאָן. מיט יאָרן צוריק, ווען די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער שיסל, האָט די אַריסטאָקראַטיע אָנגעהויבן אַזאַ מין אויסוואַנדערונג און אַרויסגעצויגן זיך אין די קליינע שטעטלעך פון דער אומגעגנט, ווו זיי קאָנטראָלירן די לאָקאַלע פאַרוואַלטונגען און באַשטימען אַליין די שטייערן פון דער געמיינדע. זיי באַטראַכטן באָסטאָן פאַר דעם אָרט, ווו מען דאַרף פאָרן, כדי אָפּצושניידן קופּאָנעס, איינצוקויפן זיך פאַרשידענע זאַכן און גיין אין טעאַטער אַריין. אַזוי לאַנג, ווי די פּאָליטיקער און די בענק האָבן נישט פאַרנומען די עפנטלעכע געביידעס, האָבן די בלוי־בלוטיקע זיי איבגאַנצן צורו געלאָזט.

— דאָרט איז, הייסט עס, פּונקט ווי אין אונדזער שטאָט־פאַרוואַלטונג — האָט קווינסי ווייטער געזאָגט. דו ווייסט, אַז די מענטשן רופן זיי בלויז נאָך די גנבות. בעת זיי האָבן אַרעסטירט דידאָזיקע איטאַליענער, האָט דאָסדאָזיק געזינדל געמיינט, אַז זיי וועלן נישט האָבן קיין שום פּריינט, אַז מען וועט זיי אָן שום שטערונגען אַריינזעצן אין טורמע אַריין, און דאָס וואָלט געמאַכט דער פּאָליציי זייער אַ גוטן שם. נו,

און איצט זעט אויס, ווילן זיי באקומען געלט, געלט איז בעסער ווי א שם. עס ליגט זיך אויפן שכל.

— קווינסי, צו גלויבסטו אז א געזעלשאפט קען זיך האלטן אויף א פונדאמענט פון אזא קארופציע?

— ניין, אוודאי נישט.

— דו מיינסט אלזא, אז אונדזער געזעלשאפט וועט אונ־טערגיין?

— איך האב זיך שוין לאנג אפגעזאגט פון איר. נאך דאן, ווען איך האב איינגעזען, אז מיר האבן נישט גענוג שכל נישט אריינצולאזן צו אונדז דעם אפפאל פון איירעפע. מיר האבן אויפגעבויט א מלוכה אויפן גרונט פון זעלבסטפארוואל־טונג און מיר האבן עס געקענט באווייזן, ווייל מיר האבן געהאט א פאלק, וואס איז פעיק געווען דערצו. אבער דאן ווען מיר האבן אנגעהויבן פארפלייצט צו ווערן פון דידאזיקע מחנות פויערים, האבן מיר אונטערגעשריבן אונדזער אייגענעם טויט־אורטייל. א קליינער טייל פון אונדזערע אלטע סאוועס האבן פראטעסטירט, אבער מיר האבן גארנישט געקענט אויפטון, און מיר האבן זיך צוריקגעצויגן. נאך מיט דרייסיק יאר צו־ריק פלעג איך זאגן צום פעטער יהושע, אז איך וואלט זיך צו דער פאליטיק נישט צוגערירט מיט א לאנגן שאר־אייזן אפילו. דער טאטע זאגט אויך אזוי.

— יהושע האט געזאגט, אז מ׳קען דידאזיקע לייט דער־ציען.

— נישטא אזא זאך אויף דער וועלט, וואס זיי זאלן אזוי נישט וועלן, ווי זיך לאזן פון אודז דערציען! זיי האבן אונדז פיינט, ווייל מיר זענען אנדערש ווי זיי, און בעסער, און זיי ווייסן עס. זיי ווילן אונדז בלויז אוועקנעמען, וואס מיר האבן. דו האסט געזען, ווי דידאזיקע וואפס האבן געפלינדערט די שיף־פאבריקן? און איצט קומען די אירלענדער און פליב־דערן די וואפס. אזוי גייט עס ביי זיי, ווי צווישן חיות.

— אבער, קווינסי, די פארוואלטונג אין נארפאלק בא־

שטייט דאָך פון בלויז עכטע אַמעריקאַנער און די ווײַלער זענען אויך לרוב אַמעריקאַנער!

— אמת, אמת. דאָך ווען דו וועסט וועלן אַרײַנקוקן אַביסל בעסער אין דער זאַך, וועסטו זיך באַלד אָנשטויסן אָן דער אירלענדישע קליקע. לייג צו דעם קאָפּ: איין טייל פון דער גנבה פאַלט אַרײַן צו לערי שעי אין קעשענע אַרײַן. ער באַשטימט די פּרייזן אויף דער קרימינעלער בערזע.

— איך בין אויך געווען ביי שעי. העגרי האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳וואָלט געווען גלייך זיך צו ווענדן צו אים — האָט געזאָגט קאָרנעליע.

— עס איז נישטאָ קיין בעסערער פון אים אין מאַסאַ־טשוסעט. וואָס האָט ער געזאָגט?

— ער האָט געוואָלט פופציק טויזנט דאָלאַר

— קווינסי האָט זיך ווידער געשטיקט פון געלעכטער.

— און דו האָסט נישט באַמערקט די גלייכקייט פון די סומעס? דו פאַרשטייסט דען נישט, מומע קאָרנעליע, אַז אויב דו ביסט נישט אייַנגעגאַנגען אויף לערי שעיס פאָרשלאַג, האָט ער אַ פּרווו געטון מיט די איטאַליענער? ער רעכנט, אַז דו, אַן אַלטע יחוסדיקע דאַמע, וועסט האַלטן די וואָפּס פאַר באמת אומשולדיק. די איטאַליענער אָבער טיילן זיך נישט מיט דיר אין דיין רירעוודיקן גלויבן, און דערפאַר טרעטן זיי באַלד צו צום עיקר. ווען די פּאָליטיקער וואָלטן געווען קלוג, וואָלטן זיי קודם כל געוואָרנט די איטאַליענער, זיי זאָלן מיט דיר נישט רעדן וועגן דעם.

— זיי האָבן פאַקטיש געטון אַזוי — האָט קאָרנעליע מודה געווען — זיי האָבן געפּרוווט אויסמיידן אויך לי סוועג־סאָנען. די פרוי האָט זיך טאַקע אָפּגעזאָגט צוזאַמענצוקומען מיט אים.

— נו, אָט האָסטו עס. ער האָט אַ שלעכטן שם. ער איז אַן אַגיטאַטאָר און אַ מענטש, וואָס מאַכט פון יעדער זאַך אַ גרויסן ווענן. זיי אָבער ווילן האָבן צו טון מיט פאַרברעכער. ניין, מומע קאָרנעליע, דו דאַרפסט זיך נישט נעמען אַזוי

שטאַרק צום האַרצן, דו ראַרפסט נישט טון קיין שום זאַך, נאָר שאַפן דאָס געלט. איר האָט שוין עפּעס?

— איך ווייס נישט. עטלעכע איטאַליענער זאָגן, אַז מען קען שאַפן די סומע.

— הייסט אייערע מענטשן, זיי זאָלן ווידער באַפאַלן אַן אויטאָ מיט לוין-געלט — האָט קווינסי געזאָגט מיט אַ גיפטיקן שמייכל — נו, איך וועל דיר זאָגן אָט וואָס: איך בין נישט קיין מיליאָנער, ווי דו ווייסט, און איך מוז אַרבעטן אויף מיין געלט — הגם מענטשן, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל נישט שפּע-קולירט מיינען, אַז די אַרבעט איז זייער אַ לייכטע. פונדעסט-וועגן וועל איך מיך אויך באַשטייערן מיט אַ פּאָר טויזנט, כדי אַרויסצוהעלפן דיר פון דערדאָזיקער צרה. איך גלויב, אַז די פאַמיליע וואָלט געקענט געבן די גאַנצע סומע, ווען זיי זאָלן וויסן אויף זיכער, אַז די זאַך וועט פאַר דיר זיין אַ לערע.

— צי מיינסטו — האָט קאָרנעליע געזאָגט מיט אַ בייזן שמייכל — אַ לערע אויף ווייטער, אַז איך זאָל מער קיינמאָל נישט גלויבן אָן דער ערלעכקייט פון דער מאַכט?

איצט האָט דער וועלטלעכער קלוגער, אַלטער פלימעניק אירער צוריק אָנגעהויבן „צו רעדן וועגן דעם עיקר" — איך מיין, אַז דו זאָלסט אָנהויבן אַכטונג צו געבן אַביסל אויף זיך אַליין און אויפהערן אַרומצוגיין מיט אַנאַרכיסטן.

— אָבער קווינסי, צו גלויבסטו נישט, אַז מיר האָבן אַן אויפגאַבע נאָך פון די אַמאָליקע צייטן, צו געבן די וואָפּס אַ גוטן ביישפּיל? אויב איך וויל מיך לאָזן אָפּקויפן, וואָס נאָך וועט זיי דען איבערבלייבן?

— ווילסטו דען נישט באמת באַפרייען דיינע פריינט פון זייער שלעכטער לאַגע?

— יאָ, אָבער איך וויל נאָך מענטשן באַפרייען פון זיי-ער שלעכטער לאַגע. עס וועט אין אונזערע אויגן זיין אַ צו שלעכט געשעפט, צו ראַטעווען צוויי מענער פון דער עלעק-טרישער שטול און לאָזן אַ סך מענטשן אין דער שקלאַפעריי.

נו, מומע קאָרנעליע, הויב נישט אָן מיט מיר מיט דיין באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע! איך ווייס, אַז איך בין אַ ליידיק-גייער און אַ בלוטזויגער, אָבער יעדער איינציקער פון דיינע וואָפּס וואָלט זיך געטוישט מיט מיר, ווען ער זאָל נאָר קענען. און איך פאַרזיכער דיר, אַז איידער ער וועט דאָס דערגרייכן, וועט ער נאָך מוזן זייער שווער קעמפן.

און קאָרנעליע האָט געענטפערט:

— ווען דו וואָלסט געוווּסט, וויפל דאָס אַלץ, וואָס דו זאָגסט, גרענעצט זיך מיט באָלשעוויזם, וואָלסטו געווען אויפ-געבראַכט אויף זיך אַליין!

III

די ערשטע ערנסטערע שפּאַלטונג אין פאַרטיידיקונגס קאָ-מיטעט איז אַנטשטאַנען אין שייכות מיט דעם פאָרשלאַג פון דער פרוי דע פאַלקאָ. אויף איין זייט איז געווען לי סווענ-סאָן, אונטערגעשטיצט דורך בעטין און זשאָען. אויף דער אַנ-דערער זייט זענען געווען עטלעכע אַנאַרכיסטן און אַפילו יענע מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין שאָטן און קיינ-מאָל נישט געקומען אין דער קאַנצעלאַריע.

לי סווענסאָן איז געקומען צו קאָרנעליען:

— נאָנאַ, מיר דאַרפן אַדורכקעמפן אַ ווונדערלעכע זאַך. איך ווייס, וואָס איך זאָג. איך קען פון דעם דאַזיקן ענין מאַכן דעם באַרימטסטן פּראָצעס פון דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער-באַוועגונג. אויב דער קאָמיטעט וועט נאָר שטיין הינטער מיר און מיר געבן דערצו דאָס געלט. דידאָזיקע דע פאַלקאָ-געשיכ-טע איז אַ ריינע אויספּרעסונג. די פּאָליציי ווייס, אַז סאַקאָ און וואַנצעטי זענען אין פאַרברעכן אינגאַנצן אומשולדיק, אָבער זי וויל שאַפן אַן איינדרוק, אַז זי פאַרמאָגט אַנדער מאַטעריאַל קעגן דער גרופּע, און זי האָפט אַרויסצוציען נוצן פון אונדזער מורא. דו ווייסט דאָך, וואָס מיט די אַנאַרכיסטן איז: זיי האָבן מורא פאַר דער געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן, און, קען זיין, אַז ס'איז דאָ

נאָך אַנדערע סיבות, צוליב וועלכע זיי האָבן מורא. זיי זאָגן עס נישט אָפן אַרויס, אָבער זיי סאַבאָטירן מיינע מיטלען.

— לי, ערשט נעכטן האָט מיר וואַנצעטי געזאָגט, אַז ער איז גרייט ליבערשט צו שטאַרבן, איידער מ׳זאָל אים אויסקויפן.

— איך ווייס, אָבער ער זיצט אין תּפיסה און דאָס געלט האָט דער קאָמיטעט. איך האָב אַן איינדרוק, אַז עט־לעכע פון אייך האַלטן דורכויס, אַז מ׳זאָל שאַפן דאָס געלט און מאַכן וואָס שנעלער דעם מסחר. אויב מיר וועלן זיך בלויז שטיצן אויף אונזער אייגענעם ווילן, וועלן זיי אונדז אפשר לאָזן פאַלן און מיר וועלן אונטערגיין.

— ניין, דאָס איז אויסגעשלאָסן!

— איר זענט נאָך אין אַזעלכע שפּילן פון אינטריגעס אַ פּריץ, נאָנאַ. עס קען געשען גאַנץ צופעליק. מיר מוזן זיך רעכענען מיט די שפּיאָנעס אין אונזער קאָמיטעט. די פּראָ־קוראַטור וועט האָבן אַ שפּיאָן, און דער יוסטיץ־דעפּאַרטאַ־מענט וועט אויך האָבן אַ שפּיאָן. און קען זיין, אַז דיביידע ווייסן גאָרנישט איינער פון אַנדערן. אויב מיר וועלן זיך צו לאַנג מישב זיין און צופיל רעדן, קען אַמאָל טרעפן, אַז מ׳זאָל אונדז אַרעסטירן און באַשולדיקן, אַז מיר האָבן געוואָלט אונטערקויפן די ערלעכע באַאַמטע.

זשאָ און בעטי האָבן טאַקע געמאַכט עטלעכע שפּאַצירן מיט זייער אויטאָ — הינטער דער פּרוי דע פאַלקאָס אויטאָ. עטלעכע אָוונטן איינעם נאָכן אַנדערן האָבן זיי געטראָפן יע־נעם אויטאָמאָביל שטיין פאַר אַ הויז לעבן. אויטאָמאָביל פון יענעם אַדוואָקאַט, וואָס איז שוין איצט געווען גרייט צוצו־טרעטן צו דער אַרבעט פאַר אַ האָנאָראַר פון פערציק טויזנט דאָלאַר. איינמאָל זענען זיי פאַרבייגעפאָרן איינעם אַ באַאַמטן, וואָס איז אויך אַריין אין דעמדאָזיקן הויז. ווייטער האָט ל. סוועגסאָן אויסגעפּרוווט עטלעכע „רעפערענצן” פון דער דאַמע, די אַלע מאָרד־פּראָצעסן און אַנדערע פאַרברעכנס, וואָס האָבן זיך, לויט אירע רייד, אַ דאַנק איר אַריינמישונג, אויסגעלאָזט

מיט מבטל מאַכן דעם פּראָצעס און מיט פרייהייט-אורטיילן. דערביי האָט ער אַנטדעקט אָט וואָס: קוים האָט ער אָנגעהויבן אויס-צופרעגן די אַדוואָקאַטן און זייערע באַאמטע, וואָס האָבן גע-האַט אַ שייכות מיט דעמדאָזיקן „האַנדל", זענען זיי געוואָרן אומרויִק און נישט געוואָלט אַרויסרעדן קיין וואָרט, — אַ זאַך, וואָס מ'האָט אייגנטלעך געקענט דערוואַרטן.

נאָך מער, ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ ספּעציעלן „באַאָ-באַכטער", ער זאָל נעמען דער פרוי דע פּאַלקאָ גופא אויפן צימבל. זי איז געווען איינע פון יענע הונדערטער מענטשלעך, וואָס דרייען זיך אַרום אין די געריכטן און וואַרטן תמיד אויף עפּעס אַ געלעגנהייט, אָפּצוטון עפּעס אַ שטיקל אַרבעט פאַר אַן אַדוואָקאַט אָדער פאַר אַן עדות. קורץ, זי איז געווען דאָס וואָס מ'רופט „אַ שלעפּער", אַ פאַרמיטלערין צווישן דעם באַשולדיקטן און די אַדוואָקאַטן. אומוויסנדיקע אויסלענדער, וואָס קענען נישט גוט דעם געזעץ, זענען שרעקלעך מוראדיק, און דער „שלעפּער" איז אַ טרייסטנדיקער פריינט, וואָס גיט זיי אַ ראַט און אַן עצה, ווי אַזוי זיך צו קערעווען אין דער פרעמדער וועלט. און דערביי שאַצט ער זיך אָפּ וויפל געלט זיי האָבן, אָדער וויפיל געלט עס קענען „מאַכן" זייערע פריינט, כדי דער אַדוואָקאַט זאָל וויסן צו באַשטימען זיין מאַקסימום-האָנאָראַר און מאַכן מיט דעם שלעפּער העלפט אויף העלפט. אַזאַ מענטש לערנט זיך זייער שנעל אויס די געריכטלעכע הינטער-וועגלעך און נוצט אויס יעדע קלייניקייט. דער באַאָ-באַכטער האָט דערציילט, אַז פרוי דע פּאַלקאָ האָט אַ מאַן אַ הולטיי, און די פרוכטן פון איר יוריסטישער טעטי-קייט זענען באַשטימט, אויסצוהאַלטן איר שטוב מיט אירע קינדער בהרחבה. מיר לעבן אין אַ קאָמפּליצירטער וועלט.

זי האָט זיך אָפּגעזאָגט און בשום אופן נישט געוואָלט רעדן מיט לי סווענסאָנען. לי סווענסאָן האָט זיך באין ברירה געהייסן שיקן דעם דיקטיר-אַפּאַראַט, וואָס ער האָט מיט פינף יאָר צוריק בעתן פּראָצעס פון די י. וו. וו. אין סטעטל באַ-נוצט, כדי צו דעמאַסקירן די פאַלשע עדות. ער האָט אים אַריינ-

געשטעלט אין צימער, ווו ס'איז פאָרגעקומען דער שמועס צווישן פעליציאַנין מיט דע פאַלקאָ, עס איז געווען אַ גרויסער, ליידיקער זאַל אין אַ געדונגען הויז, בשכנות מיט אַ דרוקעריי. דאַן האָט ער געבערענגט זיין אייגענע סטענאָגראַפיסטין און נאָך איינע, אויף וועלכע ער האָט זיך געקענט פאַרלאָזן — און אויף וועלכער דאָס געריכט וועט זיך אויך מוזן פאַרלאָזן, ווייל זי האָט געאַרבעט ביי דער אַמעריקאַנישער אַרמיי אין פראַנקרייך! זיבן אַ זייגער אין אָוונט האָט זיך עס געדאַרפט אָנהויבן. דע פאַלקאָ איז געקומען פּינקטלעך, זי האָט איבער־געחזרט אירע פאַרזיכערונגען און דערקלערט, אַז ביליקער קען מען שוין נישט מאַכן. דערווייל זענען עטלעכע מענטשן אַריין און אַרויס פון צימער, כדי צו קענען באַשטעטיקן, אַז פרוי דע פאַלקאָ האָט פאַקטיש גערעדט מיט פעליציאַנין. די סטענאָגראַפיסטן האָבן אָנגעהויבן פלייסיק אַראָפּצושרייבן, וואָס זיי האָבן געהערט. צום אומגליק האָט דער דרוקער, וואָס האָט באָרנישט געוווסט פון דעם גאַנצן עסק, געלאָזט זיין מאַשין אין גאַנג, און דער דיקטיר־אַפּאַראַט האָט אויפגעהערט אָפּצו־געבן דעם שמועס.

איין טייל פון דעם שמועס איז אָבער פאָרט אויפגענומען גע־וואָרן. און וואָס האָט מען זיך דערוווסט? עטלעכע מיטגלידער פון קאָמיטעט טענהן, אַז מען מוז נאָך אונטערוואַרטן, ביז מען וועט צוזאַמענקלויבן אַביסל געלט, כדי צו באַצאָלן דער פרוי פאַלקאָ, אָבער זיי האָבן אָפּגעשלעפּט מיטן ענין, און ל. סוואַנסאָן האָט זיי חושד געווען, אַז זיי ווילן געווינען צייט, אַז זיי האָבן בדעה אויפצוקלויבן, די גאַנצע סומע, כדי צו מאַכן דעם מסחר. ער האָט ערקלערט, אַז די דאָזיקע מעשה וועט נישט בלייבן קיין סוד לענגער, ווי אַ טאָג אָדער צוויי; צופיל מענטשן ווייסן דערפון, און אין דער רגע, ווען די באַאַמטע זענען שוין פיקס און פאַרטיק, איז עס אַ פראַגע פון מינוטן, ווער עס וועט גיין דער ערשטער האַנדלען. זשאָ רענדל, דער זשורנאַליסט, האָט אונטערגעשטיצט לין אין דעם; אַלצדינג איז אָפּהענגיק דערפון, ווי אַזוי די מעשה וועט

אַרויסקומען פאַרן עולם. אויב די באַאַמטע וועלן פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן פּעליציאַנין, דערפאַר וואָס ער האָט געפּרוווט אונטערקויפן יוסטיץ-מענטשן, דאַן וועט די עפנטלעכע מיינונג וועגן דעם פּערטיידיקונג-קאָמיטעט זיין איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַן אָפּגעקלאָגטע, אַלצאיינס וואָס פאַרע באַווייזן דער קאָמיטעט זאָל נישט דערנאָך האָבן. מען קען זיך שוין פאַרלאָזן אויף דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע!

לי האָט דעריבער איבערגעגעבן דעם ענין אַליין אין די הענט אַריין און דערלאַנגט אַ מסירה קעגן דער פּרוי דע פאַלקאָ. דאָס האָבן עטלעכע אַנאַרכיסטן אים און זשאָן נישט געקענט מוחל זיין. ווי קומען זיי ביידע — נישט קיין אַנאַרכיסטן, אַלזאָ שונאים פון אַנאַרכיסטן — ווי קומען זיי אַריינצומישן זיך און צו שפּילן זיך מיטן לעבן פון צוויי חברים? אַריינצושלעפּן סאַקאָ און וואַנצעטין דווקא אין אַ קאַפּיטאַליסטישן געריכט, וואָס די אַנאַרכיסטן באַטראַכטן מיט עקל? און צי איז דען נישט פּרוי דע פאַלקאָ אַ מענטשלעך באַשעפעניש, אַ קרבן פון קלאַסן-סיסטעם? צי איז דען די אויפגאַבע פון די אַנאַרכיסטן זי צו דענונצירן און איינצוזעצן זי אין תפיסה? די איטאַליענער האָבן זיך גאָרנישט אָפּגעהאַלטן פאַרצוואַרפן לי סווענסאָבען, אַז ער האָט געהאָלט אַראָפּשלינגען דאָס געלט אויפן אָרט פון דע פאַלקאָ. ער האָט געוואָלט האָבן בלויז פאַר זיך אַליין אַ גוטן פּראָצעס!

IV

מוראדיק צו לעבן אין דערדאָזיקער וועלט! אַ וועלט פול מיט קניפּן און פּלאָנטערן וואָס זענען גאָרנישט מעגלעך אויפצוקניפּן, פול מיט סכּנות, וואָס מען קען גאָרנישט פאָרויסזען!

אין אַ פּיראַנצוואָנציק שעה אַרום, נאָכדעם ווי דע פאַלקאָס געשיכטע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַלע באָסטאָנער צייטונגען אויף דער ערשטער זייט: „רויטע באַשולדיקן די

פֿאַמטע אין אונטערקויפֿן״ א. א. וו. — האָט געקלונגען קאָרנעליעס טעלעפֿאָן, און זי האָט געהערט די שטימע פֿון איר עלטסטע טאָכטער

— מאַמע, דו ביסט עס? — איר שטים האָט אַזוי געציטערט, אַז קאָרנעליע האָט ביים ערשטן וואָרט באַקומען האַרץ-קלאַפּעניש.

— וואָס איז געשען.

— אָך, מאַמע, אַ שרעקלעכע זאַך! איך קען עס דיר נישט זאָגן דורכן טעלעפֿאָן! איך קום תּיכּף צו גיין! זײַ אין שטוב!

אַ שלוכצן איז געווען אין דבורהס שטימע, עפּעס אַ זעלכעס, וואָס מען הערט זייער זעלטן, אָבער קאָרנעליע האָט איר גאָרנישט געקענט פֿרעגן. דבורה האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז דבורה אַרויפֿגעקומען כמעט אָן אָטעם פֿון איר האַסטיקן אַרויפֿגיין אויף די טרעפּ. איר מוטער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ פֿאַרצווייפֿלטן אויסדרוק אויף איר פּנים. שטומערהייט האָט זי קאָרנעליען דערלאַנגט אַ בריוו; אַ געוויינלעכער קאָנווערט, וואָס מען קויפֿט אין דער פּאָסט, אַ געשטעמפּלטע בריוו-מאַרקע, אָן אַדרעס, אויפֿגעשריבן אויף אַ שרייב-מאַשין צו פֿרוי רופּערט אַלווין אין דער קאָמענוועלט-עוועניו. קאָרנעליע האָט אים אויפֿגעמאַכט, אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר מיט מאַשין-שריפֿט און געלייענט מיט ברענענדיקע אויגן:

„זעט, אַז אייער טאָכטער און אייער מוטער זאָלן אויפֿהערן אונטערצושטיצן אַנאַרכיסטן און פֿאַרטיידיקן זיי, אַ נישט וועט איר און אייער פֿאַמיליע האָבן וואָס צו באַדויערן. זעט אַז אייער טאָכטער זאָל זיך אויפֿהערן אַרומצושלעפּן איבערן שטאָט גאַנצע טעג און נעכט מיט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט אַ קרימינעלע פֿאַרגאַנגנהייט! דערוויסט זיך וועגן זײַן פֿרוי — וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן. צי ווילט איר, אַז די גאַנצע וועלט זאָל געוואָר ווערן, אַז זי שלאָפֿט מיט אים מיטן וויסן

פון איר מוטער? מיר ווילן נישט הערן אין באָסטאָן פון קיין רוסישער פרייער ליבע. אויב איר וועט נישט זען, אַז זי זאָל אַוועק פון דאַנעט, וועלן מיר אייך עפנטלעך שטעלן צום שאַנדסלופּ, און די חתונה פון אייער צווייטער טאָכטער וועט ווידער מוזן ווערן אָפּגעלייגט.

אַן אַמעריקאַנישער פּאַטריאָט".

אַ מאַסע אויפגערעגטע פראַגן האָט זיך אַ שאָט געטון אויף קאָרנעליען: צי איז עס אמת, אַז בעטי האָט אַזעלכע באַציונגען מיט אַ מאַן, וואָס האָט אַ פרוי, און קאָרנעליע האָט צוגעשטימט צו דעמדאָזיקן פאַרברעכן? עס איז געווען שווער צו ענטפערן אויף דידאָזיקע פראַגעס און נישט אָנצו-רירן די דריי-אייניקייט-קירכע ווי אַ ציניקער. קאָרנעליע האָט געענטפערט, אַזוי רויק, ווי זי האָט נאָר געקענט, אַז בעטי און זשאָ האָבן זיך ערלעך ליב איינער דעם צווייטן און אַז זיי ווילן חתונה האָבן, ווי גיך דאָס געזעץ וועט זיי נאָר דערלויבן, ווי גיך, הייסט עס, זשאָס פרוי אין רענאָ וועט אַרויסקריגן דעם גט. אָ, שווידערלעך, שווידערלעך! דבורה האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן און אַ פּאַטש געטון זיך מיט די הענט אין פּנים אַריין, וואָרום זי קען שוין דידאָזיקע פאַר-דאַרבנקייט פון איר מוטער און טאָכטער לענגער נישט אויס-האַלטן.

קאָרנעליע האָט געזאָגט:

— דאַן, ווען דאָס אַלצדינג וועט אַדורך, וועלן זיי זיין אַ גאַנץ אָרנטלעך פּאָרל. אין אונזער פיינסטער געזעלשאַפט זענען פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן אויך געטון דאָס אייגענע.

— יענע מענטשן האָבן כאָטש געהאַט אַזוי פיל אָרנט-לעכקייט, אונטערצוואַרטן, ביז דער גט וועט דורכגעפירט ווערן.

— אין דעם פּרט דבורה, דאַרפסטו זיך ווענדן צום קו-זין קווינסי. ער האָט כסדר געגעסן ביי מיסטער זשעק גאַרד-נער, ווו אַזעלכע מעשיות, ווי איך האָב געהערט, זענען זייער אָפט פאָרגעקומען.

דאן די צווייטע באשולדיקונג:

— ניין, דבורה, זשאָ האָט נישט קיין שום קרימינעלע פאַרגאַנגענהייט. גלויב מיר.

— אָבער פון וואַנעט ווייסטו עס?

— איך ווייס עס, ווייל איך קען אים. ער איז אַ יונ־גער אידעאַליסט. איך האָב אים זייער ליב און איך האָב גערן צוגעשטימט צו זיינע באַציונגען מיט בעטין.

— אַן אַנאַרכיסט און אַן אָנהענגער פון פרייע ליבע.

— ערשטנס איז ער נישט קיין אָנהענגער פון אַנאַר־כיזם, נאָר פון סאָציאַליזם — דאָס זענען צוויי פולקום סתירות־דיקע אָנשויאונגען. ער איז אַ סך קאָנסערוואַטיווער ווי בעטי. און ווען זיי פלעגן זיך אין די ערשטע וואָכן שפּאַרן, איז עס נאָר געווען דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט אַביסל איינצוי־מען איר ראַדיקאַליזם. דו דאַרפסט אים אייגנטלעך דאַנקבאַר זיין.

אָבער וואָס מיינט מען מיט דעם בריוו און „קרימינעלער פאַרגאַנגענהייט?"

— דאָס אַלץ איז בלויז אַ פּרוּוו פון עמעס אַ פּחדן, צו קרענקען אונז און איבערצושרעקן אונז. זשאָ איז געווען ביי דער אַמעריקאַנישער באַאַמפּט אין פּעטערבורג אַ באַאַמ־טער אין ער האָט זיך צוגעזען, ווי דער פּרעזידענט ווילסאָן האָט אָנגעהויבן זיין פּריוואַטן קריג קעגן דעם רוסישן פאָלק, אַ קריג, וואָס איז געווען נישט מער, ווי אַ מאַסן־מאָרד אין די אינטערעסן פון די בריטישע טאָריס. זשאָ האָט אָפן אויס־געדריקט זיין מיינונג און אפשר געמאַכט עמעס אַ פּרוּוו צו שטערן. ווען ער זאָל האָבן אַ „קרימינעלע פאַרגאַנ־גענהייט" קען עס זיין בלויז דאָס. איך בין איבערצייגט אין דעם.

— און די פרוי זיינע, צי וויל זי זיך באמת גטן מיט אים?

— זי וויל חתונה האָבן מיט עמעצן.

V

א שטיק צייט האָבן זיי זיך נאָך געשפּאַרט װעגן די צטישע מעלות פון פרייער ליבע קעגן דער „לעגאַלער" ליבע, ביז דבורה, מיט איר פּראַקטישן גייסט, האָט ווידער אָנגעהויבן, ווי איר שטייגער איז געווען, צו דיקטירן יענעם, וואָס ער זאָל טון:

— מען מוז אומבאַדינגט אויסמיידן אַ סקאַנדאַל, בפרט איצט, ווען מיר האָבן שוין פאַנאַנדערגעשיקט די איינלאַדונגען אויף בריסצילייעס חתונה. מיר מוזן געפינען עפּעס אַן אויסוועג, אַז בעטי זאָל תיכף אוועקפאָרן קיין אייראָפּע און בלייבן דאָרט אַזוי לאַנג, ביז זי וועט קענען חתונה האָבן מיטן יונגנמאַן.

— איך האָב מורא, אַז דאָס וועט זיך דיר נישט איינ־געבן, דבורה, בעטי איז אינגאַנצן פאַרנומען מיט דער מעשה סאַקאָ און וואַנצעטי, אין פרילינג דאַרף פאָרקומען דער פּראָ־צעס. זי און זשאָ אַרבעטן טאָג און נאַכט. אויב אַ יונגע פּאָר איז גליקלעך און באַשעפטיקט, וואָלט נישט געווען זייער גוט זיי פאַנאַנדערצושיידן.

— אָבער, וואָס טוט מען מיט דעם, מאַמע, מיט דעם? — דבורה האָט געהאַלטן דעם בריוו אין איר ציטערנדיקער האַנט — וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אָט דעם אומגליק?

— דאָס איז נאָר אַ פּרוּוו, אַראָפּצוּוואַרפן אונז פון מוט, און דאָס דאַרף זיך אים נישט איינגעבן.

— אָבער וואָס וועלן מיר טון, אויב זיי וועלן אונז קאָמ־פּראָמיטירן?

— מיט וואָס קענען זיי אונז קאָמפּראָמיטירן? בעטי וווינט דאָ ביי מיר און זשאָ קומט אַ מאָל אַרויף אַהער, ווען איך בין אין שטוב. זיי וועלן זיך דאָך נישט אַריינרייסן צו מיר אין שטוב אַריין, בכדי צו זוכן באַווייזן קעגן מיין איי־ניקל.

— בעטי מוז תיכף גיין אַהיים און וווינען ביי טאַטע־מאַמע!

— בעטי איז אַ דערוואַקסענער מענטש און אַליין פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר אירע מעשים. איך גלויב, אַז דו וועסט איר מוזן דערלויבן, צו באַשליסן אַליין און אַרויסצוטרעטן קעגן אירע שונאים.

זיי האָבן גערעדט אַהין און אַהער און בעת דעם שמועס איז פאַר קאָרנעליע די זאַך וואָס אַמאָל קלאָרער געוואָרן.

— איך בין דורכויס איבערצייגט, אַז ס'וועט גאָרנישט געשען, נאָר, דו וועסט אפשר באַקומען נאָך אַ פּאָר בריוו. די פּאָליציי האָט אירע געהיים-אַגענטן ביי אונז אין קאָמיטעט, דידאָזיטע געהיים־אַגענטן האָבן עפּעס, ווייזט אויס, געהערט קלינגען און ווייסן נישט וואָס. מיר קענען זיך פאַרלאָזן אויף אונזער פאַמיליִן־ערע און איגנאָרירן אַזעלכע אַנאָנימע זיד־לערייען! דו, איך, זשאַ און בעטי זענען די איינציקע, וואָס מיר ווייסן פון דעם פאַקט, מיר וועלן עס קיינעם נישט דער־ציילן, — אַ חוץ נאַטירלעך רופּערטן.

רופּערט נעבעך, ער איז אויס־מענטש פון עגמת נפש, האָט זיך זיין פרוי געקלאָגט. אַט דערדאָזיקער שרעקלעכער זשערי וואָלקער האָט אים אָנגעקלאָגט אין געריכט, און ער וואַרפט אים פאָר די שענדלעכסטע זאַכן. און עטלעכע פון רופּערטס שותּפים האָבן זיך געקריגט מיט אים, פאַרוואָס ער האָט זיי אַריינגעשלעפּט אין אַזאַ צרה. זיי האָבן שוין הפּנים אינגאַנצן פאַרגעסן, ווי צופרידן זיי זענען געווען דעמאָלט, בעת זיי האָבן באַקומען זייער חלק פון די פאַרדינסטן. נו, און איצט, די מעשה מיט דער באַסטאָנער איבער־באַן! צי קאָרנעליע האָט שוין געהערט וועגן דעם?

— נו, מען וויל פאַרנעמען אַלע מיטגלידער פון פאַר־לאַמענט, זייערע אַקציעס, און אויספּריוון זייער קרעדיט, וואָס זיי האָבן באַקומען אין עטלעכע בענק. מען וועט עס, פאַרשטייט זיך, אָנרופן אונטערקויפגעלט. אָבער אין דער אמתן איז עס געווען נאָר דאָס, וואָס רופּערט האָט געוואָלט אַרויסראַטעווען די איבער־באַן פון באַנקראָט, אַז די אַקציאָנערן זאָלן נישט רואינירט ווערן, און אַט דידאָזיקע רשעותדיקע פּאָליטיקער,

דריקן אים צו צו דער וואַנט און אָפּגעזאָגט זיך צו באַשטע־טיקן אַ הוספה אויף די באַן-בילעטן. זיי האָבן נישט געוואָלט עובר-זיין אויפן געזעץ, איידער זיי האָבן נישט באַקומען קיין געלט צו קויפן אַקציעס פון דער אויבער-באַן. דו קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ מענטשן די פּאָליטיקער זענען!

— קינד מיינס, איך ווייס שוין גאַנץ גוט ווער זיי זענען. זיי ווילן מיינע פּריינט אַרויפּברענגען אויפן עלעקטרישן שטול, אויב מיר וועלן זיי נישט אויסקויפן מיט פערציק טויזנט דאָלאַר. בעטי, זשאָ און איך האָבן די לעצטע עטלעכע טעג געמוזט באַשליסן, וואָס מיר זאָלן טון, און איך מיין, אַז דעם בריוו האָסטו באַקומען טאַקע דערפאַר, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט דידאָזיקע סומע צו באַצאָלן.

דבורה איז געזעסן, מיט אַ הויכן געראונצלטן שטערן און געקוקט שטאַר סאַר זיך.

— אייגנטלעך וואָלט איך באַדאַרפט קענען דעמדאָזיקן יונגנמאַן, מאַמע.

— נאַטירלעך וואָלסטו געדאַרפט. דאָס הייסט מיטן תנאי, אַז דו וועסט זיך באַהערשן און דו וועסט אים באַהאַנדלען פאַר דיינעם אַן איידעם.

— צי איז ער... צי זעט ער אויס, ווי אַ דזשענטל־מאַן?

— ער שטאַמט פון אַן אַלטע ווירדזשינישע פאַמיליע, און די אַריסטאָקראַטן פון ווירדזשיניאַ האַלט פון זיך נישט ווייניקער, ווי מיר, — יאָ, איך האָב אַפילו געהערט, אַז טייל־מאָל מאַכן זיי חוזק פון אונז און זאָגן, אַז מיר רעדן אונ־טער דער נאָז.

— איך וועל מוזן דערציילן וועגן דעם רופּערטן — האָט דבורה געזאָגט — ער קען נאָר אויך באַקומען אַזאַ בריוו. איך וועל רעדן מיט אים אין אָוונט, און מיר וועלן אייננאָר־דענען עפּעס — איך ווייס נאָך נישט וואָס — מען דאַרף אים

מסתמא, דעמדאָזיקן — ווי הייסט ער דאָרטן — רענדעל, איינ־לאַדן צום עסן.

— איך דאַנק דיר, מיין קינד, דאָס איז זייער קלוג פון דיר.

— נו, אויב זיי ווילן חתונה האָבן, וועלן מיר מוזן זען, אַז עס זאָל באַקומען אַן אָרנטלעכן אויסזען. איך וויל נישט, מענטשן זאָלן זאָגן, אַז בעטי האָט חתונה געהאַט מיט עמעצן, וואָס זי האָט זיך באַקאַנט מיט אים אויפן גאַס.

— ניין, עס איז נישט אמת. דו קענסט דערציילן די מענטשן, אַז זיי האָבן זיך באַקאַנט אין מאָסקווע, אויפן קאָנ־גרעס פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל.

VI

פּריסציליאַ קווינסי אַדאַמס טאָרנוועל איז שוין איצט געלעגן גענוג לאַנג אין איר קבר, כּדי איר פּלימעניצע פּריס־ציליע טאָרנוועל-אַלווין זאָל זיך קענען פּאַרייניקן לויט אַלע דינים פון דער גוטער טראַדיציע מיטן יונגן קופּער-אייגנטימער. אַזוי אַרום איז ווידער פּאָרגעקומען איינע פון יענע גרויס־אַרטיקע צערעמאָניעס, וואָס באַצייכענען דאָס קומען און אוועק־גיין פון דורות און אויסדריקן זייער געזעלשאַפטלעכע באַדיי־טונג. פון דערדאָזיקער חתונה דאַרפן אַרויסקומען אַ סך נייע קופּער-בערג און באַנק-פיליעס, וואָס זאָלן אין פלערליי נייע קאָמבינאַציעס טראָגן די הייליקע נעמען טאָרנוועל, קווינסי, עדעמס, שאָו און קאַבאָט. גראַווירטע איינלאַדונגס-קאַרטן האָט מען פּאַנאַנדער־געשיקט צו אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע, מ׳האָט אויסגעליידיקט אַלע בלומען-געשעפטן; די דריי-אייניקייט קירך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווינטער-גאָרטן, די פיר אָרגעלען האָבן געשפּילט דעם לאָהענגרין-מאַרש ביים אַריינקומען און דעם מענדלסאָן־מאַרש ביים אַרויסגיין, אין דער פייערלעכער פּראָצעסיע זענען געגאַנגען צוויי קליינע „בלומען-מיידעלעך״ און זעקס יונגע דאַמען, מיט אַ שטייפער מינע, מוראדיק אָנגעשטרענגט צו „האַלטן אַ טריט״ אין די אויגן פון אַזוי פיל קרובים. זיי זענען

גבֿוּען אָנגעטון אין ברייט־ראַנדיקע היטן און געטראָגן גרויסע הויזן־בוקעטן, ווייס ווי פריש־געפֿאַלענער שניי. דאָס איז געווען אַ סימבאָל פֿון דער כּלהס אומצווייפֿלהאַפֿטע אומשולד. און אין דער גאַנצער שטיינערנער קירכע האָט זיך נישט געפֿונען קיין איין איינציקע רויטע רויז פֿון פֿאַראַט — —

אַ חוץ אין די הערצער פֿון די כּלומרשטע אַזוי גליקלעכע עלטערן פֿון דער כּלה, וואָס זענען פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן פֿון דעם שרעקלעכן סוד וועגן דער חרפּה פֿון דער יונגערער טאָכטער. זייער פֿאַנטאַזיע האָט זיי אויסגעמאָלט אַ גאַנצע ריי שרעקלעכע זאַכן — וואָס דער מחבר פֿון דעמדאָזיקן פֿאַרשאָלטענעם אַנאָנימען בריוו קען אַלץ אויסטראַכטן! וואָס פֿאַר אַ גרענעצן קען האָבן די פֿאַרדאָרבנקייט פֿון אַזאַ שלעכטן מענטשן? אַ באָמבע אין דער קירכע, — לאָמיר אַפֿילו אָננעמען אין וועסטיבול, ווו זי זאָל נישט אומברענגען קיין מענטשן אָבער אַרויסרופֿן אַ סקאַנדאַל! אָדער אפשר גאָר אַ „שטינק־באָמבע”, וואָס יאָגט אַרויס אַלעמען פֿון דער קירכע אַרויס! אַ גאַנצע רגע ווערן רופּערטס און דבֿורהס הערצער פֿאַרגליווערט פֿאַר שרעק — ווען דער גייסטלעכער זינגט אַרויס די אויספֿאָדערונג: „אויב עמעצער וויל קומען מיט גערעכטע טענות קעגן דערדאָזיקער פֿאַרקנסונג, טאָ זאָל ער קומען, אויב נישט זאָל ער אויף אייביק שווייגן”!

נאָכדעם איז אַריינגעקומען אַ שרעקלעכע שטילקייט. רופּערט און דבֿורהן דאַכט זיך, חי זיי וואָלטן דייטלעך געהערט אַ שטימע, אַז די יונגערע שוועסטער פֿון דער כּלה לעבט אויף אַ זינדיקן אופֿן מיט אַ מאַן, וואָס האָט אַ פֿרוי, און דעריבער איז די פֿאַמיליע נישט אין אָרדענונג. אָבער קיינער האָט נישט געהערט קיין קלאַנג, און די צערעמאָניע איז אַריבער בשלום.

VIII

אַן אויסטערלישע איבערלעבעניש פאַר בעטין און קאָרנע-ליען — זיך צו באַטייליקן אין דערדאָזיקער אָרגיע פון האַנט-דריקן און קושן. דערטרונקען ווערן אין אַ מבול פון העפלעכקייטן און פּערפומען, פאַרוואָרפן ווערן ערגעץ אין אַ לעגענדאַריש לאַנד פון ווייסע שלייערן און רויזן, שוואַרצע פראַקן און צילינדערס, ווייסע הענטשקעס און אָן אַ שיעור דרשה-געשאַנקען פון קריסטאָל, זילבער, פערל און בריליאַנטן — און באַלד דערנאָך אריינצושטייגן אין אַן אויטאָמאָביל, דורכפאָרן די בעק-ביי און דעם טייך און דורכגיין אַ טויער פון אַן אַל-כער שטיינערנער תפיסה.

די מויערן זענען געווען טונקל, פאַרשוואַרצט פון דעם רויך פון די פאַבריק. שטאָלענע גראַטעס אויף די פענסטער און שטאָלענע גרילצנדיקע טירן. און אין די מוירן — בייזע, דעמאָנישע פּנימער און פּנימער פול מיט לויערנדיקער שנאה, ברוטאַלע און דעגענערירטע פּנימער, אויסגעקנעטן פון קראַנק-הייט, שרעק, פון דעם גאַנצן עלנט, פון די טויזנט-ערליי פאָרמען אָרעמקייט, אומוויסנקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון דער אויסגעמאַטערטער מענטשהייט. די קירכלעכע לערע זאָגט, אַז צווישן דעם גן-עדן און גיהנם ליגט אַן אָפּגרונט, וואָס קיינער קען אים נישט איבערשפרייזן. קאָרנעליע אָבער מיט איר אייניקל זענען אים אַדורך לפּחות איין, און אַ סך מאָל צוויי אָדער דריי מאָל אַ וואָך. זיי זענען געגאַנגען צווישן די הימ-לעשע און גיהנומדיקע ספערן אַהין און צוריק, זיי האָבן גע-האַט אַ שייכות סיי מיט די מלאָכים און סיי מיט די טייוולאָנים, און אַ סך מאָל האָבן זיי אויסגעפונען, אַז צווישן זיי איז גאָרנישט אַזאַ גרויסער אונטערשייד.

וואַנצעטי איז אַרויסגעקומען; ער האָט זיך שנעל אָפּגע-וואַשן די הענט און דעם פּנים פון קולן-שטויב, וואָס איז איז אים נאָך געלעגן אויפן האַלז. ער האָט זיי באַגריסט מיט אַ פריילעכן שמייכל און געבעטן, זיי זאָלן זיך זעצן לעבן

פענסטער אין דער זון, וואָס ער האָט איצט געהאַט אַזוי זעלטן. ער האָט געזען די ווייסע רויזן, וואָס זיי האָבן געטראָגן און באַלד איינגעפאַלן, אַז דאָס זענען חתונה־רויזן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ברעג פון איטאַליען, ווו אַ חתונה באַדייט נישט נאָר בלומען און ווייסע שלייערס, נאָר אויך פידלען און טענץ און ווייַן. אַזאַ שיין לאַנד, אַזאַ גליקלעך פאָלק — ווען עס וואָלט נישט געווען דער ערד־באַזיצער, דער פּאַדראָנע, און די בייזע רעגירונג, וואָס רייסט אָפּ יינגלעך פון זייער היים, כדי צו מאַכן זיי פאַר סאָלדאַטן און שיקן אין דער גרויזאַמער מלחמה!

זיי האָבן גערעדט וועגן דעם פּראָצעס, און וואַנצעטי האָט זיך מיט אַ סך טאַקט און פּאָרזיכטיקייט באַמיט צו שילדערן פאַר זיינע פריינט די זאָרגן, וואָס קוועלן אים. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער זאָל קענען זיין אַמאָל אין זיין לעבן די סיבה צו ברענגען אַ מענטשלעך באַשעפעניש אין תּפיסה אַריין, אין דעמדאָזיקן אָרט פון רשעות און יסורים!

— דאָס איז עפּעס אַזוינס — מ'זאָל קיינמאָל נישט פאַרזוכן דעם טעם דערפון, נאַנאַ. דאָס קען מען בשום אופן נישט פאַרבינדן מיט דער פילאָזאָפיע אַנאַרכיקאָ, די פרוי דע פאַלקאָ איז טאַקע אַ פאַרברעכערין, יאָ, זי איז אָבער אַן אָרעמער קרבן, איז פינסטער, מען קען זי דעריבער נישט באַשטראָפן פאַר אירע מעשים. עס איז פאַר מיר אַ פּרינציפּ — עס איז פאַלש תמיד צו באַנוצן זיך מיטן געזעץ, צו שטראָפן מיט ריכטער, און אַזעלכע זאַכן.

— אָבער באַרטאָ, איר האָט דאָך געזאָגט ליין, אַז איר פאַרלאָזט זיך אויף אים און זיינע מיטלען.

— איך ווייס, איך שעם זיך טאַקע. אין בין אַ פרעמדער, אָרעמער מענטש, און איך האָב נישט קיין וויסן. איך האָב געטראַכט: די פריינט האָבן געבראַכט אַן אַדוואָקאַט, אַ געבילדעטן מאַן, ער וועט אַלצדינג פאַרשטיין, ער וועט פּרוּוון העלפן. ווי קען מען דען מאַכן קאָנטראַדיציאָנע, אָבער דאָ

קומען די איטאַליענישע פריינט, זיי זאָגן: וואָס איז דאָס, װאַנצעטי די ביסט אַן אַנאַרכיסט און דו מאַכסט, אַז מען זאָל איינזעצן אַ פרוי? דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פּרינציפּ פון דיין גאַנצן לעבן? און איך ענטפער: עס איז אמת, איך האָב געטון אַ פאַלשן שריט, איך וויל, אַז מ׳זאָל מיר בעסער פאַראורטיילן פאַר אַלע פאַרברעכנס אין דער וועלט.

— נו, באַרטאָ, האָט בעטי געענטפערט — איר האָט געדאַרפט האָבן אַן אַנאַרכיסטישן אַדוואָקאַט.

— נישטאָ אַזעלכע, בעטי, עס איז שווער צו זיין. מ׳דאַרף איינגאַנצן נישט קיין אַדוואָקאַט. אַנאַרכיסטן דאַרפן שטיין פאַרן געריכט און זאָגן: „דאָס איז אַ שלעכטער אָרט, דאָס איז אַ שלעכטער סיסטעם. איר האָט די מאַכט, איר האַלט אייער קרבן אין דער האַנט, איר קענט מיט אים טון, וואָס איר ווילט. אָבער איר קענט נישט אומברענגען זיין נשמה; זיין לערע וועט לעבן ווייטער און זיך פאַרשפּרייטן צווישן אַלע מענטשן.

— איר ווילט אַלזאָ, אַז מען זאָל אייך נישט ראַטעווען, באַרטאָ?

— איך וויל, אַז דער אַנאַרכיזם זאָל געראַטעוועט ווערן.

— זשאָ איז אַוועקגעפאָרן קיין מאַין, כדי אויסצופרעגן איינעם פון די שלעכטע עדות. מיר האָבן געהערט, אַז דער דאָזיקער פאַרשוין איז אַ געוועזענער פאַרברעכער, נו, און אויב מיר וועלן זען, אַז ס׳איז אמת, צי זאָלן מיר זיך באַנוצן מיטן פאַקט? עס וועט פאַר דעמדאָזיקן חברה-מאַן נישט זיין גאַנץ אָנגענעם, בלי ספק נישט.

וואַנצעטי איז געזעסן מיט אַ פאַרטראַכטן, איינגעקנייטשן שטערן.

— איך ווייס נישט, איך האָב תמיד געזאָגט, אַז ס׳איז גוט צו זאָגן דעם אמת. איך גלויב, אַז אַנאַרכיסטן קענען דעם אמת.

— אָבער איר קענט זיין די סיבה, אַז מ׳זאָל יענעם

מענטשן ווידער איינזעצן! עס קען זיך אַרויסווייזן, אַז די פּאָליציי זוכט אים אַרום פאַר אַן אַנדער זאַך.

כדי צו ענטפערן דערויף האָט מען געדאַרפט האָבן אַביסל צייט! עס איז געווען אַ קאָמפּליצירטע וועלט, און ס׳איז אָפּט געשען, אַז וואַנצעטי האָט צוגעשטימט צו בעטיס, זשאָס און לי סוועגסאָנס פאָרשלאַגן. דערנאָך פלעגט ער זיך מישב זיין, אָדער ער פלעגט אויסהערן די טענות פון זיינע חברים און ביסלעכווייז קומען צום באַשלוס, אַז ס׳איז נישט אין הסכם מיט דער „פילאָזאָפיאַ אַנאַרכיקאָ“. איצט, נאָכדעם, ווי ער איז שוין־לאַנג געזעסן אין זיין קאַמער און זיך געגריבלט איבער דער פראַגע פון דע פאַלקאָ, האָט ער געקענט זאָגן בלויז איין זאַך: ער וויל זי נישט איינזעצן אין תפיסה אריין, אַפילו ווען עס גייט אים אין לעבן. און איבעריקנס, איז ער איבערצייגט, אַז די מיטלען קעגן איר וועלן זיינע אינטערעסן סיי ווי סיי נישט ברענגען קיין נוצן; פאַרקערט, ער וועט נאָך מער אַריינברענגען די רעגירונג אין כעס, און זי וועט זיך נאָך מער אָנשטרענגען אים צו פאַרמשפטן. עס איז געווען שווער דאָס אַלץ אויסצודריקן אין אַ פרעמדער שפראַך. וואַנצעטי האָט געוואָלט אַרויסזאָגן דעם געדאַנק, אַז די מאַכט וועט באַטראַכטן לי סוועגסאָנען, ווי איינעם וואָס מאַכט קאַליע די גאַנצע שפּיל. אין די אויגן פון דעם פּאָליטיקער, וואָס שטייט גראָד ביי די מאַכט איז די גאַנצע יוסטיץ אַ געלעגנהייט צו קאָרופּציע און רווח. און זיין געפערלעכסטער שונא איז נישט דער באַנדיט, נאָר דער מאַן, וואָס באַדראָט די קאָרופּציע.

ער האָט נישט אַזוי שטאַרק מורא פאַר דעם באַנדיט, ער קען אַ סך באַנדיטן, ער באַנוצט זיך מיט אים. ער מאַכט מיט אים אַ סך געשעפטן, די גרויסע באַנדיטן גיבן געלט, ער זאָל דורכגיין בעת די וואַלן. אָבער די מענטשן, וואָס קאָמפּראָמיטירן אים, די מענטשן, וואָס זאָגט אויס פאַר די ציי־טונגען, פאַר אַנדערע לייט, ער איז דער אמתער נעמיקאָ — ווי זאָגט מען עס — דער אמתער שונא. ער געהער צו די,

וואָס מען מוז ערליידיקן. איך גלויב, אַז ער וועט מיך ערליי־ דיקן, כּדי צו ווייזן סוועגסאָנען, אַז ער קען נישט באַזיגן די קאָרופּציע אין מאַסאַטשוסעט.

— עס פאַרדריסט מיך זייער שטאַרק, אויב איך האָב אייך געבראַכט שאָדן, באַרטאָ.

קאָרנעליעס ווערטער האָבן ביים אַרעסטאַנט אַרויסגערופן טרערן אין די אויגן. ער האָט אַרויפגעלעגט זיין האַנט אויף איר אָרעם, און געבעטן, זי זאָל אים מוחל זיין פאַר זיין נישט פיינעם אופן פון רעדן. עס איז שווער צו פאָרמולירן דידאַ־ זיקע קאָמפּליצירטע געדאַנקען. ער האָט נישט קיין שום מורא פאַרן טויט, און זי דאַרף זיך נישט נעמען צום האַרצן, וואָס עס זאָל נישט געשען. ער איז אַן אָרעמער, אומבאַקאַנטער מאַן, ער האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט און געדאַנקט, און נישט אַרויסגערופן קיין שום אויפמערקזאַמקייט... צו שטאַרבן פאַר זיין איבערצייגונג אויף דער עלעקטרישער שטול איז אפשר דער איינציקער וועג צו פּראָפּאַגירן זיין געדאַנק. אָבער ער וויל שטאַרבן מיט אַ ריינעם געוויסן—ער וויל נישט זיין שולדיק אין דעם, וואָס מ׳האָט איינגעזעצט אין תּפיסה אַ מוטער פון קינדער, צוליב אַ פּרווו, צו קריגן איר קאַרגן חלק פון יענער גזלה, וואָס די ״רייכע און די מעכטיקע פון דער געזעלשאַפט ווילן באַהאַלטן פאַר זיך אַליין!

VIII

די סוועגסאָן האָט געפּועלט, מען זאָל אָפּלייגן דעם טערמין פון פּראָצעס אויף יוני, כּדי ער זאָל געווינען צייט פאַר זיינע צוגרייטונגען. דאָס פּוריטאַנישע געזעץ, וואָס איז תּמיד אַזוי שטרענג און שפּאָרזאַם, איז בנוגע צייט שטאַרק פאַר־ שווענדעריש. ווען סאַקאָן איז שוין נמאס געוואָרן אין זיין קאַמער צו שטעלן זיך אויפן קאָפּ אָדער אַרומצוגיין אויף די הענט, פלעגט ער זיצן אויף דער נאַרע און זיך אָן אויפהער געבראָכן דעם קאָפּ, אַ וואָסער אומגליק האָט גורם געווען, אַז

ער, וואָס ער האָט אַזוי פּאַראַכטעט דאָס געזעץ, זאָל זיך אַריינפּלאָנטערן אין עפּעס אַ יוריסטישע נעץ און זיך מוזן אָפּזאָגן פון דער גוטסקייט פון אַ שנעלן, פּשוטן טויט. אָן אויפהער זענען כּסדר געקומען פּאַפּירן, וואָס ער האָט געמוזט אונטערשרייבן צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן. ער פלעגט זיך תּמיד אָפּזאָגן צו געבן זיין אונטערשריפט, און דאַן פלעגט זיך אָנהויבן די דיפּלאָמאַטישע קאַמפּאַניע:

אַ באַזוך פון זיין פרוי מיטן ניי-געבוירענעם קינד אויף דער האַנט — אָן ספק אַ גרונט, צו וועלן אויסקעמפן די פרייהייט! אַ באַזוך פון אַ דעלעגאַציע פון דער אָדער פון יענער „גרופּאַ", מיט בריוו און רעזאָלוציעס, מיט אַ צייטונגס-אַרטיקל, מיט אַ טעלעגראַמע פון איטאַליען! מ'האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן, וועלכע מערקווירדיקע סיבה וועט מער קענען ווירקן אויף סאַקאָס באַשלוס. אַ בוקעט בלומען, אַ שמועס וועגן דעם גאָרטן, וואָס מ'וועט דעם קינפטיקן פרילינג דאָרטן פלאַנצן, אָדער אַ פראַגע, וועלכע בלומען בליען אין דער צייט פון יאָר אין טאָרעמאַדזשאָרע — און פלוצלונג פלעגט די האַרטע שאָל פון אַנאַרכיסטישן פּרינציפּ צעשמאָלצן ווערן, דער ליידנדיקער מענטש פלעגט אַ שמייכל טון, האָט אויסגעצויגן די האַנט צום פּאַפּיר און געזאָגט:

— ס'איז אַ נאַרישקייט, אָבער ווייל איר זאָגט, גיב איך דעם אונטערשריפט.

דערווייל האָבן די שרייבמאַשינען געקלאַפּט, קאָמוניקאַטן און בראָשורן, האָט מען אַרויסגעלאָזט אין דער גאַנצער וועלט, און מ'האָט צונויפגעשטעלט אַ גאַנצן אַלבאָם מיט צייטונגס-אויסשניטן וועגן דעם פּראָצעס. אין די קרייזן פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און דער ראַדיקאַלער באַוועגונג זענען סאַקאָ און וואַנצעטי באַקאַנט געוואָרן פאַר די נייעסטע קרבנות פון געריכט-שווינדל. ס'איז אָנגעקומען געלט פון אַלע זייטן. אַ סך „באַאָבאַכטער" האָבן געאַרבעט, און לי סווענסאָנס ענערגישער מוח האָט געפּלאַנט קעגן-קאָמבינאַציעס. לויט די געזעצן פון דעם שטאַט, האָט ער געדאַרפט צושטעלן אַ ליסטע פון די עדות, וואָס

די פּראָקוראַטור דאַרף זיי איינלאַדן. און זיין צוגרייטן זיך צום פּראָצעס איז אָפט באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט קאָנפערירן מיט די עדות און באַמיט זיך אויסצוהאָרכן זיי, הייסן איבערחזרן זייערע שילדערונגען, דערוויסנדיק זיך בעת מעשה זייער פאַרגאַנגענהייט און זיך אָנגעשטרענגט אויסצוגעפינען עפּעס, וואָס זאָל נישט אַמאָל דיסקרעדיטירן, שטעלן אין אַ סכּנה, אָדער דער עדות זאָל נישט איבערלויפן אַמאָל אין שונאס לאַגער.

ביי אַזאַ סיסטעם ווערט יעדער פּראָצעס פאַרוואַנדלט אין אַן אמתע מלחמה מיט סאַפּיאָרן, מינע-וואַרפער, מיט שפּיאָנעס און קעגן-שפּיאָנען. פאַראַן עדות, וואָס פאַרקויפן זיך און בייטן נישט איינמאָל זייערע ערקלערונגען: איין ערקלערונג קעגן די פינקערטאָן-דעטעקטיוון און די צווייטע קעגן די פריינט פון דער פאַרטיידיקונג, נאָך אַן אַנדערע, אַ דריטע, קעגן פּראָקוראָר, און אַ פערטע קעגן דעם פאַרטיידיקער — און וואָס פאַר אַן ערקלערונג עס זאָל סוף כּל סוף דערגיין צו די געשווירענע, איז שוין, פאַרשטייט זיך, אַ פראַגע פון פּרייז אָדער פּסיכאָלאָגיע. טייל עדות האָבן געוואָלט געלט און ווידער געלט. אַנדערע אָבער זענען צוליב עפּעס אַן אַנדער סיבה, צוליב טרייהייט אָדער פאָראורטייל, געבליבן אַ פּאָר טאָג אָדער אַפילו די גאַנצע צייט ביי די אייגענע ערקלערונגען. איינער איז געווען גרייט אויף אַלץ אין דער וועלט, אַבי אַרויסצוהעלפן אַ פראָנט-חבר, וואָס איז צוזאַמען מיט אים געווען אין פראַנקרייך; אַן אַנדערער ווידער איז געווען אויף אַלצדינג גרייט, אַבי צו פאַרשאַפן דעם פּויפּסט אין רזים אַ נחת רוח. איינער וואָלט אַלע איטאַליענער געוואָלט אַוועקזעצן אויף דער עלעקטרישער שטול, ווייל מיט צוואָנציק יאָר צוריק האָט אים איינער אַן איטאַליענער, בעת אַ גאַסן-געשלעג, געשטאָכן מיט אַ מעסער. דער אַנדערער טראָגט אַ שנאה צו די יענקי-אַמעריקאַנער, ווייל ווען ער איז געווען אַ קינד האָט אים אַ לערער געפּייניקט אין שול.

עליזאַבעט טאָרנוועל האָט גענומען אַ צוג, איבערגעשטיגן אין אַ צווייטן און געפאָרן אין די פּאַסאָן-בערג קיין פּענסיל-

דעם גאַנצן אַרבעטס-פּראָצעס אין אונזער מאַשין-צייט! בעטיס אבות, בלעכערס און טשעסלערעס, האָבן געדאַרפט האָבן גאַנצע דריי הונדער יאָר, כדי צו באַקומען זייערע הערשאַפטס-געדאַנקען וועגן די איינוואַנדערער, ערשט איז גענוג געווען דרייסיק יאָר, אַז דאָסדאָזיקע מיידל זאָל האָבן פּונקט אַזעלכע געפילן.

IX

דער פּראָצעס פון פרוי דע פאַלקאָ איז פאָרגעקומען פאַר אַ פּאָליציי-געריכט אין באָסטאָן, און בעטי און זשאָ האָבן קאָנצענטרירט זייער גאַנצע ענערגיע אויף דערדאָזיקער געשעניש. זיי האָבן דורכגענישטערט די פאַרגאַנגענהייט פון יעדן באַאַמטן און נאָכגעגאַנגען יעדן שפּור פון כאַבאַר אָדער אויספּרעסונג. די הערן מיט אַ הויכער פּאָליטישער שטעלונג איז דורכגעלאָפן אַ שוידער דורך די ביינער, און אַ שרעקלעכער גרימצאָרן האָט געקאָכט אין זייערע הערצער אויף די צודרינגלעכע בלוי-בלוטיקע, וועלכע באַנוצן זיך מיט זייער לאַגע, וואָס שטעלן זיך נישט צופרידן מיט דער זיכערקייט צוליב זייער רייכטום און יחוס, נאָר זיי פאַרראַטן זייערע אייגענע פּריווילעגיעס און טרייסלען דעם באָדן פון געזעץ און אָרדענונג. וואָס ווילן זיי דען, דידאָזיקע בעל-גאווהדיקע סנאָבן? וואָס איז מיט זיי דער מער, וואָס זיי ווילן נישט האַלטן מיט די עפנטלעכע באַאַמטע, וועלכע ווילן זיי באַשיצן פון באָמבע-וואַרפער, אויספּרעסער, באַנדיטן, קעענע-גנבים, און אַלערהאַנט אַנדערע פאַרברעכערישע לייט? מען וויל זיי דאָך פאַרשאַפן אַן אָנגענעם, באַקוועם לעבן, אַז זיי זאָלן קענען געבוירן ווערן, אויסוואַקסן אין נחת און אין פרייד, לעבן אַ לאַנג לעבן און צום סוף אויסגיין ווי אַ ליכט פאַר עלטער אין שוואַכקייט און נישט פילן אין גאַנצן לעבן דעם מינדסטן סימן פון געפאַר אָדער אָנשטרענגונג.

די פּאָליטיקער און די פּאָליציי האָבן געקענט לאַכן פון די-דאָזיקע אַריסטאָקראַטן. אָבער זיי האָבן פאַרשטאַנען זייער באַדייטונג און מורא געהאַט פאַר זיי צוליב זייערע רעאַלע מאַכט-מיטלען, וואָס זיי האָבן נאָך אַלץ געהאַט אין זייערע הענט: נישט נאָר די

פינאַנסן, די עפנטלעכע פּראָדוקציע, די בעסטע פּלעצער אין אחדות, נאָר אויך וויסן, קולטור,—קולטור, עפּעס אַ פרעמדע געהיימ־נישפולע זאַך, וואָס וואַרפט אָן אַ יראת הכבוד, ווי די קונסט פון אַ מאַגיקער. די באַרבאַרן, וואָס האָבן איינגענומען די שטאָט, האָבן געציטערט פאַר זייערע געפאַנגענע, און נישט דערוועגט זיך צו באַנוצן זיך מיט זייער מאַכט. לסוף האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן און אָנגעהויבן צו שיקן די זין אויפן אוניווערזיטעט פון די באַזיגטע, כדי זיי זאָלן דאָרט שטודירן און ווערן ענלעך, ווי ווייט מעגלעך, צו דער אונטערגעדריקטער קאַסטע.

פּאָליטיקער און פּאָליציי זענען תמיד צוגעוווינט צו אַלערליי קאַפּריזן פון די רייכע לייט. ווער עס האָט אַ ריזיקע מאַכט און האָט נישט קיין שום פליכטן, מוז זיך, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס איז, אויסלעבן. זיי האָבן זיך אָנגעטון אין רויטע אַנצוגן און געבראָכן האַלדז און נאַקן רייטנדיק אויף געיעגן. זיי האָבן איינגעאָרדנט אויטאָ־קאָנקורסן, געפאָרן מיט רעקאָרד־שנעלקייטן, און קוים זיך געראַטעוועט בעת אַ צוזאַ־מענשטויס. זיי זענען געפלויגן אויף עראָפּלאַנען און אָפּגעשטעלט זיך אויף דעכער. זיי האָבן זיך געבויט אונטערוואַסער־שיפלעך און פאַרפאַלן געוואָרן אין ים־אָפּגרונט. זיי האָבן געאַרבעט אין כעמישע לאַבאָראַטאָריעס און זיך פאַרגיפטעט צום טויט אָדער אויסגעפּוינען אויפרייס־שטאָפן און אויפגעריסן זיך גופא אין דער לופטן. זיי זענען געפאָרן מיט זייערע יאַכטן צום נאָרד־פּאָל, כדי צו פאַנגען ים־פערד, אָדער צום עקוואַטאָר נאָך יונגע שימפּאַנזעס פאַר אַ ספּיכאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע.

עס איז כמעט נישט געווען קיין מיליאָנער, וואָס זאָל זיך נישט באַשעפטיקן מיט עפּעס אַן אומהיימלעכע און מיסטעריעזע זאַך: איינער האָט פאַרמאָגט די גרעסטע זאַמלונג פון אַלטע צינערנע כלים אויף דער וועלט, איינער איז געווען אַן אָנ־הענגער פון „ערד־רעפאָרמיסטן”, אַן אַנדערער ווידער האָט געגרינדעט אַ לאַבאָראַטאָריום, אויסצופאָרשן גייסטער אָדער געמאַכט זיך אַ מוזעאום אָדער אַ קאַזעמאַט, וואָס איז פאַר־

זיכערט געווען פון באָמבעס און פייער און באַוואָרנט פון דעם רויבערישן המון! און ווען-נישט-ווען — נאָך אַן ערגערער פאַל: אַ גייסטלערער מיט אַ צו שטאַרקער ליבע צו די יונגע כאַ־ריסטינס, אָדער אַן אַלטער סיבאַריט, וואָס מוז האָבן פרישנקע פופצן-יאָריקע מיידלעך אין זיינע אָרעמס. אַ יונגע דאַמע, וואָס טוט זיך אָן פאַר אַ מאַן און קומט אין די נעגער-קאַפעס, אָדער אירע פריינדינס, וואָס לערנען די עראָטישע וויסנשאַפט פון אָריענט!

די פאָליציי איז צוגעוווינט צו אַלץ. זיי זענען אַפילו צוגעוווינט צו דעם, אַז פון צייט צו צייט קומט צו גיין עפעס אַ רייכער פלאַטער-קאָפ, שטעלט זיך אַנטקעגן זיינע אייגענע לייט און באַגייט אַ קלאַסן-מאָרד. דאָס איז אמתר פאַרראַט, אָבער פאַרראַט קעגן די רייכע, זאָלן זיך די רייכע אַליין זאָרגן. די פאָליטיקער און די פאָליציי זענען אויפגערעגט גע־וואָרן ערשט דאַן, ווען דידאָזיקע נאַראָנים האָבן זיך די פאָ־ליטיקער און די פאָליציי אָנגעהויבן צו פלאָנטערן אונטער די פיס. דאָס איז דער אמתר פאַרראַט, דאָס איז אַ מעסער אין רוקן, דאָס איז די סאַמע געפערלעכסטע טעטיקייט, וואָס מ׳קען פירן אין אַמעריקע!

און בעטי און אַלווין האָבן געפירט אַזאַ טעטיגקייט און נאָך געהאַט הנאה דערפון, און נישט געהאָרכט די אַלע וואָר־נונגען, וואָס האָבן די עלטערן פאַרשאַפט גרויסע צרות: אַנאָנימע בריוו, וואָס ווייטער מיט אַ שטרענגערן און חוצפהדי־קערן טאָן, און וואָס אַמאָל אַדרעסירט צו אַ גרעסערן קרייז; מ׳האָט געקלונגען אין טעלעפאָן, און מיט אַ האַרטער שטימע האָט מען געדראָט, אַז מען וועט פון איר מאַכן אַ תל. רו־פערטס שותפים פלעגן קומען צו גיין, און אויסדריקן זייער אומ־רויקייט צוליב די מעשיות, וואָס זיי האָבן געהערט. דער באָס, וואָס רופערט האָט געהאַט מיט אים געשעפטלעכע פאַרבינדונגען, האָט אים אָנגעקלונגען דורכן טעלעפאָן און געפרעגט, צי ער האָט נאָך ווייניק זאָרגן. מ׳האָט געבראַנגט בעטין צו איר טאַטע-מאַמע אין שטוב אַריין און זי האָט געמוזט אויסשטיין

אַ שרעקלעכע סצענע. זי איז געוואָרן זייער אויפגערעגט און נישט אויפגעהערט צו וויינען, אָבער זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד און זיך אָפּזאָגן פון איר ליבהאָבער און אירע אַנאַרכיסטן. מ׳האָט זי ווידער אויסגעלאָסן פון ירושה און מ׳האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר — צי דאָס איז געווען נאָר גערעדט אָדער פּאַקטיש אויפן פּאַפּיר, האָט זי זיך נישט געקענט דערוויסן.

אַ שווערער נסיון פאַר רופּערטן, און אַ מאָדנער קאַפּריז פון שיקזאַל! אָדער צי איז ווירקלעך פאַראַן עפּעס אַ גייסטיק חעזן, וואָס וואַכט איבערן וועלטאַל; אפשר איז בעטיס בונט געווען אַ שטראָף פאַר דעם באַנקיר, וואָס האָט געטון דאָס, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט, און דאָס וואָס ער האָט יאָ געדאַרפט טון האָט ער נישט געטון? רופּערט האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דיזאָזיקע געדאַנקען, ווייל ער איז אויפגעוואַקסן אין דער דריי-איינקייט-קירך פון באָסטאָן, און גאַנצע פּופציק יאָר אויסגעהערט יעדן זונטיק דעם גלחס דרשות. ער וואָלט גערן געפרעגט זיין פּאַסטאָר, אָדער עפּעס אַן אַנדער גייסטלעכן: צי קען דער אויבערשטער זיין אַזוי פערוועררז און האָבן קעגן דעם, וואָס רופּערט האָט צוגענומען ביי זשערי וואָלקערן די פּילץ-פאַבריקן, וועלכע ער, רופּערט, האָט געקענט פינאַנסירן, און זשערי וואָלקער האָט נישט געקענט פינאַנסירן? צי זאָל דען גאָט האָבן פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל צוקוקן, ווי די באָסטאָנער אויבער-באַן וועט אָנזעצן און אַנדערע וועלן זי צונעמען? צי קען ער דען זיין אַזוי נאַריש, ווי די פאַנאַטיקער און אַגיטאַטאָרן, וואָס זידלען רופּערטן, ווייל ער האָט געליהען געלט די דעפּוטאַטן? — עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז נישט רופּערט האָט דידאָזיקע דעפּוטאַטן אויסגעקליבן, און אַז די הלוואה איז געווען דאָס אייבציקע מיטל, כּדי דורכצופירן אַן הוספה אויף די בילעטן און צוצוגעבן די אַקציעס פון דער אויבער-באַן אַ שטיקל ווערט. ניין, דער אויבערשטער וועט נישט באַשטראָפן דעם פּרעזידענט פון דער פּילגרים-נאַציאָנאַל-באַנק, דערפאַר וואָס ער האָט באַשיצט די

מענטשן, וואָס האָבן אים אָנגעטרויט זייער פאַרמעגן; אָבער ווי קען דער אויבערשטן צוזען, אַז רופּערטס רייצנדיקע יונגע טאָכטער זאָל אין אַזאַ שווערער צייט פאַר איר פאָטער אַריינ־פאַלן אין דער זינד פון אַנאַרכיסטישער פרייער ליבע און זיך לאָזן אויף אַ וועג פון אַ סקאַנדאַלן!

X

דער פּאָליציייאישער ריכטער פון פּרוי דע פאַלקאָס פּראָ־צעס איז געווען אַן אירלענדישער קאַטאָליק, אַ טרייער פּאַטריאָט, און פּונקט אין יענער צייט האָט געהערשט דער שטאַרקסטער פאַראורטייל קעגן אַנאַרכיסטן און וואָפּס. דער פּאַרטיידיקער פון דער אָנגעקלאָגטער איז געווען אַ קאַמפּס־לוסטיקער און חוצפּהדיקער ייד. ווען פעליצאַני און אַ שפּאַ־נישער אַנאַרכיסט מיטן נאָמען לאָפּעז האָבן זיך אָפּגעזאָגט, צוליב זייער געוויסן, אָפּצוגעבן די שבועה, האָט זיך דער פרומער העברעער אַרויפגעוואָרפן אויף זיי מיט די נעגל און ציין, און דער פרומער קאַטאָליק האָט ממש געשיינט פון נחת. פון איצט אָן האָט מען שוין מער נישט גערעדט וועגן אַ באַשולדיקטער אַגענטין פון קאָרופּטורטע באַאמטע, נאָר פון צוויי אָפענע פריידענקער. דער ריכטער האָט ממש געהייסן לאָפּעזן אַרעסטירן, און מ׳האָט שווער געמוזט אַרבעטן, איידער מ׳האָט אויסגעפּועלט ביי אים, ער זאָל ענדערן זיין באַשלוס.

די צוויי סטענאָגראַפיסטינס זענען געקומען אין געריכט אַלס עדות. דער פאַקט, וואָס איינע פון זיי האָט געאַרבעט אין דער אַמעריקאַנישער אַרמעע אין פראַנקרייך, האָט איר נישט געבראַכט די מינדעסטע נוצן. צי זיי האָבן געקענט די שטימע פון פּרוי דע פאַלקאָ? אויב נישט, טאָ ווי האָבן זיי גע־קענט וויסן, אַז די שטימע, וואָס מ׳האָט געהערט פון דעם דיקטיר־אַפּאַראַט, איז די שטימע פון פּרוי דע פאַלקאָ? אמת טאַקע, אַז אַנדערע מענטשן האָבן געזען דער פרוי פאַלקאָ זיצן אין יענעם צימער, אפשר אָבער זאָגן יענע מענטשן אַ

ליגן? אפשר האָט עמעצער אין יענעם צימער געשפּילט עפּעס אַ קאָמעדיע, כּדי אָפּצונאַרן די סטענאָגראַפיסטינס און איינצורעדן זיי, אַז זיי האָבן געהערט דער פרוי פּאַלקאָס שטימע, בשעת אין דער אמתן האָט דעמדאָזיקן פאָרשלאַג פון כאַבאַר גאָר געמאַכט אַן איטאַליענערין! ווער קען דען וויסן די גרענעצן פון שווינדלערייען, וואָס עס קענען אויסטראַכטן די אַטעיסטן און אַנאַרכיסטן, כּדי צו דיסקרעדיטירן דעם יוסטיץ-וועזן פון דעם גרויסן שטאַט מאַסאַטשוסעט?

און איצט, די פרוי דע פּאַלקאָ גופא, אַ פלינקע און ענערגישע יונגע פרוי, וואָס איר שׂכל האָט זיך לאַנגע יאָרן געשאַרפט אין די פּאָליציי-געריכטן, ווו זי האָט געקעמפט פאַר איר עקזיסטענץ. זי האָט עקשנותדיק אָפּגעלייקנט יעדע שולד. און קודם כּל האָט זי אָפּגעלייקנט יעדע באַציונג מיט די באַאַמטע. די פּליימוטער און נאָרפאָלקער באַאַמטע זענען בראַווע און ערלעכע הערן. זיי האָבן קיינמאָל נישט געמאַכט אַזאַ פאָרשלאַג, אַרויסצולאָזן אַ פאַרברעכער פאַר אַ באַשטימטע סומע געלט. און די איינלאַדונג פון אַ נאָענטן קרוב אַלס אַדוואָקאַט פון דעם באַשולדיקטן האָט אַפילו נישט די מינדעסטע שייכות צום קומענדיקן אויסגאַנג פון פּראָצעס. דאָס איז געווען די אייגנטלעכע פראַגע, וואָס איז געשטאַנען פאַרן פּאָליציי-ריכטער: פאַרמשפּטן די איטאַליענערין, הייסט אין דער אמתן, פאַרמשפּטן דעם גרויסן שטאַט מאַסאַטשוסעט, און ווי קען אַ פּאַטריאָטישער ריכטער טון אַזאַ זאַך? ווען די באַווייזן האָבן זיך אַ קער געטון צו די, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות דערמיט, האָט דער ריכטער געהייסן אַלעמען פאַרלאָזן דעם זאַל, עס האָבן בלויז געדאַרפט בלייבן די עדות מיטן פאַרטיידיקער.

די פרוי דע פּאַלקאָ איז באַפרייט געוואָרן. לי סווענסאָן איז אַוועקגעגאַנגען איינער אַליין מיט אַ שווער געמיט און אַריין אויף מיטאָג אין רעסטאָראַן. און ווער איז אַריינגעקומען? דער קאַמפּלוסטיקער אין חוצפּהדיקער יידישער אַדוואָקאַט. ער נאַטירלעך איז געווען אין אַ גוטן הומאָר, האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין באַזיגטנס טישל, האָט זיך אַביסל געריי'צט מיט אים

אויפֿן אַדוואָקאַטישן שטייגער, און דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעמדאָזיקן פּראָצעס, ווי עס רעדן שכלדיקע מענטשן. פרוי דע פֿאַלקאָ האָט אַ סך יאָרן געהאַט צו טון מיט געריכטן. באַטירלעך קען זי דעם הויכן באַאַמטן, פּונקט ווי זיין ברודער און זי האָט געפּרוווט שלאָגן קאַפּיטאַל פֿון אירע פֿאַרבינדונגען און אַריינצוקריגן אַביסל געלט פֿון דער סאַקאָ און וואַנצעטי-פֿאַרטיידיקונג. זי קען די פּרטים פֿון אַ סך פּראָצעסן, אַזוי אַז איר האָט זיך געקענט דוכטן, אַז זי איז בכּוח צו האָבן אַ שטיקל איינפֿלוס אין דערדאָזיקער געשיכטע. ווען זי האָט זיך געטראָפֿן מיט די יוסטיץ-באַאַמטע, האָט מען גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן. — אָבער זי האָט געוווּסט, אַז די פֿאַרטיידיקונג וועט איר נאָכשפּירן און קומען צום באַשלוס, אַז זי מוז האָבן אַן „איינפֿלוס”.

— קען זיין — האָט לי אַ זאָג געטון, אָבער ס'איז אים אויסגעקומען אַביסל מאָדנע, אַז אַן אַדוואָקאַט זאָל דערציילן אַזעלכע זאַכן וועגן זיין קליענטין, און צוויי אַנדערע פּערזאָנען, נישט זיינע קליענטן, אַזוי אויספֿירלעך פֿאַרטיידיקן. צו האָט אים נישט אַמאָל עמעצער פֿון די באַאַמטע באַצאָלט פֿאַר דעמדאָזיקן נצחון? דער אַדוואָקאַט האָט געלייקנט און לי האָט געשמייכלט מיט אַ שעלמיש, שוועדיש שמייכעלע. פֿאַרשטייט זיך, מען קען קיינמאָל נישט וויסן; קען זיין, אַז אַלצדינג איז אַזוי אונטערגעקומען, ווי יענער טענהט; אָט איז ווידער אַ פֿאַקט, אַז די ווירקלעכקייט איז אָפֿטמאָל אַ סך אויסטערלישער ווי די דיכטונג. קען זיין, אַז די באַאַמטע זענען גראָד אַריינגעקומען אין יענער שטוב, וווּ פרוי דע פֿאַלקאָ איז צופֿעליק געווען, אַ ריינער צופֿאַל! אָדער אפשר זענען זיי זיך גאָר דאָרט צוזאַמענגעקומען, אָפּצוריכטן תּפֿילות.

דער ריכטער האָט זיך טאַקע געהאַלטן ביי אַזאַ מיינונג, און דער פּראָצעס געהערט צו דער געשיכטע. לי סווענסאָן האָט בלויז דערגרייכט איין זאַך — איצט, אַז ס'איז שוין געווען צו שפּעט, האָט ער עס איינגעזען: — ער האָט אַריינגעבראַכט די פּראָקוראַטור אין פֿאַרביטערונג, אַלע יוסטיץ-

באַאמטע, וואָס האָבן נאָר געהאַט וועלכע עס איז שייכות מיטן פּראָצעס פון סאַקאָן און וואַנצעטין, האָבן שוין איצט געהאַט אַן אמתע סיבה פאַר אַ שטאַרקער פּערזענלעכער שנאה. דער נאָמען לי-סוועגסאָן איז פאַר אַלע פּאָליטיקער און יוסטיץ-באַאַמטע גע-וואָרן אַ באַפליגלט וואָרט. דער סאַקאָ- און וואַנצעטי פּאַרטיי-ריקונגס-קאָמיטעט איז געוואָרן פאַר זיי אַ נעסט פון געפערלעכע, ציטרע שונאים, און די אויפגאַבע, צו שיקן צוויי וואָפּס אויפן עלעקטרישן שטול, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער פליכט, צו ראַמפּעווען אַלע באַאמטע-פאַרברעכער פון גאַנץ מאַסאַטשוסעט. פּונקט דאָס אייגענע האָט וואַנצעטי פאָרויסגעזען אין יענע אָן-סופיקע שעהן אין זיין תפיסה קאַמער. ווייל תמיד, פריער אָדער אַ שפּעטער, איז אַלצדינג געשען אַזוי, ווי וואַנצעטי האָט פאָרויסגעזען און פאָרויסגעזאָגט!

אויפגעריכטע מתים

1

פרילינג אין ניי-ענגלאַנד! נישט געקוקט אויף אַלע ריזיקע רויך-שפּייענדיקע פאַבריקן, אויף אַלע שמוציקע טענעמענט-הייזער, רעקלאַמע-ביידלעך, ווורשטן-שטעלעס און בענזין-סטאַציעס, האָט מען נישט געקענט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז אויף דער וועלט לאָזט ווידער אַראָפּ עפּעס כשופדיקס. אַפילו פאַר די אַרעסטאַנטן אין דער תּפיסה, אין די פוילע לופט, וואָס איז אַרייַנגעדרונגען דורך די קאָרידאָרן, פּלוצלונג געוואָרן אינגאַנצן אַנדערש. פּונקט ווי די ייִנגלעך ווייסן אַליין, אָן קיינעמס עצות, ווען צו לאָזן אויפן הימל פלי-דראַכעס—פּונקט אַזוי האָט ניק סאַקאָ געוווּסט, אַז ס'איז שוין צייט אַרומצוגראָבן דעם גאָרטן. און ווען מ'איז געקומען צו אים אויף אַ זעונג, האָט ער געפרעגט. ווער עס וועט אָפּטון דידאָזיקע אַרבעט, און וואָס מ'וועט פאַרזייען. מ'האָט אים תּמיד געמוזט פאַרזיכערן, אַז ער וועט אַרויסקומען אין דער צייט, ווען מ'וועט דאַרפן אויסראָטן דעם אומקרויט און ער וועט קענען עסן די ערשטע פּאָמידאָרן.

וואַנצעטי, וואָס האָט פּופּצן און אַ האַלבן שעה פאַרבראַכט אין אַ קאַמער, וועלכער איז באַלויכטן געווען קוים פון אַ שמאָלן לאָך אין סופית, און די איבעריקע צייט פאַרבראַכט אין אַ שמוציקן הויף, באַדעקט מיט קוילן שטויב פון אַ שכנותדיקער פאַבריק — אַפילו ער האָט אויך געוווּסט, אַז ס'איז פרילינג. מ'האָט מיטגענומען אַ בוקעט מאַי-בלומען, בעת מ'מוז געגאַנ-

גען צו אים און דער אויפזעער האָט געמוזט צוזען, ווי מ׳האָט אים געגעבן אַ בלום. אַ נעבעכדיקע זאַך, אַ צאַרט בלימל, אָבער עס איז געווען אַ סימבאָל, וואָס האָט פאַרקערפערט דעם גאַנצן פרילינג אין יענע שיינע וועלדער אַרום פליימוט און די שפּאַצירגענג פון באַרטאָן מיט נאַנאַן און די קינדער.

— ווי גליקלעך מיר זענען געווען דאַמאָלס, נאַנאַ! מיר האָבן נישט געוווּסט, וואָס פאַר גליק מיר האָבן געהאַט, איידער מיר האָבן אים אָנגעוואָרן.

ער האָט גערעדט וועגן די אַלע שיינע זאַכן, וואָס זיי האָבן געטון און געזען; אַלצדינג איז נאָך געווען לעבעדיק אין זיין זכרון. עס איז געקומען ווידער, ווי אַ וויזיע, מיט אַזאַ גלאַנץ, וואָס עס פאַרמאָגט נישט קיין שום פרילינג. ליגנדיק אַזוינע לאַנגע שעהן אין זיין שטייג, האָט ער מיט אַזעלכע זכרונות געשפּייזט זיין נשמה. פריינטשאַפט, גוטסקייט, שיינקייט — ער האָט געקענט דידאָזיקע ברכות אין זיין לעבן. נישט אין דער פולער מאָס — אָבער סוף כּל סוף האָט ער געוווּסט, אַז דידאָזיקע, וואָס האָבן זיי יאָ אין אַ פולער מאָס, ווייסן אָט די ברכות נישט ווי טייער צו האַלטן.

— אַ סך מענטשן גייען אין דער שיין פון דער זון און זיי טראַכטן נישט דערפון. איך האָב אָבער ווייניק צייט צו זען די זון. מוז איך מיך פרייען מיט איר! — ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום פענסטער.

בעטי האָט געמוזט פאָרן קיין פליימוט און מיטברענגען אין איר אויטאָ בעלטראַנדאָ ברינין; וואָס האָט גוט אַנטוויקלט זיין מוזיקאַלישן טאַלענט. דאָס קליינע יינגל איז אַריינגעקומען אין תפיסה, און נאָכדעם, וואָס קאָרנעליע האָט גערעדט מיטן דירעקטאָר, איז ער אַריינגעפירט געוואָרן אין גרויסן אויפנאַם-זאַל. ער האָט אַרויסגענומען זיין פידל פון דעם פוטעראַל און אָנגעהויבן זי צו שטימען. באַרטאָ איז געזעסן דערביי און באַטראַכט אַלע זיינע באַוועגונגען מיט אַ סך שטאָלץ, ווי ער וואָלט געווען דעם יונגלס מוטער. טראַנדאָ איז געווען נאַטיר-

לעך עטוואָס שרעקעוודיק. ער איז איצט ערשט אַלט געווען פערצנטאַלבן יאָר, און די תּפיסה האָט געמאַכט אויף אים אַן אימהדיקן איינדרוק; פאַרשלומפּערטע ברוינע געשטאַלטן האָבן זיך פאַרבייגעשלייכט און אויפזעער מיט האַרטע, פאַרשטיינערטע פּנימער און קאַלטע אויגן... אָבער ער האָט אַרונטערגעלייגט דעם פידל אונטערן האַלז—און טרעמאָלירענדיקע טענער האָבן אָנגעהויבן צו שוועבן אין דער לופט — „ווען מיר ביידע, מאַגיאַ, זענען יונגע געווען", יענץ לידל, וואָס בּאַרטאָ האָט אַזוי ליב געהאַט צו הערן אין יענע גליקלעכע צייטן אין דער היים!

דערווייל האָט זיך טראַנדאָ אויסגעלערנט צו שפּילן אַנ־דערע זאַכן אויך: „אַלד בלעק זשאָ" און „האָם סוויט האָם". ער האָט שוין געקענט כּמעט שפּילן די גאַנצע „סערענאַדע" פון דרהלאַ, ער וועט פּרובירן, אויב בּאַרטאָ וועט אים מוחל זיין די חסרונות. בּאַרטאָן זענען געלאָפן די טרערן איבער די בּאַקן; ס'איז געווען אומזיסט יעדן פּרוּוו צו וועלן זיי פאַרבאָרגן. די אַרעסטאַנטן זענען צוגעקומען צו די טירן פון זייערע קאַמערן און אָנגעשטרענגט זייערע אויערן; אַפילו די שטרענגע אויפזעער האָבן זיך צוגעהערט און זיך פלוצלונג דערמאָנט, אַז זיי זענען אויך געווען אַמאָל קינדער, קרבנות פון דער אייגענער שנאה, וואָס זיי אַליין ווייזן איצט אַרויס. די גאַנצע תּפיסה האָט זיך, דאַכט זיך, צונויפגעקורטשעט אין דעם באַוווסטזיין פון איר חרפּה; די שטאָלענע שטאַבעס פון די גראַטעס האָבן דאַכט זיך, אָנגעהויבן צו צעשמעלצן, און צוזאַמען מיט זיי די האַרטע בייזע געפילן, וואָס האָבן געשאַפן דידאָ־זיקע גראַטעס. אָ מענטש, וואָס פאַר אַ מאָדנער שיקזאַל! — די בויסט זיך אויף תּפיסות און די לאָזט זיך אַרומפירן פון אַ קליין קינד מיט אַ כּישוף־שטעקעלע — און דאַן דערשרעקסטו זיך פלוצלונג און די ביסט געצוווּנגען, אַריינצולויפן צוריק און פאַרשליסן זיך!

דער זייגער האָט געקלונגען, די באַזוכער האָבן שוין געמוזט אַוועקגיין. דער צויבער איז זיך צערונען.

II

אַזעלכע ימים־טובים פון דער נשמה זענען אין קאָרנעליעס און בעטיס לעבן געוואָרן אַ זעלטענע זאַך. לרוב האָט זיך זייער שמועס פאַרנומען מיט דער גרויזאַמער ווירקלעכקייט. דער פּראָצעס האָט זיך וואָס אַ טאָג דערנענטערט, אַ באַדייטנדיקע געשעעניש, איצט שוין נישט בלויז דאָס לעבן פון דעם חשובן שטאַט. ס'איז געקומען אַן אַדוואָקאַט פון דעם ווילדן מערב, האָט אויפגעעפנט אַ קאַנצעלאַריע, אונטערגענומען אַ פּראָפּאַגאַנדע־שלאַכט, און פאַרמיאוסט אין דער גאַנצער וועלט דעם גוטן נאָמען פון מאַסאַטשוסעט. ער האָט אָנגעזאַמלט צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן, — קיינער האָט נישט געוווּסט וויפל, אָבער מ'האָט גערעדט וועגן גרויסע סומעס, און יעדער דאָלאַר איז שוין פאַר זיך גופא געווען אַ קללה און אַ באַליידיקונג, -- צו פירן דעמדאָזיקן קאַמף מיט אים.

לי סוועבסאָן האָט געוווּסט, איך וואָס .פּאַר אַ סכנה ער האָט אַרייַנגעבראַכט זיינע צוויי קליענטן דורכן פּראָצעס פון פרוי דע פאַלקאָ, און דער געדאַנק וועגן דעם איז געווען פאַר אים אַזאַ פייניקונג, וואָס האָט אים נישט צורו געלאָזט אויף קיין איין מינוט. ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטורעם פון ענערגיע; ער האָט געשריבן פּראָקלאַמאַציעס, אָדער האָט אַנדערע געגעבן די אָנרעגונג צו שרייבן, ער האָט אָפּגעדרוקט אויפרופן, האָט באַזאָרגט אַדרעסן, געשריבן צו דעם און צו יענעם, כדי פאַנאַנדערצושפּרייטן ידיעות, צו פירן פּראָפּאַגאַנדע, צוליב געלט אָדער אונטערשטיצונג. ער האָט באַזוכט די עדות, ער האָט אויסגענישטערט נייע עדות און זיך געגריבלט אין די פּרטים פון זייער לעבן. טיילמאָל איז ער געקומען צו קאָרנעליען אויף מיטאָג, אַרייַנגעזעצט זיך אין איר גרויסן לען־שטול ביים פענסטער, זיך געפאָכעט און געזיפצט פון אויסגעמאַטערטקייט אין משך פון עטלעכע מינוטן. אָבער פּלוצלונג פלעגט ער איר דערציילן פון אַ נייעם איינפאַל, און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, איז אים

שוין געקומען עפּעס אַנדערש אין קאָפּ אַריין, ער האָט שוין זיין נאָטיץ-ביכל אין דער האַנט און אַ גאַנץ צופעליקע באַמערקונג האָט זיך געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ נייען סטראַטעגישן פּלאַן.

און אָט איז געווען נאָך אַ צווייטער אַדוואָקאַט, סוועגסאָנס אַ פריינט פון מערב, פרעד מור, אַן אירלענדער, מיט ראַדיקאַלע אָנשויונגען און סוועגסאָנס אַ חבר אין פיל קאַמפן. ווייטער זענען נאָך צוגעקומען צוויי זשורנאַליסטן, וואָס זענען געווען איבערגעגעבן דער זאַך. דזשאָן ניקאָלאַס בעפּעל און עווגעניע ליאָנס. זיי האָבן געשריבן אַרטיקלען אין צייטונגען און אין זשורנאַלן, וואָס זענען פאַרשפרייט געווען אויף דער גאַנצער וועלט. פאַר אַ באַאָבאַכטער האָט מען גענומען באָד ריד, אַ באָסטאָנער אַמאָליקן פּאָליציאַנט. וואָס האָט צוזאַמען מיט סוועגסאָנען געהאַט הינטער זיך דעם פּראָצעס פון עטאָר און דזשאָוואַניטי און איז געווינט געווען נאָכצושפּירן די טריט פון די באַאַמטע, ווי אַן אינדיאַנישער יעגער. אויב אין דער פּראַקטיק פון מאַסאַטשוסעט האָט זיך געפונען אַ זאַך, וואָס איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז קאָרנעליע האָט עס נישט געוואָלט גלויבן, האָט מען געמוזט פרעגן בלויז דעמדאָזיקן מענטש, און ער האָט באַזייטיקט איר יעדן ספק.

און דאַן נאָך אַ פּערזאָן, גאַנץ אויפרעגנדיק פאַר אַ דאַמע, וואָס האָט געפירט אַן אָפּגעהיט לעבן. דאָס איז געווען אַ מענטש פון דער אונטערוועלט, אַ שווייגנדיקער, מיט אַ לויערנדיקן בליק. אַ מענטש, וואָס סוואַנסאָן אָדער מור האָבן אַליין אויסגעזוכט און געהאַט מיט אים לאַנגע געהיימע שמועסן. לי האָט משמעות געוואָלט אָנווענדן די געהיימע מעטאָדן פון די באַאַמטע. ס'מוז זיך דאָך עמעצער געפונען, האָט ער געזאָגט. וואָס איז באַגאַנגען דעם אָנפאַל אין זיד ברענטרי און אין ברידזשוועטער. כדי צו אַנטוואָפענען איגנאַנצן די פּראָקוראַטור, האָט מען בלויז געדאַרפט אויסגעפינען די אמתע שולדיקע. ער האָט געהאַט עפּעס אַ ידיעה, אַז אין אַ שטעטל, נישט ווייט פון באָסטאָן, געפינט זיך אַ באַנדע פון אמת גאַנ-

רויבער, וואָס האָבן אַן אויטאָמאַביל און רופן אים אָן מיט חוזק „סאַקאָס אויטאָמאָביל״. נו, האָבן די אַדוואָקאַטן אויסגעגעבן אַ סך געלט, כּדי נאָכצושפּירן דערדאָזיקער באַנדע, און קאָרנעליע האָט זיך צוגעהערט, ווי מ׳האָט אָנגערופן מוראדיקע נעמען. לי סווענסאָן האָט זיך שוין געזען שפּילן דעם לעצטן אַקט מיט אַ גרויסן נצחון; מ׳וועט פּלוצלונג אַרויסלייגן פאַרן פּראָקוראָר דעם ריכטיקן באַוויַיז-מאַטעריאַל אויפן טיש, און ס׳איז דאָך אַזוי געוואַלטיק, ווען דער אמת ווערט געראַטעוועט, און די גערעכטיקייט פּייערט אַ נצחון!

ניִשט געקוקט אויף זיינע פערציק יאָר, איז לי נאָך אַלץ געווען זייער יונגטלעך. און מיט זיין לעבעדיקייט איז ער געווען בכּוח אָנצושטעקן בעטין, זשאָ און אויך קאָרנעליען. אָבער ער האָט ניִשט געקענט איבעררעדן די איטאַליענער, זיי זאָלן אַלע מספּים זיין אויף אַ פּלאַן, וואָס איז פּונקט ווי אין פּאַל פון דע פּאַלקאָ, געווען אין סתירה צו דער „פילאָזאָפיאַ אַנאַרכיקאָ״. טאָמער האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן דערפון, האָבן זיי אָנגעהויבן צו הויבן מיט די אַקסלען; „זאָלן די פּאָליציאַנטן אַליין אָפּטון זייער שמוציקע אַרבעט, מיר וועלן ניִשט געבן קיין געלט אויף אַזעלכע זאַכן. אויב מען האָט זיי ערקלערט, אַז דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן אמתע באַנדיטן, האָבן זיי נאָך מער געהויבן מיט די אַקסלען און נאָך מער אויסגעשפּרייט די אָרעמס:

— איז וואָס? — האָבן זיי געפרעגט — דאָס זענען אָרעמע נפשות, מוזן לעבן, זענען קרבנות פון דער סיסטעמאַ, אַ וואָסער רעכט האָבן מיר זיי צו באַשטראָפן?

און ווען מ׳האָט די פּראַגע געשטעלט סאַקאָ און וואַנצעטין, האָט מען באַקומען פון זיי פּונקט דעם אייגענעם ענטפער. זיי האָבן זיך בשום אופן ניִשט געוואָלט ראַטעווען אויפן חשבון פון אַנדערע מענטשן, זיי האָבן ניִשט געוואָלט פאַרראַטן זייער אַני-מאַמין, אַפילו כּדי צו באַווייזן זייער אומשולד. די אויפגאַבע פון די אַנאַרכיסטן איז צו קעמפן, אַז דער גאַנצער סיסטעם פון רויבעריי זאָל פאַרשווינדן, און דאַן וועט ממילא

נישט זיין קיין פארברעכער. אויב מען קען לעבן מיט אזעלכע געזעצן, איז גוט, זאל מען לעבן; טאמער קען מען אבער נישט, איז מען מחויב צו שטארבן. אזא מין איינגעשפארטקייט איז פאר דעם אדוואקאט געווען זייער א פייאלעכע זאך, ווי בכלל פאר אמעריקאניש-ערצויגענע מענטשן, וואס האלטן, אז מען דארף היייליקן די מיטלען צוליבן צוועק און זיי נעמען נאך ערנסט דעם „געזעץ און די ארדענונג".

III

מיט יעדן טאג, וואס די ארבעט איז געגאנגען פארויס, זענען געוואקסן די שוועריקייטן פון פראצעס. די פראקוראטור האט שוין געהאט איבער פופציק עדות, די פארטיידיקונג האט שוין געהאט כמעט הונדערט. עס איז געווען אזויפיל „באאבאכטער", כדי נאכצוגיין אלע שפורן, און ס'איז נישט געווען אזויפיל קעמערלעך אין מענטשנס געהירן, כדי צו קענען אויפנעמען אלע פרטים. דאס פארברעכן האט זיך אפגעשפילט נאכמיטאג-צייט, אויף א באלעבטער גאס, און עס זענען געווען זייער א סך עדות, וואס יעדער איינציקער פון זיי איז געווען א גאנצער פראבלעם פאר זיך. וואס מער מען האט אים אדער איר געגומען אויפן צימבל, אלץ קאמפליצירטער איז ער געווארן, — מאנסלייט, ווייבער, געליבטע, קינדער, ארבעטסגעבער — נישט רעדנדיק שוין פון די פאליציאנטן, באאבאכטער און באאמטע פון דער פראקוראטור, וואס ביי זיי איז עס געווען א נאטירלעכע זאך. די עדות האבן על פי רוב געהערט צו די אונטערשטע שיכטן, צו דער אמעריקאנער אפגעלאזנקייט און ארעמקייט. אויספארשן זייער לעבן, אויפדעקן זייערע פאמיליען-סודות, זייערע זינד און געהיימע חרפות, זייער גיריקייט, זייער שרעק, זייער שטאלץ און זייער נשמה — קארנעליע האט זיך נישט געקענט פארשטעלן עפעס שרעקלעכערס דערפון.

לאָלאַ אַנדרוס, למשל, איז געווען פאַר קאָרנעליען אַזאַ פאַל. בעטי האָט זיך גענומען צו לאָלאַן האָט מקריב געווען איר גאַנצע יוגנט און שיינקייט, איר געזעלשאַפטלעכן חן, איר גלויבן, איר האָפענונג און איר ליבע צום צווייטן, כדי איבערצורעדן לאָלאַן, אַז זי זאָל זאָגן דעם אמת. בעטי, וואָס איז נאָך נישט געווען באַהאַוונט אין דעם געביט פון דער פּראַקטישער פּסיכאטריע און וועגן די דיאַגנאָזן און דער באַהאַנדלונג פון היסטעריע, פּאַראַנאָיע, היפּערעסטעזיע און נאָך אַזעלכע קראַנקהייטן, איז מיט אירע פּראָבלעמען געקומען צו קאָרנעליען. ביידע פלעגן אָפּהאַלטן אַזוינע מינים קאָנסוליעס, און קאָרנעליע האָט אויפגעזוכט דעם באַרימטן דאָקטאָר מאָרו, כדי זיך צו באַראַטן מיט אים.

לאָלאַ אַנדרוס איז געבוירן געוואָרן אין די פּרייריס פון מאַין, זי איז געווען אַן אומגליקלעך קינד פון אַן איטאַליענער און אַמעריקאַנישע פּויערטע. איר מוטער איז געשטאָרבן, איר פאָטער איז ערגעץ אַנטלאָפן, און זי איז אויפגעוואַקסן אַ שלאַנקע און אַ קליינע מיט שוואַרצע אויגן און שוואַרצע האָר, אַ מין וואַלד-לץ, צוגעווינט אָפּצולאַכן און אָפּצוחזקן פון דער וועלט. ווען זי איז אַלט געווען זיבעצן יאָר און חתונה געהאַט, איז איר קאָפּ געווען אַזוי פאַראומרייניקט פון שמוץ און אומפליִט, אַז איר מאַן האָט זי געמוזט אַוועקפירן צו אַ פריזירער און אָפּגאָלן זי די גאַנצע האָר. דערדאָזיקער מאַן איז געווען אַ סאָלדאַט, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון די פיליפּינען, נאָכדעם ווי דאָס ערשטע קינד איז געקומען אויף דער וועלט, האָט לאָלאַ אָנגעהויבן נאָכצולויפן פאַרגעניגנס, און ער איז אַוועק פון איר. אין די יאָרן פון עלנט, איז זי ביסלעכווייז געוואָר געוואָרן, אַז מיט וויינען און שרייען קען זי אויספּועלן, אַז מענטשן זאָלן זיך אַמאָל אומקוקן אויף איר. אַזוי אַרום איז זי געוואָרן אַ היסטעריקערין, און תמיד, ווען ס'איז געשען עפּעס בעת דער אונטערזוכונג, וואָס איז לאָלאַן נישט געפעלן געוואָרן, האָט זי פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן צו ספּאַזמירן. דערנאָך פלעגט זי זיך באַרויקן און אָנגע-

הויבן צו רעדן, ווי אַ מענטש — פון אירע אייגענע אינ-טערעסן.

און יענע צייט, ווען ס'איז פּאָרגעקומען דאָס פאַרברעכן פון זיד ברענטרי, איז לאָלאַ געווען אַ פלעגערין ביי איינעם אַן עלטערן מענטשן, וואָס איז כסדר געלעגן אין בעט. זי האָט געהאָפט, אַז ער וועט בקרוב שטאַרבן און איבערלאָזן איר אַ טייל פון זיין פאַרמעגן. אָבער אַזוי ווי זי האָט גאָר-נישט געירשנט פון אים, איז זי געוואָרן אַ וועשין און אַ רוימערין אין פרעמדע הייזער — און איז נאַטירלעך געוואָרן אויסגענוצט פון די מענער. די שטאָט-פּאָליציי האָט געקענט איר ביאָגראַפיע; אָבער דאָס איז נישט געווען קיין שום שטע-רונג צו באַנוצן זי אַלס עדות.

לאָלאַ האָט דערציילט אָט וואָס: צוויי שעה פאַרן אָנפאַל איז זי געגאַנגען אויף דער גאַס, און ווי זי דערמאָנט זיך, האָט זי זיך צוויי מאָל אָנגעטראָפן מיטן באַנדיטן-אויטאָמאָביל. די גאַנצע שוועריקייט פאַר דער באַשולדיקונג איז געווען דער פאַקט, וואָס דער אָנפאַל איז פּאָרגעקומען אַזוי שנעל, אַז ער האָט קוים געגעבן איין מינוט פאַר די צוקוקער, זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט עפּעס צו זען. לאָלאַ אָבער האָט זיך אָפּגע-שטעלט מיט די באַנדיטן און געשמועסט מיט זיי. איינער פון די צוויי מענער, וואָס זענען געשטאַנען לעבן דעם אויטאָ, איז געווען אַ בלאָנדער. און ווען זשאָ רענדעל האָט אויסגעהערט דעמדאָ-דאָזיקן פּרט פון איר באַריכט, האָט ער געזאָגט:

— גיט אַכטונג, לי סוועסאָן! זי וועט זיין אונזערע!

דער צווייטער איז געלעגן אונטער דעם אויטאָ, און צערעכט געמאַכט עפּעס אין דער מאַשין. און דעמדאָזיקן מענטש האָט לאָלאַ באַטראַכט מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. זי איז גרייט, צו שילדערן אים, אויף וואָס פאַר אַן אופן מען וועט נאָר פאַרלאַנגען פון איר, אויב זי וועט אויך עפּעס האָבן דערפון.

דאָ האָט מען אַלזאָ געהאַט פאַר זיך אַ פּראָבלעם פון פּראַקטישער פּסיכאָלאָגיע. מ'האָט געדאַרפט אויספאָרשן די

טונקעלע היילן פון דערדאָזיקער געפייניקטער נשמה, צו וויסן
עפעס מער וועגן איר, ווי זי אַליין האָט געוווסט וועגן זיך,
כדי צו האָבן די פעדים אין דער האַנט און צו קענען אויס־
נוצן לאָלאַן פאַר דער אידעע פון גערעכטיקייט. ליידער איז
לאָלאַ האָט געהאַט אָנ־
הפנים גרינגער צו חלומען, ווי צו טון.
פאַלן פון אויפריכטיקייט. זי האָט שוין געהאַלטן באַלד ביי־
פערציק, איר חן איז שוין געוועזן פאַרשוווּנדן, און דאָ האָט
זי געהאַט די לעצטע מעגלעכקייט, אַרויסצוקריגן און צוצוכאַפּן,
וואָס דאָס מזל וועט איר באַשערן. עס איז שוין אַזוי אויף
דער וועלט, אַז איינער דעם אַנדערן מוז זיין אַ שונא, וואָרום
וואָס גייען אַ דען אָן דיביידע וואָפּס. צי אַרט איר עפּעס
פאַר זיי? צו וואָס זאָל זי זיך פאַראינטערעסירן דערמיט, וואָס
זי האָט געזאָגט בעת דער אויספאָרשונג אָדער פאַר די רע־
פּאָרטערן, אָדער פאַר אַ באַאַמטן אָדער אַן אַנדערן פון די
דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן זי תמיד פאַרפאָלגט? זי דאַרף
בלויז זאָגן אַ ליגן, און דער פּראָקוראָר וועט זי אָפּהיטן און
די געשווירענע וועלן איר שענקען זייער צוטרוי.

עס איז יאָ געווען אַ געהיימע ספּרענזשינע, מיט וואָס מ'האָט
געקענט רירן לאָלאַס נשמה, די פאַרטיידיקונג האָט זי אָבער
אַנטדעקט איצט נאָכן פּראָצעס. דער גורל האָט געוואָלט, אַז
אַלע וויכטיקע געלעגנהייטן אין פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנ־
צעטי זאָלן קומען ערשט נאָך דעם פּראָצעס. לאָלאַס זון האָט
געלעבט אונטער אַ פרעמדן נאָמען אין מאַין, און כדי אים צו באַ־
שיצן איז זי געווען בכוח צו ברענגען אַ סך קרבנות. ווען
מ'האָט זי קאָנפראָנטירט מיטן זון, און ער האָט זי דערמאָנט אָן
אַנדערע פּראָצעסן, אין וועלכע זי האָט „אָפּגעשפּילט אַ גאַנצע
קאָמעדיע" האָט זי צוזאַמענגעבראָכן און דערקלערט, אַז זי
האָט געזאָגט אַ ליגן, און אַז איר עדות זאָגן איז געווען
אַן „אָנשטעל". דאָס האָט זי מודה געווען אונטער אַ שבועה
אין דער קעגנוואַרט פון איר זון און אַ סך באַגלויבטע עדות,
אָבער אונטערן דרוק פון דער פּאָליציי האָט זי דאָס אַלץ
צוריקגעצויגן, און ווידער געגעבן אַ שבועה, און דערביי האָט

זי געשילדערט מיט טונקעלע פאַרבן, ווי די פאַרטיידיקונג האָט זי געחנפעט. ביים סוף האָט זי אויך דידאָזיקע דערקלערונג צוריקגעצויגן.

און אָט איז אויך געווען פרוי קעמפבעל, יענע עלטערע פרוי, וואָס איז איין טאָג פון אָנפאַל געווען צוזאַמען מיט לאָלאַן אין דער שיך-פאַבריק, ווו זי האָט זיך געפרעגט אויף אַרבעט. עס איז געווען אַ שווערע אַרבעט פאַר די דעטעקטיוון, פעסטצושטעלן, ווו פרוי קעמפבעל וווינט, ווייל דער פּראָקוראָר האָט זי נישט אריינגערעכנט אין זיין ליסטע. בעת מ'האָט זי אויפגעזוכט איז אַלצדינג קלאָר געוואָרן — זי האָט איינגאַנצן אַ תּל געמאַכט פון לאָלאַס ערקלערונגען. דער מענטש, מיט וועלכן זי האָט גערעדט, איז בכלל נישט געווען דער, וואָס איז געלעגן אונטערן אויטאָמאָביל, נאָר איינער מיט אַ האַקי-אַנצוג, וואָס איז אויך פונקט געשטאַנען לעבן דער פאַבריק. קיינער פון זיי האָט נישט גערעדט מיט קיין מענטשן, וואָס האָט פאַרריכט אַן אויטאָמאָביל. איינער, אַן אַגענט פון דער פּראָקוראַטור איז געקומען צו דער פרוי קעמפבעל, און ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו אירע דערקלערונגען, האָט ער געזאָגט, אַז ס'איז נישט ביי טיק, זי זאָל קומען קיין דעדהאַם עדות זאָגן פאַרן געריכט; דאָס וואָס זי ווייס איז נישט וויכטיק און ס'איז אַ שאָד געלט, וואָס עס דאַרף קאָסטן די רייזע.

אַ וועלט, ווו אַלץ איז פאַרקערט געוואָרן, אַ וועלט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חלום פון אַ מטורף, אַן אומגלויבלעכע וועלט, אַפילו ווען מ'האָט זי געזען מיט די אייגענע אויגן, און געהערט מיט די אייגענע אויערן. וואָס זאָל מען טון מיט אַ וועלט, אין וועלכער עס קען געשען אַזאַ זאַך? גאַנצע חדשים האָט מען געהאַט צו טון מיט לאָלאַ אַנדרוס. און מ'האָט שטודירט יעדן איבערגאַנג פון איר פאַנטאַסטישער נשמה, מען זעט באַשיינפערלעך, ווי איין עדות נאָכן אַנדערן קאָמפּראָמיטירט זי און דיסקרעדיטירט זי, אַפילו אַ פּאָליציאַנט, און אַ צייטונגס-רעפּאָרטער, פאַר וועלכע זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט נישט געזען די פּנימער פון די,

וואָס פ׳האָלט פאַר באַנדיטן. און נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, האָט זיך דערדאָזיקער פּאַרשוין, פרעד קאַצמאַן, פּראָקוראָר פון באַצירק נאָרפאָלק, געקענט האַלטן זיין באַשולדיקונגס-רעדע און דערקלערן מיט אַ פייערלעכן טאָן: „שוין צוועלף יאָר זינט איך פאַרנעם דעמדאָזיקן פּאָסטן, מיינע הערן, און איך קען מיך נישט דערמאָנען, אַז אין דער גאַנצער צייט פון מיין דינסט פאַר דער מלוכה, זאָל זיך געפינען נאָך אַזאַ באַגלויבטער עדות, ווי דידאָזיקע לאָלאַ אַנדרוס איז".

IV

און איצט קאַרלאָס גודרידזש! דערדאָזיקער מענטש, אַ פאַרוואַלטער פון אַ קליינעם מוזיק-געוועלב, איז צופעליק געווען אין אַ קאַפע נישט ווייט פון דער געשעעניש. אַ חוץ אים זענען דאָרטן געווען נאָך פיר אַנדערע געסט; קיינער פון די דאָזיקע פיר האָט נישט געזען די באַנדיטן, און פאַר זיי האָט גודרידזש געזאָגט: „ווען איך זאָל וועלן זאָגן ווער עס איז געווען דער באַנדיט, קען איך עס נישט זאָגן". אָבער אין זיבן חדשים אַרום איז גודרידזש מיט זיין פרוי געשטאַנען פאַרן געריכט אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָר הונדערט געלט מזומן און סחורה פון דעם מוזיק-געוועלב. דער צופאַל האָט גורם געווען, אַז סאַקאָ זאָל גראָד אין דער אייגענער צייט קומען פאַרן געריכט, בעת ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַ פאַרשלאַג. גודרידזש האָט איינגעזען די ריכטיקע געלעגנהייט פאַר זיך, און מודיע געווען די באַאַמטע, אַז ער דערקענט אין סאַקאָן איינעם פון די באַנדיטן אין זיד-ברענטרי. צי איז פאָרגעקומען אַן אמתער האַנדל? דאָס קען מען נישט וויסן. אָבער דידאָזיקע מעשה איז צוגעלייגט געוואָרן צו די אַקטן, דאָס הייסט, גודרידזש האָט שוין די שטראָף פאַר זיינע מעשים נישט געדאַרפט באַקומען, נאָר ער איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אַן עדות און באַשווערט די באַשולדיקונג אויף אַנדערע.

און אָט האָט לי סווענסאָן געזאָגט פּאַר קאָרנעליען, בעטין און זשאָן, אַז די פּראָקוראַטור וועט שוין אַזוי מאַכן, אַז זי זאָל אָפּהאַלטן דעם נצחון. ריכטער טייער וועט שוין געפינען עפּעס אַ געזעצלעך שפּיצל און שטערן נישט צו רעדן בעת דעם עדות־פאַרהער וועגן גודרידזשן אַלס עדות; ווען ס'וועט קומען דערצו, וועט ער די געשווירענע אַרויסשיקן פון זאַל, כדי זיי זאָלן נישט וויסן, אַז גודרידזש איז אַליין אַ פאַרברעכער. לי האָט געזאָגט, אַז די איינציקע האָפענונג איז, אַז מ'זאָל דעם פאַרשוין „אונטעררייקן נאָך עפּעס". ליס אינסטינקט, וואָס ער האָט אָנגערופן „קרימינאַליסטישע נאָז" האָט אים געזאָגט, אַז גודבּרידזש איז שוין געזעסן אַמאָל אין תפיסה. אָבער וווּ? און וויאַזוי באַווייזט מען עס?

מיט אַ מאָדנער חיהשער עקשנות, האָט זיך דער אַדוואָקאַט אַריינגעלאָזט אין דעם עסק; זיי מוזן די און יענע שפּור באַכגיין, זיי מוזן נאָך מער באַאָבאַכטער באַשעפטיקן, נאָך מער געלט אויסגעבן. אָבער זיי האָבן נאָך קוים געהאַט עטלעכע וואָכן צו דער אַרבעט, און דער שפּור איז געקומען צו שפּעט! נאָכן פּראָצעס האָבן זיי אַלצדינג געוווּסט וועגן גודרידזשן! זיין אמתער נאָמען איז געווען עראַסטוס קאָרבינק וויטני. דאָס אַליין באַווייזט שוין, אַז ער האָט אָפּגעטון עפּעס אַ חטא, וואָס ער האָט באַשולדיקט סאַקאָן. ער איז געזעסן אין דעם אויסבעסערונגס־אַנשטאַלט פון עלמיר און אין דער שטאָטישער תפיסה פון אָבאָרן, ניו־יאָרק. אין ניו־יאָרק האָט מען אים געזוכט פאַר אַ שווערע גנבה. ער האָט געהאַט אַסך פּרויען, און סווענסאָן האָט זיך באַזאָרגט פון די דאָזיקע דאַמען אַ גאַנצע רייע מיט פאַרזיכערונגען, אין וועלכע זיי האָבן געשילדערט זיין געוויינהייט חתונה צו האָבן אונטער פאַרשידענע נעמען, צוצוגנבענען אַלצדינג, וואָס קומט אים אונטער די הענט און צו אַפּעריר ן אָן שום געוויסן. איינע האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָט געקריגן אַמאָל צעבויקערט פון איטאַליענער, וועלכע ער האָט באַשווינדלט, און פון דאַן אָן האָט ער מוראדיק פיינט איטאַליענער.

צו שפּעט! דאָס איז געווען די קללה, וואָס איז געלעגן אויפן פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטי; אַלצדינג איז געקומען צו שפּעט! תּמיד ערשט דעמאָלט, ווען מ'האָט שוין קיין שום זאַך נישט געקענט טון, סיידן אַריינטראָגן אַ נייען פאָרשלאַג צו ריכטער טייער און הערן, ווי דער דאָזיקער גערעכטער און העלדישער ריכטער ענטפערט: „פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן!" ליי סווענסאָן און עטלעכע פון זיינע לייט האָבן פאַרפאָלגט גודרידזשן אין דעם קליינעם דערפל וועסטבאָראָ אין מאַין, האָבן אים פאָרגעוואָרפן זיין פאַרגאַנגענהייט, אויף וועלכן ער האָט זיי אויסגעשטרעקט די הענט און געהייסן זיך בינדן. שפּעטער האָבן זיי אים ווירקלעך געלאָזט אַרעסטירן, אָבער — אַ זעלטענע סאָלידאַריטעט פון די אַמעריקאַנער הערשער — דער שטאַט ניו־יאָרק האָט אים איצט נישט געוואָלט האָבן און בשום אופן נישט געלאָזט זיך איבעררעדן צוצונעמען אים! אַזוי לאָזט די פּאָליציי אַלעמאָל צו רו אַ פאַרברעכער, אויב ער האָט איר ערגעץ, אַפילו אין אַנדער אָרט, געטון עפּעס אַ געפעליקייט.

נאָך מער, דער דערהויבענער ריכטער וועט אים נאָך קומען צו הילף און באַשטראָפן די יעניקע, וואָס האָבן אים קאָמפּראָמיטירט און אויפגעדעקט זיין קרימינעלע פאַרגאַנגענהייט. אין זיין באַשלוס וועגן אַ רעוויזיע פונם פּראָצעס וועט ער פאָרוואַרפן די פאַרטיידיקונג, אַז זי האָט פאַרפאָלגט גודרידזשן און וועט נאָך צוגעבן, אַז גודרידזש איז זייער אַ פיינער מאַן, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן די דראָונגען פון די פאַרטיידיקער. — „פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן!"

V

צו שפּעט! צו שפּעט! אַ סך מאָל האָט מען זיך בעת די נאָכפאָרשונגען פון זיד־ברענטרי אָנגעשטויסן אויף מאַטעריאַלן וואָס האָבן געהערט צום ערשטן פּראָצעס; באַווייזן, וואָס וואָלטן געקענט ראַטעווען דעם אָרעמען וואַנצעטין, ווען זיי

וואָלטן נאָר געקומען פאַר די געשווירענע. בייע עדות — ריינע אַמעריקאַנער — וואָס האָבן מיט די אייגענע אויגן צוגעזען די שיסעריי אין ברידזשוואָטער, זיי האָבן דערקלערט, אַז קיינער פון די באַנדיטן האָט נישט געהאַט קיין שום ענלעכקייט מיט וואַנצעטין! עדות, וואָס האָבן עס גאָר אָפּגעלייגט אויף דער פּאָליציי, און צו וועלכע מ'האָט געזאָגט, זיי זאָלן גיין אַהיים און מאַכן אַ שוויַיג! און אָט איז שוין דער פּראָצעס גענזעצלעך באַגראָבן, וואַנצעטיס פריינט האָבן זיך אפילו נישט געקענט אָנטון דעם צרהדיקן פאַרגעניגן, צו ברענגען פאַרן ריכטער טייער דידאָזיקע נייע באַווייזן צו קענטעניש, וואָס אין קאָמיטעט זאָל נישט געשען — וואַנצעטי האָט געדאַרפט זיצן נאָך פערצן יאָר אין דער טשאַרלסטאָן-תפיסה, ביז ס'וועט פּאַסירן אַזאַ אומוואָרשיינלעכער פאַל, און מאַסאַטשוסעט וועט אויסוויילן אַ גובערנאַטאָר מיט אַ נשמה.

און ווידער האָט קאָרנעליע דערהערט געשפּענסטערישע קולות, וואָס האָבן בעת יענע געשעענישן אָן אויפהער אָפּגעקלינגען און אירע אויערן. ווען מען וואָלט נאָר געקענט, און נאַטירלעך האָבן דידאָזיקע אומזיסטע רחמנות אָנגעוואָרפן אַ מורא פאַר דער צוקונפט. קאָרנעליען און אירע פריינט האָבן זיך אָנגעהויבן צוצוהאָרכן צו די ווייטע שוואַכע קולות, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די קאַטאַסטראָפע פון דעם פאָרשטייענדיקן פּראָצעס. פּונקט ווי די פאַרכישופטע מענטשן פון די אַלטע לעגענדאַרישע צייטן, האָבן זיי געלעבט צווישן צוויי וועלט און געווען פאַרבונדן מיט ביידע. די סווענסאָן איז געזעסן אין גרויסן פאָטעל ביי קאָרנעליען אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט מיט לאַנגע ברעמען און דערמאָנט אַן אַלטן מכשף, וואָס איז אַרומגערונגלט מיט דעמאָנען, ראַנגלט זיך מיט זיי און קען זיי נישט בייקומען.

אָ פלאַמנדיק באַשעפעניש, איך וועל נישט אָפּטרעטן פאַר דיר.

דאָס בין איך, פאַוסט, כ'בין גלייך מיט דיר.

אַ סך זאַכן האָט פאַרלאַנגט דער מאָדערנער פאַוסט פון

אַרבעטזאַמען גייסט, וואָס רינגלט אַרום די וועלט מיט גרויס פאַרביטערונג. לי האָט אין דעם דורכגעשאָסענעם פינגער גע-וואָלט געפינען אַ מענטשן! דידאָזיקע חשדים האָבן זיך כסדר פאַרמערט.

וואָס אַמאָל איז כסדר אַרויסגעשוווּמען דער שפּור פון אַ מענטשן מיטן נאָמען רוי גולד, וואָס אַ קויל די באַנדיטן האָט אים דורכגעלעכערט דעם ראָק. קיינער אָבער האָט נישט געוווּסט. ווו דער מאַן וווינט. נאַטירלעך האָט די פּאָליציי דעמ-דאָזיקן עדות נישט שטאַרק געזוכט, און דער פאַקט, וואָס ער איז נישט געשטאַנען אויף איר ליסטע, איז געווען כמעט אַ קלאָרער באַווייז, אַז ער האָט סאַקאָ און וואַנצעטין נישט געקענט אינדענטיפיצירן. אין אַ צייט אַרום ערשט איז מען געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ סוחר פון ראַזיר-קרעם. עמעצער האָט דערציילט, אַז ער איז געוווינט צו פאַרקויפן זיין סחורה אויף צירקן און אויף ירידן. ס'האָט זיך דעריבער געהאַנדלט בלויז אין דעם, וואָס מ'האָט געדאַרפט באַקומען אַ ליסטע פון אַלע צירקן אין ניי-ענגלאַנד.

דידאָזיקע רעטעניש איז אויך אויפגעדעקט געוואָרן צו שפּעט, פּונקט ווי אַלץ. אין פיל חדשים אַרום נאָכן פּראָצעס איז אָט דער מענטש אַרויסגעשוווּמען. דער אויטאָ פון די באַנדיטן איז געשטאַנען פון אים אויף אַ מרחק פון אַ פינף ביז צען טריט. דער באַנדיט, וואָס איז געווען כלומרשט סאַקאָ, האָט געשאָסן אויף אים, און ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אוממעגלעך, אַז דאָס זאָל זיין סאַקאָ. זיין נאָמען איז אַריין אין דער געשיכטע דורך דעם „פאָרשלאַג צוליב גולד", איינע פון די ניין פאַרשי-דענע פאָרשלאַגן צו רעווידירן דעם פּראָצעס, וואָס האָבן גע-צווּנגען דעם ריכטער טייער ניין מאָל איבערצוחזרן זיין באַ-רימטע פאָרמול „פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן".

ווייטער די עדות, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּלייקענען לואיס פּעלצער, אַ שיך-אַרבעטער, אַ תמעוואַטער. ער איז געווען אין דער פאַבריק רייס און העטשיינס, ווען ס'איז פאָרגעקומען די שיסעריי. ער איז צוגעלאָפן צום פענסטער און באַלד אָפּ-

געשפּרונגען צוריק און זיך באַהאַלטן. אין דער אמתן האָט ער גאָרנישט געזען, און ער האָט עס אויך געזאָגט פאַר אַ סך מענטשן. אָבער די פּראָקוראַטור האָט זיך באַנוצט מיט אים און אַרויפגעזעצט אים אויבן־אָן, פאַרן ערשטן עדות. טיף אין דער נשמה פון דעמדאָזיקן יידן איז געלעגן דער שטאַרקער יראת הכּבוד צו באַאַמטע און די האַלב־אָפּגעמעקטע זכרונות אָן די הונדערטער פּאָגראָמען, וואָס זיינע עלטערן האָבן איבערגעלעבט און איבערגעבלוטיקט אין זייערע הייזער אין געטהאָ, ווו מ'האָט פאַר זייערע אויגן אויסגעקוילעט גאַנצע משפּחות. טאָמער איז אַ בלויער אוניפאָרם, אַריינגעקומען צו אים אין שטוב אָדער אַ באַאַמטער האָט אויף אים אַ פינסטערן קוק געטון, האָט ער געמוזט טון אַלצדינג, וואָס מ'האָט געוואָלט פון אים.

ער וועט אַלזאָ דערקלערן, אַז איינער פון די באַנדיטן איז „ווי צוויי טראָפּן וואַסער" ענלעך צו סאַקאָן; די דאָזיקע פראַגע וועט ער זיך אויסלערנען פון אויסנווייניק און איבער־חזרן זי אַזוי אָפט, חי מ'וועט נאָר דאַרפן. און ווו זענען די עדות, וואָס האָבן אים געדאַרפט אָפּלייקענען? דריי פון די אַרבעטער אין ז'ער זעלבער פאַבריק האָט די פאַרטיידיקונג קוים אויפגעזוכט; דעם וויכטיקסטן אָבער האָט מען געפונען צו שפּעט. אין פיר חדשים ארום נאָכן פּראָצעס האָט לואיס פאַרזיכערט אונטער אַ שבועה, אַז זיין עדות זאָגן איז געוועזן פאַלש, זיינע ווערטער „ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך" האָט אים דער פּראָקוראָר אַריינגעלייגט אין מויל אַריין. אין זעקס חדשים אַרום האָט ער דאָס אַלץ צוריקגעצויגן און ווידער געשטאַ־נען פעסט אויף דער זייט פון דער פּאָליציי.

ווען מען זאָל געוועזן האָבן די פינקערטאָן־באַריכטן! דער אַגענט „ה. ה." איז תיכּף נאָכן אָנפאַל צוגעקומען אויפן אָרט פון דער געשעעניש, און זיינע ערקלערונגען וואָלטן דעם וויכ־טיקסטן באַשולדיקונגס־עדות, מערי ספּליין, געמאַכט פאַר אומ־געפער, עך, ווייל זי האָט נישט נאָר אידענטיפעצירט אַנדערע מענטשן פאַר די באַנדיטן, נאָר אויך דערציילט פאַר די פינ־קערטאָן־אַגענטן, אַזעלכע זאַכן, וואָס וואָלטן זי גופא אינגאַנצן

קאָמפּראָמיטירט. און דאָס אַליין האָט די פּראָקוראַטור גאַנץ גוט געוווּסט, און דער פאַרטיידיקונג האָט מען גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם! דאָס וווּנדערלעכסטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס דערדאָזיקער דעטעקטיוו איז בייגעווען דעם פּראָצעס, אַרויסגעטרעטן פאַר אַן עדות און געגעבן דערקלערונגען קעגן אַן עדות מצד דער פאַרטיידיקונג. הענרי היליער, דער „אַגענט ה. ה.״ איז געקומען אין געריכטס־זאַל, ווי מערי ספּליינס עדות זאָגן האָט סאַקאָן אומגעבראַכט; ער האָט געוווּסט, וואָס זי האָט אים דערציילט, וואָס ער האָט זיך פאַרצייכנט און איבערגעגעבן זיינע באַלעבאַטים — און געשוויגן!

VI

ער קאָרנעליעס קאָפּ איז געהאָנגען אַ צרה. זי האָט שוין לאַנג געזען, ווי זי רוקט זיך אָן אויף איר. אָבער ביז איצט האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך דעם געדאַנק, און אָפּגעזאָגט זיך אַריינצוקוקן אים גלייך אין די אויגן. ערשט אָבער האָבן שוין נישט געפעלט מער, ווי אַכט טאָג, ביז צום אָנהייב פון פּראָצעס, און ס'איז נישט געווען מער קיין באַהעלטעניש. לי סווענסאָן האָט אָנגעפרעגט טעלעפאָניש, אויב ער קען דעם אָוונט קומען צום עסן. ער וויל זיין מיט איר אַליין, האָט ער געזאָגט, און זי האָט געוווּסט, אַז ס'איז געקומען די צייט.

לי האָט אויסגעזען זייער פאַרמאַטערט; ער האָט קוים געפילט וואָס ער עסט, הגם דאָס עסן איז געווען אויסגעצייכנט. אַ שטיק צייט איז קאָרנעליען געלונגען אים אָפּצוּווענדן. זי האָט אים אויסגעפרעגט פאַרשידענע נייעס, — אַ מאָדנע ווענדונג אין דעם פּראָצעס, ווי געשאַפן פאַר אַ קרימינעלן ראָמאַן; ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ פרוי, אַ שטוב־רוימערין, און ער האָט זיך דערוווּסט פון איר, אַז די געהיים־אַגענטן שטייען אין פאַרבינדונג מיטן פּאָרטיער פון זיין קאַבינעט און ער גיט זיי יעדן אָוונט איבער דעם אינהאַלט פון זיין פּאַפּיר־קאָרב. ער האָט געוווּסט, אַז זיי קוואַפּען זיך אויף די זעכצן

טויזנט דאָלאַר, וואָס סאַקאָ האָט, לויט זייער מיינונג, באַגראָבן, און כדי זיך צו צעשטרייען האָט לי סווענסאָן אָנגעהויבן צו צייכענען אַ פּלאַן, צו געפינען דעם פאַרגראָבענעם אוצר. ער האָט אויפגעצייכנט דעם פּלאַן פון סאַקאָס גאָרטן; פינף מעטער אויף צפון פון דעם דרום-מערבדיקן ווינקל, זיבעטהאַלבן מעטער צו מזרח—דאָרט איז עס! ווען קאָרנעליע וועט זיין ווען עס איז אין סטוטאָן, זאָל זי אַ קוק טון, צי עמעצער האָט נישט געגראָבן.

דאָס עסן איז געווען געענדיקט, מ'האָט אַוועקגעשיקט דאָס דינסטמיידל, און מ'האָט פאַרשלאָסן די טיר. דעם אַדוואָקאַטס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט.

— נאָנאַ — האָט ער געזאָגט — מיר וועלן זיי ביידע פאַרלירן.

— אָ, לי! — קאָרנעליען זענען די ווערטער געבליבן שטעקן אין האַלדז.

— מ'האָט אונז אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין.

— ווי האָט עס אייך געקענט טרעפן?

— איר באַגרייפט, וואָס אונז שטייט פאָר? דער פּראָצעס הויבט זיך אָן צומאָרגנס אין דעם פאָלקס-יאָרצייט נאָך די געפאַלענע אין דער וועלט מלחמה, און דערנאָך קומט דער יאָר-טאָג פון דער שלאַכט אין אַרגאָן, און דאַן ווידער אַ נאַציאָנאַלער יום-טוב, און איידער דער פּראָצעס וועט זיך פאַרענדיקן האָבן מיר נאָך דעם פערטן יולי*) און איר דאַרפט אויך אַ טראַכט טון וועגן די העלדן, וואָס מ'גראָבט איצט אויס אין פראַנקרייך פון די ברידער-קברים און מ'פירט זיי איבער אין אַמעריקע, דערמאָנט זיך אָן די טרערן, די תפילות, פרייהייט-שבועות פאַרן פאָטערלאַנד.

—וואָס פאַר אַ שייכות אָבער האָט דאָס אַלץ מיטן פּראָצעס?

— צי פרעגט איר מיר ערנסט? דערדאָזיקער פּראָצעס

*) דער טאָג פון אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט-דערקלערונג, גרעסטער נאַציאָנאַלער יום-טוב אין אַמעריקע.

גיט דעם העלד אין דער צייט פון שלום א שיינע געלעגנהייט, ווידער ארויסצוווייזן זיין טרייהייט צום פאטערלאנד. צו פאר־טיידיקן אונזער גרויסער טראדיציע קעגן דער אויסלענדישער אנארכיע און באלשעוויזם. און וואס האבן מיר ארויסצושטעלן קעגן דעם? זייער ווייניק אמעריקאנישע עדות, און א גאנצע מחנה וואפן! נאך ערגער, ווי בעתן פראצעס פון וואנ־צעטין!

דער אדוואקאט האט אנגעהויבן אויסצורעכענען אויף די פינגער די עדות, וואס ער וואלט געקענט געפינען. אין דעם טאג פון אנפאל אין זיך ברענטרי האט וואנצעטי פארקויפט פיש, געגראבן מושלען און געזאמלט פיש־ווערעמלעך. ער האט זיך געטראפן נאר מיט עטלעכע אמעריקאנער, מיט איינעם, אן אמעריקאנעם פישער האט ער זיך אפגעשטעלט און געפלוידערט מיט אים, — אבער מ'וועט זאגן, אז דערדאזיקער מענטש פארטוישט די דאטעס. ווייטער האט ער געקויפט ביי א יידישן הענדלער עפעס א מלבוש, און קאצמאן וועט פון דעמדאזיקן מענטשן נעבעך אפחוזקן אין די אויגן פון די געשווירענע. און ווייטער מוזן זיי זיך שטיצן אויף אלפאנסינאן און די לעפעווורעס בריניס, אנטאניא קארבאניא און אנדזשעלא דזשאדאבאנע, — די ריכטיקע נעמען צו מאכן אויף די אמעריקאנער געשווי־רענע אן איינדרוק.

וואס שייך סאקא, איז ער יענעם טאג געווען אין באס־טאן, ער האט אבער, אויף וויפל ער קען זיך דערמאנען, גע־רעדט בלויז מיט איין איינציקן אמעריקאנער. ער האט געגעסן מיטאג מיט זשאדאגנין אין באניס רעסטאראן, און עס זענען געווען דאן נאך צוויי אנדערע איטאליענער ביים טיש. ער האט באצאלט אן איטאליענישן קאלאניאל־סוחר א רעכענונג און געגאנגען אין קאנסולאט, כדי ארויסצונעמען זיין פאס, — אבער דער, וואס האט אים דארט ערליידיקט, איז דערווייל אוועקגעפארן קיין איטאליען, און זיי האבן איצט נישט געהאט מער ווי א שריפטלעכע דערקלערונג, וואס איז פאר געשווי־רענע נישט שטארק איבערצייגנדיק.

אַזוי האָט עס געהאַלטן מיט דעם פּאַרטיידיקונג־מאַטעריאַל. און איצט די עדות, וואָס האָבן געדאַרפט געבן דערקלערונגען! וואָס פאַר אַ רשעות פון שיקזאַ? — דאָס זענען געווען לויטער איטאַליענער! פאַרוואָס האָט גודרידזש אין דער צייט פון אָנפאַל געמוזט אַרבעטן דווקא ביי אַן איטאַליענער, פאַרוואָס האָט זיין פריערדיקער ברויט־געבער אויך געמוזט זיין אַן איטאַליענער? און די מענטשן אין דער ביליאַרד־קאַפע, פאַר וועלכע גודרידזש האָט געזאָגט, אַז ער וועט די באַנדיטן נישט דערקענען! אַזעלכע נעמען, ווי מאַגאַזו אַריגיאָני, מאַגאָני, דיאַמיטאָ! און דאַן עטלעכע עפּנטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אַ גרובן, בעת דער אויטאָ מיט די באַנדיטן איז פאַרבייגעפאָרן, אַ גאַנצע מחנה, וואָס וועט עדות זאָגן, אַז זי האָט געזען די באַנדיטן אין אויטאָ, און אַז קיינער פון זיי איז נישט געווען ענלעך צו וואַנצעטין. אָבער וואָס וועט זיין די פּעולה?

— עס איז פּשוט אַן אומזין אַרויסצושטופּן אַ גאַנצע מחנה איטאַליענער, נאָנאַ. דריי זענען בעסער ווי דרייסיק, ווייל מען לאַנגווייליקט נאָר די געשווירענע און מען מאַכט זיי בייז. פרעד קאַצמאַן וועט מאַכן עפּעס אַ הלצה: צי זייערע עלטערן האָבן באַגרוסט קאָלאָמבוסן ווען ער איז נאָר אַריין אין אַמעריקע? און דאַן וועלן די געשווירענע שוין בכלל נישט אויפהערן צו לאַכן.

נאָך אַ דויערנדיקע שטילקייט, האָט ער ווידער געזאָגט:

— איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, נאָנאַ, אַז דאָס באַדייט פאַר ביידע טויט. עס איז נישטאָ קיין מיטלוועג.

— איך ווייס עס, לי.

— און טאָמער קריגן מיר באַלד נישט אַרויס קיין גינציקן אורטייל, זאָלט איר זיך נישט מאַכן קיין שום אילוזיעס וועגן דער צוקונפט. פאַרגעסט נישט, אַז אַזוי לאַנג, ווי וועב טייער לעבט, האַלט ער דעם פּראָצעס אין זיינע הענט. עס האָט זעלטן פּאַסירט, אַז דאָס העכסטע געריכט פון מאַסאַטשוסעטס זאָל מבטל מאַכן אירן אַן אורטייל, אויב עס האַנדלט זיך נאָר

אין עפּעס אַ רציחה — דאָס האָט געטראָפן אפשר צוויי אָדער דריי מאָל אין איר גאַנצער געשיכטע. עס הייסט אַלזאָ, איצט אָדער שוין קיינמאָל נישט!

— איך ווייס, לי — האָט געזאָגט קאָרנעליע מיט אַן אָפּגעשטאָרבן קול.

ווידער אַ שטילקייט. דער אַדוואָקאַט האָט זי כמורנע אָנגעקוקט, זי האָט כמעט נישט געקענט פאַרטראָגן זיין בליק.

— צי ווילט איר זיי באמת ראַטעווען, נאַנאַ?

— וואָס פאַר אַ פראַגע איז עס?

— טאָ פאַרוואָס טוט איר עס נישט? פאַרוואָס טרעט איר נישט אַרויס פאַר אַן עדות?

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז קיין פּרעסטיש־עדות קענט איר דאָ נישט האָבן.

— איך מיין אַן אַנדער זאַך, נאַנאַ, פאַרוואָס לאָזט איר מיך נישט צוזאַמענשטעלן אייערע דערקלערונגען, אומגעפער אַזוי, אַז איר זענט געפאָרן דעם פופצנטן אַפּריל פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר קיין פּליימוט, און דעם טאָג פאַרבראַכט ביי די ברינים, געגעסן דאָרטן מיט וואַנצעטין מיטאָג און דאַן שפּעטער געגאַנגען צום ים און זיך צוגעקוקט, ווי ער האָט געקליבן מושלען! דאָס איז דער איינציקער וועג, כדי צו געווינען דעם פּראָצעס, נאַנאַ, מיט איין קלאַפּ איז ער פאַר־טיק — אַ פעסטער קלאַפּ!

VII

וואָס איז דאָס געווען: אַ טיף איינגעוואָרצלטער אינס־טינקט, איינגעוואַקסן מיט די אינערלעכסטע פעדים פון איר לעבן, וואָס האָט זי געצוווּנגען אויפגעבראַכט צו זיין, צוליב דיס ווערטער, הגם דערדאָזיקעד געדאַנק איז איר שוין גאַנצע חדשים געקראָכן אין קאָפּ אַריין? לי סוועגסאָן האָט איר באמת נישט געקענט זאָגן עפּעס נייעס — אָבער זי האָט אים געמוזט לאָזן

רעדן און זיך האלטן אַזוי, ווי זי וואָלט נאָך קיינמאָל קיין טראַכט נישט געטון וועגן דעם!

— אָ לי, איך קען עס נישט טון!

— פאַרוואָס נישט, האָט איר באמת נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליגן?

— איך אַזא פאָרם נאָך קיינמאָל נישט.

— קליינע ליגנס, נאָנאַ, צוליב קליינע סיבות. דאָ אָבער איז פאַראַן אַ גרויסע סיבה! דאָ גייט וועגן לעבן און טויט!

ווידער אַ שטילשווייגן. ווען דער אַדוואָקאַט האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, האָט זיין שטימע געקלונגען זייער ערנסט, דעם לץ זיינעם האָט ער געלאָזט אָן אַ זייט.

— איך וועל נישט פרווון אויסצואיבן אויף אייך קיין דרוק, פרוי טאָרנוועל, ווי איך טו אַמאָל ביי אַנדערע עדות, סוף כל סוף איז דער פּראָצעס אייער — וואַנצעטי איז אַ סך מער אייער פריינט, ווי מיינער, פאַרוואָס זאָל ער מיר שטאַרקער אָנגיין ווי אייך?

— שטעלט נישט אַזוי די פראַגע, לי!

— מען מוז זי אַזוי שטעלן! איר האָט זיך אייערע פריינט, און איר האָט זיך אייער מאָראַל, און איר מוזט זיי שטעלן איינעם קעגן דעם אַנדערן און באַשליסן, וואָס איז פאַר אייך וויכטיקער. מיר אַלע דאַרפן אַמאָל מאַכן אַזאַ אויסוואַל. וואַנצעטי האָט עס אויך געטון, איר געדענקט, ער האָט גע-זאָגט ליגן צוליב זיינע פריינט. די ליגנס וואָס ער האָט דער-ציילט אויף דער פּאָליציי-אויספאָרשונג האָבן געדאַרפט אָפּהיטן באָדאַן און אָרקיאַנין פון סאַלסעדאָס גורל. פאַרן געריכט וועט ער דערציילן גאַנץ אַנדערע זאַכן, און צי דאָס איז דער אמת אָדער נישט, קענט איר אַליין איינזען.

ווידער אַ שטילשווייגן.

— וואָרום וואָס איז דען דער אומגליק, פרוי טאָרנוועל? צי האָט איר אַ רעליגיעזע מורא פאַר אַ שבועה? צי גלויבט איר, אַז גאָט וועט אייך קיינמאָל נישט מוחל זיין, אויב איר

וועט ראַטעווען סאַקאָ און וואַנצעטין פֿון דער עלעקטרישער שטול?

— ניין, נישט דאָס.

— צי איז עס אַזאַ מין פּאַטריאָטיזם? צי גלויבט איר, אַז עס וועט זיין נוצלעך פאַר אייער פּאַטערלאַנד, ווען אַ מחנה מנוולים, וועלן דערמאָרדן צוויי אידעאַליסטן, כּדי אָפּצושרעקן אַנדערע?

— ניין, נישט דאָס.

— אויב אַזוי איז דאָך עס נישט מער, ווי אַ פראַגע פון גוטן טאָן! איר זענט אַ דאַמע, און אַזאַ זאַך טוט מען נישט!

— ניין, דאָס אויך נישט. מען טוט עס פּאַקטיש די גאַנצע צייט. מיינע איידעמס זאָגן ליגן ביי זייערע געשעפטן, און זיי וועלן לייקענען און געריכט אויך, כּדי צו באַשיצן איינער דעם אַנדערן.

— ריכטיק! — און ביי זיך אַליין האָט לי סווענסאָן געטראַכט: הפּנים זי איז מיט דער פראַגע געקומען צו אַ טאָלק. ער האָט געזאָגט: — נאָר וואָס דען, פרוי טאָרנוועל?

— עס איז נאָר דאָס — איך וועל נישט וויסן, ווי אַזוי דאָס צו טון.

— אויב דאָס איז אייער איינציקע זאָרג—איך בין דורך און דורך אַ קוואַליפיצירטער פאַכמאַן אין אַזעלכע זאַכן. פאַרלאָזט זיך נאָר אויף מיר, ווי עס וואָלט געווען אַן אָפּעראַציע, און איך גאַראַנטיר אייך, אַז נאָך פאַרן פערטן יולי וועלן מיר סאַקאָן האָבן אויף דער פריי, דערנאָך גיבן מיר אָן אַ ווענדונג, מ׳זאָל וואַנצעטין באַגנעדיקן.

— אָבער לי, ווי אַזוי וועל איך דיר קענען טון אַזאַ זאַך?

— אויב איר מיינט די טעכנישע זייט איז נישטאָ קיין פּשוטערע זאַך דערפון: איר שטעלט זיך פאַר אַן עדות און איר גיט אָפּ אַ שבועה, אַז איר זענט יענעם טאָג געווען אין פּליימוט, און דאַן דערציילט איר די פּרטים פון עפּעס אַ

אַנדער טאָג, אין וועלכן איר זענט באמת געוועזן דאָרט. דאָס אַלץ לאָזט זיך זייער לייכט מאַכן. איר האָט געהאַט אַ רגילות, פון צייט צו צייט זיך איבערצופאָרן קיין פּלימוט, דאָס קען קיינער נישט אָפּלייקענען. איר געדענקט גענוי די דאַטע, ווייל מיט אַ טאָג פריער אָדער אַ טאָג שפּעטער איז עפּעס געשען ביי אייך. אפשר זענט איר גראָד געווען אויף אַ קאָנצערט, אָדער ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ קאָנצערט און איר האָט געדאַרפט פאָרן צוריק, כדי צו קומען צו דער צייט. מיר קענען אויסזוכן עפּעס אַן עפנטלעכע פּאַסירונג, כדי אָנצושפּאַרן זיך אָן דעם. אָדער אפשר האָט איר אַ טאָג-בוך אָדער בריוו.

— אָבער אויב איך האָב אין באָסטאָן אין דעמדאָזיקן טאָג אָראַנזשירט עפּעס?

— אַזאַ מניעה קען מען אויך אויסמיידן. איר פאַרשטייט דאָך. אין אייערע ערקלערונגען מוז אייער זכרון האָבן אַ שייכות בלויז מיט איין טאָג פון די דריי וואָכן, פון דעם טאָג, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער אָנפאַל ביז צום אַרעסט. אַזוי ווי איר האָט געהערט, אַז וואַנצעטי איז אַרעסטירט געוואָרן, איז אייך תיכף איינגעפאַלן, נאַטירלעך, אַז איר האָט אין יענעם טאָג פון אָנפאַל פאַרבראַכט מיט אים צוזאַמען. אויב עמעצער וועט אָבער וועלן אָפּלייקענען אייערע ערקלערונגען — מוז ער איצט אָנהויבן און זיך דערמאָנען די טעג פון גאַנצע צוועלף חדשים — אַ זאַך וואָס טרעפט נישט אַזוי לייכט. ווען מ'זאָל נאָך דערצו קענען אויסגעפינען עפּעס אַ דאָקומענטאַלן באַווייז, ווי למשל אַ בריוו — שפּעטסטנס צוויי טאָג לויט אייערע דער־קלערונגען, וועט דער גאַנצער פּראָצעס באַלד זיין פאַרטיק. אפשר איז פאַראַן צווישן אייערע פריינט עפּעס אַ קליינער סקאַנדאַל, אָבער נישט זייער ערנסטעס — און ביידע זענען פריי, — איר ווייסט, אַז אויב אַ געשווירענער געריכט וועט זיי באַפרייען, קענען זיי שוין מער קיינמאָל נישט שטיין פאַרן געריכט צוליב זיך-ברענטרי.

די האָט געהאַלטן וואָרט און נישט אויסגעאיבט אויף איר קיין שום צוואַנג. ער האָט קיין שום זאַך נישט געטון, חוץ דאָס, וואָס ער האָט איבערגעשמועסט מיט איר וועגן דעם פּראָצעס, און געשילדערט, וואָס יעדער עדות מצד דער באַשולדיקונג וועט דערקלערן, און ווי אַזוי מ'האָט דיזאָזיקע דערקלערונגען „צונויפגעקאָכט". אַלס נביאישע רייד איז עס געווען אַ גרויסער וווּנדער, אָבער די סוועטנאָן האָט זיך נישט איינגערעדט קיין שום אָקולטיסטישע קרעפטן. ער האָט געזאָגט מיט אַ ביטערן טאָן:

— אויב איך וויל וויסן, וואָס דער שונא טוט, שטעל איך זיך נאָר פאָר, וואָס איך אַליין וואָלט געטון אין אַזאַ פאַל.

ער האָט גערעדט מיט עטלעכע עדות; אַנדערע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו רעדן מיט אים, זענען געוואָרן דער אָביעקט פון זיינע באָאָבאַכטער. און אַזוי ווי ער האָט געוווּסט זייערע טעמים, האָט ער געוווּסט ווי אַזוי מ'האָט זיי דרעסירט. אויב ס'איז געווען גויטיק „גראָבע מיטלען", האָט עס די פּאָליציי באַזאָרגט. די איידעלערע אַרבעט איז געוואָרן אָפּגעטון פון די הערן מיט אוניווערזיטעט-בילדונג, פון דער פּראָקוראַטור-ביוראָ. זיי האָבן שוין פאַרשטאַנען אויפצווייזן אין די שוואַכערע געמיטן, ווי למשל ביי מערי ספּלעין און פרענס דעוואָלעין, „אַ פאַלשער זכרון", ווי עס רופן עס אָן די פּסיכאָלאָגן. זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו פירן דיזאָזיקע פרויען אין תפיסה אַריין און זיי געוויזן סאַקאָ און וואַנצעטין, זיי האָבן זיי געוויזן בילדער פון סאַקאָ און וואַנצעטין און דערביי כסדר באַמערקט, אַז דאָס זענען די באַנדיטן, דאָס זענען די מערדער, דאָס זענען די מענטשן, וואָס זיי האָבן געזען אין דעם באַנדיטן-אויטאָ — אַזוי לאַנג ביז אין דער פאַנטאַזיע פון די פרויען האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעקריצט די געשטאַלטן פון די באַנדיטן מיט די זעלבע פּנימער, וואָס מ'האָט זיי גע-

וויזן אין תפיסה און אויף די פאָטאָגראַפיעס, און דער זכּרון האָט זיי אַזוי אויסגעמישט צוזאַמען, אַז זיי האָבן זיי מער נישט געקענט פאַנאַנדערשיידן.

טווינטער שפּיצלעך האָבן דידאַקטיקע זיגרייכע יוס-טיק-באַאַמטע געהאַט. זיי האָבן געהאַט גוטע באַציִונגען מיט די פּאָליטיקער און געקענט זיי צוזאָגן, ווען מ׳וועט דאַרפן, אַ טובהלע: פּלענער און ליפערונגען, אַ פּאָסטן פאַר עמעצן, וואָס נויטיקט זיך אין אַרבעט, שוין פון דער פּאָליציי אין פאַל פון עפּעס אַ חטא. — „איך בין באַפריינדעט מיט מיסטער דזשאָנס פון דער פּראָקוראַטור-ביוראָ — אַזאַ דער-קלערונג וועט תמיד בטל מאַכן אַן אַרעסט-באַפעל אָדער אַ פאַרפאָלגונג צוליב אַלקאָהאָל-שמוגל.

— דאָס רופט מען אָן מאַכט — האָט ל. סווענסאָן גע-זאָגט — און די וואָס האָבן זי, ווייסן, וואָס צו טון מיט איר.

פּונקט ווי ווירגיליוס, וועלכער האָט דאַנטען געפירט איבערן גיהנום, אַזוי האָט לי סווענסאָן אַרומגעפירט די אַלמנה פון דעם גובערנאַטאָר טאַרנוועל אין דעם בית-המקדש פון דער באָסטאָנער כאַבאַר-ליגע, — ער האָט גוט געקענט דעם וועג, ווייל אין פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנזעטי האָט ער געהאַט צו טאָן מיט די זעלביקע נישט-גוטע, און זיינע קלאָלגען האָבן אים „אויפגעקלערט". יאָ, די רייבונגען צווישן די איינצלנע פראַקציעס פון דער קליקע זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז איין פּאַרטיי האָט פאַרראַטן די אַנדערע, און לי האָט געזען דאָקומענטן, וואָס וואָלטן גענוג געווען, אַז אַ סך מלוכה-מע-נער זאָלן דאָס איבעריקע פון זייער לעבן פאַרברענגען אין דער טשאַרלסטאָנער תפיסה. ווען מ׳האָט זיך עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד אַזוי אָנגעהערט זיינע מעשיות האָט מען פאַרשטאַ-נען לאָלאַ אַנדרוס ווערטער אַז „איינער איז דעם אַנדערן אַ שונא".

ווען קאָרנעליע האָט זיך גוט מישב געווען, האָט זי זיך געמוזט מודה זיין, אַז איר האַלטונג בנוגע דער פראַגע וועגן דער שבועה איז אַ פּועל יוצא פון אַ געוויסן סנאָביזם. פאַל-

שע שבועות דערמאָנען איר אָן די אויסלענדער, וואָס שטייען אַלס פאַרברעכער פאַרן געריכט און אָן די אירלענדישע פּאָליטיקער. דאָס ראָטהויז געהערט צו די אירלענדער, דערפאַר האָט מען עס אָנגערופן „גנבים-הויז”. אָבער דאָסדאָזיקע רעגירונגס-הויז מיט זיין גאָלדענעם קופּאָל איז באַהערשט געוואָרן דורך דזשענטל-לייט און איז געוואָרן הייליק. איצט אָבער האָט לי סווענסאָן געזאָגט, אַז אין פּאַרלאַמענט איז פאַראַן צען מאָל אַזוי פיל קארופּציע, ווי אין דער באָסטאָנער שטאָט-פאַרוואַלטונג — מיט דעם איינעם אונטערשייד בלויז, וואָס דאָ איז די קאָרופּציע לעגאַליזירט. מ'מאַכט למשל געזעצן, אַז די גרויסע קאָנצערנען זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו באַרויבן דעם עולם. דאָרט, אונטער דעם גאָלדענעם קופּאָל קען מען טרעפן אַ בלוי-בלוטיקן באַנקיר, וואָס וויל אַריינזעצן זיין אַדוואָקאַט אין דעם העכסטן געריכט, כדי דער באַנקיר זאָל שטענדיק זיין פאַרזיכערט אין זיינע געשעפטן, אָדער אַ מלוכהשן באַנק-קאָמיסאַר, וואָס וויל ווערן באַנק-פּרעזידענט. אַ גרויסן אַדוואָקאַט, וואָס וויל אויסנוצן זיינע אינטימע קענטענישן אויף דעם פּאָליטישן געביט, כדי צו באַרויבן די באַנק-קונדן. אַ פינאַנסיסט, וואָס באָרגט געלט דעפּוטאַטן, כדי זיי זאָלן דורכלאָזן געזעצן, וואָס פאַרפּילפּאַכן דעם ווערט פון די אָדער יענע אַקציעס.

קאָרנעליע האָט פאַרשטאַנען די אַלע אָנצוהערענישן. לי סווענסאָן האָט אָנגעגריפן די פאַמיליע טאָרנוועל און אונטערגעגראָבן קאָרנעליעס פּרעטענסיעס אויף מאָראַלישע אויסגעהאַלטנקייט. ער האָט איר דערציילט פון די סקאַנדאַלן, אין וועלכע איר פאַמיליע איז איינגעוויקלט. סקאַנדאַלן, וואָס מ'רעדט וועגן זיי אין דער עפנטלעכקייט. סקאַנדאַלן, וואָס זייערע פּרטים דערציילט מען זיך בסוד אין קלוב. זי האָט געוווסט, אַז דאָס אַלץ איז ריכטיק. זי האָט געוווסט, אַז רופּערט אַלווין, הענרי קאַבאָט ווינטערס און קווינסי מאָרנוועל זענען אויך געווען אַזוי באַשעפטיקט, כדי אין אָרדענונג צו ברענגען זייערע פּאַלשע שבועות צום פּראָצעס מיט זשערי וואָלקער. אַן אַדוואָקאַט פון

די י. וו. וו., וואָס האָט מיר דערציילט פון דידאָזיקע מעגלעכ-קייטן, האָט זי נישט געוויזן די טיר, זי האָט אַפילו נישט פאַרטיידיקט איר פאַמיליען-כּבוד, ווען ער האָט זיך אויסגע-דריקט, אַז איר איידים האָט אָנגעהויבן זיין יוריסטישע קאַר-יערע אַלס סינדיק פון דעם באָסטאָנער טראַמווײ, און דאָס הייסט, אַז ער האָט אָפּגעטון אַלע שמוציקע מעשים, וואָס זע-נען נאָר מעגלעך אָפּצוטון אַלס אַדוואָקאַט.

— גלויבט מיר, נאָנאַ, איך ווייס זיכער, — האָט גע-זאָגט דער מענטש פון ווילדן מערב — איך האָב אָנגעהויבן ביי דער גרעט גאָרדערן ריילראָד, און פאַרבראַכט מיין צייט דערמיט, וואָס איך האָב געבערעט די אָרעמע אַרבעטער-אינוואַ-לידן וואָס האָבן פאַרלאַנגט זייער אַנטשיידיקונג. איך האָב באַקומען פינף הונדערט דאָלאַר אַ חודש, זייער שיין פאַר אַ יינגן חברה-מאַן און איך האָב געהאַט אַ פרייען וועג, פאַר מיר, ביז העט אַרויף אויפן שפּיץ, אפשר אויף אַ שטול אין סענאַט פון דעם העכסטן געריכט. דאָס איז דאָך דער וועג דורך וועלכן מ'ען קומט אַהין. איך האָב נישט געקענט פאַרגעסן די פּנימער פון די מענטשן, וואָס איך האָב באַגזלט און זייערע נעבעכדיקע ווייבער און קינדער. איך האָב מיר אַליין נישט געקענט אָנ-קוקן אין פּרצוף, ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין שפּיגל. דערפאַר האָב איך אַוועקגעוואָרפן מיין פּאָסטן און געפּרווט העלפן די אַרבעטער. און וואָס איך האָב געזען — נו, נאָנאַ, דערפאַר האָב איך אַ פּשוטע פאָרמול: וואָס אַ מענטש זאָל אין קאַמף פאַר דער אַרבעטער-זאַך נישט טון, וועט ער נאָך אַלץ נישט זיין אַזאַ פאַרברעכער, ווי די לייט, וואָס ציען אַרויס רווחים פון זיין שווייס און בלוט.

— העגרי האָט זייער אַ סך גערעדט מיט מיר וועגן דעם ענין סאַקאָ און וואַנצעטי. — האָט געזאָגט קאָרנעליע — ער האָט מיך געפּרווט אָפּצורייסן דערפון, אויב ער וועט איצט ווידער אָנרירן דידאָזיקע טעמע, ווייל איך אים שטעלן אַ פּאָר פראַגן.

דער אַדוואָקאַט האָט אַ שמייכל געטון.

— נו, זייט זיך פריער גוט מישב! פרעגט אים נישט, ווי ער האָט אונטערגעקויפט עדות פאַר געלט. איר זאָלט אים נישט פרעגן, צי ער פעלשט נישט זייערע ערקלערונגען. אין דער קאַנצעלאַריע פון אַ גרויסן באָסטאָנער אַדוואָקאַט איז מען זיך נוהג צו באַגיין זייער פאָרזיכטיק און אָנשטענדיק. ווען עס קומט צוגיין אַן עדות, נעמט אים נישט אויף דער שעף גופא, נאָר אַ יונגער באַאַמטער. דער עדות זאָגט: „איך האָב געזען דעם מענטשן, ער האָט געטראָגן אַ בלויען הוט". דער יונגער אַדוואָקאַט רייסט אים איבער: „אָ, איר האָט געוויס אַ טעות, מ'האָט אונז דערציילט, אַז ער האָט געטראָגן אַ רויטן הוט. דערמאָנט זיך נאָר גוט, און זעט, צי איר האָט נישט געהאַט קיין טעות". ער שיקט אָפּ דעם עדות אַהיים און דעם צווייטן טאָג איז דער עדות ווידער דאָ אין דער קאַנצעלאַריע, ער ווערט אויפגענומען פון אַן אַנדער יונגערמאַן אין דער ביוראָ, און ער זאָגט: „איך האָב געזען דעמדאָזיקן מענטשן, ער האָט געטראָגן אַ רויטן הוט" — „דאָס איז אמת", זאָגט דער יונגער אַדוואָקאַט. „און ער איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך" זאָגט דער עדות, „אָ, איר האָט געוויס אַ טעות, ווי מיר האָבן געהערט, איז ער געלאָפן מיט אַלע כּוחות. זייט זיך נאָך אַמאָל מישב וועט איר זען, צי איר וועט זיך נישט מוזן מודה זיין, אַז ס'איז געווען אַזוי ווי איך זאָג". דער עדות גייט אַוועק, און אויף באַמאָרגן, ווען ער קומט ווידער, נעמט אים אויף אַ דריטער באַאַמטער און דער עדות זאָגט: „איך האָב געזען דעם מענטשן, ער האָט געטראָגן אַ רויטן הוט אויפן קאָפּ, און געלאָפן גאַנץ שנעל" — און אַזוי ווייטער, ביז ער ווייס אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. ערשט איצט נעמט אים אויף דער שעף אַליין. ער דערציילט פאַרן שעף, וואָס ער האָט געזען, און דער שעף זאָגט: „דאָס איז זייער אַ גוטער עדות. אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש. און דערנאָך, ווען ער שטעלט פאָר דעם עדות פאַר די געשווירענע, פאַרזיכערט ער, אַז אָט דער מענטש איז פאַראַנטוואָרטלעך, און קיינער קען נישט זאָגן, אַז דער באַרימטער אַדוואָקאַט זאָל האָבן באַגאַנגען עפּעס נישט קיין בכּבודיקע זאַך.

— לי, איך קען זיך פּשוט נישט קיין עצה געבן דער־מיט — האָט געזאָגט קאָרנעליע בעת געזעגענען זיך. און ער האָט געענטפערט:

— באַטראַכט אייך גוט — און ער האָט גאַנץ גוט גע־ווּסט, אַז זי וועט וועגן קיין אַנדערע זאַך נישט טראַכטן. פּחדנות, שוואַכקייט, פאַלשער שטאָלץ, זי איז געווען גרייט נאָך אָנצורופן עס מיט אַלע זידל־נעמען; אָבער ווען זי האָט זיך גענומען אויסמאָלן, ווי זי שטייט אַלס עדות פאַרן געריכט און גיט אָפּ פאַלשע דערקלערונגען אונטער אַ שבועה. האָט זיך אַלצדינג אין איר אָפּגעזאָגט. ווי אַזוי קען עקזיסטירן דער אמת אויף דער וועלט, אויב ס'איז נישטאָ קיין איין מענטש, וואָס זאָל אים זיין טריי?

IX

וואַנצעטי איז געשטאַנען לעבעדיק פאַר אירע אויגן־פּונקט ווי אַלע מאָל אין אירע שווערע מאָמענטן.

— איך בין אַן אָרעמער וואָפּ — האָט ער געזאָגט, — אָבער וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען אויף מיין אָרט וואָלט זיך געפונען אַ טאָרנוועל? קאָרנעליעס קאָפּ איז געווען פול מיט טענות. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט איר טאָכטער אַליס, בעת אירע פאַרביסנסטע אַוואַנטורעס, וואָס האָבן אַזוי בולט אַרויס־געוויזן די שרעקלעכע האַרמאָניע אין איר פאַמיליע־לעבן, צוליבן אייפערזוכט, וואָס האָט זי געפּייניקט. אַליס האָט גע־קענט קויפן אַ רעוואָלווער און שיסן העגרין. דאַן וואָלט פאַר־

געקומען אַ פּראָצעס — און איבער איר וואָלט אויך געהאָנגען די געפאַר פון דער עלעקטרישער שטול. אָבער ניין, ס'איז אַן אומזין: די עלעקטרישע שטול עקזיסטירט נישט פאַר די טאָרנ-וועלס. ס'וואָלט זיכער נישט צוגעקומען צו אַזאַ מאָמענט, אַליס וואָלט אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ משוגענע, מ'וואָלט זי איינ-געאָרדנט אין אַ סאַנאַטאָריום אויף אַ יאָר אָדער צוויי און לסוף וואָלט זי געווען אויף דער פריי. אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז אַליסן וואָלט געדראָט טויט-שטראָף, און קאָרנעליע וואָלט אַרויסגעטרעטן פאַר אַן עדות, אין אויב זי וואָלט געזאָגט דעם אמת, וואָלט מען אַליסן פאַרמשפּט, און אויב זי וואָלט געזאָגט ליגן, וואָלט מען זי באַפרייט — טאָ וואָס וואָלט זי דעמאָלט געטון?

גערעכטיקייט בלייבט גערעכטיקייט און פאַרברעכן בלייבט פאַרברעכן — אַזוי טענהן מענטשן. אָבער אויב אַ מענטש בלייבט שטיין פּנים אל פּנים מיט דער ווירק-לעכקייט און זעט, אַז עס איז נישט מעגלעך צו לעבן לויט אַ באַשטימטער פאָרמול — צי איז דאָס מאָראַליש, ווען מען זאָגט זיך אָז צו טון דאָס מינדעסטע שלעכטס און דערמיט דערלאָזט מען צו די שרעקלעכסטע מעשים? און אויב מיר וועלן נאָך זאָגן, אַז דער צוועק הייליקט אַלע מיט-לען, טאָ פאַרוואָס ווען מיר זיך אָפּהאַלטן? אויב יעדער מענטש וועט זיך האָבן זיין אייגענעם מאָראַלישן וועג — צי וועט זיך דעמאָלט נישט שאַפן אַ כאַאָס אָנשטאָט אַן אָרדנונג? עס מוזן זיין פּרינציפּן; מענטשן מוזן זיך מיט עפּעס רעכענען. אָבער אין דער רגע, ווען זי האָט געוואָלט אָנערקענען דעם געדאַנק, האָט זי געמוזט אָנערקענען אויך דאָס סיסטעם מיט די הויך-אַוועקגעזעצטע ריכטער, וואָס האָבן פאַרמשפּט אומ-שולדיקע מענטשן אויף טויט — כּדי באַקוועמער צו מאַכן די באַסטאָנער אַריסטאָקראַטיע. קאָרנעליע האָט זיך דערמאָנט אין עמערסאָנען, וואָס האָט געזאָגט, אַז אַ גוטער בירגער דאַרף נישט אַזוי שטאַרק דרך ארץ האָבן פאַר די רעכט.

די מאָראַלישע גרויזאַמקייט האָט זיך געשטיצט דערויף,

טז דאָס, וואָס מ׳האָט געוויינלעך געהאַלטן פֿאַר גערעכטיקייט איז אין דער אמתן געווען אַ קלאַסן-פֿאַרברעכן. באַרטאָ און ניק האָבן באַדאַרפֿט געמשפּט ווערן דערפֿאַר, וואָס זיי זענען געווען געפֿערלעכע פֿירער פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע — דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער און דער ריכטיקסטער מאָטיוו פֿאַר דער פּראָקוראַטור, פֿאַר די געשוווירענע און פֿאַרן ריכטער; דערדאָזיקער געדאַנק וועט זיי פֿאַרפֿאָלגן אין אַלע שטופּן פֿון פּראָצעס. דאָס איבעריקע וועט שוין זיין בלויז אַן אויסרייד, אַ מאַסקע פֿון קלאַסן-אינטערעס. טאָ וועלכעס איז דער ריכטיקער ליגן — וועלכעס הייסט שוין פֿאַלש שווערן? איז עס נישט דער גענעראַלער שמייכל, דאָס פֿאַרמאַסקירטע אָפּהוזקן פֿון פּראָקוראָר פּרעד קאַצמאַן? — איז עס נישט די קאַלטע ערנסטקייט פֿון וועב טייער צוזאַמען מיט זיין ווינקען אין דער זייט פֿון די געשוווירענע? ווען קאָרנעליע האָט זיך דערמאַנט דאָס אַלץ, וואָס זי האָט געזען אין געריכטס-זאַל אין פּליימוט, האָט זי זיך געטראַכט, אַז גאָט וואָלט מוחל געווען אַ״ע ליגנס, וואָס וואָלטן מיטגעהאָלפֿן צו צעברעכן די פּלענער פֿון דאָזיקן מיאוסן געזינדל.

אַזוי האָט זי זיך איבערגעוואָרפֿן פֿון איין הנחה אויף דער אַנדערער, אָבער קיין איינע האָט זי נישט באַפֿרידיקט. לי סוועג-סאָן האָט שוין מער נישט גערעדט מיט איר וועגן דעם, נאָר איר אָנוועזנהייט איז פֿון איצט אָן געווען פֿאַר אים אַ פֿראַגע. באַרטאָס פֿאָטאָגראַפֿיע אויפֿן קאַמין האָט זי גערופֿן, ס׳האָט זיך איר געדוכטן, ווי ער זאָגט: — וואָס איז ווערט דיין פֿריינטשאַפֿט? מיר פֿאַרלאַנגען נישט פֿון דיר, דו זאָלסט אָפּ-געבן דיין לעבן פֿאַר אַ פֿריינט, נאָר דו זאָלסט מקריב זיין די פֿאָרשריפֿטן פֿון דער עטיק, דיין אויפֿגערייצטקייט, דיין דערפֿאַרונג וועגן זיך, אַז דו ביסט עפּעס אויסערגעוויינלעכס, וואָס שטייט מחוץ דער האַרטער, גרויזאַמער ווירקלעכקייט — קורץ געזאָגט — אַז דו ביסט אַ „טאָכטער פֿון באָסטאָן״!

בעטי האָט פֿון אָנהויב אָן ביזן סוף קיינמאָל נישט גערעדט מיט איר וועגן דער זאַך. דאָס האָט קאָרנעליען אַביסל

בעחידושט — ס׳האָט געמאַכט אויף איר אַן איינדרוק, ווי בעטי וואָלט זיך אָפּגעזעגנט פון איר, און איינגעאָרדנט זי אין אַ מוזעאום אָדער אין אַ מאַוזאָלעום. בעטי און זשאַ האָבן גע־דאַרפט רעדן מיט איר וועגן דעם; אין קאָמיטעט האָבן אַלע געמוזט וועגן דעם טראַכטן: „פרוי טאַרנוועל וואָלט געקאָנט אָפּראַטעווען אונזערע חברים, ווען זי וואָלט נאָר געוואָלט״ — בעטי האָט אוודאי דערויף געענטפערט: — ס׳איז נישטאָ קיין מיטל, ווי אַזוי גורם צו זיין דערצו די באָבע, זי געהערט צו דער אַלטער גענעראַציע. קאָרנעליע האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, צי וואָלט די יונגע גענעראַציע געהיטן ווי זי, צי וואָלטן זיי זיך גענומען דאָס רעכט צו זאָגן ליגן, ווען עס וואָלט נויטיק געווען? וועגן דעם, אַז דאָס יונגע פאָר זאָל פאַלש עדות זאָגן, האָט לחלוטין קיין רייד נישט געקאָנט זיין, ווייל בעטי און זשאַ זענען דעמאָלט גראָד געווען אין אייראָפּע און זיי וואָלטן געמוזט מאַכן אַ ספּעציעלע רייזע, כדי צו פאַר־ברענגען מיט באַרטאָ אַ טאָג, אין וועלכן עס איז געשען דער מאָרד אין זיך ברענטרי.

X

אויב קאָרנעליע האָט אפילו נישט געקענט טראַכטן וועגן פאַלש שווערן, האָט זי זיך אָבער נישט געקענט פאָרשטעלן דעם צחייטן אַלטערנאַטיוו. ווען זי האָט אַ טראַכט געטון וועגן דער עלעקטרישער שטול אויף וועלכן ס׳האָבן געדאַרפט אומ־קומען באַרטאָ מיט ניקן — ניין, ניין, דאָס איז שוין באמת געווען צו שרעקלעך, דאָס האָט שוין ממש נישט געקענט גע־שען! יעדער קאַמף מיטן געוויסן האָט איר געגעבן אַ שטויס צו עקשנותדיקער טעטיקייט. נישט געקוקט אויפן אינערלעכן חייטאָק, האָט זי וואָס אַמאָל געשריבן מער בריוו, נישט גע־קוקט אויף דער מידיקייט פון איר אָרגאַניזם, האָט זי פאַר־נומען אַן אָרט אין פרעזידיום פון קאָמיטעט, גערעדט פאַר גרופּעס פרויען, כדי צו דערגרייכן צו די גלייכגילטיקע אויערן,

אָפּוועגדן זייער אויפמערקזאַמקייט פון ברידזש צו דעמדאָזיקן נידערטרעכטיקן פּראָצעס.

זי האָט געטראַכט, אַז זי קען העלפן די זאַך, אויב זי וועט איבערצייגן אַ גרופּע דאַמען פון דער רייכער געזעלשאַפט, זיי זאָלן אַוועק קיין דעדהאַם און צוהערן זיך צו די פאַרהאַנדלונגען. זי האָט זיי צוגערעדט, אַז זיי זאָלן אַרויס אויף איין חדש אין דעם שטעטל. גרופּעסווייז האָבן זיי פאַרנומען אַן אָרט אין געריכטסזאַל און געזעסן, ווי די טריקאָטירנס בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אפשר וואָלט עס געצווונגען וועב טייער צו זיין אומפּאַרטייאיש און אפשר וואָלט עס אפילו אָפּגעהאַלטן פרעד קאַצמאַנען פון די געמיינע שיקאַנעס לגבי די וואָפּס. וואָס אַן אמת דאַרפן אפילו די געריכטן זיין פאַרזיכערט פון די איינפלוסן פון גאַס, אָבער קאָרנעליע האָט צו גוט געקענט באָסטאָן.

אַזוי צי אַזוי האָט מען פון דער געזעלשאַפט זיך פאַראינטערעסירט מיטן פּראָצעס. ס'איז געווען פרוי לאָיז רענטאָל, וואָס האָט געשטאַמט פון די לאָוועלס — איר קענגוואַרט האָט געוויס געמאַכט אַן איינדרוק אין געריכטס-זאַל. פרוי דזשעסיקאַ הענדערסאָן, אויך זייער אַן איינפלוסרייכע, הגם איר סאָציאַלע שטעלונג האָט זיך שוין איינמאָל אַ וואַקל געטון, צוליב אַן אונצידענט, וואָס זי איז אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט קאָרנעליען און בעטין אין דעם טאָג, ווען דער פּרעזידענט ווילסאָן איז געקומען קיין באָסטאָן. פרוי הענדערסאָן און איר טאָכטער האָבן דאַן פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט אין דעם אַלטן לאָקאַל פון פּאָליציי-צירקל, און מיט זייער בלוט געשפּייזט פאַרשיידענע אינזעקטן — די מאָדערנע פאָרם פון סאָלידאַרן צוזאַמענלעבן און פון אויסגלייכן געזעלשאַפטלעכע אונטערשיידן!

ווייטער איז געווען פרוי איוועגס, וואָס איז שוין לאַנג באַקאַנט מיט איר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. עליזאַבעט גלענדליער. איוועגס איז געווען די אלמנה פון אַ יונגן אַדוואָקאַט, וואָס איז געשטאָרבן, נאָך איידער ער האָט באַוויזן

דורכצופירן דעם ערשטן פּראָצעס. זי איז אין אירע אַלע יאָרן געווען אַ פילאַנטראָפּין. איצט איז זי שוין געווען אַ גרויסע אַלטיטשקע — וואָס פאַר אַ גרויסער הילף עס איז געווען פאַר קאָרנעליען, וואָס זי האָט געפונען אַן עלטערע און וויכטיקע פּערזאָן, וועלכע האָט זיך געטיילט מיט איר מיט דער לאַסט פון דער שווערער אַלגעמיינער קריטיק. פרוי איוועגס האָט איר געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונגען דורכגעמאַכט בעתן שטרייק אין לאָורענץ. צוזאַמען מיט אַנדערע איז זי אַוועק אַהין, כדי צו אָבסערווירן דעם הערלעכן קאַמף. אָבער זי האָט זיך אַנטוישט, אַנשטאָט דעם האָט זי געזען אַן אוממעכטיקן שטרייקנדיקן אַרבעטער, וועלכן דריי פּאָליציאַנטן האָבן אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און לסוף אַריינגעשטופּט אים ווי עפּעס אַ טויטע זאַך אין פּאָליצײ-וואָגן. צומאָרגנס האָט זי געזען, ווי מ׳האָט געמשפּט אַן אַרבעטער מיט אַ צעהאַקטן קאָפּ אַרומגעבונדן מיט באַנדאַזשן, זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און דערקלערט פאַרן געריכט, וואָס זי האָט געזען, און דער ריכטער האָט איר דערויף געענטפערט:

— אײַערע דערקלערונגען וואָלטן געווען וויכטיק נאָר דאַן, ווען דער פּאָליציאַנט וואָלט געווען דער באַשולדיקטער.

און ער האָט פאַרמשפּט אַלע שטרייקנדיקע אויף תפיסה. דאַן האָט פרוי איוועגס נאָכאַמאָל גענומען אַ וואָרט און דערקלערט:

— איך בין ערב פאַר די אַלע אַרעסטירטע.

צומאָרגנס האָט מען באַשריבן דידאָזיקע געשעעניש אין די צייטונגען. מ׳האָט ציטירט אירע ווערטער און אָפּגעדרוקט איר בילד. דאָס איז ווידער געווען אַן אילוסטראַציע צום „אַלטן באָסטאָן”. פרוי איוועגס אַליין איז געווען אַקציאָנערין אין דער שפּינערײַ אין לאָורענץ, און דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט די פאַרוואַלטונג פון דער שפּינערײַ און די סענסאַציע איז געוואָרן גרעסער! זי איז אַוועק אין דער הויפּטקוואַרטיר פון די שטרייקנדיקע און דערקלערט די פירער פון

י. וו. וו. די פאַרשידענע וואָפּס, דאַגאָס און די איבעריקע שלעפּער:

— איך ווייס נישט, צי אייערע פאָדערונגען וועגן אַ העכערן לוין זענען באַרעכטיקט און באַגרינדעט, אָבער איך ווייס, אַז די מאַכט פאַרפאָלגט אייך, אַז זי נעמט ביי אייך אָפּ די רעכט, וואָס קומט אייך, און ביי דידאָזיקע פאָדערונגען בין איך מיט אייך.

פאַרן באַשלוס פון אַזאַ דערקלערונג האָט מען געדאַרפט זיין צוגעגרייט, אַז מ'זאָל באַשרייבן אַלס פירערין פון דער רעוואָלוציע און לייטערין פון דער קאַמפּס-גרופּע.

איצט האָט זיך פרוי איוועגס פאַראינטערעסירט מיטן פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטי און באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין דעדהאַם, כדי מיט די אייגענע אויגן אָנצוקוקן וועג טייער און פרעד קאַצמאַן, און אויפרעגען זיך גלייך מיט אַלעמען. און גאַנץ מעגלעך, אַז אירס אַ דערקלערונג וואָלט געווען גענוג, ווען טייער און קאַצמאַן וואָלטן געמשפט געוואָרן. אָבער די שעה איז נאָך נישט געקומען — נישט דאַן און נישט אין די שפּעטערדיקע פינף אָדער זעקס יאָר.

XI

קאַפּיטאַן דזשאָן קווינסי טאַרנוועל, קאָרנעליעס אור-פלימעניק, דער עלטסטער זון פון פּרעזעס אין דער באָסטאָ-נער פינפטער נאַציאָנאַל-באַנק, איז געווען אַן אָפיציר פון דער באַטעריע א., די פּרעכטיקסטע מיליטערישע באַשעפעניש, אין וועלכער די יוגנט האָט זיך געקענט פירן מיט גרויס רחבות. ער איז געווען אַ היכער גאָלד-האָריקער, און אין זיין פּרעכ-טיקן מונדיר האָט ער אויסגעזען אַזוי „צוציענדיק", אַז ער האָט צוגעצויגן אַ ווייב, וואָס האָט מיט דער צייט געדאַרפט ווערן די אייגנטימערין פון אַ צענט חלק פון דער גאַנצער עלעקטרישער אינדוסטרי אין ניי-ענגלאַנד. קאַפּיטאַן דזשאָן איז געווען דירעקטאָר אין זיין פאָטערס באַנק, ער האָט געבויט אעראָפּלאַנען און אַנדערע מכשירים, וואָס ער האָט באַשאַפן

צו הרגענען מענטשן, און דערפאַר איז ער געווען איבערצייגט אין זיין גרויסקייט.

קאָרנעליע האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן דעם טאָג, ווען ער איז מיט זיין באַטעריע אַרויסגעפאָרן קיין פראַנקרייך. צוזאַמען מיט זיין פאַרצווייפלט ווייב איז זי געפאָרן, כדי זיך צו געזעגענען מיט אים. וואָס פאַר אַ שרעקלעכע אילוסטראַציע פון דער מלחמה! די גאַנצע באָסטאָנער אַריסטאָקראַטיע אין אירע פּרעכטיקע לימוזינעס, האָט געשטעקט אין דעם זומפּיקן פעלד לענגאויס דעם טייך אייבסוויטש. פּלוצלונג איז געוואָרן אַ שטורעם, ס'האָט גערונערט און געבליצט, ס'איז אַראָפּ אַ רעגן, פאַרפלייצט די גאַנצע געזעלשאַפט פון דידאָזיקע מאַכטהאָבער. אַלע יחוסדיקע פאַמיליעס זענען אומרחמנות־דיק באַשטראָפט געוואָרן דורך דער שטאַרקער בלינדער סטיכיע — צי איז עס נישט געווען אַ סימבאָל פון דער מלחמה? די אַריסטאָקראַטיע באַדראָט און צעשלאָגן. און דידאָזיקע פּרעכטיקע מיט דעליקאַטעסן אָנגעגעסענע האַראַוואַרדער, אָנגעטון אין זייערע נישט דורכגעצבאַרע האַקי־מאַנטלען, באַשפּריצט מיט בלאָטע, זענען געשטאַנען אויף דער וואָך פאַר אַ פאָן מיט שטערנדלעך; דאַן האָבן זיי זיך געמוזט ראַנגלען מיט די פאַרעקשנטע פערד, און געצוווּנגען זיי אַרויסצוציען די מאָרדנדיקע האַרמאַטן פון דער בלאָטע!

קאַפּיטאַן דזשאָן איז אוועקגעפאָרן אויף אייביק ווי אַלע אַנדערע. ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון צווישן די לעבעדיקע, בעת די פאַרצווייפלטע קאַמפן אין אַרגאָנער וואַלד. און איינמאָל בעת מ'האָט אויסגעגראָבן די מתים פון די געפאַלענע, אין פראַנקרייך, האָט מען געפינען אַ סיגנעט אויף אַ פינגער פון אַ געהרגעטן. דעם רינג האָט מען אָפּגעשיקט קיין באָסטאָן און מ'האָט עס געמאָלדן אין די צייטונגען. די מוטער פון קאַפּיטאַן איז אים נעגאַנגען אָנקוקן און דערקענט דעם זונס סיגנעט. דאַן האָט די פאַמיליע אַראָפּגעבראַכט דעם מת אין אַ טרומנע, פון וועלכער מ'האָט אַרויסגעפּאָמפּעט די לופט און אַרום איר האָט מען גדאַרפט אויסדריקן עפנטלעך דעם געפיל פאַר דעם רום פון פאַטערלאַנד:

אַ באַרימטער סקולפּטור האָט אויסגעהאַקט אַ דענקמאָל און אין דערזעלבער צייט האָט געדאַרפט פּאַרקומען די לוויה מיט אַ בלאָז-אָקערסטער, פּויקן, תּפילות און סאַלווען — און איינע פון די הויפּט-גאַסן, וואָס איז באַוווינט פון דער פּאָס-טאָגער רייכער און עלעגאַנטער באַפעלקערונג, האָט באַדאַרפט קריגן אַ נאָמען „דזשאָן קווינסי טאָרנוועל גאַס". און אַפילו אין די שטעטלעך אין דער אַרומיקער סביבה איז געשען דאָס אייגענע, אומעטום האָט מען געענדערט די נעמען פון גאַסן, פּלעצער, אַלעען.

דידאָזיקע צערעמאָניעס זענען פאָרגעקומען דעם 29-טן מאַי צוויי טאָג פאַר אָנהויב פון פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטי אין דעדהאַם. און צוליב דעם איז צווישן דעם העלדס עלטער-מומע און זיין קוזינע עליזאַבעט טאָרנוועל אַלוויין געקומען צו אַ שטאַרקן סיכסוך. ס'איז געווען ממש אומגלויבלעך, אַז אויף אַזאַ פייערונג זאָל פעלן עמעצער פון דער פאַמיליע; קאָרנע-ליע האָט בדעה געהאַט צו גיין, ווייל זי האָט געוואָלט אָנהאַלטן גוטע באַציונגען מיט דער פאַמיליע, אָבער בעטי האָט געזאָגט, אַז זי וויל בעסער גיין אין צירק אריין, כדי נאָך אַמאָל אַ פּרווו טון זוכן דעם מענטש, וואָס דעם באַנדיטס קול האָט דורכגעלעכערט דעם פּאַלטן! און ווען קאָרנעליע האָט זיך באַנוצט מיטן אַרגומענט, אַז דזשאָן האָט „אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַרן פאָטערלאַנד", האָט די פאָרשטייערין פון דער יונגער גענעראַציע געענטפערט:

— רעד נישט ווי אַ לעגיאָניסטין! ער האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר זיין טאַטנס אָבליגאַציעס. איך באַדאַרף זיי נישט, און איך האָב גאָרנישט בדעה זיי איינצוקויפן, איך זע נישט איין קיין שום סיבה, פאַרוואָס איך זאָל אַרויסווייזן אָנ-ערקענונג מיין מיליטאַריסטישן קוזין.

— אָבער בעטי, ער לעבט דאָך שוין נישט.

— גאַנץ פיין, וועלן מיר דאָך אים אַוודאי גאָרנישט העלפן, ווען מיר פּאַראַדירן פאַר זיין טויטן קערפּער. מיר טוען דאָך עס פאַר אונזער כבוד. בעסער, כדי אויפצוועקן די

אמביציע ביי די יונגע יינגלעך — ווייל ווען דער טאַטע וועט דאַרפן פאַרטיידיקן זיינע אָבליגאַציעס, וועלן זיי זיין איבער-צייגט, אַז זיי קעמפן פאַרן כבוד, דאָס איז גאַנץ פשוט פאַר אַ מיאוסע מיליטערישע פּראָפּאַגאַנדע, און אויב דו, וואָס דו האַלסט זיך פאַר אַ פּאַציפיסטין, העלפסט זיי מיט — ווייזט דערמיט, אַז דו ביסט שוין אַלט און פאַרמאַטערט — אַזוי איז עס — טייערע באָבעשי!

XII

צי דאָס איז געווען צופאַל אָדער עפּעס אַ ווילדער קאַפּריז פון גורל — דער יאָרצייט איז אויסגעפאַלן אויף אַ מאָנטיק, אַזוי אַז די פּאַטריאָטן האָבן געהאַט גאַנצע צוויי טעג פאַרן פּראָצעס, כדי אויפצוהעצן דעם עולם קעגן די רויטע. אין דעמדאָזיקן זונטיק, האָבן מינדעסטנס צוויי הונדערט באָס-טאָנער, אַ פינפטל פון אַלע איינוווינער זיך באַטייליקט אין אַזעלכע צערעמאָניעס. דער גובערנאַטאָר און דער בירגמייסטער זענען דעם גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען: האַלטן רעדעס ביים מיטאָג, ביים לונטש און אויף באַנקעטן, און אין מיטן פּראָ-צעסיעס, כבודים און אויפדעקונגען פון דענקמעלער. סענאַטאָרן, קאָנגרעס-מיטגלידער, ראַטמענער און פּראָקוראָרן האָבן אויף צוויי טעג אָפּגעשטעלט זייערע גנבות, האָבן געהאַלטן באַגייס-טערטע דרשות וועגן דער נאַציאָנאַלער פאָן און געצאָרנט קעגן אירע שונאים, די בייזע און רשעותדיקע ראַדיקאַלן. אין הונדערטער קאַטוילישע קירכעס האָט מען אָפּגעריכט תפילות, די גרעסטע און די ערפּאָלגרייכסטע אויסוואורפן פון מאַסאַטשו-סעטס האָבן געהאַלטן רעדעס. ס'איז פאָרגעקומען אַ גאָטעס-דינסט אויפן בית-עולם פון פאָרעס הילז, און ניין הונדערט וועטעראַנען פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי האָבן אַוועקגעלייגט קרענץ אויף די קברים. ס'איז פאָרגעקומען אַ גאָטעס-דינסט אין פענוויי-פּאַרק, און די וועטעראַנען פון דעם בירגער-קריג פון דער שפּאַנישער מלחמה און פון דער וועלט-מלחמה זענען

געשטאַנען אין אַ לאַנגע ריי ביז אויף דעם סאָפּלע סקווער; מעגאַפּאָנען האָבן איבערגעגעבן דעם גרויסן המון מענטשן די הייליקע עבודה. אין דער פּאַרק-סטריט-קירכע האָט מען אָפּגעדעקט אַ טאָוול מיט נאָמען פון די מיטגלידער, וואָס האָבן מקריב געווען זייער לעבן אין דער וועלט-מלחמה. די עלטסטע וועטעראַנען, וואָס זעבען שוין געווען צו שוואַך צו גיין לייגן קרענץ אויף די קברים, האָט מען אַרומגעפירט אין מאָטאָר-שיפלעך איבער דעם טייך און זיי האָבן געשאָטן בלומען אויפן וואַסער לכבוד די אומבאַקאַנטע געפאַלענע זעלנער.

אומעטום איבערן גאַנצן לאַנד איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע. עס איז נישט געווען אַפילו די קלענסטע געמיינדע, וואָס האָט נישט געהאַט אירע העלדן און אירע יאָרצייטן. עס האָבן געווייעט פענער און מ׳האָט אָפּגעדעקט געדענקמעלער.

קווינסי, די גרעסטע שטאָט אין באַצירק גאָרפאָלק, וואָס האָט געדאַרפט אַרויסגעבן פון זיך די געשווירענע ריכטער פאַר סאַקאָ און וואַנצעטין, האָט געהייליקט דריי עפנטלעכע פּלעצער, וואָס זענען אָנגערופן געוואָרן נאָך טויטע העלדן. איינער פון זיי איז געפאַלן אין דער שפּאַנישער מלחמה, אַ צווייטער בעת אַן אויפשטאַנד אויף די פיליפּינען. אַ סך יאָרן האָבן זיי אָן שום תיקון אַרומגעבלאָנדזעט אין לאַנד פון שאָטן. איצט האָט מען זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן זיי, — אין דעם טאָג ערב דעם פּראָצעס פון די בייזע אַנאַרכיסטישע באַנדיטן! דער ערשטער מת, דער בירגער פון קווינסי, וואָס איז געפאַלן אין דער בירגער-מלחמה איז איצט אויפגעריכט און געפייערט זיין תחית-המתים — זעכציק יאָר איז ער פארגעסן געווען! אין ברידזשוואָטער, ווו ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס פאַרברעכן, צוליב וועלכן וואַנצעטי איז געזעסן אין תפיסה, האָט מען מיט גרויסע פּאַראַד באַהאַלטן די ביינער פון אַ געהרגעטן, וואָס מ׳האָט געבראַכט פון פראַנקרייך פון דער וועלט-מלחמה. אין ברעינטרי, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דאָס צווייטע פאַרברעכן, האָט מען אויך באַהאַלטן אַ טויטן סאָלדאַט און די גאַנצע באַפעל-

קערונג האָט זיך באַטייליקט אין דער פייערונג. פּראָצעסיעס
רעדעס פון די רעגירונגס-פאָרשטייער, אין דער קעגנוואַרט פון
די שטאָטישע פאָרשטייער און אַנדערע גרויסע לייט, וואָס זענען
געזעסן דערביי מיט אַנטבלויזטע קעפּ. באַפּוצטע פאָנען, פאַר-
שטיקטע טראָמפּייטן און סאַלוון איבער דעם קבר.

א שטורם פון פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג, א שטראָם
רייד וועגן אַמעריקעס גרויסקייט און קללות קעגן אירע שונ-
אים; הונדערטער טויזנטער געדולדיקע מענטשן, וואָס זענען
מיט גרויס יראַת הכּבוד געשטאַנען אונטער דער פרילינגדיקער
זון, מיליאָנען לייענער, וואָס האָבן נעלייענט די באַריכטן אין
א פּאָר צענדליק גרויסע צייטונגען; — און בלויז איין ביטע-
רער טראָפּן אין דעם גרויסן בעכער פון פרייד — דער פּאַקט,
וואָס די צייטונגען זענען געווען געצוווּנגען צו מעלדן וועגן
א גאַנצע רייע סקאַנדאַלן, וואָס האָבן געהאַלטן ביים פּלאַצן
מיט א שרעקלעכן געשטאַנק. דער שעף פון יוסיץ-דעפּאַרטע-
מענט פון מאַסאַטשוסעטס האָט אָנגעהויבן דעם פּראָצעס קעגן
דעם פּראָקוראָר פון דעם מידלערזער באַצירק און אים באַ-
שולדיקט, אַז ער האָט אויסגעפּרעסט פון אַ גאַנצער ריי פילם-
פאַבריקאַנטן אַן ערך איבער הונדערט טויזנט דאָלאַר, כּדי
נישט צו פאַרפאָלגן זיי פאַר אַ סך פאַרשידענע אָרגיעס. די
צייטונגען זענען געווען פול מיט אַלערליי טונקעלע פּרטים
וועגן נאַקעטע מיידלעך און אויסגעלאַסענע טענץ; מ'האָט
געשמועסט וועגן אַ גאַנצע רייע אָנגעזעענע פּאָליטיקער און
אַדוואָקאַטן פון באָסטאָן, וואָס האָבן פון דער געשיכטע אָפּ-
געלעקט אַ ביינדל.

אין דערזעלבער צייט האָט דער מלוכהשער באַנק-קאָ-
מיסאַר אויסגעפאָרשט דעם ענין, וועגן די אונטערגעקויפטע
באַאַמטע, וואָס זענען אַרויסגעשווומען אויף דער אויבערפלאַך
א דאַנק דעם לעצטן באַנק-קאָנקורס. עס איז געווען אַ גרויסע
חרפּה, וואָס אַ סך פון די פּאַטריאָטישע רעדנער אויף דידאָ-
זיקע ימים-טובים, האָבן זיך באַטייליקט אין דערדאָזיקער קאָ-
רופּציע. דער עולם האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן דעם. אָבער

די רעדנער האָבן עס יאָ געוווּסט און דערפֿאַר האָבן זיי אַרומגעטאַנצט אויפֿן אויבן-אָן און געמאַכט מיט די הענט, ביז זייערע פּנימער זענען געוואָרן רויט ווי צוויק און דער שווייס האָט דורכגעווייקט זייערע אָנגעקראַכמאַליעטע קעלנער. די מעגאַפֿאָנען האָבן געברומט; די פּאַרקן און די עפּנטלעכע פּלעצער, די קירכעס, די טעמפּלען און די פֿייערונג-זאַלן האָבן אָפּגעקלונגען פֿון דער מלאכים-ריינער אומשולד פֿון די איידעלע אידעאַליסטישע מענער, וואָס זייער געזעלשאַפֿטלעכע אויפֿגאַבע איז געווען תּמיד צו שטיין בײַ דער שיסל.

XIII

אַזוי שלעכט איז נאָך נישט געווען אויף דער פֿייערונג, אין וועלכער קאָרנעליע האָט גענומען אַן אָנטייל, וואָרום דאָס איז געווען אַ טאָרנוועל פֿייערונג און מ'האָט געקאָנט גלייבן, אַז די טאָרנוועלס וועלן נישט דערלאָזן, אַז עפּעס אַ קאָמפּראָמיטירטער ריכטער דורך אַ סקאַנדאַל זאָל קענען רעדן אויפֿן „דזשאָן קווינסי טאָרנוועל פּלאַץ". דער טאָרנוועל-שטאַם האָט גוט געקאָנט די כאַבאַרניקעס, ווייל צי האָט ער אַליין זיי נישט אונטערגעקויפֿט? צופֿעליק האָט אין דעם יאָר געהערשט אַ פּרעזידענט אַן אַריסטאָקראַט — אַ זעלטענער פֿאַל פֿון טריומפֿירנדער ווירדע! און אויב דער אויספֿאָרשונגס ריכטער האָט אויסגעטוישט זײַן רעגירונגס-שטעלע אויף וויצע-פּרעזידענט אין איינעם פֿון רופּערטס בענק, און צוויי פֿריינט דעם באַנקירס זענען אַרײַנגעטרעטן אין העכסטן געריכט — איז עס געווען אַזאַ גרויסער סקאַנדאַל, וואָס האָט שוין נישט קאָמפּראָמיטירט! די מענטשן האָבן נישט געקאָנט אַרײַנדרינגען אין דידאָזיקע פֿאַרנעפּלטע קאָמבינאַציעס און זיי האָבן נישט גערעדט וועגן דעם, מיטן אויסנאַם פֿון עטלעכע אָנטשעפּעניש, אָדער די מיטגלידער פֿון אַ קעגנערישע באַנק-גרופּע, וואָס האָט גוט געקאָנט רופּערטס פֿאַרגאַנגנהייט.

מ'האָט אויפֿגעשטעלט אַ גרויסע טריבונע, אַרומגעהאָנגען

מיט פענער און בענדער. דאָס גאַנצע אָרט איז אַרומגעצוימט געוואָרן מיט שטריק, די פּאָליציי האָט פאַרהאַלטן דאָס שטויסנדיקע פּובליקום — און אָט איז אָנגעקומען די באַטעריע, ווי פון קאַפּיטאַן דזשאָן, זיי זענען געווען אָנגעטון אין האַקי־מונדירן און געקלונגען מיט געווער; ס'האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּעריי פון די פערדישע קאָפּיטעס, די פענער האָבן געווייעט, און ס'האָט זיך באַוויזן אַ רויטע פאָן מיט געלע אותיות. ס'זענען אָנגעקומען די פיסגייער, די אַזוי גערופענע „קאַדעטן", אין לאַנגע בלויע הויזן מיט געלע פּאַסן. דאַן האָבן הונדערט וועטעראַנען פון דער גרויסער אַרמיי, אָרעמע אַלטיטשקע, פאַרוווּנדעטע אויף פאַרשידענע אופנים, געטראָגן זייערע אָפּגעריבענע פענער, זיי זענען געווען אָנגעטון אין אָפּגעריבענע האַקי־מונדירן, באַפּוצט מיט מעדאַלן און אויסצייכנונגען הינטער זיי זענען געגאַנגען די וועטעראַנען פון אַמעריקאַנער לעגיאָן, די יינגלעך־קאַדעטן, אויסגעפּוצטע אויף דער פייערונג. לסוף זענען אָנגעפאָרן די אויטאָמאָבילן, פיל מיט גרויסע פערזענלעכקייטן אין ברייטע מאַנטלען פון ענגלישע וואָל און אין גלאַנצנדיקע צילינדערס, אויך דאַמען אין קאָסטבאַר זיידנס און אין נייע פרילינגס היטן.

אַ פּראַכטפול בילד; ביי די טראָמפּייטן און ביים געקלאַפּעריי פון די פּויקן, די אָנוועזנדע האָבן זיך אויפגעשטעלט און אַוועקגעזעצט; אָפּגעדעקט די קעפּ, פאַרנויגט זיך, בעת דער פּאַסטאָר פון דער דריי אייניקייט־קירך פון דער שטאָט באָסטאָן האָט אָנגעהויבן לויבן דעם גאָט פון מלחמה און זיין זון, דעם גאָט פון שלום. מלחמה און שלום האָט זיך אַזוי אויסגעמישט אין די פייערלעכע ווערטער, אַז קיינער וואָלט נישט בכח געווען אונטערצושיידן, וואָס עס שטייט ביי אים העכער. די רעדנער האָבן דערקלערט, אַז דער איינציקער וועג צו פאַרזיכערן שלום איז אַ צוגרייטונג צו אַ מלחמה. אין הסכם מיט דעמדאָזיקן פּראָגראַם האָבן די פעלקער זיך געריסן צו דער גרעסטער מלחמה, כּדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן צו אַלע מלחמות. און איצט ווערט ווידער אויסגעגעבן

אוצרות געלט אויף צוצוגרייטן זיך צו אַ גרעסערע מלחמה און ווידער צו דער לעצטער!

עס איז אָבער כדאי צו דערמאָנען, אַז צווישן דעם ריזיקן המון, וואָס האָט אַפּלאָדירט, געזונגען און אויסגעהערט — האָבן זיך אַזוינע פּאַררעטערישע געדאַנקען געשפּינס נאָר אין איין קאָפּ — אין קאָפּ פון אַ קליינטשינקער עלטערער דאַמע, וואָס איז געזעסן אין דער ערשטער ריי, צווישן די חשובסטע און וויכטיקסטע געסט. זי, די אַלמנה נאָכן גובערנאַטאָר טאָרנ־וועל, אַ מומע פון העלד אַליין, האָט זיך נישט געקאָנט אָפּ־זאָגן צו קומען אויף דערדאָזיקער פייערונג, נישט אַרויסצורופן אַ סקאַנדאַל, אַ שרעקלעכן ליאַרם, אַז שונאים פון לאַנד האָבן זי אָפּגעריסן פון איר פאַמיליען נעסט און געמאַכט זי אַ ווערק־צייג פון באָמבע־וואַרפער און באַנדיטן. זי האָט אויסגעזען שיין מיט אירע כמעט ווייסע האָר אַרום איר קליין לעגלעך איינגעקנייטשט פּנים, וואָס האָט תמיד אויסגעזען פריילעך. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ נייען פרילינגס קאָסטיום, אויסגע־קליבן און געשאָנקען דורך איר טאָכטער אַליס, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גוטן געשמאַק. די אַלטיטשקע האָט געהאַט שיינע מאַניערן, זי איז געווען אַזוי סובטעל און דיסטיגנירט, אַז ס'איז שווער געווען צו גלויבן דאָס, וואָס אַלע האָבן געוווּסט, אַז גלייך פון דערדאָזיקער פייערונג וועט זי אַוועקפאָרן קיין דעדהאַם, כדי דאָרטן זיך צוזאַמענצוטרעפן מיט פאַרברעכן און מיט איר אָנווענזנהייט סאַנקציאָנירן דאָס פאַרטיידיקן די אומ־גליקלעכע אַנאַרכיסטן קעגן פאַרמשפּטן זיי אויף טויט.

זי האָט געקוקט מיט טרערן אין די אויגן, ווען איר אור־פּלימעניצע, אַ קליין מיידעלע, אַ טאָכטערל פון געפאַלענעם העלד, איז צוגעגאַנגען אַראָפּנעמען דעם שלייער פון דעם בראָנזענעם טאָוול. די פויקן האָבן אַ דונער געטון, דאָס פּוב־ליקום איז אויפגעשטאַנען פון די ערטער און אָפּגעדעקט די קעפּ, די אָרקעסטערס האָבן אָנגעהויבן שפּילן דעם הימן: „אַמעריקע", אַלע האָבן געזונגען, עס איז געווען אַ הערלעכער מאָמענט! די שיינע, יונגע אַלמנה נאָכן העלד האָט פאַרשטעלט

ס׳פּנים מיט די הענט, און אַפילו אַזעלכע סאָלידע מענטשן, ווי דזשעמס סקאָטערברידזש און דער צינישער העגרי קאַבאָט ווינטערס, און אַפילו דער סטאַטישער רופּערט אַלווין, האָבן זיך נישט געשעמט אַרויסצוּווייזן זייער גערירטקייט. קאָרנעליע האָט געהאַט רעכט אויף אירע טרערן און אירע פּאַררעטערישע געדאַנקען האָט זי באַהאַלטן פאַר זיך. קיינעם איז נישט גע־קומען אויפן געדאַנק, אַז זי האָט געוויינט איבער אַנדערע העלדן, וואָס האָבן באַדאַרפט ווערן אומגעבּרענגט! זי האָט געוויינט איבער די קליינע ייִנגלעך אין האַקי־מונדירן, וואָס זענען גע־שטאַנען מיט זייער אָנגעגעסענע פּנימלעך צו די רעדנער און צו דער שיינער ווייעגדיקער פאָן; איבער די מוטערס, וואָס האָבן געבראַכט אַהער זייערע זון, כּדי זיי מקריב צו זיין און אָנצינדן אין זיי אַ פאַרלאַנג צו דער קינפטיקער שחיטה; זי האָט געוויינט אויף די הכנעהדיקע מאַסן, וואָס האָבן פאַרפלייצט די גאַסן אין אַלע ריכטונגען, אַנטבלויזט די קעפּ און גע־גלויבט — קוקנדיק אויף די אויסדערווײלטע — אין יעדן וואָרט, וואָס איז זיי איבערגעחזרט געוואָרן דורך די מעגאַ־פאָנען!

אַ טיפער תּהום טיילט אָפּ די ריזיקע מאַסע, וואָס גלויבט — און דאָס קליינע הייפל, וואָס ווייסט. פאַר די ערשטע באַדייט אַמעריקע און איר סימבאָל — די פאָן מיט שטערנד־לעך, פרייהייט, גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט: בעת פאַר דעם קליינעם הייפל באַדייט זי פּריוואַט־אייגנטום פון דער ערד, מאַשינען, קאַפּיטאַל און עקספּלואַטאַציע פון אַרבעט — אַלס אַ גרונט באַזיס מיט דער הילף פון דעמדאָ־זיקן סיסטעם האָבן דידאָזיקע ווייסנדיקע געמאַכט פון זיך אָפּהענגיק דעם קרעדיט פון קלענערע און שוואַכערע פעלקער — אַמעריקע און איר פאָן באַדייט: מלחמה־שיפן, געווער, אַעראָ־פּלאַנען און גיפטיקע גאַזן — כּדי צו נעמען אייביק צינזן. דאָס איז געווען די אמתע סיבה, וואָס האָט געהייסן דידאָזיקע האַרן אָפּרייסן זיך פון זייערע מסחרים אויף גאַנצע צוויי טעג, אויפשטעלן טריבונעס, דעקאָרירן פּלעצער, אַוועקשטעלן מעגאַ־

פּאָנען, כדי עס זאָלן זיך ווייט פּאַנאַנדערגיין די ווערטער פון די פּאָליטיקער, פּאַסטאָרן, רעדנער, און זיי זאָלן געהערט ווערן דורך דעם פּובליקום, וואָס האָט פּאַרפּלייצט די סקווערן. דערפאַר האָט יעדער רעדנער נישט געוואַגט צו דערמאָנען דעם „איבערלעכן שונא", וועגן די פאַרברעכערישע אַרויסטריטן פון די רויטע, וואָס האָבן נישט געוואָלט ליב האָבן אַמעריקע, אָנערקענען אירע אידעאַלן, נאָר געוואָלט אַראָפּוואַרפן די בעסטע רעגירונג אויף דער וועלט, אַנולירן אַלע חובות, נאַציאָנאַליזירן אַלע פּרויען, און מאַכן פון אַמעריקע אַ נעסט פאַר די, וואָס די רעדנער האָבן אָנגערופן באָלשעוויקעס, אָדער — ווי עס רופן זיי צום ביישפּיל די ריכטער, חי וועבסטער טייער — אַנאַרכיסטן!

קאַפּיטל XIII

פאַר די געשוווירענע

1

— דאָס געריכט! — האָט אויסגערופן דער געריכטס־דינער, און אַ קלאַפּ געטון מיט זיין צערעמאָניע־שטעקן אויף דעם דיל. עס איז נישט געווען דער געריכטס־זאַל פון פּליי־מוט, נאָר פון דעדהאַם אין באַצירק נאָרפאָלק, און דעריבער איז דער געריכטס־דינער אויך געווען אַן אַנדערער; אָבער ער האָט אויסגעזען אַקוראַט ווי זיין קאָלעגע, און זיין שטעקן און זיין אוניפאָרם זענען אויך געווען פּונקט אַזעלכע. דער אייגע־נער דאַרער, איינגעשרומפּענער אַלטער מאַן מיט ווייסע וואָנסעס און צעקנייטשטן פּנים, אין דער זעלביקער פאַלדיקער שוואַרץ־זיידענער טאָגע איז אַריינגעקומען אין זאַל אַריין. די אַדוואָ־קאַטן און דאָס פּובליקום זענען אויפגעשטאַנען פון די ערטער מיט דעם זעלביקן אויסדרוק פון יראַת הכבוד, און דער געריכטס־דינער האָט ווידער אַ קלאַפּ געטון מיט זיין שטעקן אָן דעם דיל, און איבערגעחזרט דעם אוראַלטן פּזמון: —„הערט, הערט יעדערער, וואָס וויל זיך פאַרקלאָגן פאַר די געאַכפּערטע ריכטער, וואָס טוען יעצט משפּטן אין באַצירק־נאָרפאָלק, און פאַרן באַצירק־נאָרפאָלק, זאָל ער אַריינקומען, זאָגן זיין עגמת־נפש, און מ'וועט אים אויסהערן! גאָט, באַשיץ דעם שטאַט מאַסאַטשוסעטס!

אויך דער אייגענער פּראָקוראָר איז אויך דאָ, פּרעד קאַצמאַן, מיט זיינע בלאָנדע האָר, און דעם אָנגעגעסענעם

ווייטן פנים, רונדיק, פליישיק און גלאַט ראַזירט, מיט זיין דיקלעכער פיגור, זיינע מאַניערן פון אויסערגעוויינלעכער האַר-ציקייט קעגן זיינס גלייכן, און פון פּרייסיש-ער שטרענקייט בנוגע זיינע אונטערגעוואָרפענע. ווייטער — דריי אַסיסטענטן פון דער פּראָקוראַטור. איינער פון זיי האָט געהאַט פּונקט דעם זעלביקן שניט ווי ריכטער טייער. ווייטער לי סווענסאָן, זיין הויכע פיגור האָט זיך שטאַרק אָנגעזען צווישן די איבעריקע. זיין פּנים איז במשך פון די פיל נישט דערשלאָפענע אַרבעט-זאַמע נעכט שטאַרק אָפּגעצערט געוואָרן. זיין שוואַרצער אָנצוג איז געהאָנגען לויז אויף זיין קערפּער, — אָבער ער האָט געמאַכט אַ קליינע קאָנצעסיע פאַרן שטאַט מאַסאַטשוסעטס, און אָפּגעשוירן זיך די האָר. ווייטער פרעד מור פון קאַליפאָרניע, פלינק און קאָמפּסלוסטיק און די מעק-ענערנייס, מיטפּאַרטיידי-קער, צוויי ברידער, איר-ענדישע קאַטאָליקן, וואָס מ'האָט אַראָפּגעבראַכט אַהערצו מיט דער פאַלשער האָפנונג, אַז זיי וועלן דער פאַרטיידיקונג פון די צוויי אין מאָרד-באַשולדיקטע, אַנאַרכיסטישע וואָפּס צוגעבן אַ שטיקל אויסזען פון רעספּעקט.

דער געריכט-זאַל איז געווען געפּאַקט. אַ גרויסער צאָל מענער, וואָס מ'האָט פאָרויסגעזען פאַר געשווירענע און אַ סך מער צושויער, ווי ס'זענען געווען ערטער. די צייטונגען האָבן אָפּגעגעבן לאַנגע און אויספירלעכע באַריכטן וועגן דעם פּראָ-צעס, וועגן דידאַזיקע ביידע פאַרברעכער, וואָס זענען אַנט-שלאָסן אויף אַלצדינג, וועגן דער ראַדיקאַלער אַגיטאַציע, וואָס מ'פירט לטובת זיי, וועגן די פאָרזיכט-מיטלען, וואָס מען האָט געמוזט אָננעמען, כּדי צו שיצן דעם געריכט. דער ריכטער און דער פּראָקוראָר זענען טאָג און נאַכט באַגלייט געוואָרן פון אַ לייב-וואַך. ספּעציעלע מענטשן פון פאַרשידענע פּאָליציי-אָפּטיילונגען פון דעם באַצירק-נאָרפאָלק האָבן דערפילט דידאָ-זיקע דינסט; פופצן באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן האָט מען פאַנאַנ-דערגעטיילט איבערן זאַל, און צו דריי זענען נאָך געשטאַנען ביי יעדער טיר. צוהערער, מענער, זענען פאַרן אַריינגאַנג אין זאַל גרינטלעך באַזוכט געוואָרן. און די פרויען האָבן געמוזט

עפּענען זייערע האַנט-בייטלען; ס׳איז געווען אַ געשפּאַנטע כּמעט קריגערישע אַטמאָספערע.

אונטער אַ שמירה פון באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן האָט מען געבראַכט וואַנצעטין אין אַן אויטאָמאָביל פון דער טשאַרלסטאָ-נער תּפיסה. „ווו ער איז אָפּגעזעסן אַ שטראָף פון צוועלף ביז פופצן יאָר פאַרן פאַרברעכן אין זיד ברענטרי״ — אַזוי האָבן געשריבן די צייטונגען, די מענער, וואָס מ׳האָט איינגעלאַדן פאַר געשווירענע האָבן עס געלייענט, און זיך אונטערגעהאַלטן דערמיט. דאַן ווען זיי האָבן אָנגעהויבן זייער פונקציע האָבן זיי כּלומרשט נישט געדאַרפט וויסן פון וואַנצעטיס פריערדיקער שטראָף. און יעדערער, וואָס שעצט דעם יוסטיץ-וועזן פון דער מלוכה, וועט מאַכן אַזאַ אָנשטעל, ווי ער וואָלט זיך געלאָזט אָפּנאַרן. כּמעט אין מיטן זאַל איז געשטאַנען די שטאָלענע „שטייג״ — זי האָט אויסגעזען ווי אַ קאַסטן איבערצוטראָגן פּאָטערפיאַנעס מיט פאַרפלאָנטערטע קראַטעס, די עפנונג איז געווען פון פאָרנט, אַ פּסיכאָלאָגישע טיפּזיניקע איינריכטונג, צוגעפּאַסט צו אַנטשפּרעכן די יוריסטישע פיקציע, לויט וועלכע אַ וואָפּ גילט נאָך אַזוי לאַנג פאַר אומשולדיק, ווי לאַנג זיין שולד איז נאָך נישט באַוויזן געוואָרן. בעת דער גאַנצער געריכט-פאַרהאַנדלונג זען אים די געשווירענע זיצן אונטער די קראַטעס, און ווען זיי גייען אַוועק אויף אַ באַראַטונג, קענען זיי אים נאָך אַלץ ווי אַ באַשעפעניש, וואָס דאַרף זיצן אין אַ שטייג. לעבן די געשווירענע איז געשטאַנען אַ הויכער שטאַנג מיט דער אַמעריקאַנער פאָן.

אַ באַוועגונג צווישן עולם. די באַנדיטן גייען! עס עפנט זיך אויף אַ זייטיקע טיר אין געריכטס-זאַל, אַ סך פּאָליציאַנטן קומען אַריין, דאַן גייט אַ טורמע-וועכטער מיט אַ קייט אויף דער האַנט, דאַן גייט אַ וואָפּ, וואָס דער צווייטער עק פון דער קייט איז צוגעשמידט צו זיין האַנט. בעת צו זיין צווייטער האַנט איז ווידער צוגעשמידט אַ קייט און דאַן אַ צווייטער וואָפּ, וואָס איז צוגעשמידט צו דעם צווייטן עק פון דער קייט, דער צווייטער וואָפּ טראָגט אויך אַ קייט צוגעשמידט צו

דער אַנדערער האַנט, און ביים צווייטן עק גייט ווידער צוגעשמידטע אַ טורמע וועכטער: קורץ פיר צוזאַמענגעשמידטע מענער, פון דער לינקער און רעכטער זייט אויפזעער און אינמיטן די צוויי כלומרשטע באַנדיטן; און די אַלע פיר סימבאָליזירן דעם לעגענדאַרישן פאַקט, אַז די שקלאַפעריי פאַרשקלאַפט פונקט אַזוי די הערן ווי זייערע קנעכט.

אין דרויסן האָט געלויכטן אַן הערלעכע פרילינג-זון. און דאָ זענען זיך צוזאַמענגעקומען הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן גראָד איצט געקענט גיין שפּאַצירן אין וואַלד, רייסן מאַי-גלעקלעך, אָדער פאַרטיפט זיין אין הויכע פילאָזאָפישע שמועסן, זיצן ביים ברעג... פונדעסטוועגן זענען זיי דאָ געזעסן אין אַן ענגשאַפט צווישן פיר ווייס-געקאַלעכטע ווענט, געאָטעמט פאַרדאָרבענע לופט, געזעסן צוגעשמידט צו זייערע ערטער דורך די שטריק פון שנאה, פון שרעק און גיריקייט.

און זייער ווייניק זענען געווען צווישן זיי, וואָס די ליבע און דער געפיל פאַר גערעכטיקייט האָט זיי געפירט אַהער! „עטלעכע דאַמען פון דער געזעלשאַפט און סטודענטינס" האָבן די צייטונגען געשריבן. זיי זענען געזעסן שטילערהייט, גוט אַכטונג געגעבן אויף די פאַרהאַנדלונגען, האָבן זיך אַ סך מאָל געמאַכט, ווי זיי וואָלטן געווען באַשעפטיקט מיט זייער „האַנטאַרבעט" און באַמיט זיך אויפן פיינסטן אופן נישט צו באַמערקן, אַז זיי זענען דער מיטלפונקט פון אַלע בליקן. „רויטע סימפּאַטיקער" אָדער „ראָזאַ רויטע" האָבן זיי די פּאַטריאָטישע רעדנער אָנגערופן מיט חוזק; פרויען, וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע לוקסוס-היימען, כדי שאָדן צו ברענגען דער הייליקער גערעכטיקייט, אונטערצושטיצן באָמבע-וואַרפער, און רוצחים און צוגעבן זיי מוט, און כדי די בראַווע, ערלעכע באַאַמטע צולייגן שטיינער פאַר די פיס. זייער קעגנוואַרט איז געווען אַ שטענדיקער ערגערניש פאַר דער פּאָליציי, צום ליבסטן וואָלטן זיי די דאָזיקע אומרויקע לייט אַריינגעזעצט אין איין לאָך מיט זייערע אַנאַרכיסטישע געליבטע.

אָבער אין דער ערגערניש איז געווען אויך אַ שטילער

יראת הכּבוד, ווייל עטלעכע פון דידאָזיקע ברואים זענען געווען „בלוי-בלוטיקע״, וואונדערלעכע, כּמעט איבערנאַטירלעכע וועזנס, וואָס זייערע נעמען האָט מען געפונען אין די צייטונגען צווישן די געזעלשאַפטס-באַריכטן. פאַרן ריכטער טייער זענען זיי געווען דער ציל פון זיין העכסטער ערדישער בענקשאַפט, און פון צייט צו צייט האָט ער אַ וואָרף געטון אַ היימישן בליק אין דער זייט פון פרוי לאָיס רענטאָל — וואָס איז געווען אַ לאָווען — אָדער אין דער זייט פון קאָרנעליע טאָרנוועל, פונקט ווי ער וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס זיי טראַכטן וועגן אים און באַלד האָט אים באַהערשט אַ גרויסע נייגעריקייט און ער האָט אַריינגעבעטן איינע פון די דאַמען אין זיין קאַנצעליאַריע, און געפּרוווט איבערצייגן זי, אַז זי איז זיך טועה, אויב זי האַלט דידאָזיקע דעספּעראַטע אַנאַרכיסטן פאַר אומשולדיק. ער, דער פאָרזיצער-ריכטער האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַר אַזעלכע מעשׂים, און פאַמעלעך האָט מען זיך דערפון דערוווּסט צווישן די באַסטאָנער אַדוואָקאַטן און ריכטער, וואָס האָבן פאַר דעם אויסערלעכן עולם פאַרטיידיקט די דאָגמע פון דער ריכטערישער פּלומרשטער שלמות.

II

צווישן וועב טייער און לי סווענסאָן האָט געהערשט די דיסהאַרמאָניע פון טעמפּעראַמענטן, וואָס מ׳האָט באַמערקט תּיכּף אין דער ערשטער שעה פון פּראָצעס. כּדי צו פּראַקטיצירן אין מאַסאַטשוסעטס האָט דער אַדוואָקאַט געדאַרפט באַזאָרגן עפּעס אַ פאָרמאַליטעט. דאָס האָט סווענסאָן נישט געוווּסט, און אָט האָט ריכטער טייער געפּרוווט, נישט צוצולאָזן אים אַלס פאַרטיידיקער. שנעלע באַראַטונגען צווישן די „בלוי-בלוטיקע״ דאַמעס, און געלאָזט אין גאַנג די טעלעפאָן-דראָטן קיין באָסטאָן, און די פּעולה איז געווען, אַז צומאָרגנס נאָכמיטאָג, ווען לי סווענסאָן האָט ווידער אַריינגעטראָגן אַ ביטע, מ׳זאָל אים צולאָזן צום פּראָצעס, זענען אַ סך אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן פון

דער שטאָט אַריינגעקומען הינטער אים אין אַ געשלאָסענער רייע. עס איז געווען אַ שאָד, וואָס דידאָזיקע גרויסע מענער זענען נישט געבליבן אויפן גאַנצן פּראָצעס, און נישט גע־שטערט דעם ריכטער וועב טייער, צו שטעלן זייער לאַנד צו חרפּה פאַר דער גאַנצער וועלט.

די קאַנדידאַטן אויף די געשווירענע, וואָס זענען נאָר וואָס געקומען אָפּגעפּרישט פון אַ צוויי טאָגיקן יום־טוב, זענען געזעסן אונטער דעם שאָטן פון דער פאָן, און געלאָזט זיך מאַכן דערקלערונגען פון דעם אַלטן, אין שוואַרצן אָנגעטועטעם הער, צו וואָס פאַטריאָטישע ימים־טובים זענען פאַראַן אויף דער וועלט:

— איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, — האָט ער געזאָגט — אַז דער אַמעריקאַנישער סאָלדאַט האָט נאָך אַנדערע פליכטן, וואָס ער וואָלט ליבערשט דערפילט, ווי מקריב צו זיין זיין לעבן אויף די פראַנצויזישע שלאַכט־פעלדער. פונדעסטוועגן האָט ער געבראַכט זיין לעבן מיט אַן אומדערשיטערלעכן מוט און פאָרטערלענדישע מסירות נפש, וואָס ער האָט מקריב געווען צו דער ערע און רום פאַר דער מענטשהייט, פאַר דער וועלט און פאַר זיין פאָטערלאַנד. און אַזוי פאָדער איך אויך אייך, צו דערפילן אייער גרויסער אויפגאַבע מיט דעמזעלביקן פאַ־טריאָטיזם, מיט דעמזעלביקן מוט און מיט דעמזעלביקן פליכט־באַוווסטזיין, ווי ס'האָבן געטון דאָרטן אונזערע זעלנער.

אַזוי האָט אויסגעזען די שטימונג, אין וועלכער די מענער פון נאָרפאָלקער באַצירק האָבן אָנגעהויבן דעם פּראָ־צעס. דאָ זענען די צוויי וואָפּס, וואָס האָבן פאַר צוויי יאָרן (אַזוי סודעט מען זיך) געשיקט באָמבעס מיט דער פּאָסט, און דער אויפרייס אין וואָל־סריט איז געווען אַ נקמה־אַקט פאַר זייער אַרעסט. יעדערער, וואָס וועט זיי פאַרמשפּטן, וועט איצט אויך נישט שלאָפן אַזוי רויק אין בעט. די ווייבער אין דער היים האָבן באַקומען היסטערישע אָנפאַלן, און זייערע מענער האָבן זיי צוגעזאָגט, פאַר יעדן פּרייז „אַרויסצודרייען זיך”. אַזוי זענען זיי איינער נאָכן אַנדערן צוגעגאַנגען צו דעם

באַריער פון די עדות, און געשווירן מיט כל השבועות, אַז זיי זענען קעגן טויט-שטראָף. אָבער זיי האָבן זיך איצט אין דעם פאַל איבערצייגט אין דעם. נאָך דריי טעג האָט מען אויסגעשעפּט אַ ליסטע פון פינף הונדערט פּערזאָן אויפן אמט פון געשווירענע און ס'האָבן נאָך אַלץ אויסגעפעלט פינף. אַזאַ זאַך איז נאָך אין דער געשיכטע פון דעם באַצירק קיינמאָל נישט פאָרגעקומען. אין די צייטונגען האָבן אויסגענוצט די לאַגע אויף פעטע קעפּלעך איבער זייערע באַריכטן.

איינער פון די געשווירענע, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן נישט געקוקט אויף דעם פּראָטעסט פון די פאַרטיידיקער, איז געווען וואַלטער ריסליי, אַן אַלטער מאַן, אַמאָליקער פּאָליציי-שעף פון קווינסי. לאַנגע יאָרן האָט ריסליי געזען, ווי די געשווירענע גייען אַריין און אַרויס פון די געריכטס-זאַלן, אָבער קיינמאָל האָט זיך נאָך קיין איינער נישט אָפּגעשטעלט צו באַגריסן די פאָן. אָבער ער, אַזוי ווי ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן עלטסטן פון די געשווירענע, האָט ער איינגעפירט אַ נייעם פּרעזידענטן-מנהג פאַרן שטאַט מאַסאַטשוסעטס. יעדעס מאָל, ווען ער איז צוגעקומען צום ריכטער-טיש, האָט ער אָנגעקוקט די פאָן און פריילעך זי באַגרוסט. דאָס איז געווען אַ מין מיטל אויסצודריקן זיין איבערצייגונג. דידאָזיקע אַנאַרכיסטן האָבן געפּרוווט „צו פאַרניכטן די פאָן", און ער וועט זיי שוין ווייזן. גייענדיק אין געריכט האָט ער אויפן וואָקזאַל באַגעגנט זיינעם אַן אַלטן פריינט, און אים מודיע געווען, אַז ער דאַרף זיך פאַרנעמען אַלס ערשטער געשווירענער אין אַ פּראָצעס פון צוויי וואָפּס.

— כאַפּט זיי דער טייוול, לכל הדעות דאַרף מען זיי אויפהענגען — האָט געזאָגט ריסליי, ווי ס'האָט שפּעטער אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום עדות געזאָגט זיין פריינט, און אונטערגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל.

III

זשאָ רענדל האָט בייגעוווינט דעם פּראָצעס אַלס פּארטרע־טער פון עטלעכע אַרבעטער־צייטונגען. פּונקט אַזוי איז זשאַן ניקאָלעס בעפעל בייגעווען אַלס רעפּאָרטער פאַר דער „פעדע־רייטעד פּרעס", אַ טעלעגראַפן־אַגענטור פון דער אַרבעטער־פּרעסע. דיביידע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די איבעריקע רעפּאָרטערן, זיי זענען געזעסן מיט זיי אין די דעדהאַמער רעס־טאָראַנען ביי מיטאָג און אַזוי אַרום זיך דערוווּסט אַלצדינג, וואָס טוט זיך אָפּ הינטער די קוליסן. דאָס איז געווען זייער פאַרדריסלעך פאַר ריכטער טייער, וואָס האָט געמיינט, נאַטיר־לעך, אַז אַלע רעפּאָרטערן שטייען אויף זיין זייט. ער איז צוגעוווינט געווען אויפצוזוכן זיי אין זייער רעזערווירטן צימער אין רעסטאָראַן און זאָגן זיי, וואָס ער וואָלט געוואָלט, אַז עס זאָל זיין פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע. די איטאַליענישע רעגירונג האָט געשיקט אויפן פּראָצעס אַ פאַרטרעטער, וואָס האָט זיך געדאַרפט איבערצייגן, אַז מיט די צוויי איטאַליענישע בירגער פירט מען אַן ערלעכן קאַמף. דער דאָזיקער הער, דער מאַרקוס פּעראַנטיע, האָט נאַטירלעך נישט געהאַט קיין שום אַנונג, אַז ס'קען זיין אַזאַ זאַך, ווי אַ „ראַדיקאַלער" רעפּאָר־טער, און אָט האָט ער זיך אַראָפּגערעדט אַביסל פון האַרץ פאַר בעפעלן און איבערגעגעבן איז זייער אַ פּאָרזיכטיק־פּאָר־מולירטע דערקלערונג, וואָס איז געווען אַ דייטלעכע אָנצוהערע־ניש אויף דעם ריכטער טייער:

—אַזוי ווי די איטאַליענישע מאַכט אינטערעסירט זיך זיי־ער מיטן פּראָצעס, וועט זי אים פאַרפאָלגן זייער גענוי. זי האָפט מיט דעם גרעסטן גלויבן, אַז מ'וועט אים פירן ווי אַ גע־ווינלעכן פּראָצעס אָן שום שייכות מיט פּאָליטישע אָדער סאָצ־יאַלע אָנשויונגען מצד עמעצן פון די באַטייליקטע.

בעפעל האָט דידאָזיקע דערקלערונג געלאָזט אָפּדרוקן און די קאָפּיעס פאַנאַנדערגעטיילט זיינע קאָלעגן. דער ריכטער איז אַריינגעקומען אין דעם רעסטאָראַן, און ווען ער האָט גע־

ענדיקט זיין מיטאָק און געוואָלט אַריינגיין, האָט אים איינער פון די רעפּאָרטערן איבערגעגעבן אַ קאָפּיע פון יענער דער-קלערונג. ער האָט זי איבערגעלייענט און גלייך זיך געכאַפּט, וואָס מען איז דערמיט אויסן. ער איז רויט געוואָרן און מיט אַן אויפגערעגטן מאַך מיט דער האַנט האָט ער אַ זאָג געטון:

— אָבער דערדאָזיקער פּאַרשוין איז דאָך געקומען צו מיר קיין דאָרטשעסטער און מיר פּאַרזיכערט, אַז די איטאַל-יענישע רעגירונג איז גאָרנישט פאַראינטערעסירט אין דעם פּראָצעס.

די רעפּאָרטערן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים, ווייל זיי האָבן געזען, אַז ער איז אין אַ באַרעוודיקער שטימונג. איינער פון זיי האָט דערמאָנט פרעד מור, מיט וועלכן דער ריכטער האָט זיך דעם גאַנצן פאַרמיטאָג אַרומגעקריגט וועגן דעם אויסוואַל פון די געשוווירענע.

— וואָס מיינט איר דען, האָט דער פּאַרשוין געוואָלט פון מיר? איך זאָל, נישט אַנדערש, נאָר פרעגן די גע-שווירענע: „צי זענט איר מיטגלידער פון אַ פאַריין? צי זענט איר קעגן די פאַריינען? צי זענט איר אַ מיטגליד פון אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע?"

וועב האָט גערעדט ווייטער, זיין שמועס האָט זיך פאַר-וואַנדלט אין אַן אַגיטאַציע-רעדע, ווי תּמיד, ווען ס'איז גע-ווען עולם, אַלציינס, צי אין רעסטאָראַן צי אין צוג, אויף אַ פוסבאָל-מעטש אָדער אויף אַ גאָלף-שפּיל.

— צי האָט איר שוין געהערט וועגן אַ פּראָצעס, אין וועלכן עס זאָלן דערשיינען אַזוי פיל פלוג-בלעטלעך, און מ'זאָל טענהן, אַז אין שטאַט מאַסאַטשוסעטס איז נישט מעגלעך קיין אומפּאַרטייאישער געריכט? — ער האָט אָנגעקוקט זשאָ רעב-דעל, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז זשאָ איז דער איינציקער רעדאַקטאָר פון דידאָזיקע פלוג-בלעטלעך. זיין קול איז געוואָרן גרילצנדיק, ער האָט אַ מאַך געטון מיט די ציטערנדיקע הענט. זשאָן ניקאָליס בעפעל, וואָס אים האָט פאַרדראָסן די פלוג-

לונגע ווענדונג פון דעם שמועס איז צוגעקומען נענטער און געזאָגט:

— איך האָלט אייך געוואָלט געבן צו וויסן, מיסטער טייער, אַז די דערקלערונג פון מאַרקוס פּיאַנטע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן לויט זיין אויסדריקלעכן פאַרלאַנג, ער האָט מיך געבעטן אָפּצודריקן און פאַנאַנדערצוטיילן צווישן די איבעריקע פּרעסע-פאָרשטייער.

דער ערשטער מאַן אָבער האָט אים אַוועקגעשטופּט, און אַרויסגייענדיק פון זאַל אַרויס האָט ער געדראָט מיט דער פויסט און אַ געשריי געטון צו די מענטשן אינעווייניק:

— וואַרט צו, אויב ס'איז שוין יאָ אַזוי. איך וועל זיי שוין געבן די ביידע הולטייעס.

די רעפּאָרטערן זענען געבליבן שטיין צעטומלטע. אין אַזאַ שטימונג קערט זיך אַ ריכטער אום צוריק אין געריכט-זאַל, כּדי צו משפּטן צוויי מענטשן, וואָס זייער לעבן ליגט אויף דער וואָג-שאָל. פאַרשטייט זיך אַ „פעטע סענסאַציע". און ווען די רעפּאָרטערן זאָלן קענען אומגעשטערט דרוקן אין די צייטונגען אַלץ, וואָס זיי ווילן, נישט געקוקט אויף די צייטונגס-פאַרלעגער און רעדאַקטאָרן, וואָלט דידאָזיקע מעלדונג אָפּגע-דרוקט געוואָרן אויף דער ערשטער זייט אין יעדער צייטונג פון מאַסאַטשוסעטס. אָבער רעפּאָרטערן האַנדלען נישט לויט זייער אייגענעם ווילן; זיי זענען אונטערגעוואָרפן זייערע פאַרלעגער און זיי דאַרפן זיך רעכענען אין זייער פּראַקטיק מיט די אַזוי גערופענע „טאַקטישע טעמים". דער פאַרטרעטער פון דער אַסאָשיאייטעד-פּרעס, די גרויסע טעלעגראַפן-אַגענטור האָט פאַרוואַנדלט אין אַ קלאַסיש ווערטל אַ באַמערקונג צו זיינער אַן אַגענטין: די זאַך — האָט ער געזאָגט — איז „פּאָלעמיש", און מ'קען עס נישט אויסנוצן. „פּאָלעמיש" אין זין פון דער אַסאָשיאייטעד-פּרעס איז אַלצדינג, וואָס קען שאַטן דעם הערשנ-דיקן קלאַס פון מאַסאַטשוסעטס. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די אָנגעהעריקע צו דעם קלאַס — וואָס יעדערער פון זיי פאַרנעמט עפּעס אַן אַמט אָדער אַ הויכן ראַנג — קענען רעדן

אומגעשטערט אוץ אַז זײערע מײנונגען און ידיעות דאַרף מען באַטראַכטן פאַר ווירדיק און וויכטיק. ערשט דאַן, ווען די שונאים גרייפן זיי אָן, הויבן זיי אָן צו ווערן „פּאָלעמיש".

די איבעריקע קאָרעספּאָנדענטן פון די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען האָבן אויך געהאַלטן פאַר גלייכער צו פאַרשווייגן דעם גאַנצן עסק. בעפּעל און זשאָ רענדעל האָבן געהאַט די ברירה אַרויסצונעמען זיך פון כלל, אויב זיי האָבן געהאַט חשק דערצו. אָבער זיי וואָלטן די מעלדונג פאַרעפנטלעכט בלויז אין עטלעכע סאָציאַליסטישע און סתם אַרבעטער־צייטונגען, ווו זי וואָלט נישט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג, און דערמיט וואָלטן זיי זיך פאַרמאַכט דעם צוטריט צו דעם פּריוואַטן גאַסט־צימער און צו דעם קוואַל פון די טייערע און אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציעס. די פּאַרטיידיקער האָבן אויך געזאָגט, אַז מען קען דאָ גאָרנישט אויפטון; אָבער דידאָזיקע מעשה איז אַליין אַוועקגעגאַנגען קיין באָסטאָן, און האָבן געצווונגען אַ סך ריכטער און אַדוואָקאַטן פון מאַסאַטשוסעט, צו דערקלערן, אַז וועב איז נישט אַנדערש נאָר משוגע געוואָרן און אַז עס מוז עפּעס פאָרקומען. אָבער מ'האָט גאָרנישט געקענט טון, ווייל אַלע ריכטער און אַפילו די געריכטס־באַאַמטע אין מאַסאַטשוסעט זענען אָנגעשטעלט אויף זייערע פּאָסטנס אויפן גאַנצן לעבן, און אויב מען זאָלט אים געקאָנט דיסציפּלינאַריש אָפּצושטעלן פאַרן סוף פון פּראָצעס, וואָלט מען פּונקט אַזוי גוט געקענט איבערגעבן די שטאָט־פאַרוואַלטונג צו די רויטע, כדי פּטור צו ווערן פון דער גאַנצער זאַך.

IV

די באַשולדיקטע זענען געזעסן אין זייער אייזערנער שטייג, און זיך אַרומגעקוקט מיט דערשראָקענע אויגן, באַמיענדיק זיך צו פאַרשטיין דעם פּראָצעס אין אַ פרעמדער שפּראַך: וואַנצעטי מיט די געדיכטע אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס, מיט זיין מעלאַנכאָלישן, שוין איצט מיט טיפע קנייטשן דורכגעאַקערט

פנים, סאַקאָ מיט אַ אומרויקן בליק, אָן אומגעדולדיקער: ביידע זענען געווען זייער בלייך פון פאַרברענגען צוועלף חדשים אין תפיסה אָן זון, אָן לופט. זיי זענען געווען זאָרגעוודיק אָפּראַזירט, פאַרקעמט און אָפּגעוואַשן, האָבן געטראָגן נייע אָנצוגן, שוואַרצע זיידענע קראַוואַטן און ריינע קעלנער—זיי האָבן געטון אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געקענט, כדי אויסצוזען ווי אַמעריקאַנער און צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף די אַמעריקאַנישע געשווירענע ריכטער. זיי האָבן באַטראַכט די עלטערע מיט די שטרענגע בליקן, וואָס דאַרפן באַשטימען זייער גורל: קיין שום אויסלענדער איז נישטאָ צווישן זיי, לויטער ענגלישע נעמען פון אַלטן יענקי-שטאַם. יעדער איינער פון דידאָזיקע געשווירענע האָט אַ זון אָדער אַ נאָענטן קרוב ליגן אין פראַנקרייך, און די קרובים, וואָס זענען נישט געווען טויט אָדער קאַליקעס, זענען געקומען און זיך באַטייליקט אין די פראָצעסן פון די פאַטריאָטישע פייערלעכקייטן אין די לעצטע פאָר טעג.

ווילליאַמס, אַן אַסיסטענט פון דער פּראָקוראַטור האָט זיך אויפגעשטעלט, ער האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר די געשווירענע און פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ באַווייזן זיין מאַכט האָט בדעה צוצושטעלן. ווידער אַמאָל האָט קאָרנעליע געמוזט אויסהערן יענע מעשה פון דער רויבער-באַנדע אין דער קליינער שאָפּע, פון דעם „ביוק"-אויטאָמאָביל מיטן לאָך פון אַ קויל אין דער זייט וואַנט, פון דעם קליינעם אָווערלענד-אויטאָמאָביל, אין וועלכן די באַנדיטן זענען אַנטלאָפן, נאָכדעם, וואָס זיי האָבן געלאָזט שטיין דעם „ביוק"-אויטאָמאָביל אין די וועלדער פון מענליי. מ'האָט אַרויסגעפירט די געשווירענע, כדי אָנצוקוקן דעם „ביוק"; מיט ריכטער טייער צוזאַמען האָבן זיי געמאַכט אַ רייזע צו דער שטוב און צו דער שאָפּע. קאָרנעליע האָט שוין דאָס אַלץ געהערט אין פּלימוט, זי האָט געזען, אַז דער פּראָקוראָר באַמיט זיך מיט אַלע כוחות פאָרצושטעלן כאָטש אַביסל באַווייזן. זיי האָבן נאָך נישט געוווסט פון מיק סטואַרט און זיין „טעאָריע", וואָס האָט זיך געשטיצט אויף זיין העלזע-אַפּאַראַט; דער גאַנצער פּראָצעס איז איר פאָרגעקומען

חי אַ חלום פון אַ וואַנזיניקן, זי איז געזעסן צעטומלט און אָפּגעוואַרט, וואָס עס וועט פאָרקומען ביי דעם איצטיקן פּראָצעס.

עס איז געשען פונקט דאָס אייגענע, ווי אין פּליימוט: קיין שום באַווייזן זענען נישט צוגעקומען. דער פאַרס איז געווען אַזוי ווי פון אויבן אויף, אַז אַפילו טייער גופא האָט אים שוין נישט געקענט דערהאַלטן. וואָס שייך באָדאַן האָט ער ביים סוף פון פּראָצעס דערקלערט:

— ... אָבער ער האָט מיט דער רציחה נישט קיין שום שייכות, יעדערער, וואָס פירט אַ „ביוק"-אויטאָמאָביל, האָט כּמעט פּונקט אַזאַ שייכות מיט אונזער פּראָצעס, ווי באָדאַ... אָבער עס איז נישטאָ קיין איינציקער אינדיטיפיצירנדיקער מאָמענט — ער האָט געצווונגען דעם באַשולדיקער צו דער אָנערקענונג אַז: — נישט אָרקיאַני און נישט באָדאַ זענען נישט געווען אין דער צייט פון אָנפאַל אין זיד-בּרענטרי, און צווישן זיי איז אין שייכות מיטן מאָרד נישט געווען קיין שום אָפּמאַך — ער האָט צוגעגעבן אַז — אַלע פאָרגעלייגטע מאַטעריאַלן דאַרף מען באַטראַכטן אָן יעדער שייכות מיט קאָאַקין". אָבער זיי זענען נאַטירלעך יאָ באַטראַכט געוואָרן און דער באַשולדיקער האָט זייער גוט געוווסט, וואָס ער האָט די געשווירענע אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין. אַפילו דאַן, ווען דער פּראָקוראָר גופא האָט באַשיינפּערלעך דערקלערט, אַז אָרקיאַני האָט זיך נישט באַטייליקט אין דעם מאָרד, האָט ער אים פאָרגעשטעלט פאַר די געשווירענע פאַר דער טונקעלער און בייזער רעטעניש, און געפאָדערט אַן ערקלערונג פון די פאַרטיידיקער, פאַרוואָס זיי האָבן נישט איינגעלאַדן אָרקיאַנין פאַר אַן עדות.

די דאָקטוירים האָבן געשילדערט די ווונדן פון די דערהרגעטע, און דאַן זענען געקומען די עדות, וואָס האָבן געדאַרפט דערקענען די מערדער. לויס לי וועד, אַן אַרבעטער פון דער שיך-פאַבריק, וואָס א״ז אין פּאָליצי-צירקל אין בראָקטאָן געווען ביי דער מיינונג, אַז סאַקאָ געהערט צו די באַנדיטן.

אָעער איצט האָט ער געזאָגט, אַז ער איז אין דעם נישט זיכער. אַ קלאַפּ פאַר דער פּאָליציי; און ווען וועב איז אַוועק פון זיין עדות־זאָגן, האָט אים איינער פון די באַאַמטע אָנגערופן אַ „פחדנותדיקער הונט” און אַן אַנדערער האָט געמורמלט:

— מיר וועלן נאָך נישט פאַרטיק מיט דיר.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט וועב פאַרלוירן זיין אַרבעט — נאָכדעם, וואָס ער האָט גאַנצע זיבעצן יאָר געאַרבעט אין דער שיך־פאַבריק. אַנדערע צוויי אַזעלכע עדות האָבן אויך געהאַט דעם זעלביקן מזל.

און אָט איז ערשינען מערי ספּלעין, אַ בוכהאַלטערין פון דער שיך־פאַבריק פאַר אַן עדות, וואָס איז צוגעלאָפן צום פענסטער בעת דער שיסעריי און אַרויסגעקוקט. מערי איז געווען אַ קרבן פון יענעם פּראָגרעסיוון פּראָצעס, אויף וועלכע די פּראָקוראָרן פאַרשטייען זיך אַזוי גוט. זי האָט אַזוי פיל מאָל באַטראַכט סאַקאָן, אַז זי האָט שוין געזען אין אים אַ באַנדיט, זי איז געזעסן אין געריכט, נאָכאַמאָל אים אָנגעקוקט און אים געשילדערט מיט אַלע פּרטים: די הויך, די וואָג, ברייטע אַקסלען, הויכער שטערן און אַרויפגעקעמטע האָר: „טונקעלע האָר, טונקעלע ברעמען, איינגעפאַלענע באַקן, אָפּראַזירטער פּנים מיט אַ מאָדנער ווייסער פאַרב”. קיין בעסערע דערקלערונגען האָט מען זיך שוין נישט געקענט ווינטשן, — ביז מ׳האָט זיך מיטאַמאָל מישב געווען, אַ וואָסער געלעגנהייט האָט מערי געהאַט, כּדי זי זאָל קענען אָנקוקן דעם באַנדיט. און אַזוי איז מען געקומען דערצו, אַז דאָס, וואָס זי טענהט, איז געווען אַ פּסיכישע אוממעגלעכקייט. זי איז געשטאַנען אויף אַ פענסטער אויף אַ הויכן שטאָק, דערווייטערט פון דעם אויטאָ אויף זעקסאונצוואַנציק מעטער און זי האָט געזען די באַנדיטן נאָר אין דעם קורצן אויגנבליק, וואָס דער אויטאָ איז אַדורכגעפאָרן אַ שטח פון צען מעטער מיט אַ שנעלקייט פון אַכצן מיילן אין אַ שעה. אַ סעקונדע אָדער צוויי בעת אַ משוגענער אויפרעגונג און שיסעריי.

די פאַרטײדיקער האָבן דערמאָנט מערין אירע ערשטע דערקלערונגען פון די פּראָטאָקאָלן בעת דער אויספאָרשונג: אַז: „איך גלויב נישט, אַז מײן אָרט בײם פענסטער איז געװען אַזאַ גוטער, אַז איך זאָל האָבן דאָס רעכט צו זאָגן, אַז דאָס איז ער." און אָט זאָגט זי איבעראַשט און צעטומלט: „דאָס איז נישט אמת, איך האָב עס קײנמאָל נישט געזאָגט". נאָכדעם װי מען האָט איר געגעבן אַ גאַנצן טאָג צײט מישב צו זײן זיך, און מ'האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז סטענאָגראַפישע פּראָטאָקאָלן קען מען נישט אַזוי לײכט אַװעקװאַרפן אָן אַ זײט, איז זי װידער געקומען אין געריכט אַרײן און אויסגעבעסערט אירע דערקלערונגען; זי האָט מודה געװען, אַז זי האָט יאָ געזאָגט, װאָס שטײט פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל, זי האָט אָבער געטענהט, אַז זי האָט געענדערט איר מײנונג נאָך אַ „גרינטלעכן ישוב הדעת".

די פאַרטײדיקער האָבן געמאַכט פאַרצװײפלטע אָנשטרענגונגען צו נישט צו מאַכן אירע דערקלערונגען; אָבער פאַר זײ איז צוגעפּאַסט יענץ טרויעריק װאָרט: „צו שפּעט!" כּדי אירע דערקלערונגען אָפּצולײקענען, האָט מען געדאַרפט האָבן די פינקערטאָן-באַריכטן. די מאַטעריאַלן פון דעם ענערגישן ענערי העלער, װאָס איז בײגעװען דעם פּראָצעס, די מאַטעריאַלן, װאָס האָבן זיך געפונען אין רשות פון דער פּראָקוראַטור. ער און דער פולקאָװניק כּראָסטאָר פון דער שטאָט-פּאָליצײ — אַ צװײטער עדות, װאָס איז אויך געװען אין זאַל — האָבן מערין געװיזן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ פאַרברעכער מיטן נאָמען „טאָני דער װאָף", און מערי האָט אים באַשײנפּערלעך דערקענט פאַר אײנעם פון די באַנדיטן; מחמת דעם האָט די פּאָליצײ זיך באַמיט אים צו כאַפּן — און זי איז געװאָר געװאָרן, אַז ער איז בעת דעם פאַרברעכן געװען אין טורמע! װײטער האָט מערי ספּלעין דערצײלט אַ לאַנגע געשיכטע װעגן צװײ מענער פון פאַבריק, װאָס האָבן בײדע אָרגאַניזירט דעמדאָזיקן רויב-אָנפאַל. מערי האָט זײ אָנגערופן בײ די נעמען. העלער האָט געגומעז בײם פאַבריק-אײגנטימער „געהײמע

ידיעות" און ער האָט דערקלערט, אַז די באַשולדיקונג האָט נישט קיין שום גרונט. דער מייסטער האָט אים געראָטן, אַז ער זאָל איגנאָרירן מערי ספּלעינס פּלוידערייען, ווייל זי איז איינע פון די דאָזיקע אומפאַראַנטוואָרטלעכע פרויען, וואָס מ'טרעפט אָן זייער זעלטן", אַזוי איז געשטאַנען אין באַריכט פון "H. H.", וואָס די פּאַרטיידיקער האָבן אָנגעקוקט ערשט איז פינף אָדער זעקס יאָר אַרום.

V

באַלד נאָך איר איז געשטאַנען פאַרן געריכט דער עדות לאָיס פּעלצער. דער תמעוואַטער זון פון טויב-שטומע: אַ ייד, פאַרפאָלגט פון פּאָגראָם-זכרונות און פון אייביקן פחד פאַר דער פּאָליציי. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, אויפגעשריבן בעת דער שיסעריי דעם נומער פון אויטאָמאָביל, און אַזוי גוט זיך אַריינגענומען אין זכרון דעם אויסזען פון די באַנדיטן, אַז ער האָט אפילו געדענקט זייערע קראַוואַטן-שפּילקעס. ער איז געשטאַנען פאַר די פּאַרטיידיקער און דער שווייס איז אים גערונען פון שטערן. עס האָט זיך דייטלעך אַרויסגעוויזן, אַז ער קען נישט תופס זיין די איינפאַכסטע פראַגעס, און ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין איין ליגן נאָכן אַנדערן. יאָ, ער האָט אָפּגענאַרט ראָבערט רעד, וואָס האָט גענומען אינפאָרמאַציעס פאַר דער פּאַרטיידיקונג, ער האָט דאַן געזאָגט, אַז ער האָט גאָרנישט געזען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין עדות.

די פּאַרטיידיקער האָבן איינגעלאַדן פּעלצערס דריי אַרבעטער-חברים, און צוויי פון זיי האָבן באַשטעטיקט, אַז ער איז, בעת ער האָט דערהערט די שיסעריי אַרונטערגעקראָכן אונטער אַ באַנק, און נישט געעפנט דאָס פענסטער און אַרויסגעקוקט. דער דריטער האָט געזאָגט:

— איך האָב געהערט, ווי ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט קיינעם נישט געזען.

דער פּראָקוראָר האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט צו פּאַרטיידיקן פּעלצערן.

— ער איז דאָ געווען אַזוי ערלעך — האָט ער גע־זאָגט — מוצה צו זיין זיך, אַז ער האָט צווייִמאָל, פאַר ביידע צדדים געזאָגט אַ ליגן, און ער האָט דאָך געזאָגט זיי־נע מאָטיוון. ער איז גענוג מענלעך און שטאָלץ, מודה צו זיין זיינע פריערדיקע ליגנס און צו זאָגן אייך, פאַרוואָס ער האָט אַזוי געטון.

און דאַן די קאָמעדיע מיט לאָלאַ אַנדרוס, דריי טאָג פון דער טייערער צייט האָט זיך דאָס געריכט פאַרנומען בלויז מיט לאָלאַ אַנדרוס. זי האָט דערציילט ווי זי האָט פיר שעה פאַר דעם אָנפאַל געזען, ווי ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אויי־טאָ מיט צוויי מענער אָן אַ זייט גאַס, און ווי זי האָט גערעדט מיט זיי, און ווי דער, וואָס איז געלעגן אונטערן אויטאָ איז געווען סאַקאָ. ווען די פאַרטיידיקונג האָט איר אָנגעהויבן אויס־צופרעגן איר פאַרגאַנגנהייט, איז זי מיט אַ שרעקלעכער היוה פלוצלונג געפאַלן חלשות, ווייל זי האָט, לויט אירע רייד, פלוצלונג דערזען אין זאַל עמעצן, וואָס האָט איר מאַנס געווען אין אַ קווינסער האָטעל, ריכטער טייער האָט נעהייסן פאַרשפּאַרן די טירן פון זאַל, כּדי לאָלאַ זאָל קענען אָנווייזן אויף דעם פאַרשויז, ווי גיך זי וועט נאָר קומען צו זיך. דערדאָזיקעד מענטש אָבער איז אַפּנים געווען אַן אַדעפּט אין די אינדישע געהיימע וויסנשאַפטן און געהאַט די פעיקייטן, צו ווערן אַ רואה ואינו נראה און פאַרשווונדן צו ווערן דורך די ווענט. די פּאָליציי האָט אים נישט געקענט געפינען. אָבער לאָלאַ האָט דערווייל געווונען צייט זיך מישב צו זיין און זי האָט אויסגעפירט, אַז די געשווירענע און דער ריכטער טייער זאָלן מער נישט דערלויבן, אַז די פאַרטיידיקער זאָלן איר שטעלן צו אינטימע פראַגן. ביים סוף פון איר עדות זאָגן האָט פרעד געזאָגט אויף איר, אַז זי איז „האָפּנונגסלאָז משוגע" און דער ריכטער האָט אים געמאַכט אַ שטאַרקן פאַר־וווּרף:

— אַזאַ מין קריטיק קעגן אַן עדות איז נישט דערלאָזבאַר.

ווען ס'איז צוגעקומען צו דער פאַרטיידיקונג, האָט זי אַרויסגעשטעלט די פרוי קעמפבעל, וואָס איז דאַמאָלס געגאַנגען צוזאַמען מיט וואָלאַ אין דער שיך-פאַבריק אַריין אַרבעטן און פרוי קעמפבעל האָט עדות געזאָגט, אַז לאָלאַ האָט נישט גערעדט מיט קיין שום מענטשן אין אָדער אויף אַן אויטאָמאָביל. אַ פּאָליציאַנט און אַ רעפּאָרטער האָבן עדות געזאָגט, אַז זי האָט זיי דערציילט, אַז זי האָט די באַנדיטן נישט געזען. העגרי קורלאַנסקי, אַ קליינער סוחר פון קווינסי, האָט געפּלוידערט מיט איר פאַרן געוועלב און ער האָט געהערט, ווי זי האָט געזאָגט, אַז די פּאָליציי איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איר, צו זאָגן עדות קעגן סאַקאָ און וואַנצעטין.

— די רעגירונג צווינגט מיך, זי וויל איך זאָל דווקא דערקענען דידאָזיקע מענטשן פאַר די באַנדיטן — האָט זי געזאָגט — איך ווייס פון זיי נישט די מינדעסטע זאַך, איך האָב זיי קיינמאָל נישט געזען, און קען זיי נישט דערקענען.

דידאָזיקע דערקלערונג איז פאַר לאָלאַן אויסגעפאַלן זייער שלעכט. עס איז געווען אַזאַ מאָמענט, וואָס דער ריכטער האָט איינגעזען די שווערע לאַגע, און אַז מ'דאַרף אַליין אויך צוהעלפן אַביסל. ער האָט אָנגעהויבן צו נעמען דעם עדות אויפן קרייז-פאַרהער: פאַרוואָס האָט ער זיך באַלד נישט גענומען צו דער זאַך, ווי אַ גוטער בירגער, כדי צו דערגיין, ווער דאָס איז, וואָס וויל צווינגען לאָלאַן צו זאָגן פאַלש עדות? אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך פאַר אַ קליינעם סוחר, אַן אויסלענדער אין אַ ניי-ענגלישער פּראָווינץ-שטאָט, זיך איינצורייסן מיט דער פּאָליציי און מיט דער קאַנצעלאַריע פון פּראָקוראָר און צווינגען זיי, נישט צו ווירקן אויף די עדות! — צי האָט איר געפּרוווט — פרעגט דער ריכטער — דערגיין, ווער עס איז געווען דערדאָזיקער פּאַרשוין, וואָס האָט פאַרטרעטן די רעגירונג, און געצוווּנגען אַן עדות צו שווערן פאַלש? — באַטירלעך איז קורלאַנסקי דערשראָקן געוואָרן פון אַזאַ פראַגע, און געקענט ענטפערן בלויז: — ניין! מיר איז עס נישט

איינגעפֿאַלן, איך האָב עס דאָך נישט געוווּסט גענוי. נישט אמת... עס איז נישט געווען... — דער ריכטער האָט אים גענומען פֿעסט אויפֿן צימבל: פֿאַרוואָס איז עס אים טאַקע נישט איינגעפֿאַלן, פֿאַרוואָס האָט ער עס נישט געטון... און אויף אַזאַ אופֿן האָט ער אים דיסקרעדיטירט, און געמאַכט פֿון אים אַ תּל אין די אויגן פֿון די געטרייע, פּאַטריאָטישע נעשוווירענע, וואָס פֿון זייער זייט, וואָלטן זיי אַוודאי אַוועקגעגעבן זייער גאַנצע פֿרייע צייט, כּדי אַכטונג צו געבן אויף דער אַרבעט פֿון די פּאָליציי־שעפֿס און פּראָקוראָרן.

VI

צו זיין דער פּאָרזיצנדער אין אַ מאָרד־פּראָצעס איז אַ שווערע און אַ שטרענגע אויפֿגאַבע, געזונטער מענטשלעכער שכל און הומאַניטעט האָבן מיט דער האַנדלונג קיין שום שייכות נישט. דאָ האַנדלט זיך אין תּקנות, אין באַשלוסן וועגן מיליאָנען פֿאַרפּלאָנטערטע און סובטעלע פּרטים, וועגן די שטאַרק פֿאַרוויקלטע און קאָמפּליצירטע געשיכטע פֿון אַלע פּראָצעסן, וואָס זענען געפֿירט געוואָרן אין משך פֿון דרייהונדערט יאָר אין ניי־ענגלאַנד, און צווייטמאָל אַזויפֿיל יאָרן אין אַלט־ענגלאַנד. דאָס אַלצדינג דאַרפֿסטו האָבן אין קאָפּ, ווייל יעדע אַנטשיידונג מוזטו מאַכן אין דער אויסער רגע, דו האָסט נישט לאַנג צייט זיך מישב צו זיין, און נאָכקוקן דעם רעגולאַמין ביז צומאָרגנס. זיין גאַנצער שם איז אָפּהענגיק דערפֿון, צי דיינע באַשלוסן זענען אַזוי פֿעסט, אַז ווען די קומענדיקע אינסטאַנץ, וועט רעווידירן זיין אַרבעט, זאָל זי נישט געפֿינען ביי דיר קיין שום פּגימה. אַ כּסדרדיקע אָנשטרענגונג, וואָס דויערן גאַנצע וואָכן; די תּקנות דערלויבן דעם ריכטער נאָך יעדער שטאַרקער אָגשטרענגונג, צו מאַכן אַן הפסקה אויף צען טעג.

וועב טייער האָט שוין יאָרן לאַנג געשפּילט דידאָזיקע שפּיל און געקענט אַלע דריידלעך, צווישן זיי אויך דאָס

דריידל, אָפּצוהיטן זײַנע אייגענע אינטערעסן נישט אַראָפּגע־מענדיק בעת מעשה די מאַסקע פון אומפּאַרטייאישקייט. זײַנע ווערטער זענען אַרײַנגעשטעלט געוואָרן אין פּראָטאָקאָל, כּדי די העכערע אינסטאַנצן זאָל זיי רעווידירן, זײַנע האַנדלונגען אָבער זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן. וויפל מאָל סוועסאָן אָדער מור האָבן אַרײַנגעטראָגן אַן אָנקלאַגע, האָט זיך וועב געטון אַ דריי אויס צו זיי און זיי אָנגעקוקט איבער די ברילן־גלעזער מיט אַ מין איראָנישער נײַגעריקייט. — וואָס איז דאָס פאַר אַ צוטשעפּעניש פון ווילדן מערב, וואָס ווייל אונז לערנען אין מאַסאַטשוסעט, ווי אַזוי צו פירן אַ פּראָצעס? דאַן האָט ער אַ קוק געטון אויף די געשווירענע און אַ ווונק געטון, מיט אַ לאַנגווייליקן, שלעפּעריקן טאָן:

— אָנקלאַגע נישט אָנגענומען! — און סיי די געשווירענע און סיי די געריכטס־באַאַמטע פלעגן שמייכלען אונטער די וואָנסעס.

אין די ענגע ראַמען פון זײַן פאַך, איז דעמדאָזיקן ריכטערס געדאַנקע געווען אַ שנעלער און אַ כיטרער. ער איז שטענדיק געווען אויפן אָרט, צו צעשטערן דעם שונאס קאָמ־בינאַציע, ער איז געווען זייער שאַרפזיניק אויסצוגעפינען עפּעס אַ סיבה, כּדי איבערצורײַסן זײַן קעגנער אין מיטן די רייד, צוצולאָזן פראַגן, אָפּצורוקן אָן דער זײַט פאַרשידענע באַווייז־מאַטעריאַלן, און צו צעטומלען די עדות. מ׳פלעגט אים תּמיד זען, ווי ער זיצט מיט פאָרשטייער פון דער באַשולדיקונג אין עפנטלעכע לאָקאַלן, ער האָט תּמיד געוווּסט, וואָס די פּראָ־קוראַטור האָט בדעה צו טון, און ווען דער באַשולדיקער האָט עפּעס פאַרזען, האָט ער אים געגעבן אַ ווונק דערויף. איינמאָל האָט ער פלוצלונג באַמערקט, אַז ער איז שוין געגאַנגען צו ווייט, דאַן האָט ער זיך העפלעך אַנטשולדיקט:

— איך האָב שוין געקריגן אַזאַ טבע, צו זאָגן דעם פּראָקוראָר, וואָס ער זאָל טון — און דער נאַיווער געריכטס־סע־קרעטאַר האָט די ווערטער אַרײַנגעשטעלט אין פּראָטאָקאָל.

אַ היטל, וואָס מ׳האָט געפונען אויפן אָרט פון אָנפאַל

האָט זיך דער פּראָקוראָר באַמיט איינצורעדן, אַז דאָס איז סאַקאָס היטל. עס איז געווען צו קליין אויף אים, און דאָס געריכט האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט דערפון. בעת דער זון פון סאַקאָס אַרבעטגעבער איז געשטאַנען פאַר אַן עדות, האָט זיך ריכטער טייער באַמיט, אַרויסצוקריגן פון אים די דערקלערונג, אַז דאָסדאָזיקע היטל זעט אויס, ווי סאַקאָס היטל. ווען עמעצער פירט אָן אַ פאַבריק מיט אַ סך אַרבעטער, קען ער זיך באַטירלעך נישט דערמאָנען די איינצלהייטן פון אַלע היטלען, וואָס עס טראָגן זיינע אַרבעטער. דער יונגער קעלעי איז אַריינגעקומען אין אַ פאַרלעגנהייט, ער וואָלט זייער נישט געוואָלט אויפרעגן קעגן זיך אַזאַ מעכטיקן ריכטער, אָבער ער האָט געמוזט דערקלערן:

— איך קען נישט ענטפערן דערויף, ווייל איך בין נישט אינערלעך גוט איבערצייגט, אויב דאָס איז סאַקאָס היטל.

ווער איז געווען אַנטשלאָסן אַרויסצוקריגן ביי אָט דעם מענטש עפּעס מער; און בשעת מעשה האָט ער געפּרוווט, איינצוואָרדענען עס אויף אַזאַ אופן, ווי די פראַגן וואָלטן געקומען פון דעם פּראָקוראָרס אַסיסטענט, וויליאַמס. דער ריכטער האָט געזאָגט:

— איך וואָלט גערן געוואָלט פרעגן דעם עדות, צי...—

דאַן האָט ער זיך געווענדעס צו וויליאַמס: — עס וואָלט געווען גלייכער, ווען איר זאָלט אים אַליין פרעגן.

די פאַרטיידיקער האָבן זיך, ווי ווייט מעגלעך, באַמיט צו צעשטערן דידאָזיקע שפּיל, אָבער דער ריכטער האָט זיך פלינק אַרויסגעדרייט:

— עס איז מיר ליבער, אויב די פראַגע קומט פון מיס־טער וויליאַמס, ביטע, צי ווילט איר שטעלן די פראַגע?

דער שווערלעכער מיסטער וויליאַמס — וועב האָט זיך אַלע מאָל געכאַפּט אויף זיינע פעלערן, צוליב זיין גרימיקער שנאה קעגן אָט דעם מענטש — האָט געוואָלט פרעגן דעם עדות, צי דאָס היטל איז לויט דעם אויסזען ענלעך צו דעם היטל, וואָס סאַקאָ האָט געטראָגן. דער עדות האָט געענטפערט:

— נאָר אין קאַליר.

און דאָס איז דאָך געווען געגוג דייטלעך; אָבער זועב האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט אונטערגעבן, ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז נישט קיין ענטפער אויף דער פראַגע — און ער האָט אייגנטלעך געמיינט, אַז ס'איז נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט הערן. ער האָט זיך ווידער באַמיט אַריינצוזייגן דעם עדות די ווערטער אין מויל אַריין; לויט דעם אַלגעמיינעם אויסזען, איז דאָס דאָכזעלביקע היטל?

דידאָזיקע ווערטער זענען אַרויס פון מויל פון דעם גערעכטן און יושרדיקן ריכטער. און מצד דעם עדות וואָלט שוין באמת געווען זייער אומהעפלעך, אָפּצולייקענען זיי. ער האָט געענטפערט:

— יאָ, הער!

און ווען די פּאַרטיידיקער האָבן פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ מעטאָדע, צו ווירקן אויף אַזאַ אופן אויף די עדות, האָט ריכטער טייער געבערענגט אין אָרדענונג די זאַך דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעוויזן דעם סעקרעטאַר, ווי אַזוי צו פעלשן דעם פּראָטאָקאָל.

— פּראָטאָקאָלירט, אַז דידאָזיקע פראַגע איז געשטעלט געוואָרן מצד דעם פּראָקוראָר און נישט פונם ריכטער. — איצט האָט מיסטער וויליאַמס געהאָרכזאַם איבערגעחזרט זיין ענטפער. אָבער דער סעקרעטאַר — צי דאָס איז געווען אַ נאַרישקייט, צי אַ רשעות — ער האָט זיך נישט געהאַלטן ביי דעם ריכטערס אינסטרוקציעס, נאָר פאַרשריבן דעם גאַנצן דיאַלאָג און אָט שטייט ער איצט, שוואַרץ אויף ווייס, צו שפּאָט און צו חרפּה אויף אַלע קומענדיקע צייטן.

און אַזאַ ביטערקייט און פּאַרטייאישקייט איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער געמיינסטער גאוה און טעאַטראַלישקייט! מ'האָט נישט אויפגעהערט צו זען די פּאַטאָגראַפיסטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אַראָפּנעמען דעם הער פּאָרזיצער וועבסטער טייער, און ער איז קיינמאָל נישט געווען צופיל

באַשעפּטיקט, נישט אַוועקצוזעצן זיך פאַר זיי אין אַ שיינער פּויזע. אויף דער ערשטער זייט פון די צייטונגען זענען כמעט אַלע טאָג דערשינען אילוסטראַציעס: „ריכטער טייער פירט דעם פּראָצעס״ אָדער „ריכטער טייער, מיט אַ פּעכער פון פּאַלמענבלעטער אין דער האַנט שטייט פאַרן געריכטס-בנין״. אָדער „די צוועלף הערן געשווירענע ריכטער לאָזן זיך פאַר-טרייבן אַביסל די צייט דורך אַ גראַמאָפאָן — ריכטער אין סאַמע מיטן פון בילד״.

און דערנאָך פלעגט ער זיצן אין אַ קאַפע, שפּייען אויף דעם דיל און אַרומרעדן דעם פּראָצעס מיט וועמען ער האָט נאָר געקריגן אונטער דער האַנט; מיט געריכטס-באַאַמטע, איבערזעצער, פּאָליציאַנטן, רעפּאָרטערן, פאָטאָגראַפיסטן — ווי אומגלויבלעך עס זאָל נישט אויסזען — יאָ אַפילו מיט דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט, וואָס זענען בייגעווען דעם פּראָצעס. אַלס די פריינט פון סאַקאָ און וואַנצעטי. זיין כעס אויף די „אַנאַרכיסטישע פּאַסקודניקעס״ איז געווען ביי אים אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט דער עלעקטרישער שטול, ער האָט זיי נאָך געמוזט אויף זייער וועג צו אים באַוואַרפן מיט שמוץ. קאָרנעליע טאָרנוועל האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דערדאָזיקער אַלטער מאַן אין בוכשטעבלעך משוגע געוואָרן, און אַזאַ איינדרוק האָבן געהאַט אַ סך „בלוי-בלוטיקע״, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, וואָס דאָ איז פאָרגע-קומען, וואָס אָבער האָט מען געקענט טון צו דעם? דער שטאַט רימט זיך מיט גרויס שטאָלץ, אַז דאָרט איז נאָך קיינ-מאָל נישט באַשולדיקט געוואָרן אַ ריכטער. צי האָט מען איצט געזאָלט צעשטערן דעמדאָזיקן כבוד, באַפלעקן דעמדאָזיקן הערב, צוליב צוויי איטאַליענער, וואָס זענען לכל הדעות, אַפילו ווען זיי זענען קיין רציחה נישט באַגאַנגען, זענען זיי אויך געווען אַנאַרכיסטן, אַפיקורסים און אויסוואורפן?

קאַרלאָס ע. גודרידזש פאַר אַן עדות אין געריכט: דער מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעקויפט פון עטלעכע יאָר תּפיסה, מיט דעם, וואָס ער האָט צוגעהאָלפן שיקן סאַקאָ און וואַנצעטין אויף דער עלעקטרישער שטול. ריכטער טייער האָט זייער גוט געוווּסט ווי ס'האַלט מיט דער זאַך, און לי סווענסאָנס נביאות האָט זיך אָנגעהויבן צו באַשטעטיקן. ווען האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דערלאָזן, מען זאָל שטעלן גודרידזשן וועלכע עס איז פראַגעס, דורך וועלכע מ'וואָלט זיך זייער לייכט דערוווּסט, אַז גודרידזש איז פאַרמשפּט געוואָרן אין מאַסאַטשוסעט פאַר אַ גנבה. יאָ, נאָך מער, דער ריכטער האָט צוגערופן די אַדוואָקאַטן צו זיך, בעת ער האָט דערליידיקט דעמדאָזיקן ענין, כּדי די געשווירענע זאָלן נישט האָבן דעם קלענסטן באַגריף, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם עדות זאָגן פון אַ שווינדלער. טייער האָט אַפילו נישט געלאָזט, מ'זאָל אויפנעמען די וויכּוחים וועגן דעם אין פּראָטאָקאָל, און דערזעענדיק, ווי דער סעקרעטאַר גרייט זיך צו צו פאַרצייכענען זיינע ווערטער, פלעגט ער אַ געשריי טון: — דער טייוול זאָל אייך נעמען! — אַזוי אַרום פלעגט ער ראַטעווען זיין כּבוד, און דערדאָזיקער באַרעדעוודיקער און באַגלייבטער עדות האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן געריכט און דערציילט פאַר די געשווירענע, ווי ער איז אַרויסגעלאָפן פון דער ביליאַרדקאַפע און געזען ביי דער סאַמע זייט פון גאַס אַדורכלויפן דעם אויטאָ, און ווי איין באַנדיט „האָט געצילט אין אים מיט זיין שיסער" און אָט דערדאָזיקער איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי סאַקאָ.

די פאַרטיידיקונג איז געווען געבונדן און הילפלאָז. וואָס שייך גודרידזשס אמאָליקע פאַרגאַנגענהייט, דער פאַקט, וואָס בלויז זיין נאָמען אַליין איז אַ שטיק שווינדל און פאַרברעכן — האָבן זיי נישט געהאַט אויף דעם קיין שום באַווייז. אין דער לויפט פון געריכט-זאַל האָבן ווי אַרומגעשוועבט די

געשרייען פון עטלעכע אָרנטלעכע פרויען, וואָס ערעסטוס קאָר־ נינג וויטניי האָט חתונה געהאַט מיט זיי און אַוועקגעפּאָרן, די פערד־אייגנטימער, וואָס ער האָט באַגנבעט, און די איבע־ ריקע קרבנות, וועלכע זענען באַשווינדלט געוואָרן פון זיין גלאַט צינגל; אָבער דער שיקזאַל, וואָס האָט ערשט באַשטימט דעם טויט פון סאַקאָ און וואַנצעטי האָט דערשטיקט יעדן גע־ רויש. און ווען דידאָזיקע מענטשלעכע שטימען זענען שפּע־ טער דערהערט געוואָרן, פאַרשריבן געוואָרן לויט אַלע תקנות אויף קאָנצעלאַריע־פּאַפּיר, באַשטעטיקט געוואָרן דורך נאָטאַר־ יוסן און דערלאַנגט געוואָרן דעם ריכטער טייער אין דער פאָרם פון אַ ביטע צו רעווידירן דעם פּראָצעס — האָט דער־ דאָזיקער משפּטנדיקער דניאל איבערגעחזרט זיין רוצחישע פאָר־ מול: פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן. און ווען דער ענין איז געקומען פאַרן אויבערשטן געריכט, האָט דידאָזיקע הויכע אינסטיטוציע פאַרווענדעט איר גאַנצע געלערנטקייט אויף דעמדאָזיקן פּראָ־ בלעם און באַשלאָסן, ערשטנס דער פאַקט, וואָס מ׳האָט גע־ שטערט, אַז די געשווירענע זאָלן זיך נישט דערוויסן וועגן גודרידזש פאַרגאַנגנהייט, איז נאָך נישט קיין גרונט צו רע־ ווידירן דעם אורטייל און צווייטנס, דער פאַקט, וואָס מ׳האָט געפונען נייע מאַטעריאַלן וועגן גודרידזשן איז נאָך נישט קיין באַזע אָנצוהויבן ווידער דעם פּראָצעס. „דער אורטייל באַשטעטיקט”.

אויף טריט און שריט — אַ פּענטע אויף די פיס! פּאָ־ ליציי־באַאַמטע זענען געקומען און דערקלערט, אַז פאַר־ שידענע עדות זענען געקומען אין דער פּאָליציי אין ברעק־ טאָן, באַלד נאָך דעם אַרעסט און דערקענט סאַקאָ און וואַנ־ צעטין פאַר די באַנדיטן. אָבער טאָמער האָבן זיי די פּאַרטיי־ דיקער געפּרוווט אויספרעגן וועגן יענע עדות, וואָס האָבן נישט דערקענט אין סאַקאָ און וואַנצעטין די באַנדיטן — האָט דער ריכטער טייער אויפגעהויבן די הענט און צוגענומען זיי דאָס וואָרט. קיין שום עדות דאַרף מען נישט פרעגן אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן געקענט זאָגן אַנדערע עדות. מיט דעמדאָזיקן שווינדל

האָט מען געשטערט די פאַרטיידיקער אָפּצולייקענען אַ סך פאַלשע עדות.

ווו איז געווען רעי גוילד, דער ראַזיר-קרעם-סוחר, דער מענטש מיטן לאָך פון אַ קויל אין זיין מאַנטל, וואָס איז געשטאַנען עטלעכע טריט פון די באַנדיטן און עדות געזאָגט אונטער אַ שבועה, אַז סאַקאָ איז נישט דער מערדער! ווו זענען געווען פרוי קעלי און הער קענדי, די איינציקע פערזאָנען, וואָס האָבן אַביסל יאָ געזען געַנוי דעם שאָפער פון דעם אויטאָמאָביל, און וואָס זייערע שריפטלעכע דערקלערונגען, אַז סאַקאָ און וואַנצעטי זענען נישט די באַנדיטן, האָט זיך געפונען אין דער קעשענע פון פראָקוראָר! ווו זענען געווען די אַלע עדות, וואָס זענען אַוועקגעפירט געוואָרן דורך העגרן העלער אין פולקאָווניק פראָקטאָר אין פאָליצײ-צירקל, און וועלכע האָבן אידענטיפיצירט פאַרשידענע פאָטאָגראַפיעס פון באַנדיטן, און זיך אויסדריקלעך אָפּגעזאָגט צו אידענטיפיצירן סאַקאָ און וואַנצעטין פאַר די פאַרברעכער — הגם זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעשטעלט פאַר זיי אין אַ באַשטימטער פאָזע, אַראָפּגערוקט די היטלען איבער די אויגן און אַזוי געמאַכט, ווי זיי וואָלטן געשאָסן פון אַ ביקס!

VIII

קאָרנעליע האָט אין די צייטונגען איבערגעלייענט עטלעכע מע/דונגען, וואָס האָבן געהאַט פאַר איר משפחה אַ גרויסע באַדייטונג. די ביטע אָפּצורופן דעם פראָצעס פון זשערי וואָלקער האָט מען אָפּגעזאָגט. די לעצטע פעסטונג איז געפאַלן, דערדאָזיקער געוואַלדיקער פראָצעס האָט געדאַרפט פאַרקומען פאַרן געריכט. „פופצן מיליאָן-פראָצעס! גרויסע באַנקירן אַלס שווינדלער!" האָבן געשריבן די צייטונגען מיט גרויסע קעפּלעך. פאַר קאָרנעליען האָט עס נעהייסן אַ שווערער פאַמיליען-אומגליק; די דריי איידעמס אירע, צוויי פון אירע חתונה געהאַטע פלימעניקעס און צוויי דריי קוזינען וועלן

ויין געצוווּנגען, צו קומען אין געריכט אַלס עדות און אין
משך פון גאַנצע וואָכן צי מאַנאַטן וועלן זיי מוזן אויסשטיין
אַלערליי פּראָגעס וועגן די מעטאָדן פון זייער געשעפט. זשע-
רי וואָלקערס אַדוואָקאַטן האָבן אין זייער ערשטער דערקלע-
רונג, אין וועלכער זיי האָבן פאָרגעשטעלט זייערע באַווייזן,
בכלל נישט געפּלאָנטערט זיך מיט דער צונג: די גרויסע
באַנקירן, רופּערט אַלווין און העגרי קאַבאָט ווינטערס בראש,
האָבן געמאַכט אַ געהיימען יד אחת, כּדי דורך דעם כּח פון
זייער אייגענער מאַכט און איינפלוס אויף אַנדערע בענק דורך
צוואַנג, דורך ליגן און שווינדל, דורך געפעלשטע אינפאָרמאַ-
ציעס און דורך אומיושרדיקע אומגעזעצלעכע או זבאַטריגערישע
מיטלען, וואָס זענען ווייטער אויסגערעכנט אין דעם בייגע-
לייגטן מאַטעריאַל מיט אַלע פּרטים — צוגענומען דעם אָנקלאָ-
גער זיין פאַרמעגן און אים דערווייטערט פון אים. די „געלע"
פּרעסע האָט זיך שוין באַלעקט פון דעם פעטן ביסן, וואָס
איר וועט אַריינברענגען די סענסאַציע, בעת די אָנשטענדיקע
ציישונגען האָבן אָפּגעדרוקט די ידיעות אין דעם פינאַנסיעלן
טייל, ווו זיי וואָלטן געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז דידאָזיקע
שאַרפע אויסדריקן זענען נאָר געמיינט אין טעכנישן זינען,
און זיי באַדייטן נישט דאָס, וואָס דעם פשוטן לייענער קען
זיך אויסדאַכטן.
גאַנצע משפחות האָבן זיך שוין גענומען אַרומרייסן צו-
ליב דעם פּראָצעס, און פרויען זענען ברוגז געוואָרן איינע
מיט דער אַנדערער, פרוי זשאַן קווינסי טאָרנוועל, די פרוי פון
דעם פּרעזידענט פון דער פינפטער נאַציאָנאַל-באַנק, האָט אויס-
געפּויקט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז רופּערט אַלווין האָט
אַריינגעצויגן אין דערדאָזיקער געשיכטע איר מאַן, אינ-
גאַנצן אָן זיין וויסן. פרוי רופּערט אַלווין, די פרוי פון דעם
פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַל-פּילגרים-באַנק, איז געווען אויפ-
גערעגט, וואָס איר שוועסטער, די פרוי פון העגרי קאַבאָט ווינ-
טערס, האָט די גאַנצע מעשה אויפגענומען זייער לייכט און
זיך אויסגעדריקט פאַר אַנדערע פרויען, אַז עס וואָלט געווען

אַן אויסגעצייכנטע זאַך, ווען מ'זאָל אַריינפּאַקן אין תּפיסה אַריין אַ פּאָר פון דידאָזיקע הערן, כּדי זייערע פרויען זאָלן וויסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ווו זיי זענען אין דער וועלט!

איינער פון די אַדוואָקאַטן אין דעם פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטי איז קראַנק געוואָרן און ריכטער טייער האָט אָפּגעלייגט דעם פּראָצעס אויף אַ פּאָר טעג. קאָרנעליע האָט געדאַרפט שרייבן אַ מאַסע בריוו און שאַפן אַביסל געלט, וואָס מ'האָט זייער נויטיק געדאַרפט האָבן; אָבער דבורה האָט טעלעפאָנירט פון איר הויז ביים צפון-ברעג, אַז זי מוז זיך תּיכּף טרעפן מיט איר מוטער אין באָסטאָן, עס האַנדלט זיך וועגן אַליסן, זייער אַן ערנסטע זאַך. קאָרנעליע האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'מוז ווידער זיין די מחלוקת מיט זשערי וואָלקער.

— דו ווייסט, דבורה, איך האַלט די וואָלקערס פאַר מיינע פריינט, און איך וויל נישט...

אָבער דבורה האָט איר איבערגעריסן די רייד:

— ס'איז נישט וועגן דעם, מאַמע, דאָס איז אינגאַנצן אַ פּערזענלעכע זאַך, אַ שרעקלעכע אומאָנגענעמע זאַך. איך קען עס דיר נישט זאָגן דורכן טעלעפאָן. קום תּיכּף אין שטאָט אַריין.

בעטי איז מיטגעפאָרן מיט איר באָבען קיין באָסטאָן, זי האָט געדאַרפט באַזאָרגן עפּעס אין דער קאַנצעלאַריע פון דער פאַרטיידיקונג, זי האָט געוואָלט אַרויסלאָזן אַ קאָמוני-קאַט וועגן דעם גאַנצן גאַנג פון דעם פּראָצעס, און זשאָ האָט זיך נישט געקענט דערמיט פאַרנעמען. די גאַנץ שטרענגע גע-זעצן פון מאַסאַטשוסעטס האָבן דעם ריכטער טייער געגעבן די רעכט, צו באַשטראָפן פאַר דער „באַליידיקונג פון געריכט", און דערפאַר האָט די באַשולדיקטע אין אַזאַ פאַרברעך געדאַרפט זיין אַ יונגע דאַמע מיט סאַמע בלויסטן בלוט פון ניי-ענגלאַנד; דער אַלטער „צאָרן-ריכטער", ווי בעטי האָט אים לעצטנס אָנ-גערופן, וועט איר מער ווי זיכער ווידמען אַ פעטע נאָטיץ אויף דער ערשטער זייט! זשאָ האָט געזאָלט בלייבן אין דעד-האַם און שרייבן נאָטיצן און אַרטיקלען פאַר זשורנאַלן, וואָס

ווענען דערשינען אויסער דעם שטאט, און אזוי ארום ארויסגע־פירט פון דעם צארן־ריכטערס געביט.

— איך ווייס יא, אין וואס עס גייט — האט געזאגט די יונגע באלשעוויסטישע דאמע—איינער פון דער מומע אליסעס זשעניעס, האט זיך אביסל פארגאליאפירט, און זי טאקע אויך, לויט ווי איך האב געהערט.

אזוי איז עס טאקע געווען. אליס האט פארייניקט די ליבע צו קונסט און די קונסט פון ליבע. איינער א ווילדער באהעמישער פיאניסט, האט א קוק געטון אויף איר מיט א פאר טעמפעראמענטפולע בליקן, האט זי געוואלט אוועקפארן מיט אים קיין אייראפע און שוין מודיע געווען העגרין, אז זי האט זיך בדעה צו גטן מיט אים.

— און גראד איצט? — האט אויסגעשריגן דבורה — ווען רופערט און העגרי זענען ארומגערינגלט מיט צרות צו־ליב דעם זשערי וואלקער־פראצעס און מען איז זיי פשוט ממש גרייט דורס צו זיין, און ערשט די מעשה מיט דער אויבערבאן, און בעטי און דו — מאמע, מען טאר איצט גאנץ איינפאך, נישט דערלאזן צו א נייעם סקאנדאל.

די גאנצע פאמיליע האט זיך, הייסט עס, געדארפט פא־רייניקן אין איין פראנט קעגן דער וואנזיניקער פרוי, באשיצן זיך מיט אלע מיטלען קעגן יענעם אוממאראלישן מענטשל, ווי דבורה האט אים אנגערופן, פטור צו ווערן פון אים. קארנעל־יע, די מוטער און די איינציקע פרוי פון אלטן דור אין דער משפחה, האט געדארפט נעמען אויף זיך די שווערסטע אויפ־גאבע. זי האט זיך ווידעראמאל געדארפט צונויפטרעפן אויג אויף אויג מיט איר צווייטער טאכטער, שוין אפשר דאס טויזנטסטע מאל אין די איבער צוואנציק יאריקער מעלאדרא־מאטישער קאמעדיע: צווערשט העגריס קאכנדיקע אייפערזוכט, דאן ביטערע שנאה, דאן גלייכגילטיקייט און פארשידענע סטאדיעס פון ראמאנטישער באגייסטערונג פאר דעם און יענעם פון די גרויסע קומענדיקע דיכטער אדער מאלער אדער מוזי־קער. דאסמאל איז עס געווען שרעקלעכער ווי תמיד; דאס־

מאָל זענען צעבראָכן געוואָרן אלע צוימען, אַלע באַמיִונגען איינצוהאַלטן זי האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך — דאָס איז שוין געווען אמת „נישט באַסטאַניש" — מ'האָט זיך ממש נישט געקענט צוגלויבן!

צוואָנציק יאָר כסדר האָט אַליס תמיד עפּעס געזוכט, און די מאַנסבילן און פרויען פון דער משפחה האָבן זי אַרומ-גערינגלט ווי אַ פּלייט און איר געהאַלטן, ווי אַ געפאַנגענע.

— קוק מיך נאָר אָן! – האָט זי געשריגן — איך בין שוין אַ זקנה! מיין הויט וועט שוין באַלד זיין ווי פּאַרמעט און מיינע אַלע האָפנונגען זענען שוין אַוועק.

אַ פּלוצלונגער רחמנות האָט אַ צאַפּל געטון אין דער מאַמעס האַרץ.

— צי איז די ליבע אָפּהענגיק אָן דער פאַרב פון פנים?

— נאָר וואָס דען מיינסטו? — האָט אַליס אויסגערופן מיט שטורם — קוק מיך נאָר אָן!

קאָרנעליע האָט אַ קוק געטון אויף איר און האָט איר געמוזט געבן גערעכט. סוף כל סוף, אויף איר שיינעם און שטאָלצער טאָכטער האָט מען שוין דערקענט די יאָרן. פאַר-שווונדן דער פרישער ראָזער קאָליר, דער מיידלשער רייץ, די מונטערקייט און די זיכערקייט פון יונגן ווייבלעכן באַוווסטזיין. אַליסעס הויט האָט אָנגעהויבן איינצוטרוקענען, ס'האָבן זיך באַוויזן קנייטשן, וואָס קיין שום שיינהייטס-דאָקטאָר אויף דער וועלט האָט שוין נישט געקענט באַזייטיקן. יענע פּאַטאַלע אָנ-געצויגענע שטריכן אונטער די באַקן, וואָס לאָזן זיך נישט באַהאַלטן פון קיין שום זאַך. דבורהס האַלז האָט דערמאָזיקן סימן שוין געטראָגן זיבט יאָרן. זי האָט אים באַהאַלטן אונ-טער אַ שוואַרצן סאַמעטענעם באַנד. אַליס אָבער וועט שרעק-לעך אויסזען באַנוצנדיק זיך מיט אַזאַ שפּיצל, — זי האָט געבראַכט צוטראָגן אַזאַ באַנד און אָנגעמאַסטן זיך אויפן האַלז, כדי צו ווייזן דער מוטער, ווי זי זעט אויס אין דעם.

זי האָט ליב געהאַט פראַנץ גרעזאַק. — ער איז נישט קיין „באָהעמישער אַרומשלעפּער" — האָט זי געזאָגט — ווי דבורה

האָט זיך אַזוי געמיין אויסגעדריקט וועגן אים. ער איז בכלל נישט אַ געוויינלעכער מוזיקאַנט, נאָר דער יינגער זון פון אַ גרויסער פאַמיליע און ער ווערט אויפגענומען אין די הייזער פון דער בעקביי, ווי אַ שטענדיקער גאַסט. און אַליס האָט אים ליב, באָסטאָן האָט זי גאָרנישט ליב און זי איז דורכויס אַנטשלאָסן צו זיין גליקלעך!

צי וועט זי דען באמת זיין גליקלעך? — האָט איר געפרעגט די מוטער, וואָס האָט זיך גענומען צוגרייטן צו דער ברוטאַלער אויפגאַבע, צוצעשטערן דער אָרעמער אַליס איר באַהעמישן לופט-שלאָס. צו וואָס דערדאָזיקער ליבע-קינסטלער, אַז זי פאַרמאָגט זייער ווייניק איר אייגן געלט, און אַז אין אַמעריקע איז דער געזעצלעכער מאַן נישט צוגעוווינט אונטערצושטיצן די ליבע פאַסירונגען מיט קינסטלער פון זיין פרוי? צי איז עס אמת, אַז יענער מאַן איז מיט היפשע עטלעכע יאָר יונגער פון אַליסן, און אויב דאָס איז אמת, צי האַלטן זיך קינסטלער נישט אַזוי ווי אַלע אַנדערע מאַנסלייט אין דער פראַגע וועגן דעם עלטער פון דער פרוי? צי רעכנט אַליס אויף מאָרגן נאָך איר Nuit d'amour (ליבע נאַכט) אומצוקערן זיך צוריק קיין באָסטאָן?

דאַן איז געקומען צוגיין קלאַרע סקאָטערבּרידזש, קאָרנעליעס יונגסטע טאָכטער; אירע טרערן און אירע געשרייען זענען געווען בלויז צוליב דער צוקונפט פון אירע זין און טעכטער, וואָס דאַרפן שוין באַלד טון שדוכים און אַליס שטעלט די משפחה בחרפה. רופערט אַלווין איז געקומען צוגיין, האָט געלאָזן אַלע זיינע געשעפטן אָן אַ זייט. ער האָט געלאָזט אין גאַנג יענעם מעכאַניזם, וואָס דער הערשנדיקער קלאַס האָט איינגעריכטעט, צו באַקומען שנעלע און זיכערע אינפאָרמאַציעס. פונקט ווי אַמאָל, ווען ער האָט געקענט דערציילן קאָרנעליען אַלצדינג וואָס טוט זיך אָפּ אין דער איטאַליענישער קאָלאָניע און אין דער אַנאַרכיסטישער גרופּע פון אָסט-באָסטאָן, פונקט אַזוי האָט ער איצט געקענט דערציילן זיין

שוועגערין פון אַ באַהעמישן פּיאַניסט, וואָס אין יעדער שטעטל, ווו ער איז אַרויסגעטרעטן אויף קאָנצערט, האָט ער געהאַט אַ קינסטלער-ליבע, וואָס אַ באַקאַנטער קריקעט-שפּילער האָט אים איינמאָל אַזוי דערלאַנגט, אַז ער האָט זיך מער נישט אויפגעהויבן פון דער ערד און אַז ער איז אַנטלאָפן פון אַ דועל, אויף וועלכן עס האָט אים אַרויסגערופן אַ רוסישער פירשט, אַן עמיגראַנט, — דאָלגראָוויטש האָט דער פירשט געהייסן, אויב איך האָב קיין טעות נישט, — האָט רופערט געזאָגט, מיט אַ קענטיקער פאַראַכטונג צו אַזאַ נאָמען.

און דאַן איז געקומען דער יונגער יהושע טאַרנוועל ווינטערס, אַליסעס איינציקער זון, וואָס האָט אין עטלעכע טעג אַרום געדאַרפט קריגן דעם „דיפּלאָם" אין האַרוואַרד-אוניווערזיטעט. ער מוז זיך אַריינמישן אין דעם ענין, האָט ער געזאָגט — נישט דערפאַר, וואָס ער וויל דאָ פאַרטיידיקן די מאָראַל, נאָר עס איז צו האָפן, אַז ער וועט זיך גרינדן אַן עקזיסטענץ און קומען צו אַ שטיקל תכלית. און דאָס וואָלט אים, פאַרשטייט זיך, אַ סך לייכטער אָנגעקומען, ווען ער האָט אַ מוטער, וואָס פאָרט נישט אַרום מיט קיין פסיכישן פּיאַניסט, נאָר לעבט אין דעם גוטן אָרנטלעכן באָסטאָן. אַלע משפחה מיטגלידער זענען אַוועק, בעת ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט דער-דאָזיקער עפּיזאָד פון דער טוף דראַמע.

IX

קאָרנעליע איז אַוועק צו אַליס געזעגלעכן מאַן און געוואָר געוואָרן, אַז ער, העגרי, האָט אָנגענומען אַ זייער נישט באַסטאָנער האַלטונג.

— מאַמע — האָט ער געזאָגט — איך מיין, אַז אַליס זאָל גיין ביז צום סוף און זען, וואָס זי וועט האָבן פון דעם דאָזיקן ראָמאַנטישן חלום, דו, אַ באָלשעוויסטין דאַרפסט נישט זיין אויפגערעגט צוליב דעם.

— מיין בונט האָט אַ באַשטימטן צוועק — האָט קאָר-

נעדיע געזאָגט — איך ווייס נישט וואָס פאַר אַ ציל אַליס קען דאָ האָבן.

— נו, איך האָב עס שוין געזאָגט פון יאָרן צוריק. אַליס האָט זיך געדאַרפט גטן מיט מיר, ווען זי וועט קריגן דעם ריכטיקן מאַן, וועט זי זיך אפשר ביסלעכווייז באַרויקן.

אָבער אַזאַ מענטש, וועט נישט זיין פאַר איר קיין מאַן, העגרי!

— איך ווייס, אָבער עפּעס מוז זי אַרויסרייסן פון דער פאַמיליע. איך האָב עס קיינמאָל נישט געזאָגט, ווייל סוף־כּל־סוף איז עס אַ זאַך, וואָס גייט אָן נאָר די טאָרנוועלס. אָבער פאַר מיר איז עס קלאָר, פון יענער צייט אָן, ווען איך האָב איינגעזען, אַז איך בין נישט דער ריכטיקער מאַן פאַר אַליסן. די צרה באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס די פאַמיליע האָט נישט געקענט פועלן אַז זי זאָל נעמען אַ גט; זיי האָבן בעסער אין משך פון גאַנצע צוואָנציק יאָר געוואָלט האָבן אַלע פיר וואָכן אַ היסטאָרישע סצענע. איך וויל נישט רעדן פון אַליסן, ווייל זי איז דיין בלוט און פלייש.

— אָ, ס'איז גאָרנישט, העגרי. זאָג אַלצדינג, וואָס דו טראַכסט. איך מוז פאַרשטיין יעדערן פון אייך.

— נו, מאַמע, דער עיקר איז דאָס, וואָס אַליס האָט נישט קיין געהירן אין איר קאָפּ. פאַרוואָס האָסטו איר נישט אָבגעגעבן אַביסל פון דיין הומאָר?

— דו פאַרגעסט, העגרי, אַז איך בין נישט געווען איר דערציערן. דאָס הויז איז געווען ממש פול מיט יהושעס שוועסטער און מומעס, וואָס האָבן תמיד געוווסט, וואָס מ'זאָל טון. איך האָב צו לאַנג געוואַרט, איידער איך האָב אָנגעהויבן קעמפן.

— יאָ, מוטער, מיר זענען אַלע באַגאַנגען פעלערן. איך האָב מיך אויך געדאַרפט אַביסל מער זאָרגן פאַר מיין זון. איך האָב אים איבערגעגעבן אין די הענט פון זיין מוטער, בעת איך האָב פאַרדינט געלט, און איצט האָב איך אַזויפיל געלט און האָב נישט קיין פרוי, און אַ וווּנד אין האַרצן פון

מיין זון. דאָס איז דער שכר פאַר מיין שווערער אַרבעט. ערשט האָב איך נישט קיין שום זאַך, וואָס זאָל מיך אויפ־מונטערן צו גיין מאָרגן אין דער קאַנצעלאַריע, האַ?

— איך ווייס, העברי, האָסט שוין אַ סך מאָל גערעדט וועגן דעם; אָבער צומאָרגנס גייסטו אַוועק אין דיין ביוראָ, און דו טוסט דאָס אייגענע, וואָס דו האָסט נעכטן געטון. מיר אַלע זענען ווי די מוראַשקעס — מיר טוען דאָס, וואָס אַנדערע טוען. אַזוי מיר האָט איר געקוקט ווי אַ משוגע־נע, ווייל איך האָב געפּרוּווט האַנדלען זעלבסטשטענדיק.

— ניין, מאַמע, בשום אופן נישט — האָט העברי גע־ענטפערט, ער האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט זיין עלעגאַנץ — איך האָב דיך באמת זייער באַוואונדערט. ווען דו זאָלסט הערן, ווי איך רום זיך מיט דיר אין קלוב, קיינער קען זיך נישט באַרימען מיט אַזאַ אינטערעסאַנטע שוויגער! פּאַקטיש, דו ביסט די טעמע פון דער גאַנצער שטאָט: — מ׳זאָגט, אַז דו האָסט איבערגענומען די גאַנצע מאָראַלישע זייט פון דעם פּראָצעס.

— מ׳האָט דיר דערציילט אַ גרויסע נאַרישקייט — אַזוי נאַריש, ווי אַלע געשיכטעס וועגן די פריינט סאַקאָ און וואַנ־צעטי. וואָס איז געוואָרן פון די באַוויינזן, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט, העברי? האָסט פאַרגעסן?

— ניין, מוטער.

— עס איז נישט אַזאַ גרינגע זאַך, ווי דו האָסט גע־מיינט?

— דאָס נישט. פופצן מיליאָן דאָלאַר איז אַ מאָסע געלט, און רופּערט האָט שרעקלעך מורא פאַרן וואָלקער־פּראָ־צעס, ווייל ער וועט אַ סך זאַכן מוזן מודה זיין. אַ חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ סך עגמת נפש פון דעם אַדוואָקאַטן־פאַריין. מ׳האָט דאָך אונז געוואָלט אַרויסוואַרפן פון אַדוואָקאַטן־שטאַנד. האָסט שוין געהערט וועגן דעם?

— ניין, העברי, די לעצטע צייטן האָב איך נישט קיין שום באַרירונג מיט דער פאַרברעכערישער וועלט. — דו האָסט

געלאַכט, ער האָט אויך געלאַכט, — זיי פלעגן זיך תמיד ווײַלן, ווען זיי זענען געווען צוזאַמען. ווען אַליס וואָלט נאָר געקענט אַזוי לאַכן, ווי איר מוטער!

— עס איז אַ לאַנגע מעשה, איך וועל עס דיר ווען עס איז דערצײַלן. בעת אַז די כאַבאַרניקעס זענען אַרויסגע־טרעטן קעגן די טאַרגוועלס, אַז מ׳זאָל אינגאַנצן נישט האָבן צו טון מיט זיי. ער איז אַ שטרענגער מאָראַליסט, ווי דו ווייסט, מיר האָבן אויסגעקליבן אַ וועג איבער דעם אַדוואָקאַטן־פּאַריין, דו האָסט דאָך מסתמא געלייענט וועגן דעם?

— איר ביידע, דו און רופּערט האָט איר דידאָזיקע געשיכ־טע אָנגעהויבן, דאַכט זיך אין מידלעקס?

— די מעשה ציט זיך שוין פיר יאָר. צי זעט דיר נישט אויס מאָדנע, וואָס מען האָט זי דווקא איצט אַרויסגע־בראַכט?

— בנאמנות, איך בין איצט צו באַשעפּטיקט, זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דעם.

— נו, מיטן גאַנצן עולם קומט אויך פאַר דאָס אייגענע! אַ פאַקט איז, אַז איך האָב אַרויסגעלאָזט דעטעקטיוון און באַזאָרגט פאַר רופּערטן דעם גאַנצן ענין.

— פאַרוואָס האָט איר אָנגעהויבן אין מידלעקס?

— נו, זעסטו, טעפּטס, דער דאָרטיקער אַדוואָקאַט איז צופעליק אַן עכטער אַמעריקאַנער, דער פּשוטסטער פּאָליטישער שכל הישר פאָדערט פון אונז, צו באַווייזן אונזער אומפּאַר־טייאישקייט. און דערנאָך — ווען מיר האָבן אָפּגעזאָגט טעפּטסן, האָט קיינער נישט געקענט האָבן קעגן דעם, וואָס מיר זענען געקומען קיין באָסטאָן און געפּטרט זשאָ פּאָליטיר.

— איך פאַרשטיי! זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן דאָ קענען כאַפּן אַ קוק אין די סודות פון באָסטאָנער עפנטלעכן לעבן, דעם „צענטרום פון די צענטערס", די אַקס פון דער וועלט! זשאָ פּאָליטיר, אַדוואָקאַט פון סופאַלק, וואָס אין זיין אַרבעט־געביט גייט אַריין אייגנטלעך גאַנץ באָסטאָן איז געווען אַ פירענדיקער רעדנער און העלד פון די קאַטױליקן, און

איז פון פּויפּסט אויפגעהויבן געוואָרן צו אַדל פאַר זיין דינסט לטובת דער הייליקער זאַך. אַחוץ דעם איז ער געווען אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער כאַבאַר-ליגע. נו, האָבן זיך עטלעכע פון זי טאָרנווועלס פאַרנומען אים צו פּטרן.

עס איז געווען נאָך אַ קריזיס אין דעם אָן סופיקן קאַמף צווישן די בלוי-בלוטיקע און די קאַטוילישע אירלענדער. קאָר-בעליע האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן צוגעקוקט צו דעמדאָזיקן קאַמף; זי האָט דעריבער נישט געדאַרפט פרעגן קיין סך.

— אַן אומגליק, וואָס גראָד איצט דאַרף רופּערט זיין פאַרמישט אין דעם סקאַנדאַל מיט דער אויבערבאַן — האָט זי געטראַכט.

— דאָס איז נאָר איין טייל פון קאַמף — האָט הענרי געזאָגט, און ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זשאָ פּאָליטיר האָט פאַרקאָכט דעם גאַנצן סקאַנדאַל, און געדראָט מיט אַ פּראָצעס, כדי אָפּצושרעקן רופּערטן און די איבעריקע מיטגלידער פון דער פּילגרים-נאַציאָנאַל-באַנק. ערשט איז נאָר די פראַגע ווער עס וועט מנצח זיין — צי וואָלסטו זיך נישט געוואָלט וועטן מיט עמעצן וועגן דעם רעזולטאַט פון דעם קאַמף.

— דיין שמייכל איז אַ גענוגנדיקער באַווייז דערצו — האָט געענטפערט זיין שוויגער — און ער האָט געזאָגט: — אָ, ס'וועט זיך אַלצדינג אויסלאָזן גוט, — נאָר רופּערט איז אַ מענטש, וואָס נעמט זיך אַלצדינג צום האַרצן, און ער מאַכט אַ תל פון זיין געזונט. די דאָקטוירים האָבן אים אַפילו איינגערעדט, איבערצורייסן אַביסל די אַרבעט, אָבער זיי האָבן נישט אויסגעקליבן קיין גוטע מעטאָדע. זיי האָבן אַראָפּגענומען רענטגען-אויפנאַמעס פון זיינע אָדערן און אים געוויזן, אַז זיי זען אויס ווי ווייסע בענדלעך, וואָס באַדייט — אַן איבערפלוס פון קאַלק און אַנדערע שטאָפן. זיי האָבן אים נעבעך אויסגערעכנט אַזאַ לאַנגן צעטל פון זאַכן, וואָס ער טאָר נישט עסן, אַז ווען ער זעצט זיך אַוועק ביים טיש האַלט ער אין איין פּיקן מיטן לעפל, ווי אַ הון. זיין רויטדיק פּנים ווערט פון טאָג צו טאָג עלטער.

X

אַליסעס טשעכישער לופֿט־שלאָס איז פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן. זי האָט עמעצער פֿון דער משפּחה איינגערוימט דעם שטורעמדיקן געניע, אַז די דאַמען פֿון דער פֿאַמיליע טאָרנהעל האָבן נישט קיין אייגענעם פֿאַרמעגן? ווי ס'זאָל נישט זיין, דער באַרימטער און געאַכפּערטער קינסטלער האָט פּלוצלונג אויספֿונען אַ גאַנצע רייע איינלאַדונגען אויף קאָנצערטן אין קאַליפֿאָרניען און אָנגעשריבן צו אַליסן זייער אַ קלוגן און באַדויערנדיקן בריוו. דידאָזיקע אומגליקלעכע פֿרוי איז אָפּגעשטאָרבן אַ צען־צוועלף מאָל פֿון האַרץ־ווייטאָק און אַוועקגעפֿאָרן אין אַ רייכן סאַנאַטאָריום, כּדי צו געניסן פֿון רו און מאַסט־קור. אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זי געגומען אַ פֿאַרמאָגערונגס־קוראַציע, דערנאָך אַ שטרענגע טויבן־דיעטע, און סוף כּל סוף האָט זי באַצאָלט אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער דרייסיק דאָלאַר פֿאַר אַ שעה, ער זאָל אויסהערן אירע יסורים.

דערווייל איז קאָרנעליע, נישט געקוקט אויף די פֿאַמיליע־שוועריקייטן, אַוועקגעפֿאָרן צוריק קיין דעדהאַם, ווו ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דער פּראָצעס. ווידער איז זי געזעסן דעם גאַנצן טאָג אויף אַ האַרטע באַנק אין געריכטס־זאַל, האָט זיך געמאַכט נאָטיצן אין איר העפֿט און דערנאָך קאָנפֿערירט דעם גאַנצן אָוונט, ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט די אַדוואָקאַטן, מיט דעם קאָמיטעט און די זשורנאַליסטן. יעדן נאָכמיטאָג, ווען די זיצונג האָט זיך געענדיקט, פֿלעגט זי מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פֿון שעריף באַזוכן וואַנצעטין, כּדי צו רעדן מיט אים אַ פּאָר ווערטער, אויסצוהערן זיינע עצות וועגן פּראָצעס, און צו טרייסטן אים מיט פֿריינטלעך־צערטלעכן מיטגעפֿיל.

און אָט איז דער באַשולדיקער צוגעקומען צו דער אידענטיפֿיצירונג פֿון וואַנצעטין אַלס אַ מיטגליד אין דער באַנדיטן־באַנדע. מ'האָט אַרויסגערופֿן אַלס עדות איינעם אַ מענטשן מיטן נאָמען לעוואַנזשע, באַן־וועכטער ביים שליאַבאַן, דער אויטאָ

מיט די באַנדיטן איז דורכגעפאָרן האַרט לעבן אים. דערדאָ-דיקער אַלטער מאַן האָט דערציילט, אַז ווען דער אויטאָמאָביל איז אָנגעקומען צו די רעלסן, איז גראָד אָנגעפאָרן אַ צוג, און ער האָט געוואָלט אַראָפּלאָזן דעם שליאַבאַן; אָבער באַנ-דיטן האָבן אים מיט רעוואָלווערן אין די הענט געצוווּנגען אויפצוהייבן צוריק דעם שליאַבאַן, און דורכצולאָזן דעם אויטאָ נאָך פאַרן צוג. אין וואַנצעטין האָט ער דערקענט דעם שאָפער פון יענעם אויטאָמאָביל.

ווען עס איז געקומען צו די פאַרטיידיקער, האָבן זיי אַרויסגערופן איינעם אַ לאָקאָמאָטיוו-הייצער, וואָס איז נישט געווען קיין רויטער נאָר אַן אירלענדער, און ער האָט עדות געזאָגט, אַז אין דריי פערטל שעה נאָך דערדאָזיקער מעשה האָט ער גערעדט מיט לאָוועגזשע: לאָוועגזשע האָט געזאָגט, אַז ער האָט די באַנדיטן נישט געזען, ער האָט נאָר געזען דעם רע-וואָלווער און „באַהאַלטן זיך אין הייזל".

דריי ווייטערדיקע עדות האָבן אויך אָפּגעגעבן ענלעכע דערקלערונגען. על פּי צופאַל האָט זיך לעוואַנזשע מודה געווען פאַר איינעם פון די פאַרטיידיקער, אַז ער קען די באַנדיטן נישט דערקענען, און דאָס האָט ער געזאָגט פריער אויך; שפּעטער האָט ער זיך סותר געווען און געזאָגט, אַז ער קען זיך נישט דערמאָנען אין אַזאַ שמועס. ער איז געווען אַן אומגעלומפּעטער פאַרשוין מיט אַ פּאָר בלאָנדזשענדיקע אויגעלעך, און ער איז דאַכט זיך לחלוטין נישט אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרלעגנהייט, ווען מ'האָט אים געכאַפּט ביי אַ ליגן. ער האָט גיכער אָנגענומען די גאַנצע זאַך, ווי אַ חוזק.

און ס'האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַן אמתער חוזק פאַר דער גאַנצער וועלט, בעת דער פּראָקוראָר אין זיין רעדע פאַר די געשווירענע האָט אָנגעהויבן לעוואַנזשעס דערקלערונגען צו צעלייגן אויף טעלערלעך. מיסטער קאַצמאַן האָט זיך געפילט אַביסל צוגעדריקט צו דער וואַנט. ווייל דער באַן-וועכטער האָט דערקענט אין וואַנצעטין דעם שאָפער פון אויטאָמאָביל. אין דער צייט ווען מיסטער קאַצמאַנס איבעריקע עדות האָבן אַלע

געטענהט אין איין קול, אַז דער שאַפער איז גאָר געווען אַ יונגער, אַ דארער, אַ בלאָנדער מיט אַ קרענקלעכן אויסזען. דער פּראָקוראָר אָבער האָט זיך אָן עצה געגעבן אויף זייער אַ שאַרפזיניקן אופן, ער האָט באַוויזן אָפּצוואַרפן לעוואַנזשען און צוצונעמען זיינע דערקלערונגען ווי אַ גוטע מטבע. דער באַן-וועכטער האָט דעם איינדרוק, אַז ער האָט געזען וואַנצעטין אָנפירן מיטן אויטאָמאָביל, אין דער אמתן אָבער איז ער געזעסן אינעווייניק הינטערן שאָפער!

דאָס זענען געווען אַלע פּאַקטישע באַווייזן, וואָס מ׳האָט ברייט אויסגענוצט. און כּדי צו פאַרשלייערן די נישטיקייט פון דער באַשולדיקונג, האָט מען געבראַכט נאָך עטלעכע זאַכן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי כּמו באַווייזן. איינער אַ מענטש מיטן נאָמען דאָבעראַ גלויבט, אַז ער האָט מיט אַ פינף שעה פאַרן אָנפאַל אין ברענטרי געזען וואַנצעטי אין אַן אויטאָמאָביל פול מיט אויסלענדער. ער האָט געזען דעם אויטאָמאָביל דורכפאָרן און ער האָט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט דערמיט, וואָס איינער פון די מענער האָט זיך אויסגעבויגן אויף פאָרנט און אונטערגעהאַלטן זיך מיט צווייטן; עס איז געווען — זאָגט ער — אַ „געמיין געזינדל״. ער האָט וואַנצעטין נישט געקענט. ער האָט פריער קיינמאָל נישט געטראָפן און האָט אים ערשט געזען נאָכן אַרעסט. ער האָט מודה געווען, אַז אָן אַ שיר אויטאָס מיט אַרבעטער פאָרן אויפן וועג צו די דאָקן דורך דער שטאָט. קיין אַנדערן פון די פּאַסאַזשירן האָט ער נישט געקענט דערקענען, און נישט צוגעבן אַפילו דעם קלענסטן פּרט; ער האָט געקענט בלויז איין זאַך זאָגן: אַז וואַנצעטי איז געזעסן אין דעם אויטאָ.

און דאַן איז געקומען איינער, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער האָט צומאָרגנס נאָכן אָנפאַל, געזען וואַנצעטין אין דער באַן צווישן פּליימוט און וועסט-ברענטרי. אָט דער עדות איז אינגאַנצן געפּסלט געוואָרן דורך דעם קאָנדוקטאָר און דריי אַנדערע בילעט-פאַרקויפערס. קיין איינציקער בילעט איז נישט פאַרקויפט געוואָרן אויף דעמדאָזיקן שטח. דערנאָך האָט דער

פּראָקוראָר אַרויסגעשיקט פאַר אַן עדות נאָך אַ באַן־וועכטער, וואָס איז אַ שעה נאָכן אָנפאַל דורכגעגאַנגען אַ שטיקל וועג מיט די שינעס, לעבן די וועלדער פון מענליי און באַמערקט דאָרטן אַן אויטאָ. אין ווי אים דאַכט זיך, האָט ער געזען וואַנצעטין אויפן פאָדערשטן געזעס. און דאָס זענען געווען אַלע באַווייזן צו דערקענען וואַנצעטין! דאָס איז געווען דער גרעסטער טייל פון מאַטעריאַל, וואָס אַדאַנק אים האָט מען געדאַרפט שיקן אַ מענטשן אויפן עלעקטרישן שטול!

קאָרנעליע איז פּשוט געווען דערשטוינט, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטון דאָ פאַר אירע אויגן. מ'האָט ממש געמאַכט אַ פּרווו, אַרויפצוּוואַרפן אויף וואַנצעטין אַ מאָרד לחלוטין אָן איין פעסטן אמתן באַווייז. בלויז אויף דעם גרונט פון אַזאַ פאַקט, וואָס אין דעם אָוונט פאַר זיין אַרעסט איז ער געווען צוזאַמען מיט סאַקאָ, געהאַט ביי זיך אַ רעוואָלווער און קוילן און געגעבן דער פּאָליציי פאַלשע ידיעות וועגן זיין פּערזאָן און זיינע מעשים! די גאַנצע אידענטיפיצירונג איז געווען אַזוי קינסטלעך, איז געווען אַזאַ אָנשטעל, און דידאָזיקע „באַווייזן" זענען אין משך פון דער צייט אַזוי פאַנאַנדערגעפאַלן, אַז אין דריי יאָר אַרום האָט זיך ריכטער טייער געפילט צוגעדריקט צו דער וואַנט און געצוווּנגען געווען מודה צו זיין זיך, אַז „דער אורטייל האָט זיך לויט מיין מיינונג נישט געשטיצט אויף די אויגן־עדות". דידאָזיקע נייעס וואָלט זיכער שטאַרק פאַרחידושט די הערן געשווירענע, וואָס האָבן זיך צוויי וואָכן צייט צוגעהערט צו דידאָזיקע אויגן־עדות, און דאַן זיך צוגעהערט צו דער פייערלעכער פאַרזיכערונג מצד דעם פּראָקוראָר, אַז ער פערזענלעך האָט אין משך פון זיינע עלף יאָר אַרבעט „נישט געזען נאָך אַזאַ אויפריכטיקן עדות, ווי לאָלאַ אַנדרוס איז".

XI

כמעט דריי וואָכן צייט האָט דער שטאַט מאַסאַטשוסעטס געדאַרפט האָבן דורכצופירן די באַשולדיקונג קעגן די צוויי

אנאַרכיסטישע וואָפּס. דרייסיק מאָל האָט מען די געפאַנגענע אַרויסגענומען פון תפיסה אַרויס — יעדן פרימאָרגן דרייפערטל ניין, אַ חוץ זונטיק, און יעדן נאָכמיטאָג דריי פערטל צוויי, אַ חוץ שבת און זונטיק — און געפירט זיי פון דער תפיסה אין דעם געריכט־בנין: לינקס און רעכטס צוגעשמידט צו די תפיסה־וועכטער, מיט צוועלף פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן מאַרשירט פאָרויס און צוועלף פון הינטן. זיי זענען נישט געגאַנגען אויפן טראָטואַר, נאָר אינמיטן גאַס, כדי צו זיין בעסער פאַרזיכערט קעגן אַ פּלוצלונגען איבערפאַל. קליינע ווייסע חברהניקעס זענען זיי געלאָפן אַנטקעגן, כדי אָנצוקוקן די פּראָצעסיע, און די פּאָליציאַנטן האָבן געשריגן:

— אַוועק!

די באַשולדיקטע איינער לעבן אַנדערן אין זייער שטייג, האָבן געקוקט פאַר זיך מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. זיי האָבן נישט געקענט זען דעם עולם, און קיינער, אַ חוץ זייערע פאַרטיידיקער האָבן נישט געטאָרט רעדן מיט זיי. אין אַ קורצע צייט אַרום האָבן די אויפזעער געמאַכט אַ הנחה פאַר פרוי סאַקאָ; זי פלעגט צוגיין צו דער שטייג און שמועסן מיט איר מאַן ביז די זיצונג פלעגט זיך אָנהויבן. אַן אָרעמע קליינע פרוי, מיט אַ פּיצל קינד ביים ברוסט, איר אַמאָליק לעבעדיק און פריילעך פּנים איז געוואָרן איינגעשרומפּן, אירע באַקן זענען איינגעפאַלן. אַ גאַנצן טאָג איז זי געזעסן אין געריכט שטום און פאַרגליווערט, זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין די שווערע ווערטער אין אַ פרעמד לשון...

איר מאַן האָט זיך אויך נעבעך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין דידאָזיקע ווערטער. און וואָס מער ער האָט פאַרשטאַנען אַלץ קאָכעדיקער איז געוועזן זיין רעוואָלוציאָנערער צאָרן. אַ סך מאָל האָט ער מיט זיין חבר פאַרלוירן דאָס געדולד — ס'איז געווען אוממעגלעך צו זיצן שטיל און אויסצוהערן אַזוי פיל ליגן אין אַ געזעצלעכער פאָרם, אַזוי פיל געמיינהייטן מצד די באַשולדיקער און זייערע עדות! ווען דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיי פאַרהאַלטן האָט דערציילט, אַז וואַנצעטי האָט זיך

עטלעכע מאָל געכאַפּט צו זיין רעוואָלווער, האָט ער אויס־געשריגן:

— איר זענט אַ ליגנער! — עס איז געווען אַ שרעק־לעכער פאַרברעך קעגן דעם כבוד פון געריכט. — די אויפ־זעער האָבן אים געטון אַ נעם און אַ זעץ אַוועק צוריק אויף זיין אָרט און באַפוילן:

— האַלט דאָס מויל!

בעת לאָלאַ אַנדרוס האָט געהאַלטן אין מיטן פון איר עדות זאָגן, האָט זיך סאַקאָ געטון אַ שטעל אויף און אויס־געשריגן:

— איך בין עס? טוט נאָר גוט אַ קוק! איך בין איך אַליין!

ווידער אַ גרויסע אויפרעגונג און אַ גאַנצע סענסאַציע פאַר די צייטונגען. סאַקאָס בילד האָט באַצירט די ערשטע זייט.

שפּעטער, ווען ס'איז געקומען צו דער פאַרטיידיקונג זענען געווען נאָך מער אַזעלכע סצענעס. דער דאָלמעטשער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורכן געריכט, איז געווען אַן איטאַליענער מיטן נאָמען ראָסי; ער איז אויך געווען איינער פון דער כאַבאַר־ליגע אין נאָרפאָלק און געווען שטאַרק באַ־פריינדעט מיט דע פאַלקאָ און ריכטער טייער. איין קינד זיינס האָט ער ביים טויפן געגעבן אַ נאָמען וועבסטער טייער ראָסי און פלעגט פאָרן מיטן ריכטער קיין באָסטאָן אין אוניווערזי־טעט-קלוב. אויב דער ריכטער האָט נישט גערעדט מיט אים הינטערוועגס וועגן דעם פּראָצעס, איז עס געווען די איינציקע געלעגנהייט, וואָס ער האָט דורכגעלאָזן.

אָדער ראָסי האָט נישט געקענט קאָרעקט איבערזעצן, אָדער ער האָט נישט געוואָלט. אויף איינעם אַ קריטישן אָרט אין אַלפאָסינאַ בריניס עדות זאָגן, האָט ער אין ענגליש שטאַרק פאַרדרייט דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט אויף איטאַליעניש. וואַנ־צעטי, וואָס האָט געגוט פאַרשטאַנען ענגליש, און באַמערקט דעם פעלער, האָט אויפגעהויבן אַ טומל, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכן

די אַרומיקע, און זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן דורך די אויפ־זער. דעמדאָזיקן פעלער האָט ער געהערט אַ סך מאָל, און ווען קאָרנעליע איז געקומען צו אים אין דער תּפיסה אַריין, האָט ער עקשנותדיק איבערגעחזרט:

— ער איז אַ שווינדלער! — און דערנאָך נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— ער איז אַ שווינדלער! אַ שווינדלער!

קאָרנעליע האָט נישט מסכּים געווען מיט אים אין דעם פּרט. אָבער דאָס איז אויך געווען פּונקט ווי אַלצדינג, וואָס ער האָט געזאָגט, און ס'האָט זיך צו שפּעט אַרויסגעוויזן פאַר אַן אמת. ס'זענען נישט אַריבער קיין פינף יאָר, איז ראָסי פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוויי יאָר תּפיסה, דערפאַר וואָס ער האָט געפּרוווט פאַרקויפן זיין איינפלוס אויף עטלעכע ריכטער.

דער אייגענער שלימזל האָט, ווייזט אויס, נאָכגעיאָגט דעם גרעסטן טייל פּאַטריאָטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם פּראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטי. אַ סך פון זיי זענען אַריינגעפאַלן אין אַ קאָנפליקט מיט זייערע אייגענע געזעצן, אָבער אַלץ דאָן ווען ס'איז שוין געווען נאָכן אורטייל פון דיביידע אַנאַרכיסטן! אָט איז געווען למשל איינער אַן אַגענט פון יוסטיץ־מיניסטעריום מיטן נאָמען שויסענסי, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען, צו האַלטן אויג אויף די פאַרזאַמלונגען פון די רויטע און צוגעשטעלט אַ מאַסע אינפאָרמאַציעס וועגן סאַקאָ און וואַנצעטי. דערדאָזיקער ברעגנדיקער פּאַטריאָט האָט סוף כּל סוף צוגעגנבעט אַ וואַגאָן מיט חזירים, אַן אמתער פאַקט, וואָרום עס איז אַזאַ קעגנשטאַנד, וואָס איז שווער צו אַנטלויפן דערמיט... שפּעטער האָט ער באַקומען צוועלף יאָר פאַר אַ רויב־אָנפאַל. אָבער ווען די פאַרטיידיקער זענען בעת זייער אַפּעלאַציע געווען געצווונגען אָנצוווייזן אויף דער מעגלעכקייט צו פאַרהאַלטן דערווייל דעמדאָזיקן יוסטיץ־אַגענט, איז וועב טייער געחשט זייער אויפגערעגט און זייער שטרענג אָפּגעזאָגט זיי

און איצט פּאָליציי־שעף פּראָקטאָר, פירער פון דער מלוכה־פּאָליציי. די געשיכטע מיט פּראָקטאָר איז אַזוי שרעק־לעך, אַז נאַיווע אַלטע דאַמען, ווי למשל קאָרנעליע טאָרנוועל, האָבן געגלויבט, אַז מ׳דאַרף זי נאָר באַקאַנט מאַכן, וועט זי אויפטרייסלען די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג און אָנמאַכן אַ שטורם אויף דער וועלט. אין דער אמתן אָבער איז גאָרנישט געווען. מאַסאַטשוסעט איז געווען אַזוי צוגעוווינט צו מלוכהשע אַפּערעס, אַז זי האָט שוין ממש פאַרלאָרן די פעיקייט צו רע־אַגירן אויף דעם, אַפילו מיט דערשטוינונג.

פּאָליציי־שעף פּראָקטאָר איז שוין זעקסאונדרייסיק יאָר געשטאַנען אין דינסט פון דער פּאָליציי און געהאַט אַ יד אין אַ סך געריכטלעכע קאָמפּלאָטן; צווישן אַנדערע זאַכן האָט ער אויך „אָנגעדרייט" די גאַנצע שפּיל מיט עטאָר און זשאָוואַניטי. ווען מ׳האָט אַרעסטירט סאַקאָ און וואַנצעטין האָט אים מיק סטוואָרט צוגעצויגן צו דער „אַרבעט, ער האָט אויס־געהערט עטלעכע עדות און געפּרוווט שטיצן מיקס „טעאָריע". צום סוף אָבער האָט ער געזאָגט צו מיקן:

— איר האָט געכאַפּט נישט די אמתע באַנדיטן —

און ער האָט זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון פּראָצעס.

אָבער פונדעסטוועגן איז ער נאָך אַלץ געווען געטריי דער קליקע, און ווען פּרעד קאַצמאַן האָט פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל אידענטיפיצירן די אַזוי גערופענע „טויטלעכע קוילן", וואָס מ׳האָט אַרויסגענומען פון דעם טויטן וועכטערס לייב, האָט ער געהערט דעם רוף. דידאָזיקע קויל איז געווען דער אַנטשיידנדיקסטער מאָמענט אין דעם גאַנצן פּראָצעס; זי האָט עס צונויפגעבונדן סאַקאָ און וואַנצעטי מיט דעם אָנפאַל, ווייל די אַנדערע פינף קוילן, וואָס מ׳האָט געפונען אין דעם טויטן קערפּער, האָבן געהאַט אַזאַ גרויס און פאָרם, און זיי האָבן נישט געקענט שטאַמען נישט פון סאַקאָס און נישט פון וואַנצעטיס רעוואָלווערן. די באַשולדיקונג האָט געטענהט, אַז

די „טויטלעכע קויל" איז געקומען פון סאַקאָס רעוואָלווערן און נישט פון קיין אַנדערן. זיי האָבן איינגעלאַדן אַן עקספּערט, וואָס זאָל באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון זייער טענה, און דאַן האָבן זיי אַרויסגערופן פּראָקטאָרן, וואָס זאָל אונטערשטיצן דעם „עקספּערט".

לפּחות איז יעדערער געווען איבערצייגט, אַז אַזוי איז עס. און אויף דעמדאָזיקן באַזיס האָט זיך פאַרענדיקט דער פּראָצעס. דער פּראָקוראָר האָט געלייגט די גרעסטע געוויכט אויף דערדאָזיקער פראַגע, ווייל פּאָליציי שעף פּראָקטאָר האָט זיך זייער אויספירלעך קוואַליפיצירט פאַר אַ רעוואָלווער-און קוילן-פאַכמאַן, ער האָט אויסגעאיבט זיינע קענטענישן אויף דעם געביט במשך פון איבער צוואָנציק יאָר און שוין אַרויס-געטרעטן אין הונדערט מאָרד-פּראָצעסן. אין זיין שלוס-רעדע האָט קאַצמאַן געזאָגט צו די געשווירענע, אַז „דאָס איז געווען סאַקאָס רעוואָלווער, פון וועלכן ס'איז אַרויס די קויל, וואָס האָט גורם געווען דעם טויט פון דעם געלט-פירער בע-ראַדעלי. און טאַקע צוליב דעם האָט די פּראָקוראַטור אַרויס-גערופן צוויי עקספּערטן, דעם הער פּראָסטאָר און דעם הער וואַן אַמבורג.

עס קען גאָרנישט זיין דייטלעכער; און אַזוי האָט דער ענין אויסגעזען פאַר די געשווירענע, און אַזאַ פּנים האָט ער אויך געהאַט אין משך פון צוויי יאָר פאַר אַלע מענטשן, וואָס האָבן שטודירט דעמדאָזיקן פאַל. אָבער מיטאַמאָל האָט פּאָלי-ציי-שעף פּראָקטאָר געהאַלטן ביים שטאַרבן און זיין געוויסן האָט זיך אָנגעהויבן אויפצוועקן אין אים; צוויי מענער, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אומשולדיק זענען געזעסן אונטערן שאָטן פון עלעקטרישן שטול, דערפאַר וואָס ער האָט געמאַכט אַ יד אחת מיט דער פּראָקוראַטור צו פאָרמולירן צווידייטיק זיינע דערקלערונגען. און דערפאַר האָט ער געגעבן אַ דער-קלערונג אונטער אַ שבועה, פאַרצייכנט אין אַ פּראָטאָקאָל אין וועלכן ער האָט געשילדערט, וואָס עס איז געשען אין דער אמתן. דער פּראָקוראָר האָט פאַרלאַנגט פון אים, אַז

ער זאָל באַשטעטיקן, אַז די באַשטימטע טויטלעכע קויל מוז שטאַמען פון דעמדאָזיקן צו סאַקאָן צוגעשריבענעם רעוואָלווער. ער האָט זיך גופא באַמיט, איינצורעדן, אַז דאָס איז אין דער אמתן אַזוי. ער האָט נישט אויפגעהערט צו מעסטן און גע־מאַכט אַסך פּראָבעס, אָבער ער האָט נישט געקענט געפונען דעם באַווייז און געקווענקלט זיך צו מאַכן אַזאַ דערקלערונג.

— דער פּראָקוראָר האָט זיך געוואָלט ווענדן צו מיר מיט דער פראַגע, אָבער איך האָב נאָכאַמאָל געזאָגט, אַז איך וועל אים מוזן ענטפערן מיט „ניין".

בעתן פּראָצעס איז די פראַגע געשטעלט געוואָרן מצד דעם אַסיסטענט, וואָס איז אין עטלעכע יאָר אַרום געוואָרן ריכטער. זיין פראַגע איז זייער פּאָרזיכטיק פאָרמולירט געוואָרן, און פּונקט אַזוי פּאָרזיכטיק פאָרמולירט איז געווען פּראָטאָקאָלס ענטפער:

— לויט מיין מיינונג קען די קויל שטאַמען פון דעם רעוואָלווער.

אַ שפּראַכלעכע קאָמבינאַציע, ווי מיר זען, דער עדות האָט געמיינט, אַז די טויטלעכע קויל קען שטאַמען פון דעמדאָזיקן רעוואָלווער. פאַר די געשווירענע האָט דער פּראָ־קוראָר אָבער גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט דעם זין פון די־דאָזיקע ווערטער: די קויל מוז שטאַמען פון דעם רע־וואָלווער. — האָט ער געזאָגט פאַר די געשווירענע. און אַזוי האָט ריכטער טייער געשטעלט די פראַגע פאַר די געשווירע־נע אין זיין רעזומע; און מיט יאָרן שפּעטער האָט דערזיאָ־זיקער אַלטער פאַרביטערטער מאַן אַרויסגעלאָזט אַ באַשלוס, אין וועלכן ער האָט אין אַ שאַרפזיניקן אופן פאַרדרייט די טענות פון די פאַרטיידיקער אין שייכות מיטן אמתן זין פון פּראָקטאָרס עדות זאָגן און די פּראָטאָקאָלאַרישע רעפּליקס פון קאַמפּאַנען מיט זיינע אַסיסטענטן, וואָס זענען אין דער ווירק־לעכקייט גאָר נישט געווען קיין רעפּליקס — הגם זיין געדרוק־טע רעזומע איז געליגן פאַר טייערן אויפן טיש — אַ קעגנ־שטאַנד פון פאַראַכטונג אויף אַלע קומענדיקע ציטן.

דאָס איז געווען וועגס שטייגער, וואָס ער האָט אַרויס-געוויזן בעת אַלע זיינע באַשלוסן, צו זאָגן עפּעס מיט זייער פּשוטע ווערטער, אויף אַזאַ דייטלעכן אופן, ווי די שפּראַך ערלויבט עס נאָר; דאַן וואַרטסטו געדולדיק אַ יאָר אָדער צוויי ביז דער אַלטער מאַן האָט אַן אָפּעראַציע אויף דער בלינדער באַנד, אָדער איז קראַנק אויף אַ לונגען-אַנטצינדונג, און דאַן לאָזט ער פּלוצלונג אַרויס אַ באַשלוס, אין וועלכן ער באַשולדיקט דיך, אַז דו האָסט געזאָגט אַ סך זאַכן, וואָס דו האָסט גאָר קיינמאָל נישט געחלומט. ער פּאַקט אָן גאַנצע זייטן מיט מלוכהשע פּראָטאָקאָלן, באַריכטן מיט אָפּלייקונגען פון אַרגומענטן, וואָס אויסער אין זיינע געהירן, די געפּייניקטע פון שנאה, וואָלטן זיי אין ערגעץ נישט געקענט געבוירן ווערן. און דאַן סוף כּל סוף, זיצנדיק אויף זיין טראָן, בעת די גאַנצע וועלט הערט זיך צו צו זיינע ווערטער, דערקלערט ער פייערלעך:

— וואָס שייך די פראַגע פון פעלשונג איז עס נישט פאַרגעקומען אין דעם פאַל און איז קיינמאָל נישט פאַרגעקומען.

ריכטער פיורי *)

I

פיר מאָל אין טאָג האָבן די באַשולדיקטע מאַרשירט לענגאויס די גאַס, אינמיטן אויף די שטיינער אונטער דער באַגלייטונג פון אַ מיליטערישער עסקאָרטע. פיר מאָל אין טאָג האָבן געשפּרייזט די געשווירענע — פון האָטעל אין געריכט, צוועלף אַ זייגער אין אַ רעסטאָראַן און ווידער צוריק און דערנאָך אָוונט ווידער אין האָטעל.

דאָס זעגען געווען צוועלף געטרייע און אָרנטלעכע מע-נער, פאַר זיי און הינטער זיי זעבען געגאַנגען באַאַמטע פון געריכט, דער אַלטער פאָרשטייער זייערער וואַלענציק אין דער שפּיץ — אין דריי חדשים אַרום איז ער שוין געווען טויט. עס איז געווען אַן אמתע אָנשטרענגונג פאַר אַלטע לייט צו זיצן אין די סאַמע לאַנגע זומער-טעג אין אַן אָנגעפּאַקטן גע-ריכט-זאַל. דער ריכטער האָט זיי געראָטן מיט גרויס מיטגע-פיל, אויסצוטון זייערע רעקלעך, דער גרעסטער טייל פון זיי, איז אָבער געצוואונגען געווען צוליב זייער פּוריטאַנישע געוויסן, צו פילן זיך ווייטער אומבאַקוועם.

---

*) אַ ווערטער-שפּיל פון ענגלישן וואָרט Futor און באַדייט צאָרן.

גאַנצע זיבן וואָכן האָט געדויערט זייער תּפיסה.*) די פאַרלאַנגווייליקטע קרבנות האָבן זיך גוט דערקענט איינער דעם אַנדערן. און ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט גענוג אָנגעשפּילט אין גאָרטן, האָבן זיי זיך גענומען צו דער טעגלעכער פּרעסע. זיי האָבן נישט געטאָרט לייענען וועגן זייער אייגענעם פּראָצעס, דער שעריף האָט אויסגעשניטן די באַריכטן פון אַלע צייטונגען. אָבער זיי האָבן געלייענט וועגן אַ פּראָצעס אין באָסטאָן, אין וועלכן ס'איז באַשטראָפט געוואָרן טשאַרלס פּאָנזי, דערפּאַר וואָס ער האָט פאַרדינט פינף מיליאָן דאָלאַר אָן דער דערלויבעניש פון דער מלוכה-באַנק. צוליב די שווערע מאַטערניש פון פּראָצעס איז דעמדאָזיקן פינאַנסיעלן כּשוף-מאַכער איינגאַנצן קאַליע געוואָרן דער מאָגן. און מ'האָט אים יעדן טאָג געמוזט פירן אין אַ רעסטאָראַן, כּדי ער זאָל באַקומען זיין דיעטע פון קליינע מושלעס און פּאָמידאָרן-זופּ.

און איצט די מעשה מיט די קעניגן פון דער פילם-וועלט, וואָס האָבן זיך אַמוזירט ביי די שאָטלענדישע טענץ פון יוגגע באַקעטע טענצערינס! ווער וואָלט עס געקענט אויסטראַכטן אַ געשמאַקערן מאַטעריאַל פון צייט-פאַרטרייב פאַר פאַרלאַנגווייליקטע געשווירענע? די הירסט-פּרעסע האָט עס געבראַכט יעדן טאָג אויף דער ערשטער זייט: די ראָמאַנטישע לעבנס-געשיכטע פון „בראַוניע" קענעדיס, די „מאַדאַם" פון האָטעל, די צאָל פון די מענער, וואָס זי האָט אַוועקגעוואָרפן, די מיליאָנען, וואָס זי האָט באַשווינדלט; אַלערליי פּרטים פון דעם שאַמפּאַניער און די טייערע מאכלים, די פאַרווײַלונגען, די טענץ און ווי די געסט פלעגן פאַרשווינדן ווערן אין די אויבערשטע צימערן, אַזוי אַז איינמאָל האָט פּאַסירט ווי ביים טיש איז גשוואָרן איינגאַנצן ליידיק, און ס'איז נישט געווען, ווער עס זאָל אויפעסן דעם עוף-פלייש און אויסטרינקען

*) לויט די אַמעריקאַנישע געזעצן טאָרן קיין געשווירענע ריכטער נישט האָבן קיין באַציאונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט אין דער גאַנצער צייט פון פּראָצעס.

דעם שאַמפּאַניער. שפּעטער פֿלעגן זיך די געסט ווידער צונוי־ מענקומען, אין גאַר ווייניק אַנטוּעכטס, און די יונגע דאַמען — נעמען, אַדרעסן און פּרייזן פֿאַרצייכנט געגוי — פֿלעגן גראָד טאַנצן אַ זייער ווייניק אַנשטענדיקן טאַנץ, און פּלוצלונג האָט מען געטון אַ כאַפּ אַראָפּ אַ בליק־אויפנאַמע פֿון דערוואָזיקער סצענע. דער גרעסטער טייל פֿון די געסט איז געווען אַזוי אָנגעשיכּורט, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי. ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן נאָכמי־ טאָג, האָבן זיי באַצאָלט טויזנט דאָלאַר פֿאַר „באַדינונג און פֿאַר שאָדנס", און געמיינט, אַז דערמיט איז עס געענדיקט, — ווי זיי וואָלטן געווען ביי זיך אינדערהיים, אין האָליוווּד.

אָבער ניין, דאָס איז געווען אַ פּרום פּוריטאַניש לאַנד; און אין אַ קורצע צייט אַרום האָבן די קעניגן פֿון פֿילם דער־ האַלטן בריוו און מ'האָט זיי צוגעזאָגט געטון, אַז עטלעכע יונגע דאַמען, וואָס מ'האָט געדונגען אויף יענעם „יום טוב" זענען געווען פֿאַרהייראַטע, און אַז זייערע מענער קלאָגן זיי אָן אין געריכט פֿאַר פֿאַרפֿירן זייערע פֿרויען. ווייטער האָבן עטלעכע אויפגעבראַכטע מאָראַליסטן געמאָלדן די מעשה דעם פּראָקוראָר פֿון דעם באַצירק מידלסעקס און דערדאָזיקער באַאַמטער איז זייער שטאַרק אויסגעפּרעגט געוואָרן. דער באַצירק מידלסעקס איז אַ הייליק אָרט, ווייל דאָרט געפֿינט זיך האַרוואַרד, „דער צענטער פֿון די צענטערס, דער אַקס פֿון דער וועלט". מ'וועט דאַרפֿן האָבן אַ גאַנצן מיליאָן דאָלאַר צו פֿאַרטיליקן דאָס ביסל געמיינהייט, מיט וואָס דידאָזיקע יידישע קעניגן האָבן פֿאַרשמוצט די קולטור אין ניי־ענגלאַנד.

נאָך אַ סך אונטערהאַנדלונגען, נאָך אַ גרויסע צאָל דראָ־ אונגען און קעגן־דראָונגען איז דער גאַנצער קאַמף איינגע־ שטילט געוואָרן פֿאַרן פּרייז פֿון הונדערט און פֿינף טויזנט דאָלאַר, וואָס זענען אַ דאַנק די צייטונגס־באַריכטן צעטיילט גע־ וואָרן צווישן די פֿירער פֿון דער כאַבאַר־ליגע, בתוכם אויך דער פּראָקוראָר פֿון מידלסעקס — וואָס איז נישט געווען קיין קאַטוילישער אירלענדער נאָר אַ בלוי־בלוטיקער מיט אַן ערשט־

קלאַסיקן יחוס, אַ דזשענטלמען מיט צוויי מעלות: רויטער־יע־גער און אוניווערזיטעט־ספּאָרטלער. מיט אַ יאָר צוריק האָט ער אויסגעפירט אַן אַבלאַווע אין קעמברידזש אויף אַ נעסט פון רויטע, ער איז געקומען מיט אַ פּאָליציי־אויטאָמאָביל, מיט פּאָליציאַנטן, מיט רעפּאָרטערן און אַגענטן, אַן אמת געלונגענע אַבלאַווע, ער האָט געפונען אַן אוצר מיט ליטעראַטור. ער איז גראָד געווען פאַרנומען אַלס שידס־ריכטער אויף דעם פוסבאָל־מעטש יעיל־פּרינסטאָן, ווען ציַיטונגס־רעפּעראָטן האָבן אים געבראַכט די ידיעה, אַז דער אויבערשטער דיסציפּלין־אַמט האָט אים באַשטימט אויף אַ העכערן פּאָסטן. „חיות ער איז געווען אַ ספּאָרטסמאַן" האָט ער זיך נישט געלאָזט שטערן ביי דעם מעטש.

דער באַצירק מידלסעקס ליגט דירעקט אין צפון זייט פון נאָרפאָלק און זיין אָנהויב געפינט זיך בלויז אַ פיר־פינף מייל וויַיט פון דעדהאַם; מחמת דעם וואָלטן זיך עטלעכע געשוווירענע ריכטער געקענט שטעלן די פראַגע, צי דידאָזיקע פאַרדאָרבנקייט איז שוין נישט אַריבער די מידלסעקסער גרענעץ און נישט אָנגעשטעקט אויך די פירער פון דעם איצטיקן פּראָצעס. די מאַכט האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צוצושטעלן אויטאָמאָבילן, מיט געריכטס־באַאַמטע אַלס שאָפערן, כדי אונטער־צוהאַלטן אַביסל די ריכטער. אין די הגאות האָט מען דידאָזיקע צוועלף געטרייע און בראַווע מענער אַרויסגעפירט אויף אַ פּיקניק צום ברעג־ים. אין די זונטיקן זענען זיי אינדערפרי געגאַנגען אין קירך אַריין און נאָכמיטאָג האָבן זיי אין אויטאָ באַזוכט עפּעס אַ פּאַטריאָטישע פייערונג, וואָס זענען תמיד פאָרגעקומען אין גאַנצן לאַנד.

זונטיק, צוועלף טאָג נאָכן אָנהויב פון פּראָצעס, איז אין בראָקטאָן־באַצירק פּליימוט געהען די לויה פון די דריי טויטע זעלנער, וואָס מ'האָט אויסגעגראָבן פון זייערע קברים אין פראַנקרייך. די גאַנצע שטאָט איז געווען אויף די פיס, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער פייערונג. אין דעמזעלבן טאָג האָט מען אויך באַגראָבן אַזעלכע צוויי טויטע זעלנער אין דעם

הייטערן אין דעם זעלביקן באַצירק. איבעראַכטאָג זונטיק האָט מען ווידער באַגראָבן איינעם אין איינהעם, אין באַצירק נאָרפאָלק. אַ טאָג פאַר דעם האָבן די וועטעראַנען אין דידאָזיקע ביידע באַצירקן געפייערט דעם יאָרצייט פון דער שלאַכט אין אַרגאָן. צוויי טאָג פריער איז געווען אַ גרויסער יום טוב פון גאַנץ ניי־ענגלאַנד. אַ וואָך שפעטער האָבן פינף טויזנט וועטעראַנען פון דער „יענקי דיוויזיע” אין פליימוט איינגעאָרדנט דעם פערטן יולי, אין דעם טאָג פון דעם גרויסן אַמעריקאַניש־פאַטריאָטישן יום טוב אַ גרויסע דעפילאַדע. דעם טאָג האָט די שטאָט קווינסי אין באַצירק נאָרפאָלק איבערגעלעבט דעם גרעסטן וועטעראַנען־פאַראַד, זינט זי איז אַנטשטאַנען; די גאַנצע סביבה האָט אָפגעהילכט פון דעם הוראַ־שיסעריי און די גלאָקן.

— אַמעריקע וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן אירע העלדישע מענער, וואָס זענען געשטאָרבן פאַר זייער לאַנד! — האָבן אויסגעשריגן די רעדנער.

II

און איצט די אַקאַדעמישע פייערונגען! אין מאַסאַטשוסעטס זענען פאַראַן לערך צוואַנציק קאָלעדזשס און אוניווערזיטעטן, און נישט רעדנדיק וועגן די צוויי הונדערט פערציק גימנאַזיעס; און זיי אַלע האָבן געהאַט זייערע אייגענע ימים־טובים, אין דער צייט, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער פראָצעס פון סאַקאָ און וואַנצעטי. צו יעדער פייערונג איז געקומען עפעס אַ באַרימטע פערזענלעכקייט, וואָס האָט אָפגעהאַלטן אַ רעדע און בלויז געציילטע רעדנער האָבן דורכגעלאָזט די געלעגנהייט, נישט צו דערמאָנען דעם שונא וואָס לעבט צווישן אונז, און וועגן די פליכט פון דעם גוטן בירגער צו שטיין שטענדיק אויף דער וואַך. דידאָזיקע רייד פלעגן צומאָרגנס ציטירט ווערן אין דער פרעסע און געלייענט ווערן דורך די צוועלף

„געטרייע און בראַווע בירגער", די געשווירענע אין זייער געזעצלעכער, פרייוויליקער קאַראַנטין.

קאָרנעליע האָט גענומען אַ טאָג אורלויב און אַוועקגעפאָרן צו די פייערונגען אין האַרוואַרד. ס'איז אוממעגלעך געווען אָפּצוזאָגן די איינלאַדונג, ווייל דער פרווו צו האַלטן אַליסן און די צוימען האָט דערגרייכט צום סאַמע קריטישסטן מאָמענט, און דאָ איז פאַראַן אַזאַ געלעגנהייט, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט איבערחזרן. די פראָמאָציע פון איר איינציקן זון; דער עפנטלעכער אויפטריט פון אַליסן מיט העגרין אין קרייז פון איר פאַמיליע, וועט זיין פאַר דער וועלט אַ שטיקל דעמאָנסטראַציע פון שלום-בית און פאַרמיידן, אַז בייזע צינגער זאָלן זיי האַלטן אין מויל. אַזוי האָבן געפאָדערט די גוטע מנהגים. מעגן טאָקע די דריי שוועסטער ווייטער זיך אַרומרייסן שטילערהייט, די וועלט אָבער מוז זיי זען היינט און היינט, ווי זיי היטן אָפּ מיט גרויס כבוד די קאָנוועגאַנסן.

גאַנץ פרי האָט דבורה געשיקט איר אויטאָמאָביל צו איר מוטער. און אָט זענען זיי זיך צונויפגעקומען, דריי דאַמען אין די מיטעלע יאָרן און איינע אַן אַלטע דאַמע, אָנגעטון מיט דער איינפאַכער און בכבודיקער אָבער נישט ווייניקער טייערער עלעגאַנץ פון די בלויבלוטיקע. העגרי אין זיין צילינדער און פראַק, קוינסי טאָרנוועל אַלס באַגלייטער פון פריסציליאַ אַלווין שאָו, וואָס איז צוריקגעקומען פון אירע האָניק-חדשים אין פלאָרידאַ. זיי האָבן פאַרנומען די ערטער פון די טאָרנוועלס אין זאַנדערס טעאַטער, האָבן זיך פאַרנויגט אויף רעכטס און אויף לינקס, באַגריסט זייערע באַקאַנטע, האָבן זיך אויסגעטוישט קאָמפלימענטן מיט די נאָענטסטע שכנים. אַלע דינים פון דער טראַדיציע זענען פינקטלעך אָפּגעהיט געוואָרן.

די אַקאַדעמישע פראָצעסיע האָט זיך געצויגן דורכן „הויף": אַלע בכבודיקע לייט, אָנגעטאָן אין זייערע פרעכטיקע פאַרביקע זיידענע בערעטן און טאָגעס, פאָרויס איז געגאַנגען דער אוניווערזיטעט-מאַרשאַל און דערנאָך דרייצן הונדערט

אבסאָלווענטן, אַלע אין בערעטן און טאָגעס. עס איז געווען אַ גאַנץ באַזונדערע סיבה דערצו, ווייל דער האַרוואַרד-אוניווערזיטעט איז געשטאַנען פאַר אַ נייער תקופה. צום ערשטן מאָל אין זיין צוויי הונדערט פיגפאונאַכציק-יאָריקע געשיכטע האָבן פרויען מיט גרויס פאַראַד און אַלע אוניווערזיטעט-צערעמאָניעס געדאַרפט באַקומען צו ערן-טיטלען. מיט דעם אונטערשריפט פון דעם רעקטאָר לאָוועל — דאָס הייסט באַקומען נישט אַבי וואָס, נאָר טאַקע אמתע אוניווערזיטעטס-טיטלען. עס זענען געווען זעקסאונדרייסיק אַזעלכע ווייבערישע בריות, אָבער זיי האָבן נישט געטאָרט אַרויס פון דעם הייליקן הויף צוזאַמען מיט די מאַנסלייט, זיי האָבן געמוזט שליסן דעם צוג אין דער נאָענט פון לאַורענץ-האָל.

דער באַצירק-שעריף האָט אויפגעעפנט די פאַרזאַמלונג אין זאַנדערס טעאַטער. דער דעקאַן פון טעאָלאָגישן פאַקולטעט האָט אָפּגעריכט אַ תפילה, דריי אַבסאָלווענטן האָבן גערעדט פאַרן עולם און דער גובערנאַטאָר פון שטאַט האָט געהאַלטן אַ רעדע. אַ וווּנדערלעכער בילד פאַר קאָרנעליע טאָרנוועל;

גייסטער אין פאַרצייטיקע מלבושים זענען אַרויף אויף דער טריבונע. וויפיל יאָרן זענען דען פאַרביי, זינט זי איז געוועסן דאָרטן אינדערהויך און זיך צוגעהערט צו יהושעס טרוקענע, שטרענגע שטימע? די מאָדע פון האַלטן דרשות האָט זיך נישט געענדערט אויף קיין האָר; זיי האָבן נאָך אַלץ גערעדט פון דער שווערער פאַראַנטוואָרטלעכער פליכט פון דעם געבילדעטן מענטשן, האָבן נאָך אַלץ געשיט פעך און שוועבל אויף די צעשטערער פון דער עפנטלעכער מיינונג. „מיר דאַרפן זיך נישט באַקלאָגן אויף די עוולות, וואָס אַנדערע מענטשן טוען" — האָט דער גובערנאַטאָר סאָקס געזאָגט „אײדער מיר זענען נישט זיכער, אַז יעדערער איינציקער פון אונז דערפילט זיין אויפגאַבע אויף אַ גוטן און בכבודיקן אופן.

לעקטאָר לאָוועל איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, צו צעטיילן די אַקאַדעמישע טיטולען. אַן אַלטער הער מיט שוואַרצע

האָנסעס, מיט פולע רויטע באַקן און אַ חשיבותדיקע קאַלט-
קייט אין זיינע מאַנירן. ער האָט אָנגעהערט צו דער סאַמער
סמעטענע פון דער הייליקער קאַסטע, ער האָט געהאַט אַ יער-
לעכע הכנסה פון די טעקסטיל-פאַבריקן און פאַמיליע-נחלאות
אַ מיליאָן דאָלאַר. ווען די גרויסע באָסטאָנער פינאַנס-קאַפּיטאַ-
ליסטן האָבן אים אויסגעוויילט פאַרן פירער פון זייער אוני-
ווערזיטעט, איז ער געווען אַ קליינער אַדוואָקאַט. אונטער זיין
רעקטאָראַט האָט מען איינגעאָרדנט דעם אינסטיטוט פאַר
האַנדלס-וויסנשאַפט, כדי אַריינצואָטעמען אין דעם אומגעשלי-
פענעם מסחר אַ ביסל קולטורעלן גייסט; די אינסטיטוציע
איז געוואַקסן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז די באַציונגען האָבן זיך
געענדערט און האַרוואַרד האָט פאַרלוירן אַ גרויסן טייל פון
זיין גלאַנץ.

פאַמעלעך האָבן מאַרשירט דרייצן הונדערט יונגע מענער
אין שוואַרצע טאָגעס און פירקאַנטיקע בערעטן איבער אַ
הילצערנע בימה, זיי האָבן אויסגעצויגן די הענט, גענומען אַ
פאַרמעטענע מגילה, אויסגעהערט אַ קורצע דרשה, אויב ס'איז
געווען אַ „Cum laude — צום לויב“, דערצו אַ ספּעציעלן צו-
גאָב, אויב דאָס איז געווען אַ „magna cum laude“ און נאָך
אַ גרעסערן לויב אויב דאָס איז געווען אַ „cuma cum laude“,
עס האָט אויסגעזען ווי אַ סימבאָל פון דעם שווינדל און ניי-
ענגלאַנד, אַז דידאָזיקע דיפּלאָמען זענען אין דער אמתן נישט
געווען קיין עכטע, נייערט לײדיקע אַטראַפּן. אויף צומאָרגנס
האָבן די אַבסאָלווענטן געמוזט אַרויסקריגן זייערע דאָקומענטן
פון דעם קעלער אין טעאַטער ב נ י ן.

עס איז פאַראַן בלויז איין סענסאַציע ביי אַזעלכע צע-
רעמאָניעס: אויב איינער פון די יונגעלייט איז דיר באַקאַנט,
דאַרפסטו געבן עטלעכע פּעטש מיט דיינע הענט — די שיריים
פון מענטשלעכער באַגייסטערונג ביי די בלויבלוטיקע. קאָרנעליע
האָט באַטראַכט די יונגע פּנימער, וואָס זענען על פי רוב
געווען בלאַס און ערנסט, אָבער נאָך פריש און לעבעדיק. זי
האָט אָנגעקוקט די שעריפס, די בירגערמייסטערס, די פּאָלי-

טיקער, די אַדוואָקאַטן, די באַנקירן — מאַסקעס פון ציניזם, אכזריות און טעמפּקייט. אַ וואָסער בייזער כוח הערשט איבער דעם מענטשנס לעבן און איז גורם אַז די יוגנט זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַזעלכע געשטאַלטן?

און אָט איז צוגעקומען צו דער רייע פון יהושע טאַרנ-וועל ווינטערס. אין דעם גאַנצן זאָל האָט איינער דעם אַנדערן אַ שטופּ געטון אין די עלנבויגנס און געפּליסטערט:

— דעם גובערנאַטאָר טאַרנוועלט אייניקל — יענער, דער הויכער — זיי האָבן געטראַכט וועגן זיין הויכן יחוס, און די מאַמעס פון כּלה-מיידלעך האָבן געזוכט תחבולות, ווי אַזוי אים אַריינצוקריגן פאַר אַן איידעם.

פאַרענדיקט האָבן זיך דידאַזיקע פייערלעכקייטן מיט זייער אַ רחבותדיקער סעודה, און דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן אַ רייע סטודענטישע באַנקעטן, ביי וועלכע די „אַלטע יינג-לעך" זענען זיך צוזאַמענגעקומען און פאַרטריבן די צייט מיט וויצן און פּאַטריאָטיזם. אויף איינער פון דידאָזיקע פאַרווייליגגען האָט געהאַלטן אַ רעדע יענער מוטיקער פּאַטריאָט פרעדעריק ג. קאַצמאַן, פּראָקוראָר פון באַצירק נאָרפאָלק און פּליימוט. דער פאָרזיצער פון באַנקעט האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר איינעם, וואָס האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע, צו באַפרייען מאַ-סאַטשוסעטס פון די רויטע, און דער רעדנער האָט זיך באַ-קאַנט צו זיין שטרענגער פליכט, דערציילט פון דער מעשה סאַקאָ און וואַנצעטי, און וואָס ער האָט בדעה גע-האַט צו טון מיט דידאָזיקע אַנאַרכיסטן. אַן אויסערגעוויינ-לעכער שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן פון אַלע מיטגלידער, טאָאַסטן, געזאַנג...

III

ווידער אין דעדהאַמער געריכטס-בנין מיט זיין הויכן ווייסן קופּאָל און זיבע פענסטער, וואָס זייען אויס ווי די פענסטער פון אַ גרויסער שיף אויפן ים. די געשוווירענע ריכטער

מיט זייער טאָג-טעגלעכן מאַרש, דער זקן, וואָס באַגריסט די פאָן; די געשמידטע באַשולדיקטע, וואָס שפּריַין צווישן זייער מיליטערישן עסקאָרט אויפן מיטן גאַס; די וועכטער, וואָס היטן זיי אָפּ, באַזוכן די צושויער און עפענען אַפילו די האַנט-בייטלען פון די דאַמען; די צייטונגען, וואָס ברענגען סענסאַציעס.

אָט האַלט עס שוין ביי דער פאַרטיידיקונג. פרענק בורק, אַ מאַן אין די פופציקער, געוועזענער וואָג-מייסטער פון דער שטאָט בראָקטאָן, וואָס איז היינט אַ מייסטער אין אַ גלאָז-הוטע. ער איז געשטאַנען אויפן גאַס אין זיד-ברענטרי, אויף דעם אָרט, וואָס די באַנדיטן אין דעם אויטאָמאָביל האָבן איבערגעקרייצט די באַן ליניע; דער אויטאָ איז פאַרבייגעפאָרן לעבן אים אויף אַ מרחק פון צען טריט. דער באַנדיט, וואָס איז געזעסן פון פאָרנט אויף דער רעכטער זייט, האָט זיך אַרויסגעבויגן און אַ דריק-געטון אויף אים דאָס צינגל פון רעוואָלווער — דער רעוואָלווער האָט זיך פאַרהאַקט — דער כלומרשט צו וואַנצעטין ענלעכער באַנדיט איז געזעסן פ דער רעכטער זייט. בורק האָט אים זייער גוט אָנגעקוקט א אים אָפּגעשילדערט: אַ ברייט, פולפּנים מיט גראָבע שווערע קינבאַקן — קיין שום ענלעכקייט שט צו וואַנצעטין. דער פּראָצעס איז אַזוי שטאַרק געווען דורכגענומען פון פּאַטריאָטיזם, אַז ער איז אויך געווען מחויב צו טון אַ פּאַטריאָטישע זאַך; מחמת דעם האָט ער געמאַכט אַ פּרוּוו און ס'איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקער דיאַלאָג צווישן אים און דעם פּראָקוראָר.

— וואָס פאַר אַ קאַליבער האָט געהאַט דער רעוואָלווער, וואָס איר האָט געזען?

— בלוי.

— איר האָט שוין אַמאָל געזען אַ רעוואָלווער, נישט אמת?

— יאָ, מיין זון האָט מיטגעבראַכט אַ רעוואָלווער פון דער מלחמה.

— וואָס, איר מיינט, אַז איך האָב אייך געפרעגט, צי אייער זון האָט געהאַט אַ רעוואָלווער אינדערהיים?

— ניין, אָבער איר האָט מיר געפרעגט, צי איך האָב שוין געזען אַמאָל אַ רעוואָלווער, און איך האָב אייך געענטפערט, אַז איך האָב שוין געזען.

— איר מיינט אוודאי, אַז איר וועט עפּעס ווירקן דערמיט, ניין?

— איך וויל דורכויס נישט ווירקן אויף קיין שום זאַך, מיסטער קאַצמאַן.

— איר האָט נישט געהאַט קיין שום כּוונה?

— יאָ, איך באַמי מיך...

— און אַלע אייערע ענטפערס, וואָס איר האָט געגעבן אָן שום אויפפאָדערונג, זענען געווען אָן שום כּוונה? איך וויל, איר זאָלט זאָגן דעם אמת.

פינף אַרבעטער זענען אויפגעטרעטן פאַר עדות; זיי האָבן געאַרבעט ביי אַ קאַנאַל און האָבן געזען דעם אָנפאַל. דידאַזיקע פינף עדות האָבן דערקלערט, אַז נישט סאַקאָ און נישט וואַנצעטי זענען נישט געזעסן אין דעם אויטאָ; אָבער דידאָזיקע אַרבעטער זענען געווען איטאַליענער און שפּאַניער, זיי האָ ן, הייסט עס, געמוזט רעדן דורך דעם מויל פון דעם איבערזעצער, און קאַצמאַנען איז דעריבער לייכט אָנגעקומען זיי צו דיסקרעדיטירן. איינער פון אָט די אַרבעטער האָט אָפּגעשאַצט דעם שטח צווישן אים און דעם אָרט, וווּ ס'איז פאָרגעקומען דער אָנפאַל אויף פערציק ביז פופציק טריט. קאַצמאַן האָט אים געצוווּנגען צו ענטפערן אויף דער זייער קאָמפּליצירטער פראַגע, צי ער איז אין דער ווייטקייט פון אָט דעם שטח פונקט אַזוי זיכער, ווי אין דעם פאַקט, אַז סאַקאָ און וואַנצעטי זענען נישט געווען צווישן די באַנדיטן. דאַן האָט קאַצמאַן אויסגעמאָסטן די ווייטקייט אויף דער קאַרטע און דערקלערט, אַז ס'איז פינפאונניינציק טריט; און אַזוי איז פעדראָ איסקאָרלאַ געווען פאַרטיק. אין דער שלוס-רעדע האָט דער פּראָקוראָר אָנגערופן דידאַזיקע פינף אַרבעטער „פּחדנים”, ווייל

זיי זענען געשטאַנען מיט קירקעס און רידלעס און צוגעלאָזן, אַז עס זאָלן אָנקומען באַנדיטן און שיסן מיט רעוואָלווערן.

צוויי געווער־און שיס־עקספּערטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, לטובת דער פאַרטיידיקונג. עקספּערטן האַלטן תּמיד די גלייכגעוויכט, ווען איין פּאַרטיי האָט פּונקט אַזוי פיל געלט, ווי די אַנדערע. איינער איז געווען אַ לער־מייסטער פון רעוואָלווער־שיסן און לייטער אין דער אָפּטיילונג פון אַ פּאַטראָנען־פירמע. דער אַנדערער איז געווען דירעקטאָר פון דער פּרווו־אָפּטיילונג ביי דער באַקאַנטער קאָלט־אויטאָמאַטיס־פּוסבאָל־קאָמפּאַני, פון וואַנעט עס האָט געשטאַמט סאַקאָס רעוואָלווער, און ער האָט אייגנטלעך געדאַרפט וויסן גענויער וועגן דעם, ווי דער פּאָליצײ־שעף פּראָסקאָר, וואָס איז געשטאַנען דאָ און אומזיסט באַמיט זיך דאָס גענויער פאַנאַנדערצונעמען. ביידע עקספּערטן מצד דער פאַרטיידיקונג האָבן דערקלערט, אַז די „טויטלעכע קוילן" האָבן נישט געקאָנט שטאַמען פון סאַקאָס רעוואָלווער, און שפּעטער האָבן זיי נישט צוריקגעצויגן זייערע דערקלערונגען, ווי דאָס האָט געטון פּראָסקאָר.

עס זענען אויפגעטרעטן עדות, וואָס האָבן אָפּגעלייקנט די דערקלערונגען פון דעם באַן־וועכטער לאַווענזשע, זיי האָבן דערציילט, ווי ער האָט זיך פאַר זיי מודה געווען, אַז ער האָט די באַנדיטן נישט געזען. פּונקט אַזוי איז געווען מיט גודרידזשן, דעם אָפּגעקומענעם פאַרברעכער; פיר עדות האָבן געשווירן, אַז ער האָט אָפּגעגעבן דערקלערונגען, וואָס זענען זיך אינגאַנצן סותר מיט זיינע איצטיקע רייד. אַ צרה, וואָס די לייט האָבן נישט געהייסן דזשאָן, סמיט, בראַון און רובינזאָן, נאָר מאַגאַזו, אַריגאָני, מאַנגאַניאָ און ד'אַמאַטאָ!

דאַן האָט מען אויסגעהערט די עדות קעגן דער „פאַרחלשטער לאָלאַ". איר פריינדין, פרוי קעמפּבעל, אַ גרייז־גרויע, אַלטע פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן אירע נערוון און אָנגעהויבן צו וויינען, ווייל עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי שטעלט אַרויס לאָלאַן, איר פריינדין, פאַר אַ ליגנערקע; דער פּאָליציאַנט אויז דער רעפּאָרטער, וואָס אין זייער קעגנוואַרט האָט

לאָלאַ געזאָגט, אַז זי וועט די באַנדיטן נישט דערקענען; און דאַן קורלאַנסקי, דער קרעמער, וואָס איז געפּסלט געוואָרן פון ריכטער טייער דערפאַר, וואָס ער האָט דערלאָזט, אַז די פּאָליציי און די פּראָקוראַטור פון נאָרפאָלק זאָלן טון וואָס זיי ווילן.

און דאַן דער אָרעמער יוסף ראָזען, דער יידישער שוך־העגדלער, וואָס האָט פאַרקויפט וואַנצעטין אַן אָנצוג פאַר זייער אַ קליינעם פּרייז, ווייל דער אָנצוג איז געווען געלעכערט. ער האָט באַגלייט וואַנצעטין צו די ברינים, כּדי צו ווייזן זיי דעם מלבוש און זיי האָבן געשמועסט אַ לאַנגע צייט. אין דריי וואָכן אַרום האָט ער געלייענט פון וואַנצעטיס אַרעסט, געזען זיין בילד אין צייטונג, דערקענט אים און זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז געווען אין דעמזעלביקן טאָג, וואָס ער האָט געקויפט ביי אים דעם אָנצוג. יוסף ראָזען האָט דערציילט זיין געשיכטע, און קאַצמאַן האָט אַנגאַזשירט פאַר די געשווירענע אַ פיר שעהדיקן ספּעקטאַקל, אָפּגעחוזקט פון ראָזענס יידישן אַקצענט און אים געפרעגט, ווו ער איז געווען פאַראיאָרן אין אַ באַשטימטן טאָג, און ווו ער איז געווען פאַר דריי וואָכן. דער אָרעמער ראָזען האָט געפּרוווט ענטפערן, אַז אויב מ'וועט אים געבן אַ קורצע צייט צו באַטראַכטן, וועט ער זיך אַביסל קענען דערמאַנען. קאַצמאַן און די געשווירענע האָבן דעם ענטפער אַזוי אויסגעטייטשט, אַז די פּאַרטיידיקער וועלן אים אונטערזאָגן, וואָס צו דערמאָנען זיך.

פּאַקטיש וואָלט פאַר דער פּראָקוראַטור געווען זייער אַ גרינגע זאַך אויסצופּרווון ראָזענס עדות זאָגן — ווען זי וואָלט נאָר געוואָלט. ער האָט געזאָגט, אַז אין יענעם טאָג האָט ער פאַרקויפט סחורה צו פאַרשידענע מענטשן. צווישן אַנדערע אויך דעם פּאָליציי־שעפס פרוי. אָבער ס'איז געווען, ווי לי סווענסאָן האָט געזאָגט צו קאָרנעליען — בכלל אַן אַרויסגעוואָרפענע טרחה, צו נעמען אין גערעכט אַריין אויסלענדישע עדות; די געשווירענע זענען פולקום זיכער, אַז זייערע דערקלערונגען זענען „קאָנסטרואירט", און אויב זיי זענען שוין

קאָנסטרואירט, איז שוין נישט קיין חילוק צי נאָר אַ טייל פון זיי אָדער אַלע. נאַטירלעך וועט קיין שום געשוווירענעם זיך נישט חלומען, אַז די גרויסע קולטורעלע הערן, וואָס רעפּרעזענטירן די מלוכה, זענען פעיק אונטערצוזאָגן אַן עדות, וואָס ער זאָל טענהן! מ׳וועט אים אַפילו אין הונדערט יאָר אַרום נישט קענען איינרעדן, אַז פון די פינף עדות מצד דער באַשולדיקונג קעגן סאַקאָן איז איינער אַ כראָנישער פאַרברעכער, דער צווייטער אַ היסטערישע גאַסן-פרוי, דער דריטער אַ שוואַכזיניקער, דער פערטער אַ פאַנטאַסט און אַן אָפּגעשראָקענער קרבן פון פּאָליצייאישן דרוק א. אַ. וו. און אַז די־דאָזיקע פינף עדות האָבן אין זייערע פריערדיקע דערקלערונגען אָדער אַנדערע מענער אידענטיפיצירט פאַר דער באַנדיטן אָדער מודה געווען, אַז זיי וועלן קיינעם נישט דערקענען. און דאָס אַלץ איז געווען גוט באַקאַנט דער פּראָקוראַטור און אַ גרויסער טייל אויך דעם ריכטער — אַזוי אַז די גאַנצער פּראָצעס איז געווען אַ פאַרשווערונג צווישן דעם פּראָקוראָר און דעם ריכטער, כדי אַריינצופירן די געשוווירענע אין אַ טעות, באַהאַלטנדיק די אמתע פאַקטן און איינרעדנדיק זיי, אַז שוואַרץ איז ווייס.

IV

דער גרויסער טאָג פון פּראָצעס: באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי נעמט דאָס וואָרט צו זיין אייגענער פאַרטיידיקונג! ער האָט אויסגעזען באַשיידן און אָרנטלעך אין אַ נייען שוואַרצן אָנצוג, אין אַ קלאָרן ווייסן קאָלנער און קליינעם שוואַרץ-זיידענעם קראַוואַט. פון זיין לאַנגן פאַרברענגען אין תפיסה זענען אים אויסגעקראָכן די האָר ביי די שלייפן, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געהאַט זיינע שווערע לאַנגע וואָנסעס; זיין פנים איז געווען ערנסט און געהאַט טיפע קנייטשן, ווי דאָס פנים פון אַ דענקער און א געלערנטן.

זיי האָבן אים אַרויסגענומען פון דער שטייג און צוגעפירט

פירט צו דער באַשולדיקונגס-באַנק. דאָרט, הינטער אַ קליינעם נידעריקן שטענדער האָט ער אַ גאַנצע שעה געענטפערט אויף אַלע פראַגן פון זיינע אַדוואָקאַטן. זיינע באַוועגונגען זענען גע- ווען רויק און העפלעך, און די ענגלישע שפּראַך האָט ער שוין באַהערשט גאַנץ גוט. אין זיין יאָריקן אַרעסט האָט אַוועקגע- וואָרפן אַ סך איטאַליענישע איינגעשאַפן און די ציי‌טונגען האָבן זייער פיל גערעדט פון זיין בילדונג, אַזוי אַז קאָרנעליע איז געווען שטאָלץ אויף איר תּלמוד. בלויז איינמאָל האָט ער זיך געלאָזט פּראָוואָצירן דורך קאַצמאַנען צו אַ „רויטער" כוואַליע — בעת ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו רעדן וועגן דעם לעבן פון עטלעכע זיינע פריינט, וואָס אַרבעטן ביי דער באַן אין שפּרינגפילד.

— יאָ, אין אַ הייזל, איר ווייסט, דאָס קליינע הייזל, ווו איטאַליענער וווינען און אַרבעטן ווי פערד, די איטאַליענישע אַרבעטער דאָ ביי אייך אין לאַנד.

ער האָט דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן: פון זיין קינדהייט אין איטאַליען, פון זיין קנעכטשאַפט ביי אַ צוקער-בעקער, פון זיין געזונט, וואָס ער האָט דאַן פאַרלוירן ביי אים און פון זיין מאַמעס טויט. ער האָט דערציילט, ווי ער איז געקומען קיין אַמעריקע, פון זיין אַרבעט אין דעם גרויסן רייכן קלוב אין נוי-יאָרק — ער האָט שוין איצט נישט געזאָגט „קלובע" — און דאַן פון דעם בכבודיקן רעסטאָראַן, פון זיין אַרבעט אין אַ ציגל-פאַבריק, אין אַ שטיין-העקעריי, ביי דער אייזנבאַן, ביי דער וואַסער-לייטונג אין וואָרטשעסטער (לעבן דעם ריכטער טייערס הויז) דערנאָך אין אַ דראָט-ציערײַ, אין דער שטריק-פאַבריק אין פּליימוט. ער האָט דערציילט, אַז אַלס קעגנער פון דער מלחמה, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין מעקסיקע; דערווייל האָט ער זיך דערוווּסט, אַז מ'האָט אים נישט אַריינגעצויגן אין דער רשימה, און ער האָט אָנגעוויזן דערויף, אָבער אָן שום פּעולה.

ער האָט דערציילט פון זיין פיש-האַנדל — און די פאַר- פיידיקער האָבן פאָרגעלייגט זיין פּאַטענט, וואָס האָט אים

דערלויבט צו זוכן מושלען, און דערבײַ האָבן זיי אויך פאָרגעשטעלט חשבונות פון זיין סחורה. אין דעם טאָג, וואָס איז פאָרגעקומען דער אָנפאַל אין זיד ברענטרי, האָט ער אין דעם גאַנצן נאָכמיטאָג פאַרקויפט פיש אין פּליימוט. אויף דער שירי סטריט אויף דער סטענדיש-עוועניו, דעם שירי קורט, אויף דער סוסאָס-ליין און אויף דער גייסטל-סטריט. באַלד נאָך צוועלף האָט ער זיך געטראָפן מיט ראָזענען, און געקויפט ביי אים דעם מלבוש מיטן לאָך; דער מלבוש געפינט זיך נאָך ביי וואַנצעטין, און איז בייגעלייגט געוואָרן אַלס זאַכלעכער באַווייז. וואַנצעטי האָט אַוועקגעפירט ראָזען צו דער פרוי בריני, ווייל זי האָט געאַרבעט אַמאָל אין אַ טוך-וועבעריי און זיך געקענט אויף שטאָף. נאָכמיטאָג האָט ער איבערגעלאָזט זיין וועגעלע אין דעם הויף פון פישער מעלווין גאָרגל און אַראָפּגעגאַנגען צום ברעג, וווּ גאָרנל האָט געהובלעוועט אַ שיפל, און פּונקט אין דערזעלביקער צייט, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער אָנפאַל אין זיד-ברענטרי איז ער געשטאַנען מיט אים און געפּלוידערט. אין מיטן פון זייער שמועס איז אָנגעקומען דער אייגנטימער פון שיף-וואַרשטאַט, געסי, מיט נאָך איינעם, וואָס הייסט האָלמס, שפּעטער האָט ער זיך גענומען זוכן מושלען און ווערעמלעך, דערנאָך געגאַנגען אַהיים; זעקס אַזייגער אין אָוונט האָט ער געגעסן אָוונט-ברויט און פאַרבראַכט דעם גאַנצן אָוונט אין פּליימוט.

ער האָט דערציילט, וואָס ער האָט געטון אין דער גאַנצער צייט פון דעם פופצנטן אַפּריל ביז צו זיין אַרעסט, אין דריי וואָכן אַרום. ער איז געגאַנגען אין דער „גרופּאָ” פון אָסט-באָסטאָן, דאָרטן האָט מען אים אויפגעפאָדערט, ער זאָל פאָרן קיין נוי-יאָרק, כדי זיך דערוויסן עפּעס וועגן סאַלסעדאָ און עליאַ. דאָ איז ער מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן פון קאַצמאַנען און ריכטער טייער. דער פּראָקוראָר האָט געוואָלט באַווייזן, אַז די באַשולדיקטע וואָלטן בעת זייער אַרעסט נישט געדאַרפט האָבן קיין שום גרונט מורא צו האָבן און אָפּצונאַרן די פּאָליציי. קאַצמאַן האָט געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז דאָס

ערגסטע, פֿאַרוואָס אַנאַרכיסטן האָבן מורא, איז, מ'זאָל זיי נישט אַרויסשיקן קיין איטאַליען — און אַזויווי סאַקאָ האָט סיי ווי סיי געוואָלט אַוועקפֿאָרן קיין איטאַליען, איז די טענה וועגן זייער מוראָ זייער נאַריש. דער גאַנצער הערשנדיקער קלאַס פֿון מאַסאַטשוסעטס האָט זיך גאַנצע זעקס יאָר פֿעסט געהאַלטן בײַ דעמדאָזיקן אַרגומענט; מחמת דעם האָבן די געשוווירענע נישט געדאַרפֿט געוואָר ווערן, אַז זיבנאונזעכציק שעה פֿאַרן אַרעסט פֿון סאַקאָ און וואַנצעטי האָט זיך זייער פֿרײַנט, חבר סאַלסעדאָ אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון פֿערצנטן שטאָק פֿון פּאַרק ראָו בילדינג אין נוי-יאָרק אויפֿן גאַס — אָדער מ'האָט אים דאָרטן אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענסטער. די פֿאַרטיידיקונג האָט זיך אַסך מאָל אומגעקערט צו דעמדאָזיקן פֿאַקט אָבער זי האָט געפֿונען שטערונגען אויף יעדן שריט און טריט. דעם אמתן פּרצוף פֿון דער גאַנצער זאַך האָט מען פֿאַר די געשוווירענע נישט געקענט אויפֿדעקן.

די אויפֿגאַבע פֿון פּראָקוראָר איז נישט געווען אַזוי, אָפּצוליייקענען וואַנצעטיס רייד, נאָר אַרויסצורופֿן קעגן אים די פֿאָראורטיילן פֿון די געשוווירענע, אָנצופֿילן זיי מיט געפֿילן פֿון שנאה און שרעק, כּדי זיי זאָלן אינגאַנצן נישט קענען טראַכטן ניכטער וועגן דעמדאָזיקן כּופֿר און דעזערטיר, פֿאַרצושטעלן אים פֿאַר אַ בלוטיקן אַנאַרכיסטישן לומפּ, וואָס פֿאַרדינט אַסך מאָל דעם טויט. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קרייץ-פֿאַרהער, האָט מיסטער קאַצמאַנס ערשטע פֿראַגע נישט געהאַט קיין שום שייכות מיטן פּראָבלעם, צי וואַנצעטי איז געזעסן אין דעם באַנדיטישן אויטאָמאָביל און געשאָסן פֿון אַ הינטערשטן פֿענסטער מיט אַ רעוואָלווער, נאָר מיט דעם, צו די געשוווירענע וועלן אים האַלטן פֿאַר שולדיק, אַלצאיינס, צי ער איז געזעסן אין דעם אויטאָ אָדער נישט.

— מיסטער וואַנצעטי — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט — איר זענט אַוועק אין מאַי 1917 אַוועק פֿון פּלײַמוט, כּדי אַרויסצודרייען זיך פֿון מיליטער-דינסט, נישט אמת?

מיסטער קאַצמאַן האָט, נאַטירלעך גאַנץ גוט געוווּסט, אַז

וואַנצעטי איז אין דער אמתן גאָרנישט געווען פאַרפּליכטעט אין מיליטער־דינסט; אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָט ער ווייטער געפּרעגט מיט חוזק און שפּאָט און מיט יענער פאַל־שער געמיינער אויפרעגונג, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין משך פון זיינע עלף יאָר פּראָקוראָר־אַרבעט:

— ווען אונזער לאַנד האָט געפירט אַ מלחמה, זענט איר אַנטלאָפן, כדי איר זאָלט נישט דאַרפן קעמפן ווי אַ סאָלדאַט, וואָס?

דער פּראָקוראָר איז לחלוטין נישט געווען פאַראינטערע־סירט, צו שטעלן וואַנצעטין אַזעלכע פראַגעס, וואָס האָבן גע־האַט אַ שייכות מיטן אָנפאַל אין זיד ברענטרי. אים איז לח־לוטין נישט געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן אַז וואַנצעטי האָט זיך אין דעם אָנפאַל באַטייליקט. ער האָט זיך נישט געגעבן די מי אָפּצולייקענען וואַנצעטיס אַליבי. אים איז נאָר געגאַנ־גען אין דעם, צו באַווייזן, אַז וואַנצעטי האָט אָפּגענאַרט די פּאָליציי און אַז ער איז אַן אומפּאַטריאָטישער מענטש.

ער האָט שטאַרק אַרומגערעדט וואַנצעטיס באַמיונגען צו אָרגאַניזירן אַ פאַרזאַמלונג און די שלימזלדיקע פּראָקלאַמאַציע, וואָס וואַנצעטי האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט:

— איר האָט געוואָלט צונויפרופן אַן עפנטלעכע פאַר־זאַמלונג און אַגיטירן מענער וואָס זענען געווען אין דער מל־חמה? זענט איר עס, דערדאָזיקער מענטש?

— יאָ, מיסטער—האָט וואַנצעטי געענטפערט רויק — איך בין עס, אָבער נישט דער, וואָס איר זוכט.

די צייטונגען האָבן דידאָזיקע סצענע צעלייגט אויף טע־לערלעך; אָט דאָס איז עס, וואָס זייערע לייענער דאַרפן האָבן!

„אַ מאָמענט פון דראַמאַטישער שפּאַנונג" — האָט גע־שריבן דער באָסטאָנער „טראַוולער" און געשילדערט, ווי דער פּראָקוראָר האָט „געדונערט מיט זיין שטימע".

דער „אַמעריקאַנער" האָט געשריבן:

„די שטימע פון פּראָקוראָר האָט געציטערט פון אויפרע־גונג, אַ שוידער איז דורכגעלאָפן דורכן עולם".

V

אָבער דעם אמתן דונערדיקן טאָן האָט דעמדאָזיקן טרייען פּאַטריאָטס שטימע דערגרייכט בעתן קרייז-פאַרהער פון סאַקאָ, און דער עולם און די ציַיטונגס-לעזער האָבן איבערגעלעבט דעם אמתן געשמאַקן שוידער. ניקאָלאַ סאַקאָ האָט זייער שלעכט באַהערשט די ענגלישע שפּראַך און געמוזט רופן דעם איבערזעצער צו הילף; פונקט אַזוי ווייניק האָט ער באַהערשט זיינע געפילן; ער האָט זיך געלאָזט אויטרייצן, כאַפּן ביי ווערטער און פּראָוואָצירן צו פאַרשידענע אויסדרוקן, וואָס האָבן אים ממש איבערגעפירט. דער פּראָקוראָר האָט אים געשטעלט טויזנט זיבן הונדערט פראַגן, און די פראַגן האָבן געהאַט מער שייכות מיט פּאַטריאָטיזם, ווי מיט וועלכע עס איז אַנדערע זאַכן.

— צי זענט איר אַוועקגעפאָרן אין חודש מאַי 1917 פון אונזער לאַנד? — האָט געפרעגט קאַצמאַן.

— איך קען נישט ענטפערן מיט איין וואָרט — ענטפערט סאַקאָ.

— איך בעט אייך, ענטפערט מיר אויף מיין פראַגע, מיסטער סאַקאָ („מיט אַ דונערדיקע שטימע”, האָבן געשריבן די צייטונגען). צי האָט איר אַ וואָך פאַרן טערמין פון דער ערשטער רעגיסטראַציע פאַרלאָזט אונזער לאַנד?

און אָט קומט אַ לאַנגער דיאַלאָג, אַ סצענע, וואָס האָט קאָרנעליען דערמאָנט אָן דעם שיקזאַל פון אַ הירש אין וואַלד, בעת אַ לוקס אָדער עפּעס אַן אַנדער רויב-חיה טוט אַ שפּרונג אַראָפּ אויף אים פון אַ בוים און בייסט זיך איין אין אים, בעת דער געפייניקטער הירש אַנטלויפט. אַזאַ פּאַסירונג איז אין דער נאַטור נישט קיין זעלטנהייט; דאָ אָבער האָט מען געזען פאַר זיך אַ פענאָמען, וואָס איז דער זאָאָלאָגיע לחלוטין נישט באַקאַנט: אַ דריטע חיה איז געלאָפן ביי דער זייט פון דעם געפלאָגטן הירש, כדי צו באַזייטיקן יעדע שטערונג, אים צו דערווערגן אויף טויט. דאָסדאָזיקע דריטע באַשעפעניש איז געווען

דער „אָביעקטיווער", „גערעכטער" ריכטער, וואָס מ׳קען אָנרופן די „טייער־חיה".

— צי האָט איר נישט נעכטן געזאָגט, אַז איר האָט ליב אַ פריי לאַנד?

— יאָ, הער.

— צי האָט איר אין חודש מאַי, יאָר 1917 ליב געהאַט אונזער לאַנד?

— איך האָב נישט געזאָגט, איך וויל נישט זאָגן, אַז איך האָב דאָסדאָזיקע לאַנד נישט ליב געהאַט.

— צי האָט איר אין יענעם חודש פון יאָר 1917, ליב געהאַט דאָס לאַנד?

— אויב איר קענט, מיסטער קאַצמאַן, אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אייך דערקלערן.

— איר פאַרשטייט מייז פראַגע?

— יאָ.

— ווילט איר, איך בעט אייך, ענטפערן אויף איר?

— איך קען נישט ענטפערן אין איין וואָרט.

— איר קענט נישט זאָגן, צי איר האָט ליב געהאַט די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, אַ וואָך פאַר דעם, ווען איר האָט זיך געדאַרפט רעגיסטרירן אין מיליטער?

— איך קען עס נישט זאָגן אין איין וואָרט, מיסטער קאַצמאַן.

— צי האָט איר ליב געהאַט דאָס לאַנד אין דער לעצטער וואָך פון מאַי און יאָר 1917?

— עס איז פאַר מיר זייער שווער צו זאָגן אין איין וואָרט, מיסטער קאַצמאַן.

— צוויי ווערטער שטייען אייך צו דינסט, מיסטער סאַקאָ, יאָ אָדער ניין, נו וועלכעס?

— יאָן

— אַז כדי צו באַווייזן אייער ליבע צו די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, זענט איר גראָד דעמאָלט, ווען דאָס

לאַנד האָט געהאַט בדעה זיך צו ווענדן צו אייך און פאָדערן ביי אייך אייער מיליטער-דינסט, אוועקגעפאָרן קיין מעקסיקע ?

עס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די דאָזיקע פראַגע האָט נישט געהאַט דעם ציל אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיקער שיין עפּעס אַ נוצלעכע אינפאָרמאַציע; די פראַגע איז געווען ריינע נקמה, און קאַצמאַן האָט נישט אויפגעהערט אַרומצודרייען אויף איר; עלף מאָל אויף אַלערליי אופנים האָט ער איבערגעחזרט דאָס וואָרט „ליבע". צום ערשטן: צי סאַקאָ איז אַנטלאָפן פון דאַנעט מחמת ליבע צו זיין לאַנד. דערנאָך: צי ער איז אַנטלאָפן מחמת ליבע צו זיין פרוי.

— צי האָט איר געוואָלט באַווייזן די ליבע צו אייער פרוי דערמיט, וואָס איר זענט אַנטלאָפן פון איר, ווען זי האָט אייך געדאַרפט ?

— איך בין נישט אַנטלאָפן פון איר.

— איך בין קעגן דער פראַגע! — האָט פּראָטעסטירט סאַקאָס אַדוואָקאַט.

אָבער די טייער-חיה האָט געזאָגט:

— זאָל ער ענטפערן! — און צוגעגעבן מיט זיין געווינלעכער כיטרעקייט: — עס גייט נאָר אין דעם, צי סאַקאָ איז בכלל אַ באַגלויבטער מענטש.

אַזוי האָט זיך דער לוקס, הייסט עס, געהאַלטן אויפן הירשס האַלז און געוואָרגן.

— וועט איר אַרויסווייזן אייער ליבע צו אייער פרוי דערמיט, וואָס איר וועט אַנטלויפן, פונקט דאַן ווען זי וועט אייך באַדאַרפן ?

דער אַדוואָקאַט מעק-ענערניי:

— אַנטשולדיקט, איך בעט, נישט צוצולאָזן דידאָזיקע פראַגע.

די טייער-חיה האָט די פראַגע אָפּגעוואָרפן, זי האָט אָבער געגעבן אַ ווונק, וויאַזוי דער לוקס קען ווייטער אָנהויבן זיין אַרבעט:

— ער האָט זיך נישט מודה געווען, אַז ער איז אַנטלאָפֿן פֿון איר.

און די יסורים האָבן זיך אַזוי אַרום אָנגעהויבן פֿון דאָס ניי.

— אויב אַזוי וויל איך אייך פֿרעגן, צי איר זענט נישט אַנטלאָפֿן פֿון מילפֿאָרד, כּדי נישט צו דינען אַלס זעלנער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

— איך בין נישט אַנטלאָפֿן.

— איר ווילט זאָגן, אַז איר האָט זיך דערווייטערט?

— יאָ.

— איר פֿאַרשטייט נישט מיינע ווערטער, אויב איך זאָג אַנטלאָפֿן, וואָס?

— עס איז וווּלגאַר.

— דאָס איז וווּלגאַר? צי גלויבט איר נישט, אַז ס'איז וווּלגאַר צו אַנטלויפֿן פֿון אַ לאַנד, ווען מ'דאַרף אייך האָבן?

— איך בין קעגן מלחמה.

— איר זענט קעגן מלחמה?

— יאָ, הער.

— צי האָלט איר פֿאַר אַ פּחדנות, צו האַנדלען אַזוי, ווי איר האָט געהאַנדלט?

— ניין, הער.

— צי האַלט איר פֿאַר אַ העלדישקייט, צו האַנדלען אַזוי ווי איר האָט געהאַנדלט?

— יאָ, הער.

— צי גלויבט איר, אַז ס'וואָלט געווען אַ העלדישקייט, צו אַנטלויפֿן פֿון דער פֿרוי?

— ניין.

— ווען זי נויטיקט זיך אין דעם מאַן?

— ניין.

VI

דער פּראָקוראָר האָט אַזוי לאַנג נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט די פראַגע מיט דער פרוי, ביז ער האָט אַרויסגעקריגן די גאַנצע שווערקייט פון חטא, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט אַרויסקריגן. און דאַן האָט ער געמאַכט דעם שטאָלצן פאָרוואורף, אַז די „וואָפּס" קומען קיין אַמעריקע, נאָר כדי צו פאַרדינען געלט.

— צי האָט איר — צי איז אייער ליבע צו די פאַראייניקטע שטאַטן דירעקט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער סומע געלט, וואָס איר קענט פאַרדינען אַ וואָך דאָ אין לאַנד?

— בעסערע באַדינגונגען, יאָ.

— אַ לאַנד, ווו מ׳פאַרדינט לייכטער געלט, וואָס?

— יאָ.

— צי קען מען מעסטן אייער ליבע צו דעמדאָזיקן לאַנד מיט דער סומע געלט, וואָס איר קענט דאָ פאַרדינען?

— איך האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט קיין געלט.

אַזוי אָן אַ סוף, ביז דער פאַרטיידיקער האָט זיך ווידער אַריינגעמישט. מיסטער ירמיה מעק-ענערניי:

— ניין. אויב איר באַוויליקט. און איך וועל איצט דערקלערן, אַז איך מאַך אויפמערקזאַם אויף דעם גאַנצן אופן פון פרעגן.

די טייער-חיה:

— איך מיין, אַז איר האָט אָנגעהויבן צום ערשטן.

דער אַדוואָקאַט זייער באַשיידן:

— ניין, אויב איר באַוויליקט, איך געפין עס נישט.

די טייער-חיה:

— איך געפין יאָ—און פאָרמולירט זיינעם אַ נייען אַרגומענט; דערדאָזיקער אַרגומענט האָט געהאַט אַ כוח צו שאַפן אַזאַ פאָראורטייל, אַז ער האָט איבערגעשטיגן אַלצדינג, וואָס דעם פּראָקוראָרס גרויזאַמע געהירן האָבן געקענט אויסטראַכטן. עס האָט זיך געהאַנדלט מכוח דער טענה פון די באַשולדיקטע,

אַז אין דער נאַכט פֿון זייער אַרעסט האָבן זיי געהאַט בדעת צוזאַמען מיט באָדאַן און אָרקיאַנין אויפֿצוזוכן עטלעכע חברים אַנאַרכיסטן און אַרויסטראָגן פֿון זייערע וווינונגען די געפֿערלעכע ליטעראַטור און באַהאַלטן, ביז דער שטורעם פֿון דער פֿאַרפֿאָלגונג וועט זיך אַביסל איינשטילן. און אָט האָט די טייער-חיה אַרויסגעוויזן אַ מאָדנע רשעות, וואָס איז געווען נאָך קאָמפּליצירטער, ווי יענע שפּיל מיט דער „ליבע צום לאַנד און צו דעם ווייב". ער האָט געזאָגט:

— איך געפֿין איין, אַז איר האָט אָנגעהויבן דערמיט. צי מיינט איר דערמיט צו זאָגן, אַז דאָס צונויפֿנעמען די ליטעראַטור און די ביכער אין אַ גרויסן הויפֿן איז באמת געווען פּונקט אין די זעלביקע אינטערעסן פֿון דעם פֿאָטערלאַנד, ווי אין די אינטערעסן פֿון דידאָזיקע לייט, און אַז דעם אָנגעקלאָגטענס באַגלויבטקייט זאָל זיין באַגרינדעט, אויב ער טענהט, אַז דידאָזיקע גאַנצע אַרבעט, אָפּצורימען זיין ליטעראַטור פֿון וועג, איז באמת געווען לטובת די פֿאַרייניקטע שטאַטן?

מיסטער מעק ענערניי האָט געענטפֿערט

— דידאָזיקע טענה איז קיינמאָל, אַפֿילו טיילווייז, נישט געמיינט געוואָרן אין אַזאַ זין, ווי דאָס געריכט מיינט איצט, און איך פּראָטעסטיר צוליב דעמדאָזיקן אופֿן פֿון שטעלן פֿראַגעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איצטיקן צושטאַנד פֿון די פֿאַקטן.

נו, האָט זיך באַוויזן אַ פֿענאָמען, וואָס מ'האָט נאָך קיינמאָל נישט אָפּסערווירט אין וואַלד. דער לוקס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דערווערגן, און איבערגעגעבן די טייער-חיה זיין פּלאַץ אויפֿן קרבנס האַלז! דער טייער-חיה איז אַזוי געפֿיצלן געוואָרן איר אייגענער חוזק, אַז זי האָט עס איבערגעחזרט פֿינף מאָל און אַ זעקסטן מאָל אין אַ פֿאַרשלייערטער פֿאָרם:

— צו ווילט איר דערמיט זאָגן, אַז דאָס וואָס דער באַשולדיקטער האָט געטון, ליגט אין די אינטערעסן פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן? — און וואָסאַמאָל האָט טייער גרעבער געוווּנקען צו די געשוווירענע און וואָסאַמאָל האָבן נאָך גרע-

בער געשמייכלט די געשווירענע צו אים. און ווען דער פאַר־טיידיקער האָט פּראָטעסטירט:

— איך בעט אייך, גנעדיקער הער. איך שטעל פעסט אייער דערקלערונג, פאַר אַ פאַרגעוואַלטיקונג פון די רעכט פון די באַשולדיקטע, און איך ווונטש, אַז די ערקלערונג זאָל צוריקגעצויגן ווערן —

דאַן איז די טייער־חיה באַלד געווען אויפן אָרט, צו באַשיצן דעם פּראָטאָקאָל און צוצוגעבן דער גאַנצער זאַך אַ נישטיקע באַדייטונג:

— איך האָב נישט געוווסט, אַז ס׳איז געפאַלן אַזאַ באַמערקונג, וואָס זאָל שאַדן די רעכט פון די אָנגעקלאָגטע. און מ׳האָט גאָרנישט געמיינט עפּעס אַזעלכעס. איך האָב זיי פשוט געפרעגט, צו זיי זיינען גרייט צוצושטעלן מיר באַווייזן, אַז דאָס וואָס זיי האָבן געזאָגט איז אמת.

און דאַן האָט ער ווידער אָנגעהויבן מיט זיין חוזק און אונטערשטרייכן מיט כּוח! און געענדיקט האָט ער געווייגלעך דערמיט, וואָס ער האָט געגעבן דעם לוקס אַ דייטלעכן ווונק, ווי אַזוי אָנצוהויבן זיין אַרבעט אויפסניי:

— איר דאַרפט פאָרזעצן אייערע פראַגן לויט דעם זין פון דעם אויסדרוק.

קאַצמאַן האָט זיך עס אַריינגענומען אין געדאַנק און פאַרטגעזעצט, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען, ווער ס׳זאָל אים איבערייסן:

— וואָס מיינט איר דערמיט, וואָס איר האָט נעכטן געזאָגט, אַז איר האָט ליב אַ פריי לאַנד?

VII

אָרעמער ניק! ער איז געווען אַ באַרעוודיקער, קאָכע־דיקער יינגער מענטש, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט; און פערצן חדשים מיט צוויי טעג איז ער געזעסן פאַרשפּאַרט אונטער קראַטעס, ער איז אַריינגעפאַלן אין גרימצאָרן, אין אַ שוימענדיקן כּעס, ער

האָט שיעור ניט געפּלאַצט פאַר אויפרעגונג. און אָט האָט מיטאַמאָל ווונק געטון צו אים אַ האָפענונג!

—גיט מיר די געלעגנהייט, אַלצדינג צו דערקלערן—האָט ער זיך געבעטן. דער כיטרער פּראָקוראָר האָט געזאָגט:

—איך פאָדער אייך אויף, איר, זאָלט דערקלערן תּיכּף! —בוכשטעבלעך, דער גרויסער מיסטער קאַצמאַן פאָדערט אים אויף תּיכּף צו דערקלערן! דער גרויסער ריכטער טייער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אים דערלויבט צו דערקלערן. די געשווירענע, דאָס פּובלוקים, אַלע זענען גרייט אים אויסצוהערן, — ווי ער וועט שילדערן זיינע געדאַנקען וועגן אַמעריקע, זיינע געדאַנקען וועגן איטאַליע, וועגן דער פרייהייט, וועגן די אַרבעטער און זייערע רעכט, וועגן די רייכע און די אָרעמע, וועגן גוטע דערנערונג און וועגעטאַרישע מאכלים, וועגן שולן, פרייהייט פון וואָרט, וועגן יוזשין דעבס, וועגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, דעם האַרוואַרד-אוניווערזיטעט, דזשאָן ד. ראָקעפעלער, מאָרגאַן, דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק, מלחמה, סאָציאַליזם, אַברהם לינקאָלן, טאָמאַס דזשעפערסאָן, די אירלענדער, די דייטשן, די פראַנ-צויזן, וועגן רעגירונגען, וועגן שווינדל און מאָרד — וועגן אַלצדינג! — אפשר וועט ער זיי טאַקע נישט קענען איבער-צייגן, אָבער ער וועט זיי לפּחות צווינגען, זיי זאָלן אים פאַרשטיין!

זייט אים מוחל, אויב זיין אַגיטאַציע-רעדע איז צו לאַנג — ער מוז אַרויסציען דעם סך-הכּל פון אַ גאַנץ לעבן! זייט אים מוחל, אויב זיין רעדע איז פאַרדרייט, ער האָט נישט געהאַט קיין רויקע צייט זיך צוצוגרייטן צו איר. ער ווייס נישט, אין וועלכן אויגנבליק מ'וועט אים ווידער איבעררייסן, אָפּהאַקן זיין וואָרט און איינשפּאַרן אויף פרישע פערצן חדשים אין אַ קאַ-מער! זייט אים מוחל, אויב זי איז געווען אַביסל אומקלאָר און אָן אַ צוזאַמענהאַנג. ער דאַרף אָן אויפהער זוכן ווערטער אין אַ פרעמדער שפּראַך, שטאַמלען, קווענקלען זיך, נישט געפונען קיין אויסדרוק און זיך פאַרכלינען פון אויפרעגונג און צוליב דער שטאַרקייט פון זיינע איבערצייגונגען. און דערביי שטייט

דער פריינטלעכער פראָקוראָר, אַ שווייגנדיקער, אַ שמייכלענ-דיקער, — צו וואָס זאָל ער זיך אָנשטרענגען, אַז דער קרבן גיט זיך אַליין איבער אין די הענט אַריין? דער ריכטער איז צופרידן, ער ווייס, אַז אין פראַטאָקאָל וועט עס מאַכן זייער אַ גוטן איינדרוק — דער באַשולדיקטער האָט געהאַט די גע-לעגנהייט זיך אַראָפּצורעדן, צו דערקלערן, קיינער קען נישט טענהן, אַז מ'האָט פאַרדרייט זיינע מיינונגען. צום שטאַרקסטן צופרידן זענען די געשווירענע — וואָס אין זייער מאַכט ליגט איצט, צו באַשטראָפן אַ וואָפּ, וואָס האָט באַליידיקט און באַשמוצט זייערע הייליקסטע יענקי-געפילן.

אַזוי האָט גערעדט ניקאָלאַ סאַקאָ צו דער פאַרטיידיקונג פון זיין לעבן:

„ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל אין איטאַליען, האָב איך געהאַלטן פאַר דער רעפּובליק, און אַזוי האָב איך תמיד געטראַכט: דער רעפּובליקאַנער האָט אַ בעסערע געלע-גנהייט, צוצוקומען צו בילדונג, זיך צו אַנטוויקלען און ווען ס'קומט די צייט, צו שאַפן פאַר דער פאַמיליע — צו דערציען אַ קינד, לערנען עס, ווי עס דאַרף צו זיין. אָבער דאָס איז געווען מיין מיינונג, און קומענדיק אין דעם דאָזיקן לאַנד, האָב איך מיטאַמאָל איינגעזען, אַז עס איז נישט אַזוי, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, נאָר גאַנץ אַנדערש, ווייל אין אי-טאַליען האָב איך קיינמאָל נישט געאַרבעט אַזוי שווער, ווי איך האָב געאַרבעט דאָ. איך האָב דאָרטן אויך געקענט לעבן פריי, אַרבעטן אין די זעלביקע באַדינגונגען, אָבער נישט אַזוי שווער, אפשר זיבן ביז אַכט שעה אַ טאָג, בעסערע דערנערונג, איך מיין פשוט פריש עסן. נאַטירלעך איז דאָ אויך דאָס עסן זייער גוט. עס איז אַ גרויס לאַנד, גוטע שפייז פאַר אַלעמען, וואָס האָבן געלט אויסצוגעבן, אָבער נישט פאַר דעם אַרבעטנ-דיקן קלאַס, און אין איטאַליען איז גיכער דאָ אַ געלעגנ-הייט פאַר אַן אַרבעטער, צו עסן גרינוואַרג, פריש גרינוואַרג: און איך בין געקומען אין דעמדאָזיקן לאַנד. ווען איך האָב דאָ אָנגעהויבן אַרבעטן, אַרבעטן זייער שווער, און אָפּגעאַרבעט

דרייצן יאָר שווערע אַרבעט, האָב איך מיך נאָך אַלץ נישט געקענט שאַפן קיין פאַמיליען־לעבן. ווי איך האָב מיר פריער פאָרגעשטעלט. איך האָב נישט געקענט אָפּשפּאָרן קיין געלט אין דער באַנק, איך האָב נישט געקענט שיקן מיין קינד אין אַ בעסערע שולע און אַזוי ווייטער. איך האָב זיך דאָרטן אין איטאַליען באַקענט מיט מענטשן, וואָס זענען מיט מיר. דער פריער געדאַנק גיט יעדן מענטשן אַ געלעגנהייט, זיך צו באַקענען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען, נישט אַז דער העכסטער געדאַנק איז צו צווינגען עפּעס אַ מענטשן, נישט אַזוי ווי שפּאַניען אין איר לאַגע אומגעפער מיט טויזנט יאָר צוריק, נאָר צו געבן פרייהייט דער דערציאונג אין וואָרט און שריפט, דער ליטעראַטור, פרייע רעדעס, און איך זע, אַז אַלצדינג איז פאַלש. איך האָב געקענט זען, ווי די בעסטע מענטשן, קלוגע, געבילדעטע, ווערן אַרעסטירט און איינגעזעצט אין תּפיסה און גייען אויס אין געפענגעניש יאָרן, לאַנגע יאָרן, און מ׳לאָזט זיי נישט אַרויס, און דעבס, איינער פון די גרעסטע מענער פון זיין לאַנד, ער איז אין תּפיסה, אַלץ נאָך אין תּפיסה, דערפאַר וואָס ער איז אַ סאָציאַליסט. ער האָט געוואָלט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל לעבן אין בעסערע באַדינגונגען, אין אַ בעסער לעבן, מער בילדונג, קענען דערציען זיינע קינדער, כּדי ער זאָל זיך אַמאָל קענען אַן עצה געבן, אָבער זיי האָבן אים איינגעזעצט אין תּפיסה. פאַרוואָס? ווייל דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, ער ווייס, ער איז קעגן דעם, אַז אונזער קינד זאָל גיין אין אַ העכערער שול, אָדער אין אַ הויכשול אָדער אויפן האַרוואַרד־אוניווערזיטעט. דאַן וואָלטן זיי שוין נישט געהאַט קיין געלעגנהייט, דאַן וואָלטן זיי שוין מער נישט — ניין, זיי ווילן נישט, אַז דער אַרבעטנדיקער קלאַס זאָל זיך לערנען; זיי ווילן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל ליגן גאַנץ טיף פאַרזונקען אין דער פינסטערניש, מיט די פיס און נישט מיטן קאָפּ אין דער הויך. אַ סך מאָל זעט מען, ווי די ראָקפעלערס גיבן פופציק — דאָס הייסט, זיי גיבן פינף הונדערט טויזנט דאָלאַר פאַרן האַרוואַרד־אוניווערזיטעט, זיי

גיבן אַ מיליאָן דאָלאַר אויף אַן אַנדער שול. יעדן טאָג הערט מען, ווי עמיצער זאָגט: „נו, זשאָן ד. ראָקפעלער איז אַ גרויסער מאַן, דער בעסטער מענטש אין לאַנד" — איך וואָלט אים געפרעגט, ווער גייט אויף דעם האַרוואַרד-אוניווערזיטעט, וואָס פאַר אַ נוצן האָט דער אַרבעטער-קלאַס פון די מיליאָנען דאָלאַר, וואָס זיי גיבן אויס אויף אים, די ראָקפעלערס? ער וועט נישט — דער אָרימער קלאַס — ער וועט נישט האָבן די מעגלעכקייט, צו גיין אויפן האַרוואַרד-אוניווערזיטעט, ווייל מענטשן, וואָס פאַרדינען איינאונצוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך אָדער דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך, אַפילו ווען ער פאַרדינט אַכציק דאָלאַר אַ וואָך און האָט אַ פאַמיליע פון אַ פרוי מיט פיר-פינף קינדערלעך, קען ער נישט לעבן און זיין קינד שיקן אויפן האַרוואַרד-אוניווערזיטעט, אויב ער וויל עסן אַלצדינג, וואָס עס גיט אים די נאַטור. אויב ער וויל נישט עסן, ווי אַ קו און דאָס איז דאָס בעסטע, אָבער איך וויל, אַז מענטשן זאָלן לעבן ווי מענטשן, איך מיין, אַז מענטשן דאַרפן באַקומען אַלצדינג, וואָס די נאַטור גיט זיי, פון אַלעם בעסטן, ווייל זיי זענען — מיר זענען נישט דער פריינט פון עפּעס אַן אַנדער אָרט, נאָר מיר געהערן צו די פעלקער, דערפאַר האָבן זיך מיינע גע-דאַנקען געביטן. דערפאַר האָב איך ליב דאָס פאָלק, וואָס אַרבעט און איז פלייסיק און פון טאָג צו טאָג וויל עס האָבן אַלץ בעסערע באַדינגונגען, וויל נישט זען מער קיין מלחמות, מיר ווילן נישט קעמפן מיט קיין געווער און מיר ווילן נישט אומ-ברענגען קיין יונגע מענטשן. די מוטער האָט געליטן יסורים, איידער זי האָט אויפגעצויגן דעם יונגען מענטשן. אין איינעם אַ טאָג דאַרף זי האָבן אַביסעלע מער ברויט, און ווען ס'קומט די צייט, ווען די מוטער האָט פון יונגען מענטשן אַ שטיקל ברויט אָדער אַנדערע נוצן, קומען צוגיין די מאַרגאַנס, די ראָקפעלערס און נאָך לייט פון דעם הערשנדיקן קלאַס און מ'שיקט אים אַוועק אין דער מלחמה. פאַרוואָס? וואָס איז מלחמה? די מלחמה איז נישט קיין קאַמף, ווי פון לינקאָלן אָדער דזשעפערסאָן, כדי צו קעמפן פאַר אַ פריי לאַנד, פאַר

בעסערע בילדונג, וואָס מענטשן דאַרפן האָבן, נישט נאָר די ווייסע, נאָר די שוואַרצע און אַנדערע, ווייל זיי גלויבן און ווייסן, אַז דאָס זענען מענטשן גלייך ווי אַלע אַנדערע... עס זענען מלחמות פאַר אַנדערע מיליאָנערן, נישט קיין מלחמה פאַר דער ציוויליזאַציע פון מענטשן. דאָס זענען מלחמות פאַרן געשעפט. מיליאָנען דאָלאַרן קומען אַריין צו זיי אין קעשענע. וואָס פאַראַ רעכט האָבן מיר צו דערהרגענען זיך איינער דעם אַנדערן אויף טויט. איך האָב געאַרבעט פאַר די אירלענדער. איך האָב געאַרבעט מיט די דייטשע חברים, מיט די פראַנצויזישע און אַ סך אַנדערע מענטשן. איך האָב ליב דידאַזיקע פעלקער פונקט ווי איך האָב ליב מיין פרוי און מיין אייגן פאָלק, ווייל עס האָט מיך אויפגענומען, פאַרוואָס זאָל איך אָט די מענטשן דערהרגענען אויף טויט? וואָס האָט ער מיר געטון? ער האָט מיר קיינמאָל נישט געטאָן קיין שום זאַך. און דערפאַר וויל איך אַ סוף מאַכן צו דער מלחמה. איך וויל צעשטערן די וואָפן. איך קען נאָר זאָגן, אַז די רעגירונג זאָל שאַפן ליטעראַטור און אונז געבן קולטור און דערציונג. איך געדענק, אַז אין איטאַליען, מיט יאָרן צוריק, אומגעפער מיט זעכציק יאָר צוריק, כ׳וואָלט געוואָלט זאָגן, יאָ, אַ זעכציק יאָר, האָט שוין די רעגירונג נישט געקענט זיך קיין עצה געבן איבער אָט די צווי, — די געמיינהייט האָט ווייטער געהערשט און דער רויב און אַזוי זאָגט איינער פון דער רעגירונג אין קאַבינעט: אויב איר ווילט פטור ווערן פון דער געמיינהייט, אויב איר ווילט אויסרוימען אָט די אַלע פאַרברעכער, מוזט איר געבן די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אַ ביסל געלעגנהייט צו דערציען דאָס פאָלק, צו באַפרייען עס. דערפאַר צעשטער איך רעגירונגען. דעריבער איז מיין געדאַנק — איך האָב ליב די סאָציאַליסטן. דערפאַר האָב איך ליב מענטשן, וואָס ווילן די דערציונג און דאָס לעבן, אויפבליען, די וואָס זענען גוט ווי ווייט זיי קענען נאָר. דאָס איז אַלץ״.

אָט די רעדע איז געהאַלטן געוואָרן דעם זיבעטן יולי. אין דריי טעג אַרום האָבן אַלע פּאַטריאָטן געפּייערט דעם יום טוב פון דער אַמעריקאַנישער אומאָפּהענגיקייטס-דערקלערונג מיט דער כעזע, אַז „אַלע מענטשן זענען גלייך געבוירן”. ווען דער מחבר פון דעמדאָזיקן דאָקומענט „דזשעפערסאָן” וואָלט געקענט אַרייַנקומען אין געריכטס-זאַל פון דעדהאַם, וואָלט ער אפשר פאַרשטאַנען דעם אומבאַהאָלפענעם פּראָטעסט פון אַן אומגעבילדעטן אויסלענדער, וואָס שטייט אָפּ אַ גאַנץ לעבן צוגעשמידט צו אַ קנופּ-מאַשין אין אַ שיך-פאַבריק. אַנדערש אָבער זענען געווען די געשוווירענע און דער ריכטער און דער פּראָקוראָר! פאַר זיי איז עס געווען מלוכה-פאַרראַט; און אין דער רגע, ווען דער רעדנער האָט פאַרענדיקט, איז אים געזעסן דער לוקס אויפן האַלז:

— און דערפאַר האָט איר ליב די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע? אַמעריקע איז פּונקט ווי שפּאַניע מיט צוויי-טויזנט יאָר צוריק, האַ?

נאָך ערגער, דער חוצפּהדיקער וואָפּ האָט זיך נאָך דערוועגט אָנצוגרייפן דעם האַרוואַרדער אוניווערזיטעט! דער פּראָקוראָר האָט אונטערגעוואַרט ביז נאָכמיטאָג, ווען ער וועט אָפּעסן און אַ ביסל אויפמונטערן זיך, כדי צו זאַמלען נייע כּוחות פאַר דעם קאַמף קעגן אַזאַ אומפאַרשעמטקייט.

— צי האָט איר געמיינט צו זאָגן, אַז איר קענט נישט שיקן אייער זון אין האַרוואַרד? צי ווייסט איר נישט, אַז האַרוואַרד האָט אַ גרעסערע צאָל פרייע פּלעצער פאַר די קינדער פון אומפאַרמעגלעכע מענטשן, ווי אַן אַנדער אוניווערזיטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע?

דאָס איז אפילו נישט געווען אמת. אָבער ניק נעבעך איז נישט געווען קיין מומחה אין סטאַטיסטיק פון דעם אוניווערזיטעט-וועזן און געקענט ענטפערן בלויז, אַז ער ווייסט נישט וועגן דעם; און אַז מיט דעם איז ער באַגאַנגען אַ

חטא, וואָס פאַלט שווערער אויף זיין געוויסן, ווי דער חשד אין אַ מאָרד.

— נישט ווייסנדיק געגוי וועגן דעם ענין — האָט געזאָגט דער אויפגעלייגטער קאַצמאַן — האָט איר זיך דערלויבט פאַרצוואַרפן אַפילו דעם האַוואַרד-אוניווערזיטעט, אַז ער עקזיסטירט נאָר פאַר די רייכע?

נייע אַרגומענטן, נייע איבעררייסן; די פאַרטיידיקער פּראָטעסטירן, ריכטער טייער נעמט זיי נישט אין אַכט — ער און קאַצמאַן זענען געווען, פּונקט ווי צוויי געאיבטע באַל-שפּילער, וואָס שפּילן זייער גוט איינער מיטן אַנדערן און טרייבן דעם באַל איבערן פעלד נענטער צום ציל.

— צי האָט איר בדעה געהאַט צו קריטיקירן דעם האַוואַרד-אוניווערזיטעט? (פּראָטעסטן מצד דער פאַרטיידיקונג אָפּגעוואָרפן) צי האָט איר געמיינט צו זאָגן, אַז נאָר די רייכע האָבן דאָרטן אַ צוטריט, נישט ווייסנדיק גאָר, אַז דאָרט זענען דאָ פרייע פּלעצער? (פּראָטעסט מצד דער פאַרטיידיקונג אָפּגעוואָרפן) צי גייט אייער יינגל אין דער פאָלקס-שול? צי איז אין איטאַליען, פון וואַנעט איר קומט, פאַראַן אַזעלכע שולן, וואָס קענען זיך פאַרגלייכן מיט דער שול, וווּ אייער יינגל לערנט? (פּראָטעסט) און דאַן די בחנמדיקע דערנערונג פאַר זויג-קינדער אין דער שטאָט סטוטאָן! די צאָל קינדער אין די באָסטאָנער שולן, וואָס ער, סאַקאָ, ווייס דערפון!

מעק אַנערניי:

— איך פּראָטעסטיר קעגן דער פראַגע און דעם ענטפער!

דער ריכטער טייער:

— די פראַגע איז דערלויבט און אויך דער ענטפער.

מ'איז ווידער צוגעקומען צו דער פראַגע וועגן ליטעראַטור, וואָס סאַקאָ און וואַנצעטי האָבן, לויט זייערע רייד, געדאַרפט אַרויסטראָגן און באַהאַלטן.

— ביכער, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט אַנאַרכיזם, נישט אמת?

— נישט אַלע.

— וויפל פון זיי ?

— נו, אַלע צוזאַמען! מיר זענען סאָציאַליסטן. אַלערליי סאָציאַליסטישע טעאָריעס, סאָציאַליסטן, סינדיקאַליסטן, אַנאַרכיסטן, יעדע ציישונג.

זיי האָבן זיך אַ לאַנגע צייט באַשעפטיקט מיט דער פראַגע, וואָס מ׳האָט בדעה געהאַט צו טון מיט דער ליטעראַטור, צי מ׳האָט זי אינגאַנצן געוואָלט פאַרניכטן, אָדער באַהאַלטן אויף אַ קורצע צייט. סאַקאָ האָט געענטפערט, אַז מ׳האָט זי געוואָלט באַהאַלטן.

— זיכער — האָט ער געזאָגט — ווייל זיי זענען דערציערישע ביכער, דערציערישע.

דער פּראָקוראָר:

— דערציונג פון אַנאַרכיזם, נישט אמת ?

דער באַשולדיקטער:

— נו געוויס, אַנאַרכיסטיש הייסט נישט פאַרברעכעריש.

דער פּראָקוראָר האָט געשוימט פון כּעס:

— איך האָב אייך נישט געפרעגט, צי זיי זענען פאַרברעכעריש אָדער נישט, און דעריבער דאַרפט איר נישט אורטיילן, מיין הער!

וואָס פאַר אַ ליכט דידאַקטיקע באַמערקונג האָט געוואָרפן אויף זיינע כּוונות, וואָס ער האָט געהאַט! און אויף דעם אַרגומענט, וואָס קאָרנעליען איז אויסגעקומען אין אַ יאָר אַרום צו הערן פון דער גאַנצער ביוראָקראַטיע און מאַססאַטשוסעטס— אַז דערדאָזיקער קרייז־פאַרהער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַווייזן, אַז סאַקאָ און וואַנצעטי, זענען גאָרנישט קיין עכטע „רויטע" נאָר זיי מאַכן זיך נאָר אַזוי, ווי זיי וואָלטן געווען רויטע.

אַלץ ווייטער און ווייטער, עס האָט גאָרנישט גענומען קיין סוף. מיטאַמאָל האָט זיך דער לוקס ווידער איינגעביסן זיין קרבן אין האַלז, כאָטש ער איז שוין געלעגן אַ פאַרבלוטיקטער אויף דער ערד.

— זענט איר, הייסט עס, דער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַן אורטייל, אַז די פּאַרייניקטע שטאַטן זענען פאַר אייך אַן אַנטוישונג!

ווידער דער פּראָטעסט פון די פּאַרטיידיקער, און ווידער זאָגט די טייער-חיה דעם לוקס, וואָס ער זאָל טון. דער ריכ־טער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז קאַצמאַן איז באַגאַנגען דעם פעלער, „פעסטצושטעלן" אַז סאַקאָ איז דער, וואָס האָט אַזוי געזאָגט. קאַצמאַן האָט דאָס גענומען צו דערקענטעניש און פאָרמולירט עס ווי אַ פראַגע: צי איז סאַקאָ דער וואָס זאָגט אַזוי? די אַדוואָקאַטן האָבן ווידער פּראָטעסטירט און טייער וואַרפט אָפּ דעם פּראָטעסט. די אַדוואָקאַטן האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן די אַנטשיידונג. און דאַן האָט דער קרבן נישט געקענט פאַרשטיין דעם אויסדרוק: „אַרויסגעבן אַן אורטייל" און דער פּראָקוראָר האָט אים געמוזט געבן צו פאַרשטיין:

— נו איר האָט אונדז דערציילט, ווי איר זענט געוואָרן אַנטוישט, און וואָס איר האָט געהאַפּט צו געפינען—צי זענט איר דער?

יאָ, סאַקאָ האָט מודה געווען, אַז דאָס איז ער, און אָט האָבן שוין די געשוווירענע געוווסט אויף קלאָר.

IX

סוף כּל סוף האָבן זיך דידאַזיקע יסורים געענדיקט, און צו קאַרנעליע טאַרנוועל איז צוגעקומען אַ באַאַמטער פון גע־ריכט און מודיע געווען, אַז זיין גנאָד דער ריכטער וועט איר גערן אויפנעמען אין זיין קאַנצעלאַריע! ווידער אַ שמועס מיטן ריכטער, שוין דער דריטער שמועס אין משך פון דעם פּראָצעס! עס איז אים ממש אומדערטרעגלעך, וואָס מענטשן פון דער אַריסטאָקראַטיע, פאַר וועלכע ער האָט דעם גאַנצן יראת הכבוד, זאָלן זיצן טאָג-טעגלעך אין געריכט און באַ־טראַכטן דעם גאַנצן פּראָצעס מיט אומגינציקע בליקן; ער מוז דיסקוסירן מיט זיי, אויפקלערן זיי דעם ענין און זיך פּאַרטיי־

דיקן; ער מוז זיי, די גרויסע לייט, ברענגען דערצו, אַז זיי זאָלן אָפּשאַצן זיין אַרבעט. ער האָט זיי געמיינט צו מאַכן דערמיט אַ קאָמפּלימענט, צום אומגליק האָט ער אָבער דעם זעלביקן קאָמפּלימענט געמאַכט די צייטונגס־רעפּאָרטערן און פאָטאָגראַפיסטן און אַנדערע פּערזאָנען, וואָס די אַריסטאָקראַטיע אָנערקענט נישט.

ער האָט אויסגעטון זיין שוואַרצע זיידענע טאָגע און אויפגעהאָנגען זי אויף אַ האָקן; אָט איז ער אַ גאַנץ געוויינלעכער קליינער זקן, מיט שמאָלע אַקסלען, מיט ווייסע האָר, אַ ציטערדיקן קין און אַ פאַרמעטענער הויט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, מיט אַ פאַרבויגונג געבעטן קאָרנעליען, זי זאָל זיך זעצן, און זי האָט דערזען, אַז זיינע הענט ציטערן און אַז זיין פינטלען מיט די אויגן איז היינט ערגער ווי תמיד — אַ מידער, אַלטער מאַן, נאָך אַ שווערער אָנשטרענגונג, וואָס איז געווען אויפגערעגט און כעסנדיק. זיין האַלטונג איז איצט געווען שרעקלעך צעשטרייט, איבערגעטריבן־האַרציק און אומזיכער. ער האָט זיך אָן אויפהער איבערגעחזרט, האָט אַ סך מאָל איבערגעזאָגט דאָסזעלביקע וואָרט.

— נו, פרוי טאָרנוועל, אָט זעט איר שוין! אָט זעט איר שוין! אָט זעט איר שוין, וואָס איך האָב אייך געזאָגט וועגן זיי ביידן!

— וואָס מיינט איר דערמיט, ריכטער טייער?

— איר האָט געהערט די דערקלערונג פון דעמדאָזיקן סאַקאָ? איר זעט שוין, אַז ער איז זיך מודה, אַז ער איז זיך מודה אין דעם ערגסטן, — זיי זענען אַנאַרכיסטן פון אַ געפערלעכן כאַראַקטער; זיי זאָגן עס אַליין נאָך מיט אַ חוצפּהדיקן טאָן, זיי פאָדערן אַרויס דעם געריכט און די גאַנצע געזעלשאַפט!

— מיסטער טייער, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז זיי זענען אַנאַרכיסטן, אָבער איך האָב נישט געוווסט, אַז דער פּראָצעס קומט פאָר צוליב זייערע אַנאַרכיסטישע אָנשויונגען.

— ניין, אָבער דאָס גיט אַ קלאָר בילד פון זייער

כאַראַקטער, פון זייערע אידעען. זיי האָבן נישט קיין שום אַכ־טונג פאַרן געזעץ — זיי זענען מענטשן, וואָס קענען באַגיין אַ פאַרברעכן אָט אַזוי, סתם אין דער וועלט אַריין.

— איך האָב דאָך געהערט, ווי סאָקאָס אַרבעטגעבער האָט דערקלערט אונטער אַ שבועה, אַז סאַקאָ איז געווען אַ גוטער אַרבעטער, אַז אין דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז געשטאַנען ביי זיין מאַשין, האָט ער פאַרפעלט בלויז איין איינציקן טאָג. מ'האָט אים אָנפאַרטרויעט דעם שליסל צו דער פאַבריק. ער איז געווען דאָרטן נאַכט־וועכטער.

— אָ, פרוי טאָרנוועל, ווען איר וואָלט אָבער געהערט, וואָס קעלעי האָט געזאָגט פאַר מענטשן פריוואַט.

— וואָס הייסט עס — וואָס קעלעי זאָגט?

— איך קען אייך נישט איבערחזרן די ווערטער, זיי זענען נישט פאַסיק אין דער קעגנוואַרט פון אַ דאַמע; עס האַנדלט זיך דער עיקר אין דעם, וואָס מיסטער קעלעי האָט מורא געהאַט, אַרויסצוקומען מיטן אמת און צו זאָגן, וואָס ער טראַכט באמת וועגן סאַקאָ.

— ריכטער טייער, איך בין ממש דערשטוינט.

— פאַרוואָס דען, גנעדיקע פרוי?

— איר גייט אַוועק פון די פראָטאָקאָלירטע דערקלע־רונגען און איר הערט אויס די רכילות, וואָס אַלערליי מענטשן טראָגן אייך צו. אַזעלכע זאַכן, וואָס קיין עדות וויל נישט דערקלערן אונטער אַ שבועה!

— איך האָב דאָ צו טון מיט מענטשן, וואָס זענען טע־ראָריזירט. איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ צושטאַנד עס הערשט ביי אונז, וואָס פאַר אַ מי ס'האָט אונז געקאָסט, איידער מיר האָבן בכלל אויסגעפועלט ביי זיי, זיי זאָלן אַרויסטרעטן אַלס עדות. שטעלט זיך נאָר פאָר די לאַ־גע, פרוי טאָרנוועל, וואָס עס הייסט, אַז מ'איז געצוווּנגען צו רופן אַזש גאַנצע זיבן הונדערט מענטשן פאַר געשוווירענע, כדי צו קענען באַקומען צוועלף מאַן פאַר דעם פראָצעס!

— זענט איר, הייסט עס, ביי דער מיינונג, אַז אונזער

יוסטיק-ודעזן איז שוין אַ שברה כּלה און איר ווילט זי אַריבער־וואַרפן איבערן פּלויט? איך האָב געלייענט, אַז אין טערקיי אונטערן סולטאַנס הערשאַפט האָט מען דערהרגעט מענטשן אויף דעם סמך פון שפּיאָנישע פּלוידערייען, און אויך אין רוסלאַנד בעת דער הערשאַפט פון צאַר; אָבער איך האָב נישט געוווסט, אַז מיר האַלטן שוין אַזוי ווייט אויך אין מאַסאַטשוסעט.

דעם אַלטן מאַנס פּנים האָט פּלוצלונג געוויזן, אַז ער האָט נאָך בלוט אין די אָדערן.

אַ ציטערנדיקער האָט ער אויפגעהויבן די האַנט אין דער הויך, כּדי איבערצורייסן קאָרנעליעס רייד.

— פרוי טאָרנוועל, עס איז דורכויס נישט טאַקטיש פון אייער זייט, צו באַנוצן זיך מיט אַזעלכע ווערטער צו אַ ריכ־טער, וואָס פירט דעם פּאָרזיץ אין אַ געריכט!

— קאָרנעליע האָט זיך אויפגעהויבן.

— איר ווייסט, מסתמא, גאַנץ גוט, ריכטער טייער, אַז נישט איך האָב פאַרלאַנגט דעמדאָזיקן געשפּרעך צווישן אונז. אויב איר האַלט, אַז איר מעגט סתּם אַזוי, פון אייער הנאה וועגן, אומברענגען צוויי מענער פון דער וועלט און אַז די אומטאַקטישקייט הויבט זיך אָן דאָרטן, ווען איר הערט אויס עפּעס, וואָס איר וואָלט נישט געוואָלט הערן, וואָלט איך אייך בלויז געראַטן, צו באַגרענעצן זיך אין אייער אונטערהאַלטונג מיט מענטשן, וואָס שטייען געזעלשאַפטלעך אונטער אייך, ווייל מ'האָט מיך נישט דערצויגן, צו פירן א קאָנווערסאַציע אויף אַזעלכע יסודות.

דער נעבעכדיקער אַלטער מאַן האָט זיך אויפגעשטעלט; ער האָט אַזוי שטאַרק געציטערט, אַז ער האָט זיך געמוזט צוהאַלטן אָן דעם אָנלען פון שטול. זיין שטים איז געוואָרן קוויטשיק, ווי אַ דינער שטאָלענער קלונג.

— פרוי טאָרנוועל, איך באַדויער זייער שטאַרק, וואָס איך מוז אַזוי רעדן צו אייך. אָבער דאָס וואָס איר האָט נאָר־וואָס געזאָגט צו אַ ריכטער, וואָס פירט איצט אַ פּראָצעס, גרע־נעצט זיך שוין מיט באַליידיקונג פאַרן געריכט

— איך פֿאַרלאָז אייער קאַנצעלאַריע — האָט קאָרנעליע שטאָלץ געזאָגט — איך האָף, אַז אויף ווייטער וועט איר מיך מער נישט באַלעסטיקן מיט אייערע איינלאַדונגען. אָבער איך וועל זיך נישט אָפּזאָגן, אייך איבערצוגעבן די מיינונג פֿון יעדן אומפּאַרטייאישן מענטשן דאָ אין געריכט־זאַל — אַז די סצע־נע, וואָס איך האָב היינט איבערגעלעבט, איז פּשוט אַ חוזק פֿון דער גאַנצער גערעכטיקייט. דער ערגסטער חוזק וואָס איך האָב געזען, ווען עס איז אין מיין גאַנצן לעבן!

זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. אָבער דער אַלטער מאַן האָט זיך נאָך נישט מיאש געווען. ער איז איר נאָכגע־לאָפֿן מיט אַ פּאָר אויסגעשטרעקטע געליימטע הענט.

— פרוי טאַרנוועל, איך וואָרן אייך! איר ווערט אויס־גענוצט פֿון פֿאַרדעכטיקע מענטשן! מיר זענען אַרומגערינגלט מיט פֿאַרברעכער, מיט פֿאַרצווייפֿלטע און פֿאַרביטערטע שונאים פֿון אונזער מלוכה־אָרדענונג. איר דאַרפֿט עס טון צוליב אייע־רע אָבות און צוליב אייער יחוס, און זיך שטעלן צווישן אונדז. מיר באַמיען זיך צו שטיצן די געזעלשאַפֿט — לטובת הכלל — פֿאַרטייאישער חוב — פֿאַרצווייפֿלטע געפֿאַר — אַנאַר־כיסטן — באַהאַלטענע רוצחים — פֿאַרשווערונג — — אָפּגע־ריסענע ווערטער, וואָס קאָרנעליע האָט פֿאַרנומען, בעת זי איז געגאַנגען דורכן קאָרידאָר, איידער זי איז אַנטרונען גע־וואָרן פֿון דערדאָזיקער גרילצנדיקער שטימע.

X

פרענק פּ. סיבליי, איינער פֿון די בעסטע רעפּאָרטערן אין באָסטאָנער „גלאָב“, האָט זיך באַמיט איבערצוגעבן די באַריכטן פֿון דעמדאָזיקן פּראָצעס אויף אַן אומפּאַרטייאישן אופֿן. דער „גלאָב“ האָט תּחילת געזאָלט זיין אַן אַזוי גערופֿענע „פֿאַמיל־יען צייטונג“, און דורך זיין פֿלינקער פּאָליטיק, אַנצורופֿן יעדן איינעם פֿון גאַנץ מאַסאַטשוסעטס כאָטש איינמאָל אָדער צווייִמאָל אין יאָר ביים נאָמען, איז ער געוואָרן איינער פֿון

די רייכסטע בלעטער אין גאַנץ אַמעריקע. ער האָט געגעבן לאַנגע קאָראָספּאָנדענצן פון יעדער שטעטעלע און יעדן דאָרף אין דער פּראָווינץ. „פאַר דער פאַרזאַמלונג פון דעם פרויען פאַריין פון דער מעטאָדיסטישער קירך, האָט דעם פאַרגאַנגענעם פרייטיק צונאַכטס, פרוי עמינדע לוב, וואָס געפינט זיך צו גאַסט ביי איר פלימעניק, מיסטער פעטער באָבס פון סטרוגהאם קאָרנעיס, געשענקט אַ פּראַכטפולן נוס-קוכן“, א. א. וו. סיבליי, וואָס האָט צוגעשטעלט סענטימענטאַלע באַטראַכטונגען פאַר אַן אָפּטיילונג, וואָס איז אונטערגעצייכנט געווען מיט „אָנקעל דובליי“, איז געווען אַן אַלט מאָדישער באָסטאָנער, און האָט אַוודאַי פאַרמאָגט באַגריפן פון ערע און כבוד. וואָס איז אַרויס ביי די היינטיקע מענטשן פון דער מאָדע. זיין טעטיקייט ביי דעמדאָזיקן מאָרד-פּראָצעס האָט ער באַטראַכט פאַר אַ הויכע בירגערלעכע פליכט, ער האָט יעדן טאָג זיך אונטערגעשריבן אונטער זיינע באַריכטן מיטן פולן נאָמען און גענומען עס זייער ערנסט.

און אָט האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי דער ריכטער, דער פאָרזיצנדער קומט זיך צוזאַמען מיט די רעפּאָרטערן און האַלט זיך אונטער מיט זיי פראַנק און פריי וועגן פּראָצעס; אַן אומדערהערטער חטא קעגן די אַלטע גוטע מנהגים. ריכטער טייער קומט צו צו די רעפּאָרטערן, בעת זיי גייען צוריק פון רעסטאָראַן אין דעם געריכטס-בנין, טוט אַ פרעג, וואָס זיי טראַכטן וועגן אים אַלס פאָרזיצנדן, דערציילט זיי פאַרשידענע מעשיות וועגן קרימינעלע פּראָצעסן, וואָס ער האָט אָנגעפירט און פון די קאָמפּלימענטן, וואָס איינציקע ריכטער פון דעם אויבערשטן געריכט פון מאַסאַטשוסעטס האָבן אים געמאַכט פאַר זיין פלינקער טאַקטיק און זיינע קאָרעקטע באַשלוסן. סיבליי האָט דאָס נישט געקענט דערציילן אין זיין ציַיטונג, ווייל די הונדערטער טויזנטער פאַמיליעס אין מזרח-מאַסאַטשוסעטס וואָלטן נישט געוואָלט הערן אַזעלכע זאַכן ביים פרישטיק, וואָס זיי וועלן עסן לייענענדיק די צייטונג. אָבער ער האָט געהאַלטן פאַר זיינעם אַ חוב, צו שרייבן אַ בריוו צום יוסטיץ-מיניסטער — און יעבער בליי-בלוטיקער מאַן פון זיין

זיך האָט אויך געהאַלטן פאַר זײַנעם אַ חוב אויף דעמדאָזיקן בריוו נישט צו ענטפערן!

צי האָט דער ריכטער טייער עפּעס געהערט דערפון? אָדער צי האָט ער מיט זײַן אומעמפּינדלעכן חוש דאָך באַמערקט אין דער האַלטונג פון אָט דעם רעפּאָרטער, אַז ער האָט נישט געהאַט ביי אים קיין „דערפאָלג"? יעדנפאַלס האָט ער זיך געפילט שטאַרק אומזיכער. און אָט קומט ער איינמאָל, צו זייער גרויסן חדוש, אַריין פלוצלונג צו די רעפּאָרטערן, בעת זיי זענען געזעסן ביים מיטאָג אין שפּייז־צימער פון דערהאַ־מער גאַסטראָנאָמיע פאַרגלײַכנדיק די באַריכטן, כדי אָפּצוהיטן איינער דעם אַנדערן פון אַ טעות, און אויסגעשריגן:

— איך גלויב, אַז איך האָב רעכט אויף אַן ערקלערונג אין דער באָסטאָנער פּרעסע, אַז דער פּראָצעס ווערט געפירט אויף אַן אומפּאַרטייאישן און גערעכטן אופן.

אַלע מענער אַרום טיש זענען געווען פּשוט דערשטוינט. אַפילו פאַר אַ צייטונגס־רעפּאָרטער מוז זײַן עמעצער, וואָס מען זאָל אים רעספּעקטירן, אויב נישט דעם געלערנטן ריכטער, דעם פּאָרזיצנדן אין אַ פּראָצעס, מיט וועלכן עס האָבן צו טון עטלעכע הונדערט מענטשן און וואָס קאָסט אָפּ דעם באַ־צירק נאָרפאָלק לפּחות צוויי טויזנט דאָלאַר יעדן טאָג! טייער האָט זיך אויסגעדרייט צום רעפּאָרטער פון דעם „גלאָבּ".

— סיבּליי, איר זענט דער עלטסטער, ווי מיינט איר? צי פירט מען דעמדאָזיקן פּראָצעס אומפּאַרטייאיש און יושר־דיק אָדער נישט? —

סיבּליי האָט זיך געמוזט שנעל מישב זײַן.

— הער ריכטער, איך האָב נאָך אַזעלכעס קיינמאָל נישט איבערגעלעבט — האָט ער געזאָגט.

דער הער ריכטער איז געשטאַנען און געקלערט; עפּעס אַ פויגעלע האָט אים געמוזט דערציילן, אַז ס'איז אַ סברה אָנצונעמען דעמדאָזיקן קאָמפּלימענט, ווי אַ גוטע מטבע. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס פון צימער.

און אָט איז געקומען דער קרייז־פּאַרהער מיט סאַקאָ

און דער ראַפּינירטער צולהכעיסדיקער אָנפאַל מצד דעם פאַר־זיצנדן אויף דער פאַרטיידיקונג:

— צי ווילט איר זאָגן, אַז אַרויסטראָגנדיק דידאַזיקע ליטעראַטור האָט אייער מאַנדאַט געאַרבעט אין די אינטערעסן פון דער רעפּובליק?—אין דער פראַגע איז געווען אַזוי דייט־לעך צו דערקענען דעם ציל, צו פאַרניכטן סאַקאָס אַרגומענטן און אַרויסצורופן קעגן אים פאַראורטייל און שנאה, אַז סיבליי האָט אין זיין באַריכט ציטירט דעם גאַנצן זאַץ; און מחמת דעם איז ער בשעת אַ הפסקה גערופן געוואָרן צום ריכטער אין דער קאַנצעלאַריע. דער גנעדיקער ריכטער האָט אים געמאַכט אויפמערקזאַם, וואָס ער האָט ציטירט אַזאַ זאַץ. די פראַגע איז גאָר קיינמאָל נישט געשטעלט געוואָרן. כּדי אויפצו־קלערן דידאָזיקע זאַך, האָט זיך דער ריכטער באַזאָרגט מיט אַן אָפּשריפט פון זיינע ווערטער. דערביי האָט ער אַוועקגע־לייגט פאַר סיבליין אַ באַריכט, געשריבן אויף אַ שרייב־מאַשין, און די פראַגע איז נישט געווען.

סיבליי איז, פאַרשטייט זיך, געווען אין אַ גרויסער פאַר־לעגנהייט און געענטפערט, אַז דעם זאַץ האָט ער אויפגעשריבן לויטן געהער. סיידן זיין געהער האָט אים אפשר אָפּגענאַרט. ער האָט שוין געוואָלט פרעגן, צי דער ריכטער פאַרלאַנגט פון אים אַ תּיקון טעות, ווען דער געריכטס־דינער איז אַריינגע־קומען און געמאָלדן אַז די געשווירענע זענען שוין אין געריכט. דער ריכטער איז אַוועק אין געריכט־זאַל און סיבליי אויך. אויפן אַנדערן טאָג, ווען מ'האָט באַקומען דעם אמתן פּראָטאָקאָל וועגן די פאַרהאַנדלונגען, האָט דער רעפּאָרטער נאָכ־געקוקט און געפונען ריכטער טייערס פראַגע פּונקט מיט די זעלביקע ווערטער, ווי זי איז געווען ציטירט אין „גלאָבּ”! פינף מאָל האָט דערדאָזיקער אַלטער מאַן געשטעלט די פראַגע אין אַן אָפענער, און אַ סך מאָל אין אַ פאַרשלייערטער פאָרם. און אָט האָט ער מורא געקריגן, און אין זיין אָנשטרענגונג אָפּצונאַרן דעם עולם און צו באַהאַלטן דעם אמת, איז ער גע־באַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך צונויפגעשטעלט אַ גע־

עלשטע קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל און געוואָלט זי אַריינדרייען רעפּאָרטער.

XI

די געלט-מיטלען פון דער פּאַרטיידיקונג זענען געווען אויסגעשעפּט. מ׳האָט איינגעאָרדנט אַ געלט-זאַמלונג צווישן די סימפּאַטיקער אין געריכט-זאַל און צונויפגעזאַמלט זעקס הונ־דערט דאָלאַר; אָבער דאָס איז געווען ווייניק. קאָרנעליע האָט אָנגעהויבן צו שיקן בריוו און טעלעגראַמעס און דאַן, אין אַ בייזער מינוט, וואָס איז פאַר די טאָרנוועלס גופא תמיד גע־ווען אומפאַרשטענדלעך, האָט זי טעלעפאָנירט צו איר טאָכטער דבורה אין איר הויז ביים נאָרד־שאָר:

— דבורה, עס זענען פאַראַן שוועריקייטן, זייער ערנסטע שוועריקייטן. איך מוז תיכף רעדן מיט דיר. ניין, דורכן טע־לעפאָן קען איך נישט רעדן מיט דיר וועגן דעם. דו מוזט קומען קיין דעדהאַם.

זי האָט זיך באַנוצט — אויף וויפיל זי האָט זיך גע־קענט דערמאָנען — מיט די זעלביקע ווערטער, ווי דבורה, בעת זי האָט זי גערופן קיין באָסטאָן, די טאָכטער האָט באַטירלעך געמיינט, אַז ס׳גייט דאָ וועגן בעטי און זשאָ, ווייל זי האָט זיך תמיד געפילט באַדראָט פון דעמדאָזיקן סקאַנדאַל.

עס איז געווען אַ רייזע פון צוויי דריי שעה, און זי איז אָנגעקומען מיטאָגצייט. איר מוטער האָט זי אָפּגעוואַרט אין דעדהאַמער אכסניה, בעטי איז אויך געווען, זי האָט אויס־געזען זייער שיין, הגם אַ ביסל בלאַס און מיד — ס׳האָט, ווייזט אויס, נישט פּאַסירט קיין שום זאַך.

— וואָס איז געשען? — האָט דבורה געפרעגט איר מוטער.

קאָרנעליע האָט געענטפערט, אַז דאָ איז נישט דער ריכטיקער אָרט צו שמועסן.

— וואַרט אונטער, ביז מ׳וועט פאַרענדיקן די נאָכמיטאָג-זיצונג.

— דו מיינסט אין פּראָצעס?

— יאָ, מיין קינד, איך טאָר דידאָזיקע זיצונג נישט פאַרשפּעטיקן. מ׳דאַרף אויסהערן עטלעכע וויכטיקע עדות. דו גייסט מיט.

— צו אַ מאָרד-פּראָצעס. מאַמע!

— געוויס, אויב איך קען בייוווינען אַ מאָרד-פּראָצעס, קען מיין טאָכטער אויך.

זינט זי לעבט, האָט נאָך פרוי רופּערט אַליין נישט געטון אַזאַ זאַך. פאַר איר איז אַ געריכט-זאַל געווען אַ וואולגאַרער אָרט, בייצוווינען אַ געריכטספאַרהאַנדלונג, איז געווען פאַר איר אַ באַווייז פון אַ המונישע נייגעריקייט נאָך סענסאַציעס. איר נאָמען קען נאָך שטיין אין די צייטונגען. זי האָט זיך זייער שטאַרק געהיט פון רעפּאָרטערן און געציטערט פאַר זיי, ווי פאַרצייטנס אירע אבות אין דערדאָזיקער געגנט פאַר די בלוט-דורשטיקע אינדיאַנער מיט די גרויסע טאָב-העק אין די הענט. זי האָט זיך באַקענט מיט עטלעכע עלטערע און יונגערע דאַמען, וואָס האָבן אונטערגעשטיצט די פאַרטיידיקונג, און ביי יעדער איינציקער פון זיי איז איר געלונגען אויסצוגעפינען עפּעס אַ חסרון אין געזעלשאַפטלעכן פּרט אָדער אין שייכות צו דער מאָדע, — אָבער זי האָט איר מיינונג באַהאַלטן ביי זיך.

— מאַמע, צי האָט עפּעס פּאַסירט מיט בעטין? — האָט זי געפּליסטערט.

קאָרנעליע האָט איר געענטפערט, אַז נישט. אַז נישט וועגן דעם האַנדלט זיך איצט.

זיי זענען געזעסן אין געריכט-זאַל. דבורה שטייף ווי אַ שטעקן, גאַנצע דריי שעה אויפן זייגער, נישט צורירן זיך פון אָרט. אירע באַוועגונגען האָבן אויסגעדרוקט: „איר זאָלט זיך נישט איינרעדן, אַז דאָס אַלץ גייט מיך אָן, אָדער אַז איך האַלט פון דעם”. זי האָט אויסגעהערט זשאַדאַנין דעם

זשורנאַליסט און דאָצענט, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז אין דעם טאָג פון דעם אָנפאַל אין זיד-ברענטרי האָט ער געגעסן מיט סאַקאָן אַ מאָלצייט. דער אָנפאַל איז פאָרגעקומען באַלד נאָך דריי. און פון איינס ביז צוויי אָדער נאָך לענגער האָט זשאַדאַני פאַרברענגט מיט סאַקאָ. ער האָט דערציילט וועגן דעם באַנקעט, וואָס עטלעכע איטאַליענער האָבן איינגעאָרדנט לכבוד דעם רעדאַקטאָר פון באָסטאָנער „טראַנסקריפּט״, וועלכן דער איטאַליענישער קעניג האָט געשאָנקען אַן אויסצייכענונג אַלס אָנערקענונג פאַר זיינע פאַרדינסטן, בעתן אַריינטריט פון אַמעריקע אין דער מלחמה. דער באַנקעט איז פאָרגעקומען אין דעם אייגענעם טאָג — און מחמת דעם, קען זשאַדאַני פעסטשטעלן די דאַטע. פרעד קאַצמאַן האָט זיך אומזיסט באַמיט אַרויסצופירן אים פון זיין זיכערקייט, עס האָט געקענט זיין אַן אַנדער טאָג אויך, האָט ער געזאָגט.

— דו ווייסט, מאַמע — האָט דבורה געזאָגט, נאָכדעם ווי די זיצונג האָט זיך געענדיקט — ביי דידאָזיקע איטאַליענער איז ליגן אַ קלייניקייט, אַבי אַרויסצוראַטעווען איינער דעם אַנדערן פון אַ צרה.

— יאָ מיין קינד, איך ווייס, פונקט ווי די מענער פון אונזער פאַמיליע, וואָס זיצן-אויף גאַנצע נעכט און טראַכטן אויס מעשהלעך צו דערציילן אויף דעם פראָצעס פון זשערי וואָלקער.

און ווען זיי זענען ווידער געווען אין דרויסן, ווייט פון דעם עולם, ווייט פון די געפערלעכע רעפּאָרטערן, האָט קאָרנעליע געפרעגט:

נו, ווי זעען זיי דיר אויס, די ביידע?

דו מיינסט, די ביידע באַשולדיקטע? מאַמע, איך קען בשום אופן נישט תופס זיין, ווי אַזוי ביי דיר איז רעכט צו טאָלערירן אַזעלכע לייט! זיי זענען דאָך אַזוי שוואַרץ, זיי זעען אויס אַזוי מוראדיק...

— כמעט אַלע איטאַליענער זענען טונקל; אָבער דערפון איז נאָך נישט געדרונגען, אַז זיי זענען מערדער.

דבורה האָט אַ שוידער געטון:

— איך פֿיל זייער שנאה — עפּעס שרעקלעכעס! דידאָ-ויקע פֿאַרגליווערטע, אָנגעשטרענגטע פּנימער...

— מיין קינד, זיי זענען אָנגעשטרענגט, ווייל עס שטייט זיי פֿאַר דער עלעקטרישער שטול. און זיי גייט זייער שטאַרק אָן דער אמת.

XII

זיי זענען געגאַנגען צו קאָרנעליען אין האָטעל, און קאָר-נעליע האָט זיך אַוועקגעלייגט אָפּרוען. דבורה איז געזעסן גלייך און אויסגעצויגן, ווי אַ ליכט.

— נו מאַמע, וואָס האָסטו מיך גערופֿן?

און קאָרנעליע האָט אָנגעהויבן:

— טייערע, איך מוז דיר איבערגעבן אַ טרויעריקע ידיעה: איך מוז פֿאַרקויפֿן מיין צירונג.

— מאַמע, וואָס הייסט דאָס?

— די פֿאַרטיידיקונג האָט שוין נישט מער קיין געלט, און איך האָב בשום אופֿן נישט בדעה, זיך צוקוקן מיט פֿאַר-לייגטע הענט, ווי די ביידע פֿאַרלירן זייערע לעצטע מעגלעכ-קייטן. איך דאַרף האָבן אַ קליין ביסל מזומן געלט. און איך ווייס נישט, וואָס איך קען טון, אַחוץ פֿאַרקויפֿן מיין צירונג.

— אָבער, מאַמע, ווי שרעקלעך! — דבורה איז געווען אַזוי אויפֿגערעגט, אַז די ווערטער זענען איר געבליבן שטיין אין האַלז. די פֿאַמיליען-ירושה — נישט אָפּצושאַצן — אוצ-רות, וואָס האָבן אַ גייסטיקן ווערט, די קינדער האָבן דאָך אויך זייער רעכט!

— דו זעסט נישט דעם עיקר, מיין קינד — האָט זי קאָרנעליע איבערגעריסן — איך וויל, אַז דו זאָלסט עס קויפֿן.

דבורה האָט אויפֿגעשריגן: — אָ! — זי האָט אָנגעקוקט איר מוטער; אויף איר קיילעכדיקן פּנים איז נישט געווען אַפֿילו קיין סימן פֿון אַ שמייכל, אירע מילדע, שוואַרצע אויגן

האָבן אַפילו נישט קיין פינטל געטון! דבורה האט נאָכאַמאָל געזאָגט — אָ! — און אויסגעפונען, אַז ס'האַנדלט זיך איצט ווידער אָן יענעם הומאָר, וואָס איר פאָטער פלעגט האַלטן פאַר אַזוי אומפּאַסיק. אַ קליינער מוטערלעכער קאַפּריז האָט געצווונגען אַ גרויסע לימוזינע צו פאָרן אויף זיין שטאָלצער רייזע פון דעם נאָרד-אינזל קיין דעדהאַם!

אַנטשלאָסן האָט קאָרנעליע ווייטער געזאָגט:

— אַוודאַי ווייס איך גאַנץ גוט, אַז אין איינעם אַ טאָג, ווען דידאָזיקע צירונג סיי-ווי-סיי געהערן צו איך. צו דיר, קלאַרען און אַליסן. דערווייל אָבער דאַרף איך האָבן געלט פאַר דעמדאָזיקן פּראָצעס. דו ווייסט, די קעניגן איזאַבעלאַ האָט פאַרקויפט איר צירונג, כדי צו פינאַנסירן קריסטאָף קאָלומבוסן — לפחות דערציילט אַזוי די לעגענדע. נו, וויל איך אויך פאַרקויפן מיין צירונג צוליב נאָך אַ העכערן צוועק, און איך לייג דיר פאָר אַ דריטל.

— וויפל געלט דאַרפסטו האָבן, מאַמע?

— פינף טויזנט דאָלאַר, איך האָב נישט קיין שום ידיעה, וויפל דאָסדאָזיקע צירונג איז ווערט — אַוודאַי דרייסיק, פערציק טויזנט.

— מיר האָבן גאָרנישט בדעה, אַוועקצוגעבן אונזער פאַמיליען-צירונג, דאָס ווייסטו אַליין אויך, מאַמע. רעד בעסער נישט קיין נאַרישקייטן. ווען דאָס געלט וואָלט געווען פאַר דיר אַליין, וואָלט קיינער פון אונז נישט געצווייפלט קיין איין מינוט. אָבער עס זעט אויס פאַר אונז אַזוי שרעקלעך, אַז דו גיסט אַוועק אַלצדינג פאַר דידאָזיקע אַנאַרכיסטן, מענטשן, וואָס האָבן פיינט אונזער לאַנד.

— מילא, וועגן דעם וועלן מיר שוין נישט דורכקומען, טאָכטער. איך מאַך דיר אַ שטרענג-געשעפטלעכן פאָרשלאַג: איך בין גרייט, אַוועקצוגעבן דיר אַ דריטל פון מיין צירונג פאַר פינף טויזנט דאָלער. איך גיב דיר אַ פאָרמעלע קוויטונג, און ווי גיך, איך וועל נאָר זיין אין שטאָט, וועל איך גיין אין דער באַנק און דיר ברענגען די סחורה.

— דו ווייסט, אַז ס'גייט נישט אין דעם, מאַמע, — דבורה איז געזעסן און געקוקט אַ ווײַלע שטאַר פֿאַר זיך. עס איז געווען קלאָר, אַז זי געפֿינט זיך אין אַ נעץ. עס איז נישטאָ קיין שום אויסוועג. נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, איז זי צוגעגאַנגען צו איר האַנט-בײַטל, אַרויסגענומען דאָס טשעק-ביכל און אַן אויטאָמאַטישע פֿעדער, אַוועקגעזעצט זיך בײַם שרײַבטיש און אָנגעשריבן פֿינף טויזנט דאָלער.

זי האָט פֿאַרמאָגט דעם כּוח פֿאַר אַזאַ האַנדלונג. זי האָט עס געטון כּסדר — בײַ די פֿאַרוואַלטונג-זיצונגען פֿון די יתומים-הײַזער, אין שפּיטאָלן, אין די היימען פֿאַר בלינדע, לאָמע און טויב-שטומע, אין די קריסטוס-שטיבלעך און פּאַראַפֿיעס פֿון די קירכעס. דער פֿאַקט, וואָס זי האָט געהאַט אַזאַ מאַכט און איז תּמיד געווען גרייט זיך צו באַנוצן מיט איר האָט איר אַרומגעהילט מיט אַ מין גלאָריע, געווירקט אויף די פֿאַרוואַלטערס און דירעקטאָרן פֿון אַלערליי וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, אויף די קוראַטאָרן און גײַסטלעכע. דידאָזיקע הערן האָבן ממש אָנגעהויבן צו ציטערן, ווען די גרויסע מיסעס אַלווין פֿלעג אַרײַנקומען אין צימער. זייערע קניען האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען און די פֿיס האָבן זיי זיך שיער נישט אונטערגעבראָכן. דבורה האָט דאָס אַלץ זייער גוט געוווּסט. און הגם זי האָט זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק דערפֿון, איז איר גאַנצע האַלטונג געווען בלויז פּאָזע. אין דער אמתן אָבער איז דאָסדאָזיקע געפֿיל פֿון מאַכט געווען דער אייגנטלעכער ציל און דער אינהאַלט פֿון איר לעבן. זי האָט זייער גענוי אָנגעקוקט די לײַט מיט וועלכע זי האָט צו טון, און זיך געריכט פֿון זיי די אויסדריקלעכסטע הכנעה און מורא. און היות דאָס איז איצט נישט געווען, איז זי אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שטילן כּעס, — הגם זי האָט אויסגעפֿונען עפּעס אַן אַנדער סיבה: דער און דער האָט אַ צו גרויסע מויל, צו איבערגעשפּיצט, צו פֿיל אויסגעפּוצט, אָדער צו ווייניק אויסגעפּוצט, בקיצור עפּעס, וואָס איז געווען נישט „באָסטאָניש".

בעטי, די קליינע כיטרע מכשפה, האָט זייער גוט גע־ קענט אַנאַליזירן איר מוטערס טבע: אַ געמיש פון יידישן שטאָלץ מיט קריסטלעכער הכנעה, אַ שאָך־ברעטל — שוואַרץ און ווייס — אין דער נשמה פון אַ פרוי. צו זיין שטאָלץ מיט ממתקים און מיט אַלץ, וואָס מען קען דערפאַר באַקומען — איז דער סאַמע העכסטער שפיץ פון דער וווּלגאַריטעט, און מיט דעם גיט מען זיך אויס פאַר דער פרוי פון עפּעס אַ „האַלץ־סוחר" אָדער אַ „פּיטסבורגער מיליאָנער". בכן האַלט מען זיך קיינמאָל נישט גרויס מיטן געלט, נאָר מ'האַלט זיך גרויס צוליב דעם, וואָס מ'האַלט זיך קליין, צוליב דער דיסטאַנץ צום געלט, וואָס קומט אַרויס פון אַ שטענדיק־פאַרזיכערט לעבן. מען גייט צו די אָרעמע־לייט און נידעריקע, ווייל דאָס איז אַ קריסטלעכער חוב; און ווען די אָרעמע און די נידע־ ריקע קוקן אַרויף צו זיי, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס זיי פאַרמאָגן אַ קריסטלעכע טוגנט און נישט דערפאַר, וואָס זיי באַזיצן די מאַכט, אַרויסצוזיאָגן זיי אויפן גאַס און איבערצו־ לאָזן זיי הפקר פאַר הונגער און קעלט. ווען די אָרעמע־לייט זענען אַמאָל געבילדעטע און פיינע מענטשן, פאַרשטייען זיי עס, און אַלצדינג ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דערהויבענע אַט־ מאָספערע; גאָט האָט איינגעשטעלט אַלצדינג אויף דער וועלט אין אַ באַשטימטן סדר, און יעדן אָנגעוויזן זיין מדרגה און זיין פאָרם און זיין שכר און זיינע פליכטן. און יעדער דאַרף טון דעם רצון פון רבונו של עולם, און פילן דעם רגש, וואָס גאָט האָט אים געגעבן.

XIII

נאָך עטלעכע וויכטערדיקע עדות האָבן באַשטעטיקט סאַ־ קאָס אַליבי — זיי האָבן אונטערגעשטיצט זשאַנדאַנס דערקלע־ רונגען. דענטאַמאַר, פירער פון אַ באַנק־אָפּטיילונג, האָט זיך אין באָניס רעסטאָראַן אָנגעשלאָסן אָן דער געזעלשאַפט און אויך געשמועסט מיט זיי וועגן דעם באַנקעט, וואָס די איטאַליענער

האָבן געוואָלט איינאָרדענען דעם רעדאַקטאָר פון באָסטאָנער טראַנסקריפט. איינער, אַ קאָלאָניאַל־סוחר פון באָסטאָן, האָט עדות־געזאָגט, אַז סאַקאָ האָט אים אין יענעם טאָג אָפּגעצאָלט אַ רעכענונג; די צאָלונג איז פאַרשריבן אין זיין געשעפט־טאָג־בוך, ווייטער איז געלעגן די פּראָטאָקאָלירטע עדות־דערקלערונג פון אַ שרייבער אין קאָנסולאַט, וואָס האָט זיך איצט געפונען אין איטאַליען און דערקלערט: אַז סאַקאָ האָט יענעם טאָג אָנגעגעבן אויף אַ פּאַס. יודזשינס ליאָנס איז ספּעציעל געפאָרן קיין איטאַליען, כדי איינצושאַפן דעם באַווייז פאַר סאַקאָס פאַרטיידיקונג.

נייע אַליבי־עדות אויך פאַר וואַנצעטין: זיין פריינדין אַלפאָנסינאַ ברינִי, האָט געשילדערט, ווי ער האָט איר יענעם פאַרמיטאָג פאַרקויפט פיש. נאָכמיטאָג איז ער געקומען צו איר, צוזאַמען מיטן יידישן הענדלער ראָזען, וואָס האָט איר געוויזן שטאָפן צו קויפן. דער פּראָקוראָר האָט זיין קרייץ־פאַרהער געפירט מיט אַזאַ רשעות, אַז זי האָט אַזש אָנגעהויבן צו וויינען. ער האָט איר גאָרנישט געקענט מוחל זיין, וואָס זי דערוועגט זיך צו ווען באַווייזן וואַנצעטיס אַליבי אין צוויי פאַרשידענע טעג און אין צוויי פאַרשידענע פאַרברעכנס. ער האָט לחלוטן נישט געוואָלט וויסן דערפון, אַז וואַנצעטי איז אייגנטלעך געווען אַ בן־בית ביי די ברינִיס, זינט ניין יאָר, זינט ער איז אָנגעקומען קיין פּליימוט און איז אַריינגעקומען צו זיי יעדן טאָג. דער פּראָקוראָר האָט געהייסן דער פרוי ברינִי אויפשטיין, אין פאָרגעלעזן איר אַ דערקלערונג פאַרן פּראָטאָקאָל, אַז זי האָט שוין אַמאָל עדות געזאָגט וועגן וואַנצעטיס אַליבי ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. די געשוווירענע האָבן כלומרשט נישט געוואָלט וויסן וועגן דעם פּליימוטער פּראָצעס און אורטייל, אָבער זיי האָבן נאַטירלעך גאַנץ גוט געוווּסט און געשמייכלט איינער צום אַנדערן, ווען מ'האָט פאָרגעלייענט דידאָזיקע דערקלערונג: דאָסדאָזיקע אַדוואָקאַטישע געצייגדל וויל אונדז פאַרמאַכליעווען מיט זייערע ביוראַליסטישע שטיקלעך, אָבער מיר וועלן זיך נישט לאָזן פאַרשטעלן די אויגן.

אָט איז נאָך אַ יורידישער האָקוס־פּאָקוס: כּדי נישט אַרויפצוברענגען אויפן טיש ווידער דעם פּליימוטער אורטייל אַלס אַ באַווייז פון וואַנצעטיס שולד, האָט די פאַרטיידיקונג געמוזט דערקלערן, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ, נישט צו באַנוצן זיך מיט אַלע רעפּוטאַציע־באַווייזן פאַר די ביידע אָנגעקלאָגטע. אָבער אָט איז דער פּראָקוראָר אַרויס מיט אַ פאָדערונג אויפצוקלערן די געשווירענע, אַז אַלע פּרעסטיזש־באַווייזן לטובת די אָנגעקלאָגטע מעגן זיי אינגאַנצן נישט נעמען אין אַכט. איצט האָט קאָרנעליע טאָרנוועל דערהערט יענע שטימע, וואָס האָט איר נביאות געזאָגט אין דער באַצירק־תּפיסה פון פּליימוט: די שטימע פון דעם ווייט זעענדיקן וואַנצעטין! דאָס איז געווען די שפּעקולאַציע, וואָס באַרטאָ האָט געשילדערט. צום ערשטשן מאַכן אים זיינע שונאים פאַר אַ באַשטראָפטן און דערנאָך באַנוצן זיי זיך מיט זיין שטראָף, כּדי אים און סאַקאָן פאַרצושטעלן פאַר טונקעלע פאַרשוינען און זיי ביידע איבערצוגעבן דעם טויט. מיסטער קאַצמאַן האָט אָנגעצויגן אויפן פּנים אַ שטרענגע מינע און פאָרגעלייענט פאַרן געריכט אַ פאָרשלאַג פון אַזאַ באַשלוס:

„דער שטאַט באַוויליקט די פאָדערונג פון ביידע באַשולדיקטע, אויסצושטרייכן פון פּראָטאָקאָל און נישט צו נעמען אין אַכט אין משך פון דעם גאַנצן פּראָצעס, די עדות־דערקלערונגען אין שייכות צו די פראַגן, צי איינער פון די דערמאָנטע באַשולדיקטע האָט געהאַט אַ שם פון אַ פרידלעכן און לאָיאַלע בירגער, אַז די־דאָזיקע ביז איצטיקע דערקלערונגען זאָלן מצד די געשווירענע אינגאַנצן נישט גענומען ווערן אין אַכט, אַזוי אַז דער פאַקט, וואָס מ'וועט זיי אויסשטרייכן פון פּראָטאָקאָל, זאָל פאַר די געשווירענע נישט זיין קיין שום באַווייז, צי איינער פון די אויבנדערמאָנטע באַשולדיקטע, אָדער ביידע, האָבן יאָ געהאַט אַ שם פאַר פרידלעכע און אָרנטלעכע בירגער אָדער נישט".

בחינם די גאַנצע מי, די יאָרן, וואָס ניקאָלאַ סאַקאָ האָט געאַרבעט אין אַ שוך-פאַבריק, כּדי צו פאַרדינען פערציק ביז זעכציק דאָלאַר אַ וואָך אַלס אַ געלערנטער קנייפּער, צוזאַמען מיט אַ ספּעציעלער הכנסה פון דער אַרבעט אַלס נאַכט-וועכטער! אומזיסט דער שיינער גאָרטן, מיט זיינע שיינע פרוכטן יאָר־איין יאָר-אויס, מיט די רויטע צייטיקע פּאָמידאָרן! אומזיסט די צען דאָלאַר וואָך ביי וואָך, וואָס ראָזינאַ האָט צופאַרדינט, ביז זיי האָבן שוין געהאַט פופצן הונדערט דאָלאַר אין דער שפּאָר-קאַסע, צוזאַמען מיט דער ליסטע פון די איינצאָלונגען, וואָס האָט געוויזן באַשיינפּערלעך, ווי דאָס געלט איז דערוואָרבן געוואָרן דורך שווערער פּראַצע און נישט דורך מאָרד און גזלה. אומזיסט די גאַנצע שווערע אַרבעט, וואָס באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי האָט אָפּגעטון פאַר די גבירים פון ניי־ענגלאַנד אין שטיינברוכן און ציגעלניעס, ביי די אייזנבאַנען און וואַסער-רעזערוואַרן! אומזיסט די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרדינט זיין ברויט אַלס פיש-הענדלער, אומזיסט די פריינטשאַפט מיט אַזויפיל איטאַליענישע באַלעבאָסטעס, אַזויפיל קליינע איטאַליענישע קינדער, וואָס הערנדיק זיין שרעקלעכן שיקזאַל האָבן זיי אָנגעהויבן צו וויינען, צו מאַכן מיט די הענטלעך, און ווען קיינמאָל, ווי לאַנג זיי וועלן לעבן נישט אויפהערן צו רעדן וועגן אים! אומזיסט זיין געשריי: „ראַטעוועט ניקן, ער האָט אַ ווייב מיט אַ קינד". די אַדוואָקאַטן האָבן ווידער געפאָדערט באַזונדערע פאַרהאַנדלונגען, אָבער ריכטער טייער האָט זיך געהאַלטן פעסט, צו באַשיצן די נאַרפאַלקער מלוכה־קאַסע. צען טויזנט דאָלאַר אַ וואָך, זיבן וואָכן, מער זעכצן צוויי וואָפּס נישט ווערט!

XIV

אַ גלאָק האָט געקלונגען אין קאָרנעליע טאָרנוועלס נשמה: לעצטער רוף פון עדות. זי האָט געוווסט, וואָס עס וועט געשען, און זי איז נישט געווען איבעראַשט, ווען לי

סוועגסאָן האָט זי געבעטן, צו עסן מיט אים מיטאָג, זי איז נישט געווען איבערראַשט, ווען ער האָט אויסגעקליבן אַ זײַטיקן טיש און זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט זיך נישט צו.

— נו, נאַנאַ, וואָס טראַכט איר וועגן אונזערע שאַנסן?

— איך ווייס נישט, וואָס צו טראַכטן ליִ. איך האָב נישט קיין שום דערפאַרונג אין די זאַכן. איר דאַרפט עס מיר זאָגן.

— נו, איך מיין, אַז סאַקאָס רעדע האָט פון אונז געמאַכט אַ תל.

- אָ, ליִ! — אַ שטאַרקע פּלוצלונגע חלשות האָט זי אַרומגענומען, און זי האָט פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו איר מיטאָג. זי איז געזעסן, געקוקט שטאַר פאַר זיך, בעת דער אַדוואָקאַט האָט ווייטער געזאָגט שטילערהייט:

— אַ לעצטער שאַנס, נאַנאַ. צי ווילט איר זיי באמת ראַטעווען? איך קען אייך צוזאַמענשטעלן אַן דערקלערונג אין משך פון צוויי שעה. איר גיט זיך אָן פאַר אַן עדות, איר גיט אָפּ אייער דערקלערונג און דער פּראָצעס איז געענדיקט. איר האָט נישט קיין אַנונג, ווי לייכט עס וועט זיין — קאַצמאַן וועט זיך נישט דערלויבן, צו מאַכן מיט אייך זיינע שטיק — און טאָמער דערלויבט ער זיך יאָ אַזאַ זאַך, וועל איך אים אין די אויגן פון די געשווירענע צערייסן אויף שטיקער. מען וועט נישט האָבן קיין צייט נאָכצופאָרשן. מער ווי איין טאָג האָבן זיי שוין נישט, צו ברענגען קעגן-עדות. דערמיט איז אַלצדינג דערליידיקט. דער פּראָצעס איז געענדיקט, און אַלצדינג, וואָס שפּעטער וועט פאָרקומען, וועט אונז זיין אַלצאיינס.

— ליִ... פאַרלאַנגט נישט פון מיר אַזאַ זאַך! פאַרלאַנגט נישט פון מיר! — מער האָט זי נישט געקענט רעדן; ער האָט געזען אין איר פּנים אירע שטאַרקע יסורים און אויפגעהערט צו רעדן דערפון.

— גוט, איך וועל אייך מער נישט מאַטערן — האָט ער געזאָגט.

אָבער זי האָט עס נישט געקענט דורכלאָזן אַזוי לייכט, זי האָט געמוזט רעדן מיט אים וועגן דעם פּראָצעס:

— לי, ווי־אַזוי קען מען פאַראורטיילן מענטשן אויפן גרונט פון אַזעלכע באַווייזן? איך האָב מיר פאַרצייכנט: איינ־אונדרייסיק עדות האָבן דערקלערט, אַז וואַנצעטי איז נישט דער מענטש פון אָנפאַל. אַנדערע צוועלף עדות אַרויסגערופן דורך דער באַשולדיקונג, וואָלטן אין אים דערקענט דעם באַנ־דיט, ווען ער וואָלט עס טאַקע באמת געווען, און זיי האָבן אים נישט דערקענט — זי האָט געריעדט זייער אויפגערעגט; — קיין איינער פון די עדות, וואָס האָבן אידענטיפיצירט סאַקאָן אָדער וואַנצעטין, האָבן זיי נישט געקענט פון פריער, און נישט געזאָגט אַפילו, אַז זיי האָבן זיי שוין אַמאָל געזען. אין יעדן איינציקן פאַל האָט זיך עס געהאַנדלט אין דעם, צו דערקענען אַ ווילד־פרעמדן מענטשן. און פאַר אַן אַמעריקאַ־נישן אויג, זעען כמעט אַלע איטאַליענער אויס ווי סאַקאָ.

— יאָ, נאַנאַ — האָט לי געזאָגט געדולדיק.

— און דער קורצסטער טערמין דריי וואָכן — דריי וואָכן האָבן זיי געהאַט צייט צו פאַרגעסן, ווי די באַנדיטן האָבן אויסגעזען! ביי עטלעכע פון זיי, ווי למשל ביי גוד־רידזש אין פעלצער האָט עס געדויערט כמעט אַ יאָר!

— נאַנאַ, מען דאַרף איבער־צייגן דאָס געריכט, נישט מיך.

— אָבער איר מוזט עס קלאָר מאַכן פאַר די נעשוווי־רענע, לי!

— דאָס וועל איך שוין טון, האָט נישט קיין מורא, אָבער איך קען נישט אָפּלייקענען, אַז זיי זענען אַנאַרכיסטן; איך קען נישט לייקענען, אַז די הויפּט־עדות אונזערע זענען איטאַליענער; דאָס זענען די פאַקטאַלע אומשטענדן.

זיי זענען געזעסן און געשמועסט, דאָס עסן איז געבליבן שטיין און קאַלט געוואָרן אין די טעלערס. דאָס האָט ביי זיי נישט פּאַסירט צום ערשטן מאָל. לעבן און טויט זענען גע־האָנגען אויף אַ האָר. צי זאָל לי סוועטסאָן באַטאָנען אין זיין רעדע דעם דוחק אין באַווייזן קעגן וואַנצעטין? אפשר וועט

ער אַזוי אַרום אַרויסראַטעווען וואַנצעטין, אָבער אויף די ווייט לי האָט פאַרשטאַנען די געשווירענע, האָט ער פאָרגעזען, אַז זייער גאַנצן צאָרן וועלן זיי דאַן אויסלאָזן אויף סאַקאָן, און וואַנצעטי האָט עס אויסדריקלעך פאַרווערט. נאָכאַמאָל האָט ער געפאָדערט:

— ראַטעוועט ניקן, ער האָט אַ ווייב מיט אַ קינד!

זיי האָבן געטאַפּט אין דער פינסטער און געקלאַפּט מיט די הוילע פויסטן אין די שטיינערנע ווענט. אין די אויערן האָט זיי געקלונגען יענע וואָרנענדיקע שטימע, וואָס האָט זיי קיינמאָל נישט געלאָזט איינרוען. הלוואי וואָלטן זיי ד אָ ס געוווּסט, הלוואי וואָלטן זיי י ע נ ץ געטון! זיי זענען אַוועק צוריק אין געריכט-זאַל, און דאָס אויסהערן פון די פאַרטיידיקונג-עדות איז פאַרענדיקט געוואָרן. צומאָרגנס האָט די פּראָקוראַטור געדאַרפט אַרויסשטעלן די עדות מצד דער באַשולדיקונג, צווישן זיי העברי הילער, דער פינקערטאָן-אַגענט „ה. ה“. ער איז געשטאַנען פאַרן געריכט, כדי צו דיסקרעדיטירן איינעם פון די פאַרטיידיקונגס-עדות, און דער פריילעכער מיסטער קאַצמאַן האָט אים געשטעלט פראַגעס, מונטער און אויפגעלייגט, וועגן יענע סודות, וואָס זענען געלעגן פאַרשלאָסן אין זיין קאָפּ און וואָס זייער געוויכט וואָלט צעשמעטערט די גאַנצע באַשולדיקונג. פאַקטיש האָט הילער געהאַלטן אין זיין האַנט די באַריכטן, וואָס ער האָט באַקומען, בעת דער אויספאָרשונג. יעדעס מאָל, ווען ער איז געווען עטוואָס אין ספק, האָט ער געזאָגט: — איך קען אַ קוק טון — און אויפן אָרט, פאַר אַלעמען אין די אויגן, האָט ער אַרויסגענומען זיינע נאָטיצן צו הילף. און די פאַרטיידיקונג האָט נישט געהאַט קיין שום השגה, וואָס אין די נאָטיצן איז געשטאַנען, קיין שום אַנונג, וואָס פאַר אַ מעגלעכקייטן זיי האָבן אַרויסגעלאָזט פון די הענט! דער פריינטלעכער קאַצמאַן האָט דעמדאָזיקן עדות איבערגעלאָזט פאַר מעק אַנערניי און דערדאָזיקער דזשענטלמען האָט געזאָגט:

— קיין שום פראַגן, אויב איר דערלויבט.

XV

צומאָרגנס האָבן לי סווענסאָן און פרעד מור געהאַלטן זייערע רעדעס פאַר דער פאַרטיידיקונג. דאַן האָט זיך אויפגעהויבן דער פּריינטלעכער פּראָקוראָר צו זיין שלוס-רעדע. פיר שעה האָט ער געהאַט צו זיין דיספּאָזיציע, כדי אָנצווענדן יענע קונסט, וואָס ער האָט אויסגעלערנט אין משך פון זיינע עלף יאָר דינסט פאַרן פאָטערלאַנד. גאַנצע פיר שעה האָבן די נשמות פון דידאָזיקע צוועלף „בראַווע און טרייע" מענער געהערט צו אים, כדי ער זאָל זיי קענען קנעטן און אויספאָרמען, ווי זיין האַרץ גלוסט.

גאַנצע זיבן וואָכן האָבן זיי געמוזט אויסהערן אַלערליי עדות, וואָס זענען לרוב געווען לאַנגווייליק און איינשלעפעריק און האָבן מיט דעם עצם-ענין געהאַט קוים עפּעס אַ טונקעלע שייכות. אַדוואָקאַטן האָבן זיך געשפּאַרט צווישן זיך, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט אַ שווערע פאַך-טערמינאָלאָגיע, וואָס קיין פּראָסטער בשר-ודם וואָלט בשום אופן נישט תופס געווען. דער גאַנצער פּראָטאָקאָל פון די עדות-דערקלערונגען האָט געהאַלטן דריי טויזנט פינף הונדערט מאַשין-זייטן, איבער אַ מיליאָן ווערטער. כדי צו שטודירן די אַלע דערקלערונגען, כדי צו צעקייען זייער זין און זייער צוזאַמענהאַנג, כדי צו באַגרייפן זיי און אַנאַליזירן, וואָלט אַ שאַרפזיניקער יוריסטישער קאָפּ געדאַרפט האָבן אַ סך חדשים; און דאָ זענען געזעסן צוויי באָדן-פאַרמיטלער, צוויי מעכאַניקער, איין קאָלאָניאַלקרעמער, איין מוירער, איין שפּעקולאַנט, איין קליידער-הענדלער, איין פאַבריק-אַרבעטער, איין שוסטער, איין קאָפּיטעמאַכער און איין פאַרמער. זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט באַנעמען דעם גאַנצן באַווייז-מאַטעריאַל און זיי האָבן נישט געהאַט נישט קיין צייט און נישט קיין געלעגנהייט, צו מאַכן אַפילו אַ פּרוּוו, זיך אָנצושטרענגען. זיי האָבן זיך געמוזט פאַרלאָזן אויף עדות, און ווער ס'האָט געקאָנט זייערע פאָראורטיילן, האָט געוווּסט, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

די וואָפּס און דער גרעסטער טייל פון די פּאַרטיידיקער זענען געווען „אויסלענדישע"; דער מינצערער און פריינטלע־כער פּראָקוראָר אָבער איז געווען זייער באַמטער און זיי אַליין האָבן אים אויסגעקליבן. פאַר דער אויפגאַבע פון דעם פּראָצעס האָט ער זיך גערופן „די מלוכה" און אין דער מאַסקע האָט ער געקענט וואַרפן הויכע און אָנגעבלאָזענע מליצות, און עס זאָל גאָרנישט קלינגען פריקרע. אָ, ער איז געווען ערלעך און ער איז געווען געוויסנהאַפט — דאָס האָט ער אַליין געזאָגט מיט אַן ערנסטע און וויכטיקע מינע:

„מיינע הערן, די מלוכה טראָגט אויף זיך אַ שווערע אחריות: פּונקט אַזוי דער באַשולדיקער, וואָס האָט אַרויסגע־רופן די עדות, וועלכע האָבן דעם בירגערלעכן חוב אַרויס־צוגעבן אַ מערדער — אויך אויף אים ליגט אַ שווערע אחריות. ער דאַרף זיך פריער גוט מישב זיין. ער דאַרף זיך לאַנג מישב זיין, און דערביי זאָל ער זיך צוהערן צו דער שטימע פון זיין געוויסן און זיין האַרץ און זיין פאַרשטאַנד, איידער ער גייט אין נאָמען פון דעם שטאַט מאַסאַטשוסעטס, אַרויפלייגן דעם שטעמפּל פון זיין הסכמה, וואָס דאַרף באַווייזן די שולד פון אַ מענטשן, און ווען עס איז באַוויזן, צו פאָדערן זיין טויט".

פון סטיליסטישן שטאַנדפּונקט האָט דידאָזיקע דערקלע־רונג געקענט זיין אַביסל בעסער. אָבער די געשווירענע האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס מען מיינט דערמיט. אָט שטייט מיס־טער קאַצמאַן, דער פּראָמינענטער און דערפאָלגרייכער מאַן, און ער וועט זיי שוין זאָגן, וואָס ער האָט צו טראַכטן וועגן דעם ענין. אָט למשל דידאָזיקע לאָלאַ אַנדרוס — אַ צעדרייטע, היסטערישע פרוי, וואָס האָט זיך שוין נישט איינמאָל קאָמ־פּראָמיטירט אין מיסטער קאַצמאַנס אויגן. און אָט איז ער געשטאַנען און געזאָגט, וואָס פאַר אַ מיינונג מען דאַרף האָבן וועגן לאָלאַן:

„שוין איבער עלף יאָר, ווי איך פאַרנעם דעמדאָזיקן פּאָסטן, מיינע הערן; און איך קען זיך נישט דערמאָנען, אַז

אין דערדאָזיקער, כמעט שוין צו לאַנגער צייט, זינט איך אַרבעט פאַר דער מלוכה, זאָל איך האָבן ווען־עס־איז געזען אָדער אויסגעהערט אַזאַ ערלעכן עדות, ווי לאַלאַ אַנדרוס".

וואָס שייכות פּעלצערן האָט ער געזאָגט, אַז דער עדות האָט צוויי מאָל געזאָגט אַ ליגן, אָבער „ער איז גענוג שטאָלץ און מענטש, מודה צו זיין זיך, אַז ער האָט געזאָגט אַ ליגן און אָנצוגעבן די סיבות, וואָס האָבן אים גורם געווען דערצו" וועגן לעוואַנזשען, וואָס האָט כּלומרשט דערקענט אין וואַנצעטין דעם שאָפער פון דעם באַנדיטישן אויטאָמאָביל — האָט ער אויפגעפּאָדערט די געשוווירענע צו גלויבן, אַז לעוואַנזשע האָט טאַקע געזען וואַנצעטין אין אויטאָמאָביל, ער האָט זיך בלויז טועה געווען און אָנגענומען, אַז וואַנצעטי האָט אָנגעפירט מיטן אויטאָ, בעת אין דער אמתן איז ער גאָר געזעסן אויף אַ הינטערשטן געזעס!

און דאַן די אומדערהערטע מעשה מיט דעם היטל. צווישן די זאַכלעכע באַווייזן זענען געווען צוויי היטלען — איינס האָט מען געפונען אויפן אָרט פון דעם אָנפאַל, און די אַנדערע איז געווען סאַקאָס, און מ'האָט זי צוגענומען פון סאַקאָס וווינונג באַלד נאָך זיין אַרעסט. דאָסדאָזיקע צווייטע היטל האָט שוין סאַקאָ נישט געזען זינט פערצן חדשים, און בעת ער איז געשטאַנען פאַרן געריכט האָט מען אים פּלוצלינג געוויזן דאָס היטל און אַ פרעג געטאָן, אויב ס'איז זיינס.

אַוודאי האָט דערדאָזיקער מענטש נעבעך נישט געוווסט, וואָס ער זאָל טאָן. אפשר האָט אים דער פּראָקוראָר אונטער־געשטעלט אַ פּיטל, און ער וויל אים צוברענגען, צו דערקענען אַ היטל, וואָס איז נישט זיין, און דאַן באַשולדיקן אים אין אַ ליגן. ער האָט נאָר געקענט זאָגן:

— עס זעט אויס, ווי מיין היטל — און דאַן: איך גלויב, אַז דאָס איז מיין היטל, יאָ.

און ווען מ'איז עקשנותדיק צוגעשטאַנען צו אים און

באַפּוילן אָנצוטון עס אויפן קאָפּ, האָט ער זיך געלאָזט אַזוי חייט נעמען אויף זיכער, אַז ער האָט געזאָגט:

— איך ווייס נישט, עס זעט מיר אויס צו שמוציק — געוויס שמוציק צוליב דעם... — ער האָט געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז דאָס היטל איז שמוציק צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך אַרומגעוואַלגערט ביי דער פּאָליציי איבער אַ יאָר צייט, און מ'האָט דאָס אַלעמען געוויזן.

דאָס זענען געווען ניקס ווערטער. און אָט איז מען געזעסן און זיך צוגעקוקט, ווי דער אויפגעבראַכטער מיסטער קאַצמאַן דונערט פאַרן געריכט:

„אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ, ער האָט געזאָגט ליגן אייך אין די אויגן. ער האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין, מיינע הערן, אַז דאָס היטל איז זיינס!"

פרעד מור האָט אים איבערגעריסן אין נאָמען פון דער פאַרטיידיקונג און דערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין אומ־פּאַרטייאישער געריכט איבער די פאַרהאַנדלונגען, וואָס זענען פאַרצייכנט אין פּראָטאָקאָל. אָבער ריכטער טייער האָט נישט דערלאָזט קלאָר מאַכן די זאַך, און קאַצמאַן האָט ווייטער אויסגערופן:

„פאַרוואָס, מיינע הערן, האָט ער געלייקנט, אַז דאָס היטל איז זיין היטל?"

און דאַן די מעשה מיט פּראָקטאָרן. אַ לאַנגע פּרטימדיקע דערקלערונג: צוויי מומחאָס האָבן עדות געזאָגט, אַז די „טויטלעכע קויל", וואָס מען האָט אַרויסגענומען פון בעראַנדעליס קערפּער, שטאַמט פון סאַקאָס רעוואָלווער. קאַצמאַן האָט געזאָגט:

— „איר קענט אַדורכלאָזן אַלע עדות און נישט לייגן אויף זיי קיין שום אַכט, און אייער אורטייל וועט איר קענען שטיצן בלויז אויף דידאַזיקע עקספּערטן אַליין".

און בשעת מעשה האָט קאַצמאַן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער האָט דאָ אויסקאָמבינירט אַ דעמאַגאָגיש שפּיצל, דערמיט וואָס ער האָט דעם פּאָליציי־שעף פּראָקטאָר געלאָזט ענטפערן

מיט „יאָ" און אַזוי אַרום פאַרפירט די מיינונג פון די געשווירענע. אין צוויי יאָר אַרום, ווען פראָקטאָר האָט פאַרזיכערט אונטער אַ שבועה און זיך מודה געווען אין זיין דאַמאָלסדיקן שווינדל, האָבן זיך קאַצמאַן און זיין אַסיסטענט וויליאַם פאַרענטפערט, און אויך פאַרזיכערט אונטער אַ שבועה, און ווידער איבערגעחזרט דעם שווינדל; זיי האָבן זיך געגעבן די מי אָפּצושפאַרן פראָקטאָרס טענות, נישט פאַרלייקענענדיק דערביי דעם עצם-אינהאַלט זייערן!

פון האַלב צוויי נאָכמיטאָג ביז זיבן אַזייגער אין אָוונט האָט זיך דער גאַנצער זאַל, פול-אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, צוגעהערט, ווי דער פּראָקורער רעדט אַרום אויף זיין שטייגער, אין דער לענג און דער ברייט איין עדות נאָכן אַנדערן. דער אויבערשטער געריכט פון שטאַט מאַסאַטשוסעטס האָט דאָך קיינמאָל נישט דערקלערט אָפן, אַז אַ באַשולדיקער דאַרף האַנדלען ערלעך, און אין פינף יאָר אַרום האָט זיך קאַצמאַנס נאָכפאָלגער אויסגעדריקט וועגן דעם ענין מיט אַ ציניש ע לייכטזיניקייט און ווען מיסטער טאָמפּסאָן דער דאַמאָלסדיקער פאַרטיידיקער, האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז קאַצמאַן האָט פאַרשוויגן פאַר דער פאַרטיידיקונג די עקזיסטענץ פון די עדות קעלי און קענדי, דערפאַר וואָס זיי האָבן דערקלערט, אַז וואַנצעטי איז נישט געזעסן אין באַנדיטן-אויטאָמאָביל, האָט קאַצמאַנס נאָכפאָלגער געטענהט פאַרן ריכטער טייער, ווי איין יוריסט צום אַנדערן, מיט די ווערטער:

— צי האָט נישט דער מיסטער טאָמפּסאָן אַן איבערגעטריבענעם און צו עטישן באַגריף וועגן די אויפגאַבן פון אַ פּראָקוראָר?

אָבער איצט איז נישט געווען קיין סימן דערפון! פאַר דעמדאָזיקן געריכט איז מיסטער קאַצמאַן געווען דער ערלעכסטער און דער יושרדיקסטער מענטש אין דער וועלט, דער אײדעלער און דער מוטיקער באַשיצער פון דער גערעכטיקייט! און דערצו נאָך — אַ פּאַטריאָט. ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון זיין פינפטהאַלבן שעהדיקע טיראַדע, אויסגעמאַטערט

פאַרשוויצט צוליב דער היץ אין דעם אָנגעפּאַקטן דוש־
נעם געריכט־זאַל, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז די באַשולדיקטע
זענען חאָפּס און די געשווירענע זענען ריינע אַמעריקאַנער.
אין די לעצטע ווערטער האָט ער אַפּעלירט צו דעם לאָקאַלן
פּאַטריאָטיזם:

„מיינע הערן געשווירענע, טוט אייער פליכט, ווי מענער!
האַלט זיך צוזאַמען איר מענער פון נאָרפאָלק!"

XVI

דעם אַנדערן טאָג האָט מען אין פראַנקרייך געפייערט
דעם יאָרצייט פון דעם שטורם אויף די מויערן פון דער באַ־
סטיליע. אין אַמעריקע אָבער האָט מען אויפגעשטעלט אַ נייע
באַסטיליע. וועב טייער איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַ בימה און
געגעבן די געשווירענע די רעכט־לערע. דער טראָן איז געווען
באַהאָנגען מיט בלומענקרענץ, מתנות מצד די באַוונדערער פון
געזעץ און אָרדענונג; און וועב האָט אָנגעהויבן זיין רעדע
מיט אַ דערהויבענעם און געפילפולן טאָן, ווי ער וואָלט געווען
פאַרשיכורט פון טייערע בלומען ריחות:

— „דער שטאַט מאַסאַטשוסעטס האָט אייך גערופן, צו טון
פאַר אים אַ הויכע וויכטיקע זאַך. נישט געקוקט אויף דעם,
וואָס איר האָט געוווסט, אַז די דיזאָזיקע זאַך וועט זיין שווער, אָנגע־
שטרענגט און אויסמאַטערנדיק, האָט איר פונדעסטוועגן, פונקט
ווי עכטע סאָלדאַטן, מיטן גייסט פון דער העכסטער אַמעריקאַ־
נישער געטרייהייט צום פאָטערלאַנד געפאָלגט דעם רוף. עס
איז נישטאָ קיין שענער וואָרט אין דער ענגלישער שפּראַך,
ווי דאָס וואָרט פאָטערלאַנד־טרייהייט.

אַזוי אַרום האָט ער ווידער פאַרבונדן דעם פּראָצעס פון
סאַקאָ און וואַנצעטי מיט די מתים, וואָס מ'האָט געבערענגט צו
פירן פון פראַנקרייך, און מיט די פּאַטריאָטישע ימים טובים,
וואָס מ'האָט געפייערט איבערן גאַנצן לאַנד. אין דעם אָפּשריפט,

וואָס ער האָט איבערגעגעבן פאַר דער פּרעסע האָט ער נאָך צוגעגעבן דעם זאַץ:

„זייט מוטיק, מיינע הערן אין אייערע שריט, וואָס איר מאַכט, זייט מוטיק, ווי דער אַמעריקאַנישער סאָלדאַט, וואָס האָט געקעמפּט אויף די שלאַכטפעלדער פון פראַנקרייך און מקריב געווען זיין לעבן".

דער ריכטער האָט געדאַרפט פירן די געשווירענע דורכן פאַרפּלאָנטערטן לאַבירינט פון טעכנישע פּרטים, אויפקלערן פאַר זיי די געזעצלעכע באַשטימונגען און זיי גענוי פאָרשטעלן, וועגן וואָס זיי דאַרפן אַנטשיידן און וועגן וואָס זיי דאַרפן נישט אַנטשיידן. ער האָט געדאַרפט האָבן צוויי שעה פאַר זיין רע-דע, און מער ווי אַ העלפט פון דער דאָזיקער צייט האָט ער אויסגענוצט אויף אַלגעמיינע יורידישע באַמערקונגען און מאָ-ראַלישע דערמאָנונגען. ער האָט גערעדט וועגן גאָט און פאָ-טערלאַנד, וועגן מלוכה און מיטמענטשן און וועגן די העכסטע עלטסטע מידה: עכטן אַמעריקאַנישן בירגערלעכן באַוווסטזיין — „נישטאָ קיין העכערע און קיין פּרעכטיקערע זאַך אויף דער וועלט". ער האָט גערעדט וועגן דעם ריינעם געוויסן פון דער רעגירונג, „די גרויסאַרטיקסטע און די שענסטע פון דער גאַנ-צער וועלט", און ער האָט גערעדט וועגן „דעם טאָג, אין וועלכן די קליינע איינוואַנדערער-מחנה איז אַראָפּגעשטיגן אויף דעם פּליימוט-פעלז". אויף אַזאַ שטייגער האָט ער פאַרנוצט אַזוי פיל צייט, אַז ווען ער איז לסוף צוגעקומען צו דער גרויסער צאָל דערקלערונגען פון די אידענטיפיציר-עדות, האָט ער זיי אָפּגעפּטערט מיט אַ פּאָר אַבסטראַקטע באַמערקונגען. די אַליבי-באַווייזן פון די ביידע באַשולדיקטע האָט ער קוים געשענקט אַ פּאָר ווערטער, נישט אַרומרעדנדיק גענויער קיין איין איינציקן עדות.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָט ער געפונען צייט אויף אַ לאַנגן פּלפּול וועגן די „מאָטיוון", וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַרברעכן. מיט דער גרעסטער גענויקייט, פּינקטלעכקייט, האָט ער זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער מאָטיוו פון די פאַר-

ברעכער אין זיד־ברענטרי איז געווען דער חשק צו גזלה — אַזאַ מאָטיוו, וואָס די פאַרטיידיקונג האָט גאָר קיינמאָל נישט אָפּגעוואָרפן און וואָס זי האָט גאָרנישט בדעה געהאַט צו רעדן וועגן דעם. וואָרום די פראַגע איז נישט געווען, צי די מערדער פון זיד־ברענטרי איז באַגאַנגען אַ מאָרד, נאָר צי סאַקאָ און וואַנצעטי זענען געווען אין זיד־ברענטרי. ווען דער ריכטער האָט זיך ווייטער פאַרנומען מיט דער דאָזיקער פאַלשער שטעלונג פון דער פראַגע, האָט מען געזען באַשיינפערלעך, אַז ער וויל די געשווירענע סתם אַזוי פאַרבלענדן די אויגן.

און איצט דאָס „שולד באַוווּסטזיין", מיט וועלכן טייער האָט געהאַנדלט אין משך פון די זעקס יאָר דערנאָך! ער האָט בכיוון פאַרטונקלט די פראַגע, נישט צולאָזנדיק קיין שום עדות־דערקלערונגען וועגן סאַלסעדאָ און עליאַ; און אָט האָט ער פאַרנוצט אַ פינפטל פון זיין צייט, כדי איינצורעדן די געשווירענע, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין דער נשמה פון צוויי מענטשן, וואָס האָבן אָפּגענאַרט דער פּאָליציי בעת זייער אַרעסט. דער ריכטער, וואָס האָט נישט דערמאָנט אַפילו קיין איין אַליבי־עדות, האָט געפונען צייט, זיך צו באַשעפטיקן און צו צעלייגן אויף טעלערלעך די דערקלערונגען פון די פּאָליציי־באַאַמטע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן אַרעסט און מיט די דערקלערונגען פון די ביידע דזשאָנסאָנס, וואָס אין זייער שטוב זענען זיך סאַקאָ, וואַנצעטי, באָדאַ און אָרקיאַני צוזאַמענגעקומען אין דער נאַכט פון זייער אַרעסט. אין זיין רעדע האָט ער געשילדערט די טונקלסטע און אימהדיקסטע בילדער:

„— אויב אַ מענטש איז גרייט צו באַנוצן זיך מיט אַ טויטלעך געווער, ווי למשל אַ רעוואָלווער, קעגן דעם באַאַמטן, וואָס קומט אים אַרעסטירן, און זיך באַפרייען אויף אַזאַ אופן — אַ וואָסער כאַראַקטער דאַרף שוין טראָגן דאָס פאַרברעכן, פון וועלכן עס איז אַרויסגעקומען אַזאַ שולד־באַוווּסטזיין ?"

און דאַן די דערקלערונגען אין שייכות מיט די קוילן. צי איז דעם ריכטער געווען באַקאַנט דעם פּאָליציי־שעף פּראָק־

טאָרס קאָמבינאַציע? פייערלעך און קאַטעגאָריש האָט ער דער־קלערט, אַז דער שעף פון דער מלוכה־פּאָליציי האָט עדות גע־זאָגט אָט וואָס:

— עס איז געווען זיין (סאַקאָס) רעוואָלווער, פון וועלכן עס איז געקומען די קויל, וואָס האָט גורם געווען דעם טויט פון בעראַדעלי.

אין צוויי יאָר אַרום האָט זיך וועב געדרייט און געקרומט און זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן פונקט ווי אייגער פון וואַנ־צעטיס אַאַל־פּיש, וואָס ער האָט אַמאָל פאַרקויפט אויף חגא. ער האָט אָן אויפהער געלייקנט — און ער האָט געוואָלט, אַז מ׳זאָל אים גלויבן — אַז ער האָט אַזוי געזאָגט צו די געשוווי־רענע; אָבער מיר האָבן זיינע ווערטער און זיי אַנטהאַלטן אין זיך דעמדאָזיקן ליגן, און זיי האָבן פאַרזיגלט דעם גורל פון דיביידע אַנאַרכיסטישע וואָפּס. דער גרויסער מיסטער קאַצמאַן האָט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק דערקלערט: „איך מעגט אויסן לאָזן אַלע עדות און שטיצן אייער אורטייל בלויז אויף די דערקלערונגען פון די עקספּערטן", פאַר אַזעלכע אויסגעמאַ־טערטע און צעטומלטע מענטשן, ווי דידאָזיקע געשווירענע, וואָס האָבן געזוכט עפּעס אַן אָנהאַלט, איז עס געווען עפּעס ממשותדיקס, אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן, און זיי האָבן שוין איצט געוווּסט, וואָס צו טון. אָנגעפירט פון זייער אַלטן, פיין־גריסנ־דיקן עלטסטן, וואָס האָט געזאָגט:

— כאַפּט זיי דער רוח, אויף יעדן פאַל דאַרף מען זיי אויפהענגען! —

זעגען די צוועלף „געטרייע" און בראַווע מענער אַריין אין באַראַטונגס־צימער.

XVII

אַ הייסער זומערדיקער נאָכמיטאָג. די געשוואוירענע זיצן אונטער צוגעשלאָסענע טירן אויפן צווייטן שטאָק פון געריכטס־בנין; די באַשולדיקטע האָט מען דערוויל צוריק אַריינגעפירט

אין זייערע קאַמערן, דער ריכטער איז אַוועק אין זיין קאַנצעלאַריע, און די אַדוואָקאַטן די געריכט־באַאַמטע אין די רעפּערטערן האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן פּלאַץ אונטער די גרויסע שטאָטנדיקע בוימער — ביידע צדדים, די באַשולדיקער און די פּאַרטיידיקער שטאַרק אָפּגעזונדערט אַ מלחמה אין מיניאַטור.

קאָרנעליע איז אַוועק צו זיך אין האָטעל, זי האָט נישט געקענט איינשטיין אויף די פיס, אָבער זי האָט אויך נישט געקענט ליגן; זי איז אויפגעשטאַנען, אָנגעהויבן אַרומצוגיין אַהין און צוריק, האָט געפּרוווט טאָן דאָס און יענץ, אָבער ס'איז געווען אומזיסט; אוממעגלעך צו לייענען, אוממעגלעך צו טראַכטן שכלדיק; טאָמער טוט עמעצער עפּעס אַ זאָג טוסטו אַ צאַפּל, טאָמער קלינגט דער טעלעפאָן פּאַלסטו שיער נישט אין חלשות. קיינער האָט נאָך היינט קיין ביסן אין מויל נישט געהאַט; בלויז דער געדאַנק וועגן עסן האָט אָנגעפּילט מיט עקל. בעטי איז געזעסן אויפן בעט און געפּרוווט טרייסטן דער באָבען. זי האָט אָנגעהויבן וועגן עפּעס צו רעדן, אָבער מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט, אַז די באָבע הערט זיך נישט צו. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט און יעדערער האָט געזען דעם פּחד אין דעם אַנדערנס אויגן.

ווי לאַנג דויערט תמיד אַ באַראַטונג פון געשווירענע? פון איין שעה ביז צוויי אָדער דריי טאָג, זאָגן די באַהאַוונטע מענטשן. און וואָס לענגער עס דויערט אַלץ בעסער איז פאַר די באַשולדיקטע; דעריבער דאַרף מען נישט זיין אַזוי אומגעדולדיק. אָבער עס מוז זיך דאָך געפינען עפּעס אַ מיטל איינצושטילן אָדער איינצושלעפערן דעם געדאַנק, ווען די נערוון דאַרפן איבערהאַלטן אַזאַ נסיון. אָבער דאַן וואָלט מען ווידער נישט געוווסט, ווי לאַנג דער שלאָף דאַרף דויערן!

— בעטי, צי מיינסטו נישט, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט באַזוכן באַרטן?

— אַך, אַן אומזין נאָנאַ — האָט געענטפערט דאָס מיידל — דו וועסט נישט וויסן, וואָס צו רעדן מיט אים, פּונקט

אזוי, ווי דו ווייסט נישט וואָס צו רעדן מיט מיר. קום איך וועל דיר ווייזן דעם רוסישן אַלף בית.

אַרום זעקס אַזייגער זענען זיי אַרויס פון האָטעל און אַוועק מיט וואַקלדיקע טריט אין געריכט. דער חדר פון די געשוווירענע איז געווען טונקל — ריכטער טייער האָט געהייסן פירן די צוועלף מענער עסן אָוונט-ברויט. סווענסאָן און מור זענען געזעסן אויפן גראָז — אָן די רעקלעך — אַ גרויסע באַליידיקונג פאַר די געפילן פון דער דאָזיקער אָרנטלעכער, ביכטערער, ניי-ענגלישער שטאָט. אַזוי טוט אַ פּראָסטער מענטש, אַן אַרבעטער אָבער נישט קיין דזשענטלמען, סיידן דער וואָס שטאַמט פון „ווילדן" מערב; דאָס אַליין וואָלט שוין באַלד געגנוג געווען, אַז מ'זאָל פאַראורטיילן זייערע קליענטן. ווען זיי האָבן געזען אָנקומען די דאַמען האָבן זיי שנעל אָנגעטאָן די רעקלעך און זענען אויפגעשטאַנען. זיי האָבן איבערדערציילט די מעשיות, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגיין צווישן עולם; וויאַזוי עס זענען אויס די געשוווירענע, וואָס מ'האָט געהערט פון איינעם אַ געריכט-באַאַמטן, לי האָט פעסט צוגעהאַלטן קאָרנעליען ביים אָרעם:

— פאַלט נישט אַראָפּ פון מוט, נאַנאַ, פאַראַן אויף דער וועלט אַ סך יוריסטישע שפּיצלעך, דאָס איז נאָך נישט דער סוף.

— אָ, לי, איר גלויבט, הייסט עס...

— איך גלויב גאָרנישט, איך וואַרט. אָבער מ'מוז זיך ריכטן אויף אַלץ!

די געשוווירענע זענען צוריקגעקומען פון עסן. דורך די ראַלעטן אויף די פענצטער פון צווייטן שטאָק האָט ווידער אַרויסגעשיינט אַ ליכטיקייט, די סילועטן האָבן זיך באַוועגט אַהין און צוריק. די דאָזיקע פענסטער האָבן אומבארחמנותדיק געלאָקט די פאַנטאַזיע און זיך גערייצט מיט איר. ס'איז געווען אוממעגלעך צו זיין אין אַן אַנדער אָרט אַ חוץ דאָ, פאַר דער דאָזיקער געביידע. ס'איז געווען אוממעגלעך צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש: די דאָזיקע „צוועלף בראַווע און

געטרייע מענער" וועלן זיך שפּאַרן איינער מיטן אַנדערן, אַלע מאָל וועלן זיי וועלן צוטרעטן צו דער אָפּשטימונג און זיי וועלן אויספרעגן די, וואָס האָבן אַן אַנדער מיינונג, און אויספרעגן, וואָס זיי איז קשה אין דעם ענין, און וועלן זיך ווידער שפּאַרן. אַרומרעדן דעם אָדער יענעם פּרט פון פּראָצעס, און וועלן פּרווון איבערצורעדן די צווייפלער אויף זייער זייט, — אָבער אין וועלכן זין? אַוודאי מוז זיך צווישן דידאָזיקע צוועלף מענער געפונען כאָטש איינער, וואָס קען דענקען און וועט איינזען די איינציקייט פון די מאָטיוון — און דעם כמעט אַבסאָלוטן מאַנגל אין באַווייזן קעגן וואַנצעטין! אָבער ניין, מיסטער קאַצמאַן האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די פאַרטיידיקונג האָט געלייגט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און אירע אַרגומענטן אויף סאַקאָ בלויז דערפאַר, ווייל וואַנצעטין האָבן זיי סיי ווי סיי געהאַלטן פאַר פאַרפאַלן!

XVIII

עס איז געווען פינף מינוט צו אַכט. מיטאַמאָל האָט אַ קליינע גרופּע פאַרן געריכט-בנין זיך אויפגעלייזט און אָנגעהויבן זיך איילן אין געריכט. צום ערשטן איין גרופּע, באַלד דערנאָך אַ צווייטע, צווישן די ליידיקגייער אין הויף און אין געוועלב ביים עק איז געוואָרן אַ באַוועגונג, ווי דורך כישוף האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט די ידיעה — די געשווירענע זענען שוין פאַרטיק! אַן אויפזעער איז שנעל געלאָפן צו מעלדן די אַדוואָקאַטן. דער שעריף האָט געטעלעפאָנירט אין תפיסה, מ'זאָל שנעל ברענגען די באַשולדיקטע. דאָס האָט געדויערט אַן ערך צען מינוט; אין דער צייט איז דער געריכט-זאַל פול געוואָרן מיט מענטשן. און גאַנץ דעדהאַם האָט זיך געשטופּט פאַר דעם געריכטס-בנין. די טירן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן, באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען אויף דער וואַך.

די באַשולדיקטע אין זייער שטייג: וואַנצעטי וואַרפט זיך כמעט פון דערוואַרטונג, סאַקאָ איז בלייך, כמעט גרין. אַ טיפע

שטילקייט. דאַן קומען אַריין די געשוווירענע איינער אונטער־אַנדערן: אַלע צוועלף מענער האַלטן עקשנותדיק אַראָפּגעלאָזן די אויגן צו דער ערד. לי סוועגסאָן האָט אַ מאַך געטון פאַרצווייפלט מיט די הענט. קאָרנעליע האָט געזען די באַוועגונג און אַ כאַפּ געטון בעטין פאַר דער האַנט. די געשוווירענע ווערן אויסגערופן לויט די נעמען. זיי ענטפערן מיט שטילע קולות. דער ריכטער זאָגט צו דעם סעקרעטאַר:

— איר וועט אַזוי גוט זיין און אויפנעמען דעם אורטייל.

דער סעקרעטאַר:

— הערן געשוווירענע, צי זענט איר געקומען צו אַ הסכם אַרויסצוגעבן אייער אורטייל?

דער עלטסטער: יאָ.

די געשוווירענע האָבן זיך אויפגעשטעלט, די באַשולדיקטע האָבן זיך אויפגעשטעלט, אַזוי זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן אַנדערן.

— ניקאָלאַ סאַקאָ — האָט אויסגערופן דער סעקרעטאַר — הייבט אויף די רעכטע האַנט. וואָס זאָגט אייער אורטייל, הער עלטסטער, צי איז דער אָנגעקלאָגטער שולדיק אָדער נישט שולדיק?

— שולדיק — האָט געענטפערט דער עלטסטער, — זאָלן זיי גיין צו אַלדי שוואַרץ יאָר — האָט ער צוגעגעבן שטילערהייט, אין זיך, — איך וואָלט זיי אַלע אויפגעהאָנגען — אָבער דער סעקרעטאַר האָט עס נישט געהערט.

— אין מאָרד? — האָט געפרעגט דער סעקרעטאַר?

— יאָ.

— אין אַ מאָרד מיט דער דעה צו באַרויבן?

— יאָ.

— בכן, אויף ביידע שולד־פראַגעס געענטפערט מיט יאָ?

— יאָ.

פויזע.

— באַרטאָלאָמיי וואַנצעטי, הויבט אויף די רעכטע האַנט.
וואָס זאָגט דער אורטייל, העד עלטסטער, איז דער אָנגעקלאָג-טער שולדיק אָדער נישט שולדיק?

— שולדיק.

— אין מאָרד?

— יאָ.

— בכן אויףביידע שולד פראַגעס געענטפערט מיט יאָ?

— יאָ.

וואַנצעטי האָט עס אומגלויביק אָנגעקוקט. ער האָט ממש נישט געקענט באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר. ער איז געשטאַ-נען ווי אַ סטאַטוע און נאָך אַלץ געהאַלטן די האַנט אין דער הויך.

דאָס טויטע אויסדרוקסלאָזע פּנים פון דעם אַלטן ריכטער איז געוועז גרוי ווי אַש.

— מיינע הערן געשוווירענע, איך דאַנק אייך נאָכאַמאָל, פּונקט ווי היינט אינדערפרי, פאַר דער דינסט, וואָס איר האָט געטון פאַר אייער פאָטערלאַנד. איר קענט שוין איצט גיין אַ היים, וועלכע איר האָט שוין נישט געזען זיבן וואָכן צייט. די זיצונג איז געשלאָסן.

דער געריכטס-דינער האָט ווידער אָנגעהויבן זיין אויס-געלערנטע פאָרמולן: — הערט! הערט! — אָבער מיטאַמאָל איז סאַקאָ געקומען צום באַוווסטזיין, וואָס אַזוינס דאָ איז געשען, און אַ געשריי געטון:

— סאָנאַ אינאָסענטע! — און דערנאָך צו די געשווו-רענע, וואָס זענען איינער אונטערן אַנדערן אַרויסגעגאַנגען פון זאַל: — צוויי אומשולדיקע מענטשן, איר הרגעט צוויי אום-שולדיקע!

סאַקאָס פרוי איז נישט געזעסן אין אַ שטייג, ביי איר מאַנס געשריי האָט זי געטון אַ שפּרונג אויף, צוגעלאָפן צו אים און אַרומגעכאַפּט אים ביים האַלדז.

— אָ, ניק, ניק! זיי גייען הרגענען מיין מאַן!

איר געשריי האָט שרעקלעך געקלונגען איבערן זאַל, אַ

שרעקלעכער אויגנבליק; די ווייבער האָבן אָנגעהויבן צו וויינען.

סאַקאָ איז געשטאַנען אין דער שטייג, געגלעט זיין פרוי און איינגענומען זי מיט טרייסטנדיקע רייד; וואַנצעטי איז נאָך אַלץ געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע — קיין קלאַנג איז נישט אַרויס פון זיין מויל. אָבער ראָזינאַס געשריי האָט אים אָנגעהויבן אויפצווועקן. איר האָבן צוריקגערופן די אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן שוין געוואָלט אַרויסגיין פון זאַל. זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ווילד באַשעפעניש מיט איבערמענטשלעכע קרעפטן, זי האָט געמיינט, אַז נאָך אין דערזעלביקער נאַכט וועט מען ניקן אַוועקפירן און דערהרגענען, און די אַדוואָקאַטן האָבן איר געפּרוווט געבן צו פאַרשטיין די מעלות פון דעם אַמעריקאַנישן געזעץ, די גאַנצע פּראָצעדור פון אַפּעלאַציעס און די טעכנישע פּרטים, די געוואַלדיקע ביוראָקראַטישע פאָרמאַליטעטן, די מיליאַנען ווערטער, וואָס מוזן נאָך אָפּגעדרוקט ווערן און די הונדערטער טויזנטער דאָלאַרס, וואָס מ׳מוז פאַרשווענדן דערביי. אָבער זי האָט גאָרנישט געהערט; זי האָט געשריגן וואַסאַמאָל העכער;

— זיי גייען דערהרגענען מיין מאַן! איך האָב צוויי קינדער — וואָס וועל איך טון?

לסוף זענען אָנגעקומען די שטרענגע פּאָליציאַנטן און אָפּגעריסן זי מיט געוואַלט פון איר מאַן, אָפּגעשטופּט זי מיט כּוח און זיך אַוועקגעשטעלט אַרום דער שטייג אין אַ רינג, וואָס מ׳האָט שוין נישט געקענט איבעררייסן. זיי האָבן די פאַראַורטיילטע שנעל אָנגעטון די קייטן. אַן אַלטע מעשה ביי דער פּאָליציי, אַמעריקאַנישע ענערגיע און גראָב אַ געשריי געטון:

— פאַרטיק! מאַרש!

און מ׳איז דורך דורך דער טיר. די וועכטער וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסן פאַרן געריכט, האָבן שנעל אַרומגערינגלט די גרופּע, פונפאונצוואַנציק מענער אין פעסטגעשלאָסענע רייען, מיט אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן אין די הענט.

— צוריק! אַראָפּ פון וועג! פאָרויס! מאַרש!

— דעם שעריפס לייט האָבן געבילדעט אַ קייט לענג־אויס דער גאַס און אָפּגעשטויסן דעם נייגעריקן המון, וואָס איז געשטאַנען אויף ביידע זייטן, ביי די טראָטואַרן. די פאַראור־טיילטע האָבן געשפּרייזט אין דער בין־השמשותדיקער ליכט צווישן זייער עסקאָרט, — טראַפּ־טראַפּ, טראַפּ! דאָס האָבן אַנאַרכיסטן, וואָס זענען קעגן דעם צוואַנג פון מלוכה, באַקו־מען זייער לעקציע!

סוף פון צווייטן באַנד

אינהאַלט:

קאַפּיטל VIII. דער שפּיאָנען-אַפּאַראַט . . . . . . זייט 361

" IX. די נעץ פון שיקזאַל . . . . „ 406

" X. דער לעגאַלער סיסטעם . . . . „ 458

" XI. די כאַבאַר-ליגע . . . . . . „ 513

" XII. אויפגעריכטע מתים . . . . . „ 551

" I II. פּאַר די געשוווירענע . . . . „ 598

" XIV. ריכטער פיורי . . . . „ 645